This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12

1979

היימלאַנד

Эл-528

לײענט אינעם נומ. 1
„סאָוועטיש הײמלאַנד"

■

צום 110־טן געבורטסטאָג פון
ו. אי. לענין —
דאָקומענטאַלע פאַרצײכענונגען פון ו. מאַלטשאַנאָוו
און נ. זובאָוו

■

בער האַלפּערנס און דאָרע כײַקינעס
נײַע דערצײלונגען

■

לידער פון יוסף בוכבינדער, באָריס מאַגילנער,
ליפּע העלער

■

אַרן װערגעליס. אין פּופּצן יאָר אַרום (פאַר־
זעצונג)

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

דעקאַבער

12

1979

אינהאַלט

דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען:

נאָטע לוריע. צוויי שאָ באַם ערן־בירגער פון דער העלדן־שטאָט אָדעס 4

יעכיעל שרייַבמאַן. א ייִד אין א דאָרף . . . 13

מאַקס ריִאַנט. די צוגן קומען צו דער צייַט . . 21

בער האַלפּערן. א מענטש — א בריק צווישן דורות 29

יוסף שוסטער. באַם אַלטן ברונעם . . . 34

חיים מעלאַמוד. א גאַסט פון יענער־וועלט . 45

שירה גאָרשמאַן. איך גיב זיך אַליין א קאָמאַנדירונג 59

חיים ביידער. דאָס שטעטעלע קופּעל אין דער גרויסער וועלט (דיכטערישער רעפּאָרטאַזש) . . . 68

מיכאל ברימאַן. דאָס געוויינלעכע לעבן . . 73

באָרעך שיינגאַוטער. לעבן דער מעטראָ־סטאַנציע „סאָקאָלניקי" 79

אַלעקסאַנדער ליזען. די צווייטע זון . . . 89

רוּוון פּוסטילניקאָוו. זאַפּטיקע גראָזן . . . 97

חיים גורעוויטש. צוויי טשעמפּיאָנען 104

העשל ראַבינקאָוו. דער וועג צום ים . . . 107

פּיניע פּלאָטקין. ערד־אַרבעט איז זייער פּראָפעסיע 110

גדליה קאָסאָי. הונדערט און איינס 114

יאַשע רוביאַן. א באַגעגעניש 117

הערשל באַראַז. קאָמיוגישער כאַראַקטער . . 120

יעפים דאָקטאָראָוויטש. דער אַדרעס: שאָסיי פון ענטוזיאַסטן 123

קימאַ גריידינאַ. ס׳וועט אויסקומען קיין טיומען פאַרן נאָכאַמאָל 127

הירש רעלעס. אין טיף־פּאָלעסיע 138

יוסף בורג. באַם פענצטער 148

בוזי מילער. יונגע קאַרטאָפל (מאָנאָלאָג) . . 150

מוישע אַלטמאַן. א בריוו 152

אַרן ווערגעליס. ווערהאַרייַע... (קינאָ־פאַרצייכענונג) 155

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1979 165

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

ח. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, ח. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריי, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

„סאָוועטיש היימלאַנד” האָט שוין ניט איין מאָל פּראָקלאַמירט די אָרגאַנישע באַהעפטונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער הײַנטיקער צײַט, מיטן איצטיקן לעבן פונעם פאָלק און פון דעם לאַנד. מיר שטעלן זיך אַ ציל, אַז דער דאָזיקער פּרינציפּ זאָל געפינען אַ טיקן אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען, ווײַל בלויז מיט אָט דעם וועג איז מעגלעך צו זיכערן דעם ווײַטערדיקן העמשעך פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

באַזונדערס וויכטיק איז אין דעם פּראַט די אַקטיוויזאַציע פונעם דאָקומענטאַלן זשאַנער. די קינסטלערישע פאַרצייכענונג, דער דאָקומענטאַלער רעפּאָרטאַזש, די נאָטיצן, וועלכע ווערן געמאַכט אויפן אָרט פון די געשעענישן, דער דירעקטער שעפערישער אָפּרוף אויף אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער צײַט, — דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער לײַדנשאַפטלעכער שרײַבערישער פּובליציסטיק, גיט צו דער ליטעראַטור נײַע קויכעס און אַ לאַנג נוצלעך לעבן.

אַ ברייטן אָפּקלאַנג בײַ די לייענער האָט געהאַט דער פאַראַיאָריקער דעקאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, וועלכער איז געווען א י ב ג א נ צ ן געווידמעט דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג. פון היפּשער באַדײַטונג איז דאָס, וואָס נאָך אָט דער שעפערישער אָנשטרענגונג פון אונדזער אוטאָרן־קאָלעקטיוו — ס׳איז ניט פון די גרינגע זאַכן פאַר אַ באַליבּיקער ליטעראַטור צו שאַפן אַ ספּעציעלן זשורנאַל־נומער פון דאָקומענטאַל־אַקטועלער פּראָזע, — ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל פאַרצייכענונג־ווערק, וואָס דער דעקאַבער־נומער פאַרן 1978 האָט „אָפּגעצויגן” פאַר זיך, זײַנען די שפּײַכלערס פון אונדזערע סאָוועטישע ייִדישע דאָקומענטאַליסטן ניט אויסגעליידיקט געוואָרן, און אין מעשעך פונעם לויפנדיקן 1979 יאָר, אין יעדן נומער פונעם זשורנאַל, האָט דער לייענער געהאַט אַ שעפע פון דאָקומענטאַלן לייען־שטאָף.

נאָך מער, מיר ווידמענען ווידער דעם ג א נ צ ן דעקאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” פאַרן 1979 יאָר דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג.

אין דעם דאָזיקן פאַקט איז פאַראַן אַן אָנדײַט, אַז די רעדאַקציע וועט זיך באַמיִען אײַנצושטעלן אַ גלײַכמעסיקן ריטם אין פּראַט פון פּובליקירן דאָקומענטאַלע פּראָזע, סטימולירנדיק מיט אַלע קויכעס איר ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג. פאַרשטייט זיך, אַז פיל וועט דאָ זײַן אָפּהענגיק פון די שעפערישע מעגלעכקײַטן פון דער ליטעראַטור גופא.

לאָמיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויפרופן די הײַנטצײַטיקע טעמע אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

נאָטע לוריע

צוויי שאָ באַם ערן־בירגער פון דער העלדן־שטאָט אָדעס

שוין א היפשע צײַט, ווי איך האָב צוגעזאָגט דער רעדאקציע אָנשרײַבן א פארצייכענונג וועגן א מיטצײַטלער. און איך דארף זאָגן, אז שרײַבן א פארצייכענונג איז אָפטמאָל קאָמפליצירטער, איידער א דערציילונג, צי א נאָוועלע. באם שרײַבן א דערציילונג, א נאָ־וועלע קאָן דער אווטאָר מאָלן די געשטאלטן, שילדערן די האנדלונגען, ווי זײַן קינסטלערי־שער כּוח, זײַן פאנטאזיע זאָגן אים אונטער. באם שרײַבן אָבער א פארצייכענונג מוז ער זיך האלטן בא די קאָנקרעטע פאקטן, רעאלע געשעענישן, רעאלע געשטאלטן, אָנרופנדיק זיי בא זייערע עמעסע נעמען.

אין א דערציילונג דיכטעט אויס דער אווטאָר, אלס קלאל זײַנע געשטאלטן. באם שרײַבן א פארצייכענונג מוז ער נעמען פונעם לעבן א רעאל געשטאלט און אנטפלעקן עס. צוליב דעם קומט אָפט אויס אוועקלאָזן זיך אין שעפערישע קאָמאנדירונגען, באזוכן אונטערנעמונגען, נײַ־בויונגען, קאָלווירטן, באטייליקן זיך אין עקספעדיציעס. מיר האָט מען אויך פאָרגעלייגט צופאָרן וווהין דאָס הארץ גלוסט, באַרײַכערן זיך מיט פרישע אײַנדרוקן, באגעגענען זיך מיט טשיקאווע מענטשן.

„צוליב וואָס פאָרן? — האָב איך א טראכט געטאָן, — ווען דאָ, אין מײַן היימשטאָט, זײַנען פאראן ניט ווייניק אינטערעסאנטע מיטצײַטלער, מיט וועלכע עס גרויסט זיך ניט נאָר אָדעס. איינער פון זיי איז נאום גורעוויטש“.

מיט נאום פאוולאָוויטשן, וועלכער איז בײַס דער העראָישער אָדעסער שוץ געווען סע־קרעטאר פון שטאָטקאָם פון דער פארטיי און אין אָט די סאמע אָנגעשטרענגטע כאדאָשים אָנגעפירט מיט דער שטאָטישער אָפעראטיווער גרופע, מיט אים, מיט גורעוויטשן, בין איך הינטער די אויגן שוין לאנג באקאנט. ניט איין מאָל געהערט דורך ראדיאָ זײַנע ארויסטרעטונ־גען. געזען אים אפן טעלעוויזיע־עקראן אין דער ארומרינגלונג פון שלאכט־כאווירים, צווישן וועלכע ער טיילט זיך אויס מיט זײַן שטאלטנער, אימפּאָזאנטער פיגור, וואָס איז באהאנגען מיט דער לענטע „ערן־בירגער פון דער העלדן־שטאָט אָדעס“. איך האָב אים געזען אויך אין דער קינאָ־כראָניק און אינעם פילם „א רײַזע אין ווײַטן אווגוסט“ (סצענארי פונעם אָנטיילנע־מער אין דער אָדעסער שוץ, דעם דיכטער פּאָזשעניאן), ווו עס ווערט געוויזן זײַן, גורעווי־טשעס, ארויסטרעטונג אף דער זיצונג פונעם קריגס־ראט פון דער בײַ־יאמישער ארמיי, ווען ער האָט פארזיכערט די קאָמאנדשאפט, אז די ארבעטנדיקע פון אָדעס וועלן אויך אף ווײַטער באזאָרגן דעם פראָנט מיט גענוג מינעס און מינענווארפערס. אין דעם זעלבן פילם זעט מען גורעוויטשן אין די קאטאקאָמבעס: אויבן, אף דער ערד, רײַסן זיך באָמבעס, און דאָ, אין די קאטאקאָמבעס, באטייליקט ער זיך אין אײַנאָרדענען באדינגונגען פאר לימודים פון די שילער פון עלטערע קלאסן.

אין מוזיי „די אָדעסער שוץ“ קאָן מען זען מאטעריאלן, וועלכע שפיגלען אָפּ גורעוויטשעס אומדערמידלעכע טעטיקײַט אין פיל געביטן, דערונטער אינעם אונטערהאלטן דעם גײַסט פון דער באפעלקערונג, ווען דער סוינע האָט טאָג און נאכט באשאָסן די שטאָט. אין מאָסקווע, אין צענטראלן מוזיי פון דער סאָוועטישער ארמיי, אפן סטענד, וואָס איז געווידמעט דער טעטיקײַט פונעם קריגס־ראט פון דעם אָדעסער שוץ־ראיאָן, איז צווישן אנדערס עקספּאָנירט אויך גורעוויטשעס קאָבורע פונעם פּיסטאָלעט «TT», מיט וועלכן ער האָט זיך ניט צעשיידט ביזן סאָף פון דער מילכאָמע.

גורעוויטשן האָב איך ניט איין מאָל געזען אין די פּרעזידיומס פון די פײַערלעכע שטאָט־פארזאמלונגען. אף איינער פון זיי בין איך געזעסן נאָענט לעבן אים, נאָר פערזענלעך זײַנען מיר נאָך ניט געווען באקאנט. אונדזער באקאנטשאפט איז פאָרגעקומען ערשט די טעג. איך

האָב אים אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז איך וויל אָנשרײַבן וועגן אים אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

— צי ווייסט איר וועגן אַזאַ זשורנאַל? — האָב איך, אַגעוו, אַ פֿרעג געטאָן בײַ אים.

— אַוואַדע ווייס איך. אויך וועגן אײַערע ווערק, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", — האָט ער פֿרײַנטלעך געענטפֿערט, — פֿון איינס ביז דרײַ אַזייגער באַטאָג בין איך גרייט האָבן אײַך פֿאַר אַ גאַסט.

* * *

אָדעס געהערט צו די שטעט מיט אַ מיליאָניקער באַפֿעלקערונג. די ברעג־יאַמיקע שטאָט פֿאַרמאָגט אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט בירגער. ערן־בירגער — עטלעכע. דאָס זײַנען: דער אַנטיילנעמער פֿונעם אופֿשטאַנד אַף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" אי. פּ. שעסטידעסיאַטי, דער קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע, וועלכע האָט באַפֿרײַט אָדעס פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּערס, ג. ז. גאַלײַ, דער וויצע־אַדמיראַל, געוועזענער מיטגליד פֿונעם קריגס־ראַט פֿון דעם אָדעסער שוץ־ראַיאָן, אי. אי. אַזאַראָוו, דער קאָסמאָנאַווט, אַ געבוירענער אין אָדעס, ג. ט. דאָבראָוואָלסקי און נ. פּ. גורעוויטש...

גורעוויטש וווינט אַף איינער פֿון די געדיכט באַגרינטע אָדעסער גאַסן, אָפּן צוויי טעאַזש פֿון אַ זעכצנשטאָקיק הויז, אַף אָסטראָווידאָווע. ס׳איז, אַגעוו, דאָס ערשטע זעכצנשטאָקיקע הויז אין אָדעס, אויסגעבויט אַף אַ פּוסטן פּלאַץ, וועלכער איז פֿאַרבליבן נאָך דער מילכאָמע. אין דער דרײַצימערדיקער דירע וווינט ער מיט זײַן פֿרוי און מיטן זון. די פֿרוי אַנע לוואָוונע און ער, נאָום פּאַוולאָוויטש, זײַנען געבוירענע פֿון מאַר׳זופּאָל. ביידע שטאַמען זיי פֿון אָרעמע באַלמעלאָכעס. אין די צוואַנציקער יאָרן זײַנען זיי געווען אַקטיווע קאָמיוגיסטן, דעמלט טאַקע זיך פֿאַרליבט שטאַרק, הייס, און זיי לעבן צוזאַמען שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָבנדיק צײַטנווײַז דורכגעמאַכט ניט קיין גרינגן לעבנס־וועג. מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק האָבן זיי טאַקע דאָ, אין דער גערעמער דירע, באַם אָנטייל פֿון פֿיל גוטפֿרײַנט אָפּגעמערקט די גאָלדענע כאַסענע. אַנע לוואָוונע, וועלכע לײַדט שוין אַ היפּשע צײַט פֿון אַ שווערער קרענק און ליגט צוגעשמידט צום בעט, האָט אָפּגעאַרבעט פֿערציק יאָר. איצט איז זי אַ פּענס׳אָנערקע. דער זון איז אַן אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר. נאָום פּאַוולאָוויטש — אַ פּערסאָנעלער פּענס׳אָנער. מיר זײַנען שוין, ווי איר זעט, עטוואָס באַקאַנט. נאָך פֿאַר די צוויי שאָ, וואָס איך האָב אין מײַן רעשוס, ווילט זיך הערן פֿון גורעוויטשן אינטערעסאַנטע פֿאַקטן וועגן זײַן אָנטייל אין דער אָדעסער שוץ, עס ווילט זיך הערן פֿון אים דאָס, וואָס מע קאָן געפֿינען ניט אין די ביכער און ניט פֿון דער פּרעסע און וואָס בלויז ער זעלבסט קאָן דערציילן.

זיצנדיק מיט אים זאַלבעצווייט אינעם זוניקן קאַבינעט, ווענדע איך זיך צו אים מיט אַט דער ביטע. נאָום פּאַוולאָוויטש טוט לײַכט אַ שמייכל און פֿאַרטראַכט זיך.

איך אײַל אים ניט צו. איך באַקוק דערווײַל דעם באַשיידן אויסגעשטאַטן קאַבינעט: שאַפֿעס מיט ביכער און זשורנאַלן, אַ צײַטונגס־טישל, עטלעכע בענקלעך. אַף דער באַזוניקטער וואַנט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: גורעוויטש צווישן די דעלעגאַטן פֿון דער אָדעסער געגנט אָפּן פֿאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר פֿון אוקראַ׳ינע.

— וואָס דערציילן? — רופֿט ער זיך אָן, — וועגן זיך האָב איך ווייניק נײַס. אין דער העראָ׳ישער אָדעסער שוץ האָבן אָנטיילגענומען הונדערטער טויזנטער אָדעסער אײַנוווינער, איך בין בלויז איינער צווישן זיי...

„איינער צווישן זיי..." — ביז אונדזער באַגעגעניש האָב איך זיך באַקאַנט מיט די ביכער „דאָס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן" (אָווטאָר — צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, מאַרשאַל נ. אי. קרילאָוו), „די באַלאַגערטע שטאָט" (אָווטאָר — וויצע־אַדמיראַל אי. אי. אַזאַראָוו), „מיר וועלן זיך אומקערן קיין אָדעס" (אָווטאָר — העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, פֿאַלקאָוניק אַ. ט. טשערעוואַטענקאָ) און מיט צענדליקער אַנדערע ביכער פֿון דעם מין, אין וועלכע עס ווערט אָפּגעמערקט גורעוויטשעס גרויסער פֿאַרדינסט אין דער העראָ׳ישער אָדעסער שוץ. אינעם זאַמלבוך „שלאַכטלײַט דערמאָנען די פֿאַרגאַנגענע טעג" האָב איך איבערגעלייענט איך גורעוויטשעס אַרטיקל, ווו ער דערציילט דעריקער וועגן די שלאַכט־כאַוויירים. אַז נאָום פּאַוולאָוויטש האָט ניט ליב צו ריידן וועגן זיך, האָב איך שוין געוווּסט פֿון אייניקע זשורנאַליסטן. איך האָב דעריבער מיטגענומען מיט זיך עטלעכע ביכער מיט מילכאָמע־דערינערונגען, האָפֿנדיק, אַז מיט זייער הילף וועל איך עפּשער אופֿוועקן אין אים אַ פֿאַרלאַנג צו דערציילן עפּעס וועגן זיך.

איך וואַרט געדולדיק. גורעוויטש שווײַגט. דאַן זאָג איך:

— אויב איר וועט מיר ניט דערציילן, וועל איך אײַך דערציילן.
— אַדרעבא, לאָמיר הערן, — גיט ער גוטמוטיק א שמייכל.
— איך וועל, אייגנטלעך, ניט דערציילן, נאָר איבערלייענען עטלעכע זײַטלעך פון פּיאָ־טער סאַזשינס בוך, וועלכער איז ארויס אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל".

גורעוויטש קוקט מיך אָן פאַרוווּנדערט.

איך נעם ארויס פון פּאָרטפעל דעם בוך, געפין דאָס נייטיקע זײַטל און לייען ניט געײַלט.

„קאָמפּליצירט און שווער איז דאָס לעבן אין דער באַלאַגערטער שטאָט. בלויז זייער דרייסטע זײַנען אימשטאַנד אויסהאַלטן די גוואַלדיקע שווערקייטן. איך האָב פיל געהערט וועגן דער טעטיקייט פון דער אָדעסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין אָט די אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. טאַקע דאָס האָט מיך געבראַכט אַהער.

בא דעם סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט גורעוויטש זײַנען די באַקן אויס־געצערט, די ווײַעס עטוואָס געשוואָלן. עס האַלט אין איין קלינגען דער טעלעפאָן, און דאָס שטערט אונדז צו ריידן. מע קלינגט פון אונטערנעמונגען, אַפּאַראַטיווע פונקטן, מע טיילט מיט, מע אייצעט זיך מיט אים, מע האָט צו אים טײַנעס, מע דאַנקט אים, מע בעט אים ארויסטרעטן אויף א מיטינג...

צוזאַמען מיטן פאַרזיצער פונעם אָדעסער שטאָט־סאָוועט ב. פּ. דאַווידענקאָ פירט גורע־וויטש אָן מיט דער שטאָטישער לופט־שוץ. נאָר דער סעקרעטאַר פון דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אויסער דער זאָרג וועגן דער לופט־שוץ נאָך פיל אַנדערע זאָרגן — וועגן דער אַרבעט פון די אונטערנעמונגען, וועגן דער באַזאָרגונג פון דער באַפעלקערונג, וועגן די שפּי־טאַלן פאַר פאַרוווּנדעטע און וועגן מעדיקאַמענטן פאַר די אַפּטייקן, וועגן די קינדער־שולן...

אויף אים, אויפן סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ליגט די אַכרײַעס פאַר אַלץ, וואָס עס האָט א שײַכעס צו דעם ניט גרינגן, ביז גאָר קאָמפּליצירטן לעבן פון דער באַלאַגערטער שטאָט. דעריבער זײַנען בא אים געשוואָלן די ווײַעס, רויט די אויגן. אויף שלאָפן קלעקט אים קיין צײַט ניט: אָט דאַרף מען באַגלייטן א נײַע גרופּע קאָמוניסטן אויפן פראָנט, אָט דאַרף מען באַגלייטן אָן אַטריאַד פון טויזנטער פרויען, וואָס גייט גראָבן קעגנטאַנקען־גריבער, אָט... מיר מיט מײַנע קאָלעגן—זשורנאַליסטן איז ניט באַקוועם, וואָס מיר נעמען אויף די גאָלדענע צײַט בא אָט דעם פּאַרטיי־טוער, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אַזעלכע וויכטיקע אַרבעטן, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? אויב ניט מיר, ווער זשע וועט דערציילן וועגן דער גיגאַנטישער אַרבעט, וואָס די אָדעסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעטאָן אין אָט דער גרויזאַמער צײַט?

גורעוויטש קוקט ניט ארײַן אין סוואָדקעס, אין בלאָקנאָטן. ער פאַרמאָגט א וווּנדערלעכן זיקאָרן. ער געדענקט אַלץ אויף אויסווייניק.

גורעוויטש איז קאָנטיק, מיד. ער רעדט שטיל. און ס'איז נאָר צו באַוווּנדערן, ווי ער ווערט אויפגעלעבט, ווען דער שמועס גייט וועגן דעם בײַטראָג פון די אָדעסער אַרבעטנדיקע אין דער שוץ פון דער שטאָט..."

— אָט דאָס בוך האָט איר, מיסטאָמע, געלייענט? — גיב איך א פרעג.
— געלייענט, פאַרשטייט זיך. פּיאָטער סאַזשין איז אַן סאַפּעק א טאַלאַנטפולער שרײַבער, נאָר וועגן מיר האָט ער, ווי איך מיין, עטוואָס איבערגעטריבן. דאָרט, ווו ער שרײַבט וועגן די אָדעסער אַרבעטנדיקע, וועגן זייער העראָיזם, דאָרט איז אַלץ אויפן אָרט. אָט וועגן דעם דאַרף מען נאָך פיל שרײַבן, — זאָגט מיט הארץ גורעוויטש, — אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַ־דינגונגען האָבן די אָדעסיטן באַזאָרגט די פּאַרטיידיקער פון דער באַלאַגערטער שטאָט מיט געווער... איר ווייסט זיכער אַליין זייער גוט וועגן דעם.

אוודאי ווייס איך. איך בין שוין דעמלט, עמעס, אין אָדעס ניט געווען, נאָר מיר איז גוט באַוווּסט, אַז אויפן רוף פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָבן צענדליקער טויזנטער שטוב־באַלעבאָסטעס, שילער, עלטערע אַרבעטער, פּענסיאָנערן זיך געשטעלט אַרבעטן אויף די זאַ־וואָדן, איבער וועלכע עס האָבן זיך געריסן באָמבעס, סנאַריאַדן. עס זײַנען געווען פאַרוווּנ־דעטע, דערהאַרגעטע, אָבער די אַרבעטער זײַנען מעסלעסנווײַז ניט ארויס פון די צעכן און טראָץ דעם מאַנגל אין אויסשטאַטונג און אין מעטעריאַלן האָבן זיי באַזאָרגט דעם פראָנט מיט געווער.

דער באַוווּסטער שריפטשטעלער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, וועלכער איז אין יענע טעג געווען אין אָדעס, האָט געשריבן: „די אַרבעטס־צײַט ווערט דאָ געמאָסטן ניט מיט דער צאָל שאָען, ניט מיט דער צאָל שלאָפלאָזע נעכט, נאָר בלויז מיט דעם: „ווען וועט דער טאַנק זײַן פאַרטיק"... אָט, ווען מיר וועלן פאַרענדיקן דעם טאַנק, דעמלט וועל איך גיין שלאָפן..."

איך דערמאָן וועגן דעם גורעוויטשן.

דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון אָדעסער שטאָטקאָם פֿון פּאַרטיי אין די יאָרן פֿון דער מילכאָמע נאָום גורעוויטש (לינקס) און דער פֿאָרזיצער פֿונעם אָדעסער שטאָט־אויספּירקאָם באָריס דאַווידענקאָ

— ריכטיק! אזוי איז דאָס גע־ווען, — גיט ער א שאָקל מיט דעם ריין־געגאָלטן קאָפּ, — מע האָט גע־ארבעט טאָג און נאַכט, ניט גערעכנט זיך מיט קיינע שוועריקייטן, פֿון טראַקטאָרן געמאַכט טאַנקען, וועלכע די אָדעסיטן האָבן אָנגערופֿן „נ. אי." — „נא איספּוג"[1]. זיי האָבן ווירקלעך אָנגעוואָרפֿן א שרעק אַפֿן סוינע מיט דער אויסערגעוויינלעכער ליאַזגעריי און טראַסקעריי פֿון די מאָטאָרן. איין טאַנק, מיסטאָמע ווייסט איר, האָט זיך פֿאַרהיט ביז הײַנט, ער שטייט אַפֿן פּיעדעסטאַל אינעם שטאָטישן פּאַרק „דער זיג".

איך וואַרט אַלץ, אַז גורעוויטש זאָל כאָטש עטוואָס דערציילן וועגן זיך, נאָר ער געפֿינט קיין וואָרט ניט צו אָנדײַטן אַף זײַן בײַטראָג אין פֿאַרזיכערן דעמלט גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר דער ארבעט פֿון די זאַוואָדן. איך ווייס אָבער, אַז ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין די צעכן, מאָביליזירט אַלע קויכעס און אויסגעפֿילט דעם צוזאָג, וועלכן ער, דער סעקרעטאַר פֿון דער שטאָטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט געגעבן דעם קריגס־ראַט פֿון דער בײַיאַמישער אַרמיי: די פֿאַרטיידיקער פֿון דער שטאָט האָבן צו דער צײַט באַקומען זעכציק טאַנקען, צוויי טויזנט מינענוואַרפֿערס, פֿינף פּאַנצער־צוגן, העכער דרײַ טויזנט גראַנאַטעס, בא פֿיר טויזנט קעגנטאַנקען־מינעס און א גרויסע צאָל אַנדערע מינים געווער, וועלכע ס'האָבן פּראָדוצירט די אָדעסער ארבעטער.

אַפֿן נידעריקן טישל, בא וועלכן מיר זײַנען געזעסן, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן. די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „זנאַניִע" בעט גורעוויטשן אַרויסטרעטן אין קלוב אַף דער מאָלדאַוואַנקע.

ווען ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, גיב איך א פֿרעג:

— עפּשער וועט איר נאָך עפּעס דערציילן. געוויינטלעך, פֿאַרשטייט זיך, אויך וועגן זיך זעלבסט.

נאָום פּאַוולאָוויטש גיט א קנייטש מיט די אַקסלען, וואָס דאָס באַטײַט, איז מיר קלאָר. איך ווייס שוין אָבער די קונסט פֿון אַרויסבאַקומען בא אים דאָס, וואָס מיר איז נייטיק.

— איר האָט געוויס געלייענט אין דער זאַמלונג „שלאַכטלײַט דערמאָנען די פֿאַרגאַנגענע טעג" דאָס אַרטיקל פֿון אײַער מיטקעמפֿער ב. פּ. דאַווידענקאָ, — רוף איך זיך אָן, עפֿענענדיק די זאַמלונג. — אָט וואָס ער דערציילט: „אין איינעם א טאָג, ווען עס זײַנען געגאַנגען פֿאַרביטערטע שלאַכטן, האָט דער קריגס־ראַט פֿונעם שוץ־ראַיאָן אײַנגעלאַדן צו זיך אין שטאַב מיך און גורעוויטשן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר, קאָנטער־אַדמיראַל גאַוורי̇ל וואַסיליעוויטש זשוקאָוו האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז דעם סוינעס סנאַריאַדן דערגרייכן דעם אַעראָדראָם, אַף וועלכן עס באַזירט זיך אונדזער אַוויאַציע. ס'איז נייטיק אויסבויען אַן אַעראָדראָם גופֿע אין שטאָט, אין ראַיאָן פֿון דעם מיטעלן פֿאָנטאַן. זשוקאָוו האָט געבעטן צוציִען די באַפֿעלקערונג און זיך גלײַך נעמען פֿאַר אָט דער זייער וויכטיקער און דרינגענדיקער בויונג.

— דער אַעראָדראָם דאַרף פֿאַרטיק ווערן וואָס גיכער, — האָט געמאָלדן דער הויפּט־קאָמאַנדיר, — וויפֿל צײַט דאַרפֿט איר האָבן אַף דעם?

---

[1] קעדיי אָנוואַרפֿן א שרעק (רוס.)

איך און גורעוויטש האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס איז געווען פאַר אונדז גאָר א נײַע זאַך. גלײַך, אין אָט דער מינוט, האָבן מיר ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

דער קאָנטר־אַדמיראַל האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן:

— דער אַעראָדראָם דאַרף פאַרטיק ווערן פאַר צען טעג. אויב איר וועט אים פאַרטיק מאַכן פריִער, איז אַוואַדע גוט...”

— וואָס קענט איר צוגעבן, — ווענדע איך זיך צו נאָום פּאַוולאָוויטשן.

— צוגעבן איז, אייגנטלעך, ניטאָ וואָס. נאָר איך דאַרף זיך מודה זײַן, אַז ווען דער קאָנטר־אַדמיראַל האָט אײַנגעשטעלט א טערמין פון צען טעג, האָב איך אין דער ערשטער מינוט א ביסל זיך פאַרלאָרן... א קלייניקײַט, אויסבויען אַן אַעראָדראָם אין מעשעך פון צען טעג! ווו? אויף א פּלאַץ, וועלכן מע דאַרף אָפּרייניקן פון א סאַך דאַטשעס, אָפּרו־הײַזער, אויסקאָרטשעווען א שלאַל אַלטע ביימער, פּרוכט־סעדער, א וועלט מיט קוסטאַרניקעס, פאַרשיטן די טיפע גריבער, מיט איין וואָרט — פאַרוואַנדלען דאָס אָרט אין א פלי־פּלאַץ פון אָנדערהאַלבן קילאָמעטער די לענג, און דאָס אַלץ — שיר ניט מיט די הוילע הענט, ווײַל די נייטיקע טעכניק האָט אויסגעפעלט... איר ווילט וויסן, וויאַזוי עס איז אויסגעפילט געוואָרן די אויפגאַבע? — ווענדעט זיך צו מיר גורעוויטש, און, ניט וואַרטנדיק אויף מײַן ענטפער, א באַהויכטער, קאָנטיק, פון די דערמאָנונגען, דערציילט ער:

— לויטן רוף פונעם שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט האָבן שוין אויף מאָרגן זיך צונויפגעזאַמלט אויפן בוי־פּלאַץ איבער זעקס טויזנט אָדעסער פרויען און מיט אַזאַ פלײַס, וואָס איז מאַמעש געווען צו באַוווּנדערן, זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַהיים איז מען ניט געגאַנגען. מע האָט געאַרבעט אויך אין די נעכט. אין אַכט טעג אַרום, מיט צוויי טעג פאַר דעם אײַנגעשטעלטן טערמין, האָט דער אַעראָדראָם שוין אויפגענומען אונדזערע קריגס־אַעראָפּלאַנען... לידער שרײַבט איר ניט? — פאַרענדיקט גורעוויטש מיט אַן אומדערוואַרטער פראַגע.

— ניין, וואָסי דען? — קוק איך אים אָן, ניט פאַרשטייענדיק, צוליב וואָס ער פרעגט עס.

— ווען איך וואָלט געווען א פּאָעט, הערט איר, וואָלט איך אָנגעשריבן א פּאָעמע, א געזאַנג, א שיר־השירים וועגן די אָדעסער פרויען, וועגן זייער מענטשלעכער שיינקײַט, וועגן זייער העלדישקײַט, מעסירעסנעפעש, וועגן איבערמענטשלעכן בײַטראָג אין דער שוץ פון אונדזער שטאָט...

גורעוויטש הייבט זיך אויף, מאַכט עטלעכע שפּאַן איבערן קאַבינעט.

— אָט וועגן דעם דאַרף מען שרײַבן, — רופט ער זיך אָן, בלײַבנדיק שטיין אַנטקעגן מיר. — ס'איז איינס פון די הערלעכסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט. הונדערט טויזנט אָדעסער פרויען און מיידלעך — מאַמעס, ווײַבער, שוועסטער פון די, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אַרום אָדעס און אויף אַנדערע פראָנטן, — האָבן צוזאַמען מיט זקיינים און מיט שילער אויסגעבויט אין די נעכט אויף די גאַסן פון דער באַלאַגערטער שטאָט צוויי הונדערט אַכט און פערציק באַריקאַדעס. אונטער א האָגל פון פײַער אויסגעגראָבן צוויי הונדערט קילאָמעטער קעגנטאַנקען־גריבער, הונדערטער טויזנטער שוץ־גראָבנס, קוילן־נעסטן, אַרומגעשטעלט אַרום אָדעס צענדליקער קילאָמעטער שטעכדראָט־פאַרצוימונגען... פרויען, וועלכע האָבן ניט געהאַט אויף וועמען איבערלאָזן זייערע אייפעלעך, פלעגן נעמען זיי מיט זיך אַהין, ווו זיי האָבן, ניט פאַרגינענדיק זיך קיין איבעריקע מינוט אויף אָפּרוען, געגראָבן די קעגנטאַנקען־ריוון. פון יענער צײַט איז אַדורך א היפּש ביסל יאָרן. אַנומלטן, ווען איך האָב פאַרענדיקט מײַנע א לעקציע אינעם קלוב אויף דער פּערטער סטאַנציע, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן עלטערע פרוי מיט א קאָפּ גראָווע האָר, אין דער באַגלייטונג פון א שטאַלטנעם מאַיאָר. „כאַווער גורעוויטש, — האָט די פרוי זיך אָנגערופן, — געוויס געדענקט איר מיך ניט. ניט איך איינע האָב געגראָבן די קעגנטאַנקען־ריוון, נאָר איר קענט עפּשער געדענקען, אַז בעשאַס א באָמבירונג האָט איר געראַטעוועט א קינד, וואָס איז שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין א טיפער גרוב. איר האָט אונטערגעכאַפּט דאָס קינד, אַליין שיר ניט אַראָפּפאַלנדיק. ווען ניט איר, וואָלט דאָס קינד געבליבן א קאַליקע... אָט איז ער, ס'איז מײַן זון. איך האָב אים דערציילט וועגן אײַך. ער איז שוין אַליין א טאַטע פון פיר קינדער. ער וויל זיך באַקאַנען מיט אײַך. באַדאַנקען...

גורעוויטש רעדט גיך, מיט באַגײַסטערונג. איך וואָלט עפּשער ניט באַוויזן פאַרנאָטירן אַלץ, ווען עס צעקלינגט זיך ניט ווידעראַמאָל דער טעלעפאָן. פונוואַנען קלינגט מען אים? פון דער שול, מיט וועלכער ער איז באַפרײַנדעט. די שילער פון די עלטערע קלאַסן ווילן קומען צו אים און כאָטש מיט עפּעס־וואָס באַהילפיק זײַן, אויפראַמען, צוקלײַבן, אײַנקויפן. ער איז דאָך נאָך א דריטן אינפאַרקט, און די פרוי ליגט פּאַראַליזירט. די שילער ווייסן עס, נאָר גורעוויטש זאָגט זיך אָפּ. „א דאַנק א גרויסן. גלייבט מיר, טײַערינקע, אַז ס'איז ניט נייטיק”.

מע קלינגט אים פֿון דער ביבליאָטעק. „מע וועט אים הײַנט ברענגען די ראָמאַנען „דער זיג" און „שווערער זאַמד", וועלכע ער האָט באַשטעלט.

— וועגן דער מעסירעסנעפּעשדיקײַט פֿון די אָדעסער פּרויען קאָן מען דערציילן און דערציילן, — רופֿט זיך אָן גורעוויטש, אָפּרוקנדיק דעם טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, — אין איינעם זייער אַן אומרויִקן פֿאַרטאָג האָב איך, אומקערנדיק זיך פֿונעם פּראָנט, דערזען אויף דער פּאַסטעגאַס אַ סאַך פֿרויען. „וואָס איז געשען?" — האָב איך געפֿרעגט, צופֿאָרנדיק צו זיי. „מיר זײַנען דאָנאָרקעס, געקומען געבן בלוט", — האָט אַ יונגע בלייכע פֿרוי געענטפֿערט...

— אָט אַזעלכע זיי זײַנען, די אָדעסער פֿרויען! — זאָגט ער מיט שטאָלץ, — אין שטאָט איז שווער מיט דערנערונג, וואַסער איז נאָרמירט, עטלעכע מאָל אין טאָג אָן אָנפֿלי פֿון דעם סוינעס אַוויִאַציע, און זיי, אויסגעמאַטערטע פֿון שווערער מי, פֿון הונגער און דאָרשט, שטייען, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אין דער ריי, קעדיי געבן בלוט פֿאַר די פֿאַרוווּנדעטע, וועלכע מע פֿלעגט יעדן טאָג ברענגען פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע. אַכצן טויזנט פֿרויען האָבן רעגולער געגעבן בלוט. און וויפֿל פֿרויען זײַנען פֿרײַוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט! איבערן גאַנצן לאַנד איז באַרימט געוואָרן די סנײַפּערן ליודמילאַ פּאַווליטשענקאָ. איר האָט געקוקט די אַכצנטע סעריע פֿונעם פֿילם „די גרויסע פּאַטעריאָטישע"? דאָרט זעט מען זי בעשאַס זי טרעט אַרויס מיט אַ רעדע אין אַמעריקע. בלויז אין די שלאַכטן אַרום אָדעס האָט דאָס שיינע, צאַרטע מיידל דערשאָסן מיט איר סנײַפּער־ביקס הונדערט זיבן און אַכציק פֿאַשיסטן. זי איז אַ העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד! און נינאַ אָנילאָוואַ! ניט איין גע פּערלעכע אַטאַקע האָט זי מיט איר קוילנוואַרפֿער אָפּגעשלאָגן. מיט די נעמען פֿון אָט די פֿרויען זײַנען גאַסן אָנגערופֿן. איר ווייסט עס, געוויס, אַליין. אָדעס פֿאַרמאָגט דאָך גוטע פּאָעטן, עפּשער וועט איר מיר זאָגן, פֿאַרוואָס עס זײַנען ניטאָ קיין פּאָעמעס וועגן די דאָזיקע וווּנדערלעכע מיידלעך, צי וועגן לידע סידענקאָ, מאַשע קאָגאַן?..

אויף גורעוויטשעס פֿראַגע איז מיר שווער צו ענטפֿערן.

— ס'וועלן נאָך זײַן פּאָעמעס, — זאָג איך, — פּראָזע־ווערק וועגן דער העראָיִשער אָדעסער שוץ זײַנען שוין פֿאַראַן, אָט...

באַמערקט, אַז איך האָב אַ נעם געטאָן אַ בוך פֿונעם פּאָרטפֿעל, רופֿט זיך אָן גורעוויטש מיט אַ פֿאַרכידעשטן שמייכל:

— איר קלײַבט זיך ווידער עפּעס דערציילן מיר וועגן גורעוויטשן?

— וואָס בלײַבט מיר צו טאָן, — ענטפֿער איך, — ווײַבאַלד איר אַליין דערציילט זייער ווייניק וועגן זיך...

— וואָס זאָל איך אײַך נאָך דערציילן? — קוקט ער מיך אָן.

— עפּעס, לעכאָלהאַפּאָכעס, וועגן זיך זעלבסט. אין איי ניקע אַרטיקלען, צום בײַשפּיל, ווערט צווישן אַנדערס איבערגעגעבן, וואָס עס האָט פֿאַרגענומען דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט און איר ערשטער סעקרעטאַר, בעשאַס דער סוינע האָט פֿאַרכאַפּט בעליאַעווקע מיט דער וואַסער־פּאָמפּע אויפֿן דניעסטער, איבערלאָזנדיק אַזוי אַרום אָדעס אינגאַנצן אָן וואַסער. איך שטעל זיך פֿאָר, וויפֿל זאָרג איר האָט דעמלט געהאַט...

— ניט נאָר איך, — באַמערקט גורעוויטש מיט אַ געוויסער אומצופֿרידנקײַט, — מיט דעם האָט זיך פֿאַרנומען דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

— אַוודאי ווייס איך, אַז ניט נאָר איר, — גיב איך אים נאָך, — איך ווייס, אַז דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט דעמלט געשאַפֿן אַ ספּעציִעלע קאָמיסיע פֿון געלערנטע, אינזשעניערן, הידראָלאָגן. מע האָט אויסגעפֿונען אַלטע, פֿאַרוואָרפֿענע, פֿאַרגעסענע אַרטעזיִאַנישע און אַנדערע ברינעמער און גינסטיקע ערטער אויף בויען נײַע. איך ווייס אויך, אַז איר האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם, און אין מעשעך פֿון עטלעכע טעג האָט די שטאָט באַקומען וואַסער פֿון נײַע אַכט און פֿופֿציק ברינעמער...

— צוליב וואָס זשע בעט איר, אַז איך זאָל אײַך דערציילן, בעשאַס איר ווייסט וועגן מיר פֿיל מער, ווי איך זעלבסט, — צעשמייכלט ער זיך.

— איך ווייס עס דעריקער פֿון דער פּרעסע, פֿון דער ליטעראַטור, און איר האָט עס דאָך אַליין איבערגעלעבט... איר האָט, אַגעוו, געלייענט דעם ראָמאַן „דער פֿלאַקערנדיקער ברעג"? — גיב איך אַ פֿרעג, — דאָרט ווערט דערציילט ווי איר, אַ קראַנקער, זײַט געגאַנגען מיט וואַקלענדיקע טריט פֿונעם האַפֿן בעשאַס אַ לופֿט־אַליאַרעם, געבליבן שטיין אַ פֿאַרכאַלעשטער אויף קאַרל ליבקנעכט־גאַס און זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט פֿון אַ צעבאָמבירט הויז...

— ס'איז ניט אינגאַנצן אַזוי, — באַמערקט גוטמוטיק גורעוויטש, — איך האָב דעם אַוטאָר פֿון דעם ראָמאַן, גריגאָרי קאַרעוון, וועגן דעם אָנגעשריבן. געווען בין איך דעמלט געזונט, נאָר מיד. אַ קײַלעכיקן מעסלעס זיך געייסעקט מיט עוואַקויִרן און באַזאָרגן מיט שפּײַז די קינדער

פון עטלעכע צענדליק אָדעסער קינדער־הײַזער און ניט געהאַט קיין ביסן אין מויל. געווען פּאַשעט הונגעריק. דערפילט זיך ניט גוט, נאָר אײַנגיכן איז עס דורכגעגאַנגען.

ס׳האָט זיך ווידער צעקלונגען דער טעלעפאָן.

ווען גורעוויטש האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, דערציילט ער מיר:

— דאָס האָב איך גערעדט מיט יאַשע שטערנשטיינען, אַן אַקטיוון אָנטיילנעמער פון דער אָדעסער שוץ, איצט דאָצענט פון אָדעסער אוניווערסיטעט.

— אין די שלאַכטן, ווי באַוווּסט, האָבן זיך באַטייליקט מיליטער־לײַט פון העכער צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן, דערין אויך אַ היפּשע צאָל ייִדן, — האָב איך באַמערקט. — איר וואָלט געקענט אָנרופן נאָך אייניקע נעמען פון ייִדן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט?

— פאַרשטייט זיך! — באַ גורעוויטשן ווערן בוילעטער די קנייטשן אפן שטערן, — נו, לאָמיר זאָגן, דער רויטאַרמייער יאַנקל בעהעלפער. וועגן אים האָט דעמלט געראַשט גאַנץ אָדעס. ראַטעווענדיק זײַן קאָמאַנדיר, האָט ער דערשטאָכן מיטן באַגנעט צוויי און צוואַנציק פאַשיסטן. אַ גיבער! אויסגעצייכנט האָט זיך דער אינזשעניער־קאַפּיטאַן פון ערשטן ראַנג קאַגאַן, דער קאָמאַנדיר פונעם פּאַנצער־צוג ראַפּאַלאָוויטש, דער קריגס־קאָמיסאַר פונעם אָדעסער האַפן גילדין, דער קאָמיסאַר פונעם אַעראָדראָם פישמאַן, איר נאָמען, געדענק איך, איז געווען אסיע...

דער ערן־בירגער פון אָדעס נאָום גורעוויטש

פונעם שכנישדיקן צימער האָט זיך דערטראָגן אַ שלאַבעריקע שטים. גורעוויטש האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן.

— אַנטשולדיקט, די פרוי... איך וועל ארײַן אף אַ ווײַלע צו איר, רוט זיך אָפּ אַ ביסל...

איך האָב געוווּסט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן געבן נאָום פּאַוולאָוויטשן דעם טיטל „ערן־בירגער פון דער העלדן־שטאָט אָדעס" האָט ער באַקומען אַ סאַך בריוו, טעלעגראַמעס, איך האָב געבעטן דערלויבן מיר דערווײַל כאַטש מיט אייניקע פון זיי זיך באַקאַנען.

אָן איבעריקן כיישעק, ווי ס׳איז געווען צו זען, האָט גורעוויטש אַרויסבאַקומען פון דעם שראַנק אַ היפּשע פּאַפּקע, דערלאַנגט מיר, און מיט אײַליקע טריט אַרויס.

די פּאַפּקע איז געווען פול מיט בריוו, טעלעגראַמעס פון קאָלערליי שטעט, פון אַרבעטער־קאָלעקטיוון, שלאַכט־כאַווײרים, קונסט־טוער, געלערנטע, סטודענטן...

רירנדיקע בריוו, האַרציקע טעלעגראַמעס.

איך וועל דאָ ברענגען בלויז געציילטע שורעס פון אייניקע.

דער געוועזענער ערשטער סעקרעטאַר פונעם אָדעסער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, מיטגליד פונעם קריגס־ראַט פונעם אָדעסער שוץ־ראַיאָן, בריגאַדע־קאָמיסאַר א. ג. קאָליבאַנאָוו שרײַבט: „צוזאַמען מיט אַלע דײַנע פרײַנט באַגריס איך פון טיפן האַרצן דיך, איינעם פון די אויסגעצייכנטסטע אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דער העראָישער אָדעסער שוץ, מיטן צוייגענען דיר דעם טיטל „ערן־בירגער פון דער העלדן־שטאָט אָדעס".

דער וויצע־אַדמיראַל אי. אי. אַזאַראָוו:

„איר, דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, זײַט אין די שווערסטע

טעג פון דער באַלאַגערטער יאַם־שטאָט געווען אומדערמידלעך אינעם מאָביליזירן אַלע קויכעס אַף באַשיצן אָדעס. מיר, די אָנטיילנעמער פון יענע העראָישע שלאַכטן, געדענקען עס גוט און שעצן אײַך זייער".

און אָט זײַנען עטלעכע שורעס פון דער טעלעגראַמע פונעם געוועזענעם קריגס־קאָמיסאַר פון דער אָדעסער מיליטערישער יאַם־באַזע ס. דידיאַטקאָווסקי: „דאָס לאַנד וויסט און געדענקט דיך, נאָום פּאָוולאָוויטש, ווי אַן אָנגעזעענעם פּאַרטייִשן אָנפירער, וואָס האָט בעשאַס דער העראָישער אָדעסער שוץ אַרויסגעוויזן פיל ענערגיע אינעם קאַמף קעגן די היטלערישע פאַרכאַפּערס".

גורעוויטשעס לאַנדסמאַן א. באַבראָוו שרײַבט, אַז בײַס די פאַרביטערטע שלאַכטן הינטער אָדעס האָט ער צוזאַמען מיט די אַרבעטער פונעם זאַוואָד אין נאָוואָראָסײַיסק געהערט דורך ראַדיאָ גורעוויטשעס אַרויסטרעטונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן בײַ זיי ענטוזיאַזם. ער באַגריסט אין זײַן אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון זײַנע כאַווײרים און פרײַנט נאָום פּאָוולאָוויטשן מיטן הויכן טיטל.

אין דער באַגריסונג פונעם אָדעסער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי און פונעם שטאָט־סאָוועט ווערט אונטערגעשטראָכן: „די אָדעסיטן האָבן מיט שטאָלץ אָנגערופן אײַך אַלס ערןבירגער פון אונדזער שטאָט".

די מישפּאָכע דידאַרענקאָ שרײַבט פון רומעניע: „מיר האָבן געזען אײַך אַפן עקראַן פונעם טעלעוויזאָר און דאָס האָט אונדז דערמאָנט אין די גרויזאַמע טעג, ווען איר האָט אין באַלאַגערטן אָדעס אומדערמידלעך אָנגעפירט מיט דער שטאָטישער אַפּאַראַטיוווער גרופּע. מיר געדענקען אײַך, מיר שעצן אײַך, מיר ווינטשן אײַך פיל גוטס".

ריירנדיקע בריוו, האַרציקע טעלעגראַמעס.

גורעוויטש האָט אײַנגיכן זיך אומגעקערט פונעם צווייטן צימער און אַ מידער זיך צוגעזעצט אַפן בענקל.

— איר האָט נאָך פראַגן? — ס'איז געזאָגט געוואָרן אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן הערן דעם ענטפער: „ניין, מער קיין פראַגן האָב איך ניט".

נאָר איך האָב נאָך איין פראַגע געהאַט, אַ טראַדיציאָנעלע פאַר זשורנאַליסטן, ווען זיי שמועסן מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטשן: וועגן דעם סאַמע גליקלעכסטן און סאַמע פײַנפולסטן טאָג אין זײַן לעבן.

— געווען ניט ווייניק אי גליקלעכע טעג, אי ביטערע טעג, — האָט עטוואָס פאַרטראַכט געענטפערט גורעוויטש, — יעדער דערפאָלג אונדזערער האָט פאַרפולט דאָס האַרץ מיט פרייד, מיט גליק, יעדער אומדערפאָלג — מיט צאַר, מיט ווייטעק. באַזונדערס שווער איז געווען אַפן האַרצן, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט אָדעס. מיר האָבן, דעם עמעס געזאָגט, זיך ניט געריכט... מיר זײַנען גרייט געווען אויך ווײַטער באַשיצן די שטאָט, ניט אָפּטרעטן. נאָר דעם 30 סענטיאַבער איז אָנגעקומען אַ דירעקטיוו פון דער סטאַווקע, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געפאַר צו פאַרלירן דעם קרימער האַלב־אינדזל איז באַשטימט געוואָרן צו עוואַקויִרן דאָס מיליטער פון אָדעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע עוואַקואַציע. טאָג און נאַכט זײַנען אָפּגעשוווּמען אין דער באַגלייטונג פון קריגס־קאַטערס שיפן מיט פּרויִאַנט, קינדער און זקיינים. מיר האָבן אַרויסגעפירט וויכטיקע אויסשטאַטונג פון די אונטערנעמונגען, שפּיטאָלן מיט פאַרווונדעטע, דעם שטאָטישן אַקטיוו, די מיליטער־טיילן. דעם זעכצנטן אָקטיאַבער האָבן די לעצטע פאַרלאָזט די שטאָט די אָנפירנדיקע פּאַרטייִשע און סאָוועטישע טוער. צום האַפן בין איך מיט דאַווידענקאָן געגאַנגען צופוס. די גאַסן, נאָך גאָר ניט לאַנג פריילעך־אופגעלעבטע, זײַנען געווען פּוסט. דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע, ביטערסטע טעג אין מײַן לעבן...

— און דער גליקלעכסטער טאָג? — האָב איך, באַגעגענענדיק זיך מיט גורעוויטשעס אופגערודערטן בליק, אַ פרעג געטאָן.

— גליקלעכע טעג, ווי געזאָגט, זײַנען געווען אַ סאַך, נאָר איינער פון די גליקלעכסטע טעג אין מײַן לעבן, — האָט ער מיט זיכערקײַט געזאָגט, — איז געווען דער טאָג, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים, קיין אָדעס...

דער לייענער דערוואַרט, איך זאָל שילדערן גורעוויטשעס ווײַטערדיקן לעבנס־וועג. אין אָט דער פאַרצייכענונג האָב איך אַזאַ אופגאַבע פאַר זיך ניט געשטעלט. אין עטלעכע ווערטער קען איך זאָגן: גורעוויטש האָט אין מעשעך פון אַלע מילכאָמע־יאָרן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן קעגן די פאַשיסטישע האַרדעס. געווען שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון פּאָליטאָפּטייל פון דעם 21־טן שיסער־קאָרפּוס אַפן וואָראָנעזשער פראָנט, אַפן סטעפּנאָיִ פראָנט און אַף דעם ערשטן אוקראַיִנישן. ער איז באַלוינט מיט פערצן אָרדענס און מעדאַלן.

נאָך דער מילכאָמע איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּאַרטאָרג פון דעם צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי אינעם אַדעסער שיפּבוי־זאַוואָד, שפּעטער האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון דעם וואָדנאַטראַנספּאָרטנעם ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, ער איז געווען אַ לעקטאָר אין דער פּאַרטיי־שול.

איצט, ניט געקוקט אַפן סאָלידן עלטער און שוואַכן געזונט, באַטייליקט זיך גורעוויטש אַקטיוו אין דער קולטור־אַרבעט פונעם יוגנט־קלוב „פּאַדוויג", לייענט לעקציעס אין אַ מיליִ־טערישער היוכשול.

— בייס די לעקציעס, — זאָגט גורעוויטש, — זע איך פאַר מײַנע אויגן די באַלאַגערטע היימשטאָט מײַנע, אַדעס, די פרויען מיט בלאַסע פּנימער, וועלכע שטייען אין דער דאָנאָרן־ריי, קעדיי געבן זייער בלוט פאַר פאַרווונדעטע שלאַכטלײַט, די פאַרהאַרעוועטע, ניט אויסגע־שלאָפענע אַרבעטער, וועלכע שמידן געווער אין די זאַוואָד־צעכן אונטער די אויפרײַסן פון באָמבעס און סנאַריאַדן, איך זע די אַדעסער סטודענטקעס, שילער, עלטערע פרויען, וועלכע שלעפּן ברעטער, שטיינער, זעק מיט זאַמד, בויען אַף די באַנאַכטיקע פינצטערע גאַסן באַרי־קאַדעס, איך זע די העלדישע שיסערן ליודמילאַ פּאַווליטשענקאָ און די פּיצלעך קינדער, וועלכע די מאַמעס ברענגען מיט זיך צו די קעגנטאַנקען־גריבער, וואָס זיי האָבן אונטערן האַגל פון קוילן געגראָבן, איך זע די אַדעסער בירגער און בירגערנס אַף די פּילצאָליקע דע־כער פון די הײַזער פון שטאָט, ווי זיי לעשן די צינד־באָמבעס, וועלכע דער סוינע האָט גע־וואָרפן, איך זע פאַר זיך די פאַרזאָרגטע פרויען, וואָס באַגלייטן זייערע מענער, די פאָלקס־אָפּאָלטשענצעס, צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס... עס שטייען פאַר מיר אויף יענע טעג, ווען אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעוויזן ווונדער פון העראָיִזם אין הינטערלאַנד, פּונקט אַזוי, ווי אַפן פראָנט...

יעכיעל שרייַבמאן

א ייִד אין א דאָרף

כ׳ ווייס ניט פארוואָס, די דאָזיקע טעמע ציט מיך עפּעס. עפּשער דערפאר, ווייַל אַף דער וועלט וווינען הייַנט ייִדן גאָר־גאָר זעלטן אין דערפער. עפּשער איבערן פארצייַטיקן דאָרפס־ייִד בערקאָ פון מייַן דערציילונג „אן אור־אוריייניקל", וואָס האָט, נעבעך, קעדיי ניט ארויסגעטריבן צו ווערן פונעם קליינעם פארוואָרפענעם דערפעלע, ערגעץ אַף דער אוקראַינע, ווו ער האָט געלעבט, געמוזט באצאָלן מיטן סאמע דעמלט טייַערסטן און שווידערלעכסטן — שמאדן זיך, ווערן אויס ייִד. איין קלייניקייַט, האַ? דער טאטע, זיידעס און עלטערזיידעס האָבן פון קאדמוינים באגאָסן די ערד ארום פּיצעלע דערפעלע מיט זייער שווייס און בלוט, און ער, בערקאָ, מיט א פולן אפּן־אויוון קינדער, קעדיי ווייַטער בלייַבן זיצן אין זייַן פאָטערשן ירושע־שטיבל אַף דער דאָזיקער ערד, האָט געמוזט באצאָלן די סאמע שרעקלעכסטע פּרייַז. „שווייס און בלוט און די נעשאָמע?" — האָט בערקאָ א צעווילדעוועטער ארויסגעריסן א פלאָקן פון זייַן פּלויטל און געפרעגט די קאַשע דער וועלט.

און עפּשער לאָקט מיך די דאָזיקע טעמע נאָך פון דעמלט אָן, ווען איך אליין, א פּאָפּצניאָריק באָכערל, בין א גאנצן ווינטער, פון באלד נאָך סוקעס ביז ערעוו פּייסעך, א גאנצן זמאן, הייסט עס, געווען א לערערל אין דאָרף סעסטאַש. געזען מיט די אייגענע אויגן און אריינגעזאפּט אין אייגענעם לייַב־און־לעבן די אויסקומענישן פון א פּאָר בעסאַראַבער דאָרפס־ייִדן. כ׳שפּיר נאָך פּאר זיך אדהייַנט א לעבעדיקן דעם גרייַז־גראָוון נייַנציקיאָריקן רעב שימשלען, וואָס איז, דאכט זיך, אין יענעם יאָר טאקע און, דאכט זיך, טאקע באלד אין יענע פּייסעך־טעג, א מין וואָך נאָך מייַן אוועקפאָרן פונעם דאָרף, געשטאָרבן. א קויטיק שאָפּן פּעלצל, א הויכע שווארצע קוטשמע אפּן ווייַסן קאָפּ. אין שטוב — א גלייַכער, מיט א ברייטער צעשפּאָלטענער באָרד, אין א זשילעט אַף א געקווייטלטן קוזשעפּוכענעם העמד. אונטערן זשילעט א טאַלעסקאָטן, די ציצעס פונעם טאַלעסקאָטן באָמבלען זיך ארום די קני, פּעטשלען די כאָליעוועס פון א פּאָר גרויסע, הארטע, יוכטענע שטיוול. ער שלעפּט מיך אריַין אין אלקערל, קוקט זיך ארום, צי קיינער הערט, כאָלילע, ניט, און מיט א שעפּטשל וויל ער בא מיר, דעם שטאָטישן, דעם „געלערנטן", וויסן, ווו איז יוישער. צי איז יוישערדיק דאָס, וואָס די קינדער — דער זון, די שנור און אלע אייניקלעך, קיין אייַנהאָרע — לאָזן אים מער אין ערגעץ זיך ניט מישן. לאָזן אים גאָרנישט ניט טאָן. זיי הייסן אים נאָר זיצן און אריַינקוקן אין א סייפער. אריַינקוק אין א סייפער איז פּאר אים א טועכץ? אַף דער עלטער אומגיין פּוסט־און־פּאס? פון גאָרניט טאָן דארן אים אייַן די הענט, ציטערן אים, ניט פּאר קיינעם געדאכט, די פּיס. פון גאָרניט טאָן בלייַבט ער, אַף דער עלטער, אָן אוילעמהאבע. רעד זשע מיט זיי, פּארשטייען זיי עס ניט. ער פילט, אז ער עקט זיך. ער ענדיקט זיך. דאָס כ׳עס גייט אים אויס. ווו זשע איז יוישער, האַ?

געפירט די מעלוכע האָט רעב שימשלס שנור, באָבציע. אן איישעס־כאַיל, בעיעכוילעס איבערצוקערן וועלטן. פונוואַנען האָט זיך גענומען אזויפיל קויעך צו דער דאָזיקער נידעריטשקער, ברייטלעכער ייִדענע? רעב שימשל האָט זי צוריק מיט יאָרן אראָפּגעבראכט דעם זון פּאר א ווייַב פון א צווייט דאָרף, פון אָלטשעדאר, דאכט זיך. כ׳האָב פּאר דער גאנצער צייַט קיין איין מאָל ניט געזען, ווען דער אוילעם אין שטוב האָט זיך געלייגט און ווען מ׳איז אופגעשטאנען. ווינטער, פּויערים, קיין פעלד־ארבעט איז נישטאָ, קיינער אָבער אין שטוב האָט זיך אַף קיין איין רעגע ניט צוגעזעצט. די פיר און צוואנציק שאָ אין מעסלעס האָבן ניט געקלעקט. מ׳האָט געפּארבט פּארן גאנצן דאָרף וואָל. מ׳האָט זיך פּארדונגען מיטן פערד־און־וועגעלע פירן שטיינער, קלעצער, סכוירע דעם דאָרפישן קרעמערל. מ׳איז טאָמיד אומגעגאן מיט צעליאָפּעטע הענט און אָפּגעברענטע באקן. מ׳האָט געטראָגן הארטע קנאקנדיקע באָדים, ווי, לעהאוודל, בלעכענע ריטער־פּאנצערס. ס׳האָט פונעם אוילעם אין שטוב שטענדיק געשמעקט מיט קו־מיסט, מיט בלאָטע, מיט קעראָסין־רייכעס, אמאָל מיט פראָסט, מיט ווינט, און דעריקער — מיט האָרעוואניע, האָרעוואניע־שווייס.

דער זון רעב שימשלס, אָרעש, האָט צוגעהונקען אַף א פוס, איז שוין אויך געווען גריַיזגראָוו. קיין באָרד, ווי רעב שימשל, האָט ער שוין ניט געטראָגן. געגאָלט אָבער די באָרד האָט ער נאָך אויך ניט — געשוירן זי מיט א שערל. און דאָס פּאָנעם זיַינס איז טאָמיד געווען ארומגערעמלט מיט אזא בלישטשענדיקער, נידעריק־שטעכיקער באוואקסנקיַיט, ווי, לעהאוודל, ווייך־פעלדער ארום דאָרף נאָך שניט־ציַיט.

באָבציע האָט אָרעשן געבוירן פינף זין און איין טאָכטער. די פינף זין זיַינען אלע געווען פון איין הייך, מיט א קאָפּ העכער פונעם טאטן. ניט אָפּגעשטאנען פון די ברידער אין דער הייך איז אפילע דאָס מיזיניקל, דער פערצניאָריקער אווּרעמל, דער טאלמיד מיַינער.

כ׳האָב מיט אווּרעמלען געהאקט האָלץ און אים קוים צוגעפירט צו א שורע־גריסל. אווּרעמל האָט שיין געפּיַיפט אַף מיַין לערנעכץ. צוליב וואָס האָט ער טאקע געדאַרפט די טוירע מיַינע, אז ער האָט שוין אָן איר געקאָנט אוועקוואלגערן צו דער ערד אן איַיזערן ביקל, אין איין אויגנבליק פארקרעמפּעווען דעם ביקלס פיר פיס, און מיט א מעסערל צווישן די פינגער, אין א צווייטן אויגנבליק, מאכן דאָס ביקל אויס זאָכער. אָדער, ער האָט געקענט דורכיאָגן דאָס דאָרף ריַיטנדיק אַף א לאָשעק, עס זאָל אויסזען, ווי ס׳איז דורכגעפלויגן אן אָדלער, און ער, אווּרעמל, מיט א פּאָר פריַיע צעשפּרייטע הענט, איז אפן אָדלערס רוקן די פליגל.

אינמיטן ווינטער, אַף די ווינטער־קאניקולן, איז אהיים געקומען אין דאָרף אווּרעמלס שוועסטער, די באסיעכידקע באָבציעס און אָרעשס, מאלקע. זי האָט געלערנט אין קעשענעוו אין א מין רעאל־שול. זי איז געווען א שיינע מויד, מיט א פּאָר גראָבע העלע צעפּ און בלויע אויגן, א ביסל צו א פולבלעכע, נאָר זייער א שטאלטנע, זייער א געשמאקע. זי האָט ליב געהאט צו ליגן, אונטערגעשפּארט אַף אן עלנבויגן, אין אלקערל אפן טאָפּטשאנדל און צוקוקן זיך, ווי איך לערן באם טיש מיט אווּרעמלען. זי האָט זיך צוגעקוקט צו מיַין לערנען, און איך האָב אלע מאָל צוגעקוקט זיך צו איר. דאָס שורע־גריסל, וואָס כ׳פלעג אלע טאָג אופשריַיבן אווּרעמלען אויבן אין העפט און ער האָט עס דערנאָך געדאַרפט איבערשריַיבן שורע נאָך שורע ביז אראָפּ אונטן, האָט איינמאָל אויסגעזען אזוי: „דער אדוינ־מוירע האָט זיך מעסוקן פארליבט אין מיַין שוועסטער, דער שיינער מאלקען”. אווּרעמל האָט, ווי טאָמיד, דאָס שורע־גריסל איבערגעלייענט אַף א קאָל און האָט דאָסמאָל אויסגעשאָסן אזא געלעכטער, אזש מיט א גרויסער בולבע בא דער נאָז. די שיינע מאלקע האָט זיך דאפקע ניט פארלאָרן. זי האָט פארדעקט די באָרוועסע פיס אירע מיט א שטיק קילימל פונעם טאָפּטשאנדל און האָט אָנגעבלאָזן א זאָג געטאָן, אז דער אדוינ־מוירע וואָלט געמעגט וויסן, אז מיט ליבע „שוטיעט” מען ניט. מיר האָבן דערנאָך ביידע געהאט צווישן זיך א לאנגן שמועס. איך האָב געטיַינעט, אז ס׳איז זייער גוט, וואָס זי האָט זיך פונעם דאָרף ארויסגעריסן, איך שטרעב אויך ארויסריַיסן זיך פונעם שטעטל. און מאלקע האָט מיר געענטפערט, אז סע הייבט זיך גאָר ניט אָן. זי האָט זיך פונעם דאָרף ניט ארויסגעריסן און הייבט אפילע ניט אָן טראכטן פון ארויסריַיסן זיך. זי ענדיקט נאָר די רעאל־שול, קערט זי זיך באלד אום אהער, אין דאָרף, און בליַיבט שוין דאָ אַף שטענדיק. זי וועט דאָ אין דאָרף זיַין א לערערן בא די אָרעמע פויערשע פעלד־קינדער (אזוי האָט זי טאקע געזאָגט — פעלד־קינדער). זי וועט דאָ אין דאָרף, ווו זי איז געבוירן, פארשפּרייטן וויסן (אזוי האָט זי טאקע געזאָגט — וויסן).

כ׳בין דעמלט, געדענק איך, געזעסן קעגן דאָזיקן דאָרפס־מיידל א פארויטלטער. פון מיַין לערעריַי איז מיר עפּעס געוואָרן גאָרניט פריילעך אפן הארצן.

דאָס היַינטיקע דאָרף, דאָס דאָרף, וועגן וועלכן איך קום היַינט דערציילן, הייסט פּעפּען. געפינט זיך אין לאזאָווסקער ראיאָן, ערגעץ צווישן די צוויי שטעטלעך קאפּרעשט און טעלענעשט.

לאזאָווסק הייסט דער ראיאָן, מאכמעס פונדאנען, פון די מעקוימעס, שטאמט דער באוווסטער רעוואָליוציאָנער און בירגערקריג־העלד סערגיי לאזאָ. דער לייענער ווייסט אוואדע, אז אינעם גאנג פונעם בירגערקריג האָבן די וויַיסע מערדער סערגיי לאזאָן אריַינגעוואָרפן א לעבעדיקן אין פלאקערדיקן לאָקאָמאָטיוו־קעסל. דאָס אמאָליקע גראָע בעסאראבער דאָרף סינדזשעריי, ווו לאזאָ איז געבוירן געוואָרן, איז היַינט אן אופגעריכט־צעוואקסענער, שטאָטישפארבויטער ראיאָן־צענטער. טראָגט דעם נאָמען פון זיַין העלדיש־לעגענדארן בען־איר — לאזאָווסק.

דער היַינטיקער ייִד אין א דאָרף, וועגן וועלכן איך קום איצט דערציילן, הייסט ארן בערעב כאיִם. אראָן כאימאָוויטש זאסלאווסקי איז פון דויר־דוירעס א היגער, א פּעפּענער. איז היַינט אין דאָזיקן דאָרף פּעפּען, וואָס פארמאָגט אריבער טויזנט הויפן, דער פּאָרזיצער פונעם דאָרפראט, פירט אָן, הייסט עס, מיט דער גאנצער דאָרפס־באלעבאטישקיַיט. אין זיַין

דויר־דוירעסדיקן פעפען, ווו עס האָבן געלעבט דער טאַטע זײַנער, זיידעס און עלטערזיידעס, געוועזן פּראָסטע רענדאַרעס, ערדאַרבעטער, פּויערים, איז הײַנט אַרן בערעב כאַים דער ראָש פּונעם דאָרף, די סאָוועטנמאַכט שטעלט מיט זיך פאָר אין א דאָרף דער דאָרפראַט.

גאַנצע זיבן און צוואַנציק יאָר, ביז פאַרצווייייאָרן, איז אַראָן כאַימאָוויטש זאַסלאַווסקי געוועזן פאָרזיצער אין פעפענער קאָלווירט „קאַרל מאַרקס". כ'ווייס ניט, צי גאָר א סאַך קאָלווירט־פאָרזיצערס זײַנען אַזוי לאַנג געוועזן קאָלווירט־פאָרזיצערס. איין קלייניקײַט — זיבן און צוואַנציק יאָר! אַף דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, באַלד נאָך דער מילכאָמע, ווען דער קאָלווירט האָט זיך נאָר געשאַפן, האָבן די פעפענער טוישווים אויסגעקליבן אים פאַר זייער אָנפירער דעם דעמלט עטלעכע־און־צוואַנציקיאָריקן זאַסלאַווסקין, און האָבן אים אַזוי דערנאָך יאָר־בא־יאָר, אַף זייערע קאָלווירטישע יאָר־פאַרזאַמלונגען ווידער און ווידער אויסגעקליבן. וואָס האָט אַראָן כאַימאָוויטש אין די זיבן און צוואַנציק יאָר ניט אָפגעטאָן? ער האָט אויסגעבויט אין דאָרף א דרײַגאָרנדיקע מיל, א בעקערײַ, א קאָמפּלעקס מעכאַניזירטע קיפערמעס. ער האָט פאַרפלאַנצט אַרום דאָרף דרײַ הונדערט העקטאַר סעדער, פינף הונדערט העקטאַר ווײַנגערטנער, אַף פּאַסן ניט גאָר וואַזשנער ערד — לענגלעכע וועלדלעך ניסנביימער. ער האָט אוועקגעשטעלט אין דער מיט דאָרף א מאָדערנסטן אוניווערסאַלן מאַגאַזין, א רעסטאָראַן, א קולטור־הויז, א שול־געבײַדע. ער האָט אופגעהויבן אַנטקעגן דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג א מעמאָריאַל די פעפענער געפאַלענע אַפן פראָנט. ער האָט אין יעדן דאָרפישן הויז אַרײַנגעצויגן עלעקטרע, אַרײַנגעפירט דורך רערן קוואַל־וואַסער. אַן אַלט מאָלדאַווישן פאָלקסווערטל זאָגט, אַז יעדער מענטש דאַרף אין זײַן לעבן אויסגראָבן א ברונעם. זאַסלאַווסקי האָט פאַרגעלייגט דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, דער קאָלווירט זאָל נעמען אונטער זיין האַזשגאָכע אַלע ברינעמער אין דאָרף. מע האָט די ברינעמער אויסגערייניקט, פונדאַסנײַ אינוויניק אויסגעמויערט, אַרום יעדן ברונעם אויסגעמײַסטרעוועט א געשניצט פאַרביק הילצערן שטיבל, ווי אין א מײַסעלע. פאַר די זיבן און צוואַנציק יאָר איז קיין איין פעפענער הויף ניט געבליבן אָן קיין נײַ־אויסגעבויט הויז. צווישן ביימער דאָ און דאָרט בלישטשען קעגן דער זון רויטע טשערעפענע דעכער, אָנגעגלעזטע קאָרידאָרלעך, בלויע, און גרינע, און ראָזע, און ווײַסע, און פאָמעראַנצן־קאָליריקע ווענט.

ער אַליין האָט געוווינט אין אַן אַלטער יערושע־שטוב, דעם ווײַבס, סאָניעס עלטערנס, אַמאָליק הויז. אין די זיבן און צוואַנציק יאָר איז ער גראָו געוואָרן. א יונג ענערגיש פּאָנעם, שוואַרצע ברעמען, שוואַרצע לעבעדיקע אויגן און א ווײַסער קאָפּ האָר. ווען האָט זיך דער קאָלווירט־פאָרזיצער געלייגט און ווען איז ער אופגעשטאַנען? אָנפירן מיט אַזאַ ווירטשאַפט און מיט אַזויפיל מענטשן איז גאָר ניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. ער האָט דעם אוילעם גענומען מיט איין זאַך — מיטן עמעס. א וואָרט איז טאָמיד געווען א וואָרט. דאָס, לעמאָשל, וואָס דער קאָלווירט האָט צוגעזאָגט די מענטשן, האָבן עס די מענטשן באַקומען, אַפילע ווען דאָס יאָר איז ניט געווען אַזאַ וואַזשנע. צענדליקער שוועריקײַטן האָבן אים ניט געשראָקן און ניט אָפגעשטעלט. ער האָט זיך געטאָן זײַנס. נאָר די שוועריקײַטן האָבן פּאַוואָלינקע אויך געטאָן זייערס. דאָס האַרץ האָט אים פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אונטערהינקען. די לעבער־קרענק, וואָס ער האָט מילכאָמע־צײַט, יונגערהייט אָפגעשפּאָרט, האָט זיך מיט דער צײַט צעשפּילט. כוץ דעם, זײַנען די קינדער זאַסלאַווסקיס, דער זון און די טאָכטער, אויסגעוואַקסן, געענדיקט אין קעשענעוו אינסטיטוטן, כאַסענע געהאַט, געבליבן וווינען אין שטאָט. דער זון איז אַן אינזשעניער־מעכאַניקער, די טאָכטער — אַן אינזשעניער־פּראָיעקטירערן; עס זײַנען שוין, קיין אײַנהאָרע, דאָ אייניקלעך. סאָניע האָט אָנגעהויבן רײַסן שטיקער — זי וויל זײַן לעבן די קינדער, זי וויל אַף דער עלטער לעבן אינאיינעם מיט די קינדער. האַקיצער: זאַסלאַווסקי האָט אָנגעהויבן בעטן, מע זאָל אים באַפרײַען פון קאָלווירט־פאָרזיצערײַ. פאַרצווייייאָרן, אַף דער קאָלווירטישער יאָר־פאַרזאַמלונג, האָט אים דער אוילעם נאָכגעגעבן, ער האָט עס באַם אוילעם געפויעלט.

אין הויף באַ די זאַסלאַווסקיס, לעבן דער יערושע־שטוב, וואַקסט אַן אַלטער צעצווײַגטער בארנבוים. ניט גאָר קיין סאַך לייענער וועלן זיך קאָנען פאָרשטעלן, אַז א בוים, א פּאָשעטער בארנבוים, זאָל בעקויעך זײַן צו באַשטימען דעם גוירל, דעם ווײַטערדיקן וועג אין לעבן פון א מענטשן. א ייִדענע בלײַבט טאַקע, אַפּאָנעם, א ייִדענע. פריִער האָט סאָניע געריסן שטיקער — זי וויל זײַן לעבן די קינדער. דערנאָך, ווען זאַסלאַווסקי האָט זיך שוין אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אויך אָנגעהויבן א רעד טאָן וועגן אַריבערפאָרן אין שטאָט אַרײַן, האָט זיך סאָניע צעוויינט ווי א קליין קינד. וויִאַזוי וועט זי זיך מיטן דאָזיקן בארנבוים צעשיידן? דאָ, אונטער זײַנע צווײַגן, האָט זי אָפּגעלעבט א לעבן. דער זיידע נאָך האָט אים מיט די אייגענע הענט פאַרפלאַנצט. דאָ האָט זי פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן, איז אינאיינעם מיטן בארנבוים אופ־

געוואקסן. „זעסט, סאָניע? — האָט זאסלאווסקי געענטפערט דעם ווײַב, — נו, און די הונדערטער און טויזנטערביימער, וואָס איך האָב מיט די אייגענע הענט מײַנע, קאָן מען זאָגן, פארפלאנצט?" רעדענישן און רעדענישן באנאכט אפן געלעגער, ארומטראכטענישן, כעזשבן־האנעפעשן. ס'איז סאפקאָלסאָף באשלאָסן געוואָרן, אז דאָ אין דאָרף, ווו מע האָט אָפגעלעבט אלע יאָרן, זאָל מען שוין אזוי ווײַטער בלײַבן ביזן סאָף פון די טעג. זאסלאווסקי איז אוועק אין ראיקאָם. אזוי און אזוי, און דער ראיקאָם האָט זאסלאווסקין פאָרגעלייגט: פאָרזיצער אין פעפענער דאָרפראט. ניט קיין קלענערער אָנזען און ניט קיין ווייניקערע אכרײַעס, ווי פריִער. נאָר א ביסעלע גרינגער, רויִקער, פרײַער.

אין די זיבן און צוואנציק יאָר, וואָס זאסלאווסקי איז געווען קאָלווירט־פאָרזיצער, האָט ער ניט געהאט קיין צײַט און ניט דער קאָפ איז געווען דערבײַ אויסצובויען זיך לעבן דער אלטער שטוב, ווי אלע פעפענער האָבן דאָס אין די לעצטע יאָרן געטאָן, א נײַ הײַנטצײַטיק הויז. איצט, אף דער עלטער, קאָן מען זאָגן, איז געקומען די צײַט וועגן דעם אויך.

זאָלן די קינדער אין שטאָט האָבן בא טאטע־מאמע א לײַטישע דירע, דורכצוקומען זיך אמאָל אין א שאבעס־זונטיק, צי טאקע אף גאנצע עטלעכע וואָכן אורלויב־צײַט, גוט אָפרוען זיך דאָ אין דער ליבער היים.

זאָלן די אייניקלעך האָבן באם זיידן און בא דער באָבען אין דאָרף זייער באזונדער אָפגערוט קינדער־צימער, קענען פארברענגען דאָ, אף דער ריינער לופט, א פאָר כאָדאָשים זומער־צײַט, צי טאקע א גאנצן קײַלעכדיקן זומער, בא די בענקענדיקע זיידע־באָבע.

אין די מאָלדאווישע דערפער איז פאראן אן אלטער שיינער מינהעג. ווען א מענטש בויט זיך א שטוב און האלט שוין באם אָפלייגן די סטעליעס, קומען צו אים אין א פרײַען טאָג נאָענטע גוטעפרײַנט זײַנע און אלע איניינעם לייגט מען אין דעם איינעם טאָג די סטעליעס אָפ, ווײַסט מען אויס די ווענט אינווייניק אין שטוב. אף מאָלדאוויש הייסט די דאָזיקע איניינעמדיקע סטעליע־אָפלייגעכץ „א קלאקע". אין דער נײַער שטוב וועט זײַן ארײַנגעבויט אויך יעדן פרײַנטס ביסעלע האָרעוואניע, ביסעלע וואָרעמקײַט און פרײַנטשאפט. דער באלעבאָס גרייט צו א טיש. מ'איז זיך דערנאָך אלע איניינעם מעסאמייעך. ס'איז נאָך ניט קיין כאנוקאס־האבאִיס, נאָר א סימכע איז עס. די שטוב איז שוין אָט־אָט א שטוב.

ווען בא די זאסלאווסקיס האָט שוין געהאלטן בא די סטעליעס, האָבן זיי וועגן דעם קיינעם באזונדער ניט מודיִע געווען. צוליב וואָס באומרויִקן מענטשן? דאָס געהילץ און דעם פרישן טשאמור פאר די סטעליעס האָט מען אָבער יאָ צוגעגרייט. און נעמען עפעס אין מויל ארײַן, פארשטייט זיך, אויך. ווער ס'וועט קומען, וועט קומען, און דער, וואָס וועט נאָר קומען, וועט זײַן דער אָנגעלייגטסטער גאסט, דער ליבסטער גוטערפרײַנט.

באלד פארטאָג האָט דער אוילעם אָנגעהויבן גיין. בא די זאסלאווסקיס אין הויף האָט זיך צונויפגעזאמלט א האלב דאָרף. מיט קריגלעך ווײַן אין די הענט און מיט האנטעכער ארום די אָרעמס, ווי אף א כאסענע. אין איין מין שאָ זײַנען די סטעליעס געווען אָפגעלייגט, די ווענט אין שטוב אויסגעווײַסט. ווײַבער מיט פארשטעקטע קליידלעך האָבן געהאָלפן סאָניען פרעגלען און בראָטן. מאנצבלען האָבן אפגיך אויסגעשטיקעוועט פון ברעטער טישן און בענק. ארום די לאנגע ווײַסע טישן אונטערן אלטן בארנבוים האָט זיך ביז שפעט אין דער נאכט געגאָסן ווײַן, געהערט זיך אויסשרײַען ווינטשעוואניעס, אויסזינגען ניגונים, איז דער אוילעם אוועק, מיט די זאסלאווסקיס אין דער מיט, אלעמאָל אין אן אנדער ריקודל. טאקע אין אן עמעסן, ווי אף א כאסענע.

ווי אף ארן בען כאִימס און סאָניע באס־ייִסראָעלס זילבערנער כאסענע.

א שרײַבער, טראכט איך, מוז ניט דאפקע ערגעץ ווײַט פאָרן אויסצוזוכן ליטעראַרישע העלדן. העלדן קאָנען זײַן בא דער האנט. אין הויז, ווו דו וווינסט צווישן נאָענטע דײַנע, צענדליקער — אין דײַן לעבנסוועג. דאָס איז שוין ניט קיין נײַס.

דער מאָלדאווישער פראָזע־שרײַבער וואסיליע גאלײַקו איז אנומלטן געווען אין לאזאָווסקער ראיאָן אף באגעגענישן מיט לייענער. פונעם דאָרף פעפען איז ער צוריקגעקומען מיט א פול מויל. כ'ווייס ניט, צי ער אליין, אראָן כאימאָוויטש זאסלאווסקי, האָט וועגן זיך אזויפיל גערעדט. גיכער האָבן דאָס אלץ, וועגן אראָן כאימאָוויטשן, דערציילט די פעפענער טוישעווים. גאלײַקו האָט געזאָגט, אז וועגן דעם דאָזיקן מענטשן גייען מאמעש אום לעגענדעס. דאָס איז א לעגענדארע פיגור אין דאָרף, — האָט גאלײַקו געזאָגט. און ער האָט מיך געראָטן צוצופאָרן אף א פאָר טעג קיין פעפען און אליין א קוק טאָן. כ'האָב געשוויגן. און גאלײַקו האָט, באווײַזנדיק אף מיר, א זאָג געטאָן א דריטן:

— אויב ער וועט וועגן דעם מענטשן ניט אָנשרײַבן, וועל איך אופהערן האלטן פון אים! און איך בין געפאָרן.

אין דאָרף פּעפּען האָבן ביז דער מילכאָמע געלעבט פּערציק ייִדישע מישפּאָכעס. פאַר־מאָגט אַן אייגן שולעכל, אַ כיידער, אַ ייִדיש ביבליאָטעקל פאַר יונגוואַרג. ייִדן, מיינסטנס ערדאַרבעטער, אַזוינע, ווי איך האָב אויבן, אין ערשטן קאַפּיטל, באַשריבן. אַ צוויי־דריַי באַל־מעלאָכעס, אַ פּאָר קרעמערלעך און אַפילע אַ ברייט־נעגידישע מישפּאָכע אין דאָרף, טוווּ־הענדלער, סאָכרים, מיטן נאָמען די ברידער קלינגער. פאַר די צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס די רומענער האָבן געהערשט אין בעסאַראַביע, איז אין פּעפּען אויסגעבויט געוואָרן איין־און־איינציקער בינין — אַ זשאַנדאַרן־פּאָסט. דעם שעף פון די זשאַנדאַרן, דעם שעף־דע־פּאָסט אַף רומעניש, האָט מען גערופן בורדיי — ער איז עס געוועזן דעמלט, קאָן מען זאָגן, דער גאַנצער ראָש אין דאָרף. אין די טויזנט פּעפּענער הויפן האָט מען געקאָנט אָנציילן אַ צוואַנציק־דריַי־סיק קוזיסטן. ערעוו וואַלן, דערציילט מען, האָט דער אַנטיסעמיטיזם־טעאָרעטיקער, דער פּאַ־שיסטישער „פּראָפּעסאָר” קוזאַ, גראָד אַהער, קיין פּעפּען, אַראָפּגעשיקט דאָס זונדל זיַינס אַף וואַל־אַגיטאַציע — די ריַיכע זשידאַנעס אין דאָרף די ברידער קלינגער קאָנען דינען אין דער וואַל־אַגיטאַציע פאַרן בעסטן ביַישפּיל. נאָר אַ ברודער פון די קלינגערס איז דעמלט אַ שטיקל צײַט געווען אין בעלץ אַ גאַנץ קנעפּל — אַזש סובפּרעפעקט. און ער האָט בורדייען באַפוילן, בורדיי זאָל די קוזיסטן ניט לאָזן וואַיעווען. בורדיי, דערציילט מען, מיט זײַנע פינף זשאַנ־דאַרן, האָט קוזעס זונדל אָפּגעשטעלט באַם סאַמע אַריַינפאָר אין דאָרף, און האָט דערנאָך, פאַר זײַן געטריַישאַפט, הייסט עס, און גוטברודערשאַפט מיט די קלינגערס אָנגעהויבן אַפילע הייסן אַן אויהעוו־ייִסראָעל.

אין פערציקסטן יאָר, אין ערשטן און איינציקן סאָוועטישן יאָר אין פּעפּען ביז דער מילכאָמע, האָט מען איין ברודער פון די קלינגערס אַרויסגעשיקט פונעם דאָרף. ער איינער איז פון דער גאַנצער מישפּאָכע קלינגער געבליבן לעבן. באַלד ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנ־געהויבן און דער שעף־דע־פּאָסט בורדיי, דער „אויהעוו־ייִסראָעל”, האָט זיך קיין פּעפּען אומ־געקערט, האָט ער מיט די פינף זשאַנדאַרן זײַנע אין ערשטן באַנאַכט אַראָפּגעשלעפּט פון די געלעגערס די גאַנצע מישפּאָכע קלינגער און זיי פאַרטאָג אַלע אויסגעשאָסן. דעם שעף־דע־פּאָסט האָבן צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט די צעווילדעוועטע צוואַנציק־דריַיסיק פּעפּענער קו־זיסטן. אין איינע פּאָר טעג זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן קימאַט אַלע פּערציק ייִדישע מישפּאָ־כעס. סאָניעס פּאָטער, רעב ייִסראָעל פּעפּענער, האָט איינער אַ קוזיסט, גראָד אַ שאָכן זייַ־רער, אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיט אַ סאַפּע, און דעם באַרמינען, דעם געקעפּטן רעב ייִסראָעלן, געשלעפּט אַף דער ערד איבערן גאַנצן דאָרף און אים אַריַינגעוואָרפן אין דער טיפער דאָר־פישער ריפּע — אין מיסט־גרוב.

סאָניע איז דעמלט געווען אַ פערצניאָריק מיידעלע. זי איז באַנאַכט אַוועק אַף די פעל־דער, געלעגן אַ האַלב־פאַרכאַלעשטע און ציטערנדיקע אין די פּאַפּשויעס, אופגעהויבן זיך און וויַיטער געלאָפן און אַלפּי־נעס דערזען אַפן וועג פאָרן אין אַ פורל אַרענען מיט זײַנע טאַטע־מאַמע. אַרן איז דעמלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. אַרענען און זײַנע טאַטע־מאַמע האָבן אויך שכיינים זייערע אויסבאַהאַלטן אַ נאַכט און אַ טאָג באַ זיך אין קעלער און זיי דערנאָך צוגעפירט אַף אַ פורל ביז צום טײַך רעוט — אַף יענער זײַט רעוט זײַנען נאָך גע־שטאַנען אונדזערע. אַרן און סאָניע און אַרנס טאַטע־מאַמע זײַנען אַריבערגעשוווּמען דעם רעוט, דערקראָכן צו די רויטאַרמייִשע פּאָזיציעס, און די רויטאַרמייער האָבן זיי אײַנגעהילט אין דעקן, באַרויִקט, אויסגעטריקנט און אָנגעהאָדעוועט, צוגעשטעליעט צו זיך און מיטגענומען זיי דערנאָך וויַיטער אַף זייערע מאַשינעס. אין דער עוואַקואַציע איז אַרן דורכגעגאַן אַגראָנאָם־קורסן, אין לעצטן מילכאָמע־יאָר געווען אַפן פראָנט. באַלד נאָך דער מילכאָמע האָבן אַרן און סאָניע, מאַן־און־וויַיב שוין, אומגעקערט זיך אַהיים. אָנגעהויבן דאָ, אין דער דויִרעסדיקער היים זייערער, אַ נײַ לעבן. וויַיטער שפּינען דאָ, אין דויר־דויִרעסדיקן פּעפּען, דעם דויר־דוי־רעסדיקן פאָדעם.

ס'ערשטע האָבן זיי אין דער טיפער דאָרפישער ריפּע אויסגעפּאָרפלט ביינער און די ביינער מעקאַבער געווען אין שטעטל טעלענעשט אַפן בעסוילעם. דערנאָך האָט מען פּאַריכט סאָניעס יערושע־שטוב. דערנאָך האָבן זיי, ווי זייער יערושעדיקער שטייגער איז, געטריַי אָנ־געהויבן האָרעווען. אַרן האָט אין די ערשטע פּאָר יאָר, ביז דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים אויס־געקליבן פאַר זייער קאָלווירט־פּאָרזיצער, געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין פּעפּענער דאָרפראַט, געענדיקט אין דער זעלבער צײַט הינטער־אויגיק אַף אַגראָנאָם. סאָניע איז געגאַנגען אַרבעטן אין דער דאָרפישער פּאָטשט, ווו זי אַרבעט אַלס פּאָרוואַלטערן אַדהײַנט.

דער סאָוועטישער געריכט האָט די צוואַנציק מערדער, די קוזיסטן, געמישפּעט. פאַר־שיקט, וועמען אַף צען, וועמען אַף פופצן און וועמען אַף פינף און צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. ווען רעב ייִסראָעל פּעפּענערס מערדער האָבן רעב ייִסראָעלס גוף געשלעפּט אַף דער ערד

איבערן גאנצן דאָרף, איז פון הינטן נאָכגעגאַן דעם מערדערס ווײַב און געסטראַשעט מענטשן מיט קולעקעס — אַזוי וועט מען טאָן אַלע ייִדן און אַלע פרײַנט זייערע. איידעס האָבן דאָס געזען און געהערט. ווײַבער זײַנען געשטאַנען אַף די שוועלן מיט פאַרבראָכענע הענט, נאָכגעשיקט דעם מערדער קלאָלעס און כאראָמעס. דער דאָרפּראַט האָט באַשטימט דעם מערדערס ווײַב פונעם דאָרף אַרויסשיקן. ארן זאַסלאַווסקי מיט צוויי יונגע דאָרפּראַט־אַקטיוויסטן זײַנען געקומען אין אַ באַנאַכט זי אופהייבן. קאָרטשענדיק זיך אײַנדרײַען, איז זי געפאַלן פאַר די פיס, געבעטן מעכילע, אָנגעהויבן זיך דערנאָך פּאַוואָליע אײַנפּאַקעווען, קלײַבן זיך, צי־ען, און איז פלוצעם אַרויס דורך אַ הינטערטיר אין הויף, אַרײַן אין דער פינצטערניש צווישן די בוריאַנעס, נעלעם געוואָרן, און מ׳האָט זי בעשום־אויפן ניט געקענט אָפּזוכן. דרײַ טעג און דרײַ נעכט איז זי געשטאַנען פאַרשטעקט אין אַ בייס־האַקיסע, געשטאַנען אונטערן לאָך־ברעטל ביז איבערן האַלדז אין בייס־האַקיסע־אומרייינקײַט. אַפן פערטן טאָג האָט זי זיך אַליין געיאַוועט אין דאָרפּראַט. ס׳האָט פון איר געאַווערט אַ מײַל די ווײַט. מ׳האָט זי שוין דערנאָך געלאָזט אין דאָרף. אין אַ מין יאָר אַרום איז זי געשטאָרבן.

דאָס אַלצדינג האָט מיר דערציילט אַראָן כאַימאָוויטש זאַסלאַווסקי.

קיין איין שורע אין ביז אַהער אָנגעשריבענעם איז ניט קיין צוגעטראַכטע. דער קויעך־האַדימיען האָט מיר דאָ ניט געטויגט. ער וואָלט, מעגלעך, נאָר געקאָנט קאַליע מאַכן. אַלקאָל־פּאָנעם, וואָלט ער אַף קיין האָר ניט געווען שטאַרקער פון די אַלע זאַכן, וואָס זײַנען אין אַן עמעסן פאָרגעקומען, און איך האָב זיי, פינקטלעך אַזוי ווי זיי זײַנען פאָרגעקומען, ניט מער ווי אופגעשריבן אַף פּאַפּיר.

אַראָן כאַימאָוויטש האָט מיך באַגעגנט אין זומערדיק־הייסן באַטאָג, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן קאָסטיום, דאָס העמדל אויסגעבונדן מיט אַ שניפּס. ער האָט זיך נאַרוואָס אומגעקערט פון אַ ראַיאָן־באַראַטונג. אַזוי־אָ שאַבעסדיק אָנגעטאָן איז ער געשטאַנען און עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט צוויי מענטשן, וואָס האָבן אויסגעלאָדן אַ מאַשין אַספאַלט.

פונעם פרישן אַספאַלט איז געגאַנגען אַ פּאַרע. די שוואַרץ־סמאָלעדיקע אַספאַלט־גרײַפּלעך האָבן אַף דער זון געגלאַנצט. אַרום און אַרום — אַספאַלט־רייעך. כ׳האָב ליב דעם רייעך פון אַספאַלט. דאָס וואָרט אַספאַלט האָט אין זיך קרויוויש מיטן וואָרט צעמענט. דערמאָנט מיר טאָמיד פיאָדער גלאַדקאָווס בוך „צעמענט”, וואָס כ׳האָב מאַמעש געשלונגען, געקוויקט זיך דערמיט, און בין נאָך עפּשער ניט גאָר געווען קיין גרויסער מייוון דערוף, ייִנגלווײַז.

די לעצטע עטלעכע טעג איז אַראָן כאַימאָוויטש, דער פאָרזיצער פונעם דאָרפּראַט, פאַרטאָן אין אַ נײַעם אײַנפאַל זײַנעם: טראָטוארלעך, אַספאַלט־טראָטוארלעך אין דאָרף.

אין אַלע דאָרפישע גאַסן, לענגויס די פּלויטלעך באַ די הויפן, גראָבט מען אָפּ די ערד, מע רעמלט אַרום די אָפּגעגראָבענע פּאַסן מיט ציגל, מע שיט אָן שטיינדלעך, מע פאַרגיסט זיי מיט אַספאַלט, און אין ביידע זײַטן גאַס ציִען זיך אַוועק שוואַרץ־גרויע אַספאַלט־סטעזשקעס, טראָטוארלעך.

מיר האָבן ביידע געשפּאַנט אַף די ניט לאַנג באַמעליקטע אַספאַלט־סטעזשקעס, און איך האָב זיך געקוויקט מיטן פרישן סמאָלע־רייעך. אַראָן כאַימאָוויטש האָט מיר אַ זאָג געטאָן, אַז פונקט אַזוי קוויקט ער זיך פון קלייענווײַז אוף מיט די רייכעס פון קי־מיסט. ער ווייסט ניט, עמעצער וועט עס עפּשער ניט קאָנען פאַרשטיין, נאָר אים ווײַזט זיך אויס, אַז קי־מיסט־רייעך איז דער אָנגענעמסטער רייעך אין דער וועלט. ער דערמאָנט זיך אין די פרײַטיקצונאַכטסן פון זײַנע קינדער־יאָרן, ווען די מאַמע פלעגט לעקאָוועד שאַבעס אָפּשמירן די „ערדן” באַ זיי אין שטוב מיט ליים, פאַרמישט אַף קי־מיסט. אין אַלע ווינקעלעך האָט געשמעקט מיט היים און מיט מאַמע. אַז ער קומט אָפּדערנאַכט נאָר אַרײַן אין שטוב, דערקענט באַלד דאָס ווײַב זײַנס, סאָניע, אַז ער איז שוין הײַנט ווידער געווען אַ פּאָר שאָ אַף די פערמעס: ער האָט ליב אָנצוזאַפּן זיך מיט די פערמע־רייכעס, מיט מילך־רייעך און קי־מיסט־רייעך. רייכעס זײַנען, אייגנטלעך, זאַכן באַדינגלעכע. גראָז־רייעך, ברויט־רייעך, לעדער־רייעך, ווײַן־רייעך, נאַפטרייעך און טאַקע שטאַל־רייעך. וואָס ווען עס געפעלט. דער פאָטער זײַנער, לעמאָשל, מאָש כאַיִם, ווי דאָס דאָרף פלעג אים רופן, האָט ביז פאַרשיקערטקײַט ליב געהאַט דעם שטויברייעך פון די ווייץ־זאַנגען באַם דרעשן דעם ווייץ. ער פלעגט זיך מאַמעש אָנטרינקען מיטן דאָזיקן רייעך, אײַנאָטעמען זיך אין אים, ווי אין בעסטן פּאַרפום. און ווו שטייט טאַקע געשריבן, אַז גראָד פּאַרפום איז דער קייסער פון די רייכעס? ס׳אַ באַדינגלעכע זאַך. לויטן רייכעס־געשמאַק באַ אַ מענטשן קאָן מען אַמאָל דערגיין, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, מיט וואָס

ער אָטעמט און מיט וואָס ער שמעקט, וואָס פאַר א לעבן ער לעבט און וואָס ער וויל פונעם לעבן.

ווען אראַן כאימאָוויטש וואָלט מיר אַזוינס ניט געזאָגט, וואָלט איך בעשום־אויפן אַזוינס ניט געקאָנט צוטראַכטן.

מיר זײַנען ביידע געזעסן אין זײַן דאַרפראַט־קאַבינעט און ווײַטער געשמועסט. ער האָט א קוועטש געטאָן א קנאָפּקע ערגעץ באַם טיש און געבעטן דעם דעזשורנע, וואָס איז שטיין געבליבן אַפן שוועל, אַרײַנברענגען א פרישע קרוג וואַסער. ער האָט פונעם קריגל אָנגעגאָסן דאָס וואַסער אין דער גלאָז מיט אַזא פײַערלעכקײַט, ווי כ׳וואָלט אַף דער דאָזיקער גלאָז וואַסער געדאַרפט מאַכן קידעש. ער האָט געקוקט, ווי איך טרינק, און מיט א שמייכעלע אַף די ליפּן, מיט אַזא מין ניצאַכן־שמייכעלע, האָט זיך מיר געדאַכט, מיך א פרעג געטאָן:

— נו?..

כ׳האָב עפּעס ניט פאַרשטאַנען דעם „נו”, נאָר ער האָט מיר באַלד פאַרטײַטשט:

— נו, וואָס זשע פאַר א מעווינעס ווערט איר זאָגן אַף אַזא־אָ וואַסער?

כ׳בין זיך מודיע: קיין גרויסער מייוון בין איך אַפּילע אַף קיין ווײַן ניט. אַלע ווײַנען האָבן בא מיר איין פּאָנעם — ווײַן. ביפראַט וואַסער. פּאַשעטע וואַסער. וואָס איז דאָ שײַעך מע־ווינעס.

— וואַסער. גוטע וואַסער. — האָב איך געענטפערט.

— ע, נע, — איז אראַן כאימאָוויטש ניט געווען צופרידן מיט מײַן אָפּשאַצונג, — גלאַט גוטע וואַסער? טרינקט, כ׳בעט אײַך, נאָכאַמאָל אויס א ביסל וואַסער און הערט אײַך גוט צו צו אים. טוט עס א טאַפּ מיטן גומען, מיטן שפּיץ צונג, פּאַסמאַקעוועט אײַך מיט אים.

— בעפּיירעש, א גוטער קאַלטער טרונק. — האָב איך געזאָגט.

— קאַלטקײַט איז ניט קיין כאַריפעס, — האָב איך אראַן כאימאָוויטשן אַלץ ניט צוגעטראָפן, — קאַלט קאָנען זײַן אַלע מינים וואַסערן. פּאַרקערט: אונדזער וואַסער, אַז מע טוט עס א ביסל א וואַרעם צו, צעשפּילט עס זיך ערשט דעמלט, ווײַזט עס ערשט דעמלט אַרויס, וואָס עס פאַרמאָגט. קוואַל־וואַסער, כאַווער. כוץ די מינעראַלן, פאַרן געזונט, פאַר אַלע אייוורים, האָט עס אין זיך אַלע טאַמען פון דער וועלט, פאַר דער נעשאָמע, ווי מע זאָגט. און ניט גלאַט אַזוי זיך קוואַל־וואַסער, נאָר דאָס סאַמע בעסטע, דאָס סאַמע געשמאַקסטע קוואַל־וואַסער. מיר האָבן עס אַנטדעקט בא איינעם א קאַלווירטניק אונדזערן אין הויף. א קליין קוועלכל, ס׳האָט קוים־קוים געטריפט דערפון. נאָר אַז מיר האָבן דאָס קוועלכל א צעגראָב געטאָן אין דער ברייט און אין דער טיף, האָבן פון די טיפענישן אָנגעהויבן זעצן קוועלכלעך אַף ניט אײַנצוהאַלטן זיי, הערמעטיש פאַרמאַכט מיט צוויי אײַזערנע פאַרשלאָסענע דעקלעך — אין איין מעסלעס קוועלן אָן אָהין צוואַנציק טאָן קוואַל־וואַסער. פון די באַסיינען האָבן מיר אונטער דער ערד אוועקגעצויגן איבערן גאַנצן דאָרף רערן, און יעדער קאַלווירטניק האָט זיך דעם קוואַל בא זיך אין שטוב. א דרייַ מיטן קרענטל — און טרינק, און קאָך, און פאַרנוץ דיר, צו געזונט, די קוואַל־וואַסער, וויפל דו ווילסט. מיר וועלן מיט אײַך צופאָרן אָהין, צו די צוויי קוואַל־באַסיינען אויך. ס׳איז, כ׳לעבן, קעדײַ א קוק צו טאָן.

מיר זײַנען דערנאָך געפאָרן מיט אראַן כאימאָוויטשן, אין זײַן דאַרפראַט־מאַשין, אָנקוקן די קאַלווירטישע באַלעבאַטישקײַט אַרום פעפען. מיר זײַנען אַרומגעפאָרן א דרײַ־פיר שאָ. די זון האָט שוין פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אַראָפּנידערן. די באַביימערטע טאָלן אונטן זײַנען טונקעלער געוואָרן, באַקומען אַן אָפּגעקילט טונקל־גרינעם קאָליר. די בערג און בערגלעך דאָ און דאָרט האָבן זיך ערשט איצט, פאַרנאַכט־צו, גוט אָנגעצונדן, באַגאָסן געוואָרן מיט גליִ־קער גאָלד־פאַרב. די מאַשין איז געלאָפן און געלאָפן צווישן אָן א שיר הויכע ווײַנשטאָקן, צווישן אָן אָן עק רייען עפּלביימער און בארנביימער. אינמיטן די סעדער, אונטער א לאַנגן דאַך אָן ווענט, א דאַך אַף הוילע סלופּעס, האָבן מיידלעך געפּאַקעוועט אין קעסטלעך פלוימען. אראַן כאימאָוויטש האָט מיר דערלאַנגט א פּאָר פלוימען צו פאַרזוכן מיט דער זעלבער פײַערלעכקײַט, ווי ער האָט מיר נאָרוואָס אויבן, אין זײַן קאַבינעט, דערלאַנגט די גלאָז וואַסער. צערעדט זיך וועגן דאָזיקן נײַעם פעפענער סאָרט פלוימען מיט דער זעלבער באַריידעוודיקײַט, מיט דער זעלבער זאַפטיקער האַנאָעדיקײַט. מיר זײַנען דורכגעפאָרן די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס. די מאַשין איז געלאָפן צווישן אָן א שיר רייען געלע טאַבאַק־„שטיבלעך”. אראַן כאימאָוויטש האָט מיר באַוויזן די מעכאַניזירטע „אייוונס”, ווו דער גרינער טאַבאַק ווערט אויסגעטריקנט אַף עלעקטרע. איז מיט מיר אַרײַנגעגאַנגען אין א גרויסן זאַל, ווו אַרום א קאָנווייער האָבן ייִנגלעך און מיידלעך די אויסגעטריקנטע טאַבאַק־בלעטער סאָרטירט, אויסגעגלעט, פּאַפּישעוועט, און מיט אַן אויטאָמאַטישער מאַשין, באַם סאַמע פונעם קאָנווייער, אײַנ־

געפּרעסט און אויסגעבונדן פּאַרטיקע טאַבאַק־פּעקלעך, גלײַך אַפּצושיקן זיי אין טאַבאַק־פּאַבריקן.

פּאַרנדיק, האָט מיר אַראָן כאַימאָוויטש אַ זאָג געטאָן, אַז פּאָר הויכע גערעטענישן, אי אַף די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, אי אין די סעדער און אין די ווײַנגאָרטנער, איז ער באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדן. דער איצטיקער קאָלווירט־פּאַריצער, האָט ער געזאָגט, איז אַ יונגער, אַ שילער זײַנער, קאָן עס הייסן, זייער אַ פֿײַקער, זייער אָן אָרנטלעכער, אַ פּאַשעטער, לאָזט זיך לערנען, פּרעגט באַ אים טאָמיד אייצעס. און ער, אַראָן כאַימאָוויטש, איז רויק — דער קאָלווירט איז אין גוטע הענט, ס'איז דאָ אַף וועמען זיך צו פּאַרלאָזן. דורכן אַראָפּגערוקטן מאַשין־פֿענצטערל האָט אַרײַנגעבלאָזן אַ ווינטעלע. ס'האָט געשמעקט מיט אָפּגעקילטן זומער־פּאַרנאַכט, מיט פּאַרנאַכטיקע פּעלד־רייכעס און סאַד־רייכעס, מיט רו, מיט ריינקײַט און ערנעכקײַט. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ניט יעדער איז זוכע, ווי אָט דער מענטש, לעם וועלכן איך זיץ איצט, אַ קוק צו טאָן באַם לעבן, פֿון דער זײַט, קאָן מען זאָגן, אַף דעם, וואָס ער האָט אין זײַנע יאָרן און טעג אָפּגעטאָן, און אַף דעם, וואָס עס וועט איבערבלײַבן נאָך אים, נאָכן סאָף פֿון זײַנע טעג.

נעכטיקן, פּאַרשטייט זיך, האָט מיך אַראָן כאַימאָוויטש גענומען צו זיך. דאָס ווײַב זײַנס, סאַניע, סאָפֿיע איזראַילעוונע, האָט אונדז ביידע באַזעצט באַם טיש אין דער באַוואַקסענער „בע־סעדקע" זייערער אין הויף, ערגעץ נאָענט לעבן באַרנבוים. זי האָט זיך אַרומגעבונדן די לענדן מיט אַ האַנטעך, און אין דער זומערדיקער קיך אָנגעהויבן פּרעגלען פּעפּערס, בראָטן בלאָווע, אַרופגעגעבן דערנאָך אַפֿן טיש פֿון הערן און געדענקען. אַ גוט ביסל רויטן ווײַן אַף אַ לע־כאַים, פּאַרשטייט זיך, אויך. די זאַסלאַווסקיס האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם אַלקער זייערן. סאָניע האָט מיר אויסגעבעטן אַ געלעגער, און פּאַרן לייגן זיך שלאָפֿן אַרײַנגעבראַכט מיר, האַכנאַסעס־אָרכעמדיק, אַ שיסל וואַסער אָפּצוּוואַשן זיך די פֿיס.

גאַנצפּרי זײַנען מיר מיט אַראָן כאַימאָוויטשן אַוועק צו די צוויי קוואַל־באַסיינען. צו זאַסלאַווסקיס קוואַל, ווי מע רופֿט די דאָזיקע קוואַל־באַסיינען אין דאָרף.

אַ קליין הויפֿל, אַרומגעצוימט אין אַלע פֿיר זײַטן מיט אַ הויכן פּלויט. ביימער־קרוינען אינווייניק, אַרום־און־אַרום דעם פּלויט. אַ הויכע טיר מיט אַ גרויסן שלאָס. ווי אין אַ מײַ־סעלע. אין אַ קישעף־מײַסעלע, האָט זיך מיר אַ דאַכט געטאָן.

מאָש צורקאַן, איינגאַנצן אַ ווײַסער — פֿון די ווײַסע האָר אַפֿן קאָפּ, די ווײַס־ווײַסע ברעמען, ביז אין לאַנגן ווײַסן העמד איבער אַ פּאָר ווײַסע הויזן — איז אַרויסגעקומען פֿון דער שטוב זײַנער, אונדז באַגעגענען, מיט אַ בינטל שליסלען אין דער האַנט און מיט אַן ערדן־קריגעלע אין דער צווייטער האַנט. כ'בין דאָ, זעט מען, ניט דער ערשטער. מאָש צורקאַן ווייסט שוין, אָן רייד, מיט וואָס מע דאַרף דאָ צו געסט אַרויסקומען.

אַראָן כאַימאָוויטש האָט מיר אַ זאָג געטאָן, אַז דאָ טאַקע, באַ מאָש צורקאַנען, האָט מען דאָס קוועלכל אַנטדעקט. איצט היט מאָש צורקאַן די קוואַל־באַסיינען אָפּ, האַלט דאָס הויפֿל טאָמיד ריין, האָט פּאַרזעצט אינווייניק ביימלעך, רויזן, גיט אַכטונג, קיין שטויבעלע זאָל אַהער ניט פּאַלן, באַקומט דערפֿאַר אין קאָלווירט כּוידעש־געלט.

מאָש צורקאַן האָט אופֿגעשלאָסן דעם שלאָס אַף דער טיר, אַראָפּגענומען די שלעסלעך פֿון די באַסיין־דעקלעך, די דעקלעך צעעפֿנט. כ'בין געשטאַנען און זיך געשפּיגלט אין דער קלאָר־דורכזיכטיקער קוואַל־וואַסער, אײַנגעקוקט זיך אין איר ביז אַראָפּ אין דער טיפֿקײַט. מאָש צורקאַן האָט אָנגעשעפּט דאָס קריגעלע, מיר עס דערלאַנגט ניט מיט קיין קלענערער פֿײַערלעכקײַט ווי אַראָן כאַימאָוויטש. קיין מעווינעס אָבער האָט ער מיך ניט געפֿרעגט. מע־ווינעס האָט ער אַליין געזאָגט:

— כ'בין, ווי איר קוקט מיך אָן, אויסגעוועזן אַ וועלט. געוועזן אין בודאַפּעשט, אין בוקאַ־רעשט, אין בערלין, און אין ערגעץ, אין ערגעץ האָב איך אַזאַ גוט וואַסער ניט געטרונקען. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז יעדער איינער וואָלט מינאַסטאַם אַזוינס געקענט זאָגן וועגן דעם וואַסער, וואָס ער טרינקט אַ גאַנץ לעבן. ניט יעדער איינער אָבער איז זוכע אַזוינס צו פֿילן.

איך, ווידער, האָב דאָס דאָזיקע פּאַשעטע וואַסער געפֿילט ווי אַ מין סימבאָל. זאַסלאַווסקיס קוואַל. קוואַל־וואַסער. מאַיִם־כאַיִם. לעבעדיק וואַסער. צי דאָס וואַסער פֿונעם לעבן. ווי־אַזוי מע זאָל עס ניט פּאַרטײַטשן, וועט עס זײַן גוט פּאַרטײַטשט.

מאקס ריִאנט

די צוגן קומען צו דער צײַט

ס׳האָט שוין שאַרײַעט אָף טאָג. די געדיכטע באַנאַכטיקע טונקלקײַט האָט ביסלעכווײַז גענומען צערינען. ווײַט באַם מיזרעד־ראַנד האָט זיך צוערשט באַוויזן אַ שמאָל ראָז פּאַסיקל און דערנאָך זיך אַלץ ברייטער צעשווומען איבערן בלויען לויטערן הימל, געוואָרן מיטאַמאָל פֿײַערדיק־צונטער, אָנזאָגנדיק, אַז דער טאָג וועט זײַן אַ זוניקער, אַ הייסער, ווי געוויינלעך אין די היגע דאָרעמדיקע ערטער.

נאָר דערווײַל, קאָלזמאַן די זון איז נאָך געלעגן באַהאַלטן, איז אין דרויסן געווען פֿריש און קילבלעך.

אָקאָרשט איז צום פֿעראָן פֿונעם וואָקזאַל מיט אַ הילכיקן צעצויגענעם פֿײַף צוגעקומען אַ פּאַסאַזשיר־צוג, און אין אַ ווײַלע אַרום איז דער ברייטער בײַוואָקזאַל־פּלאַץ געוואָרן רוישיק־אופגעלעבט פֿונעם אָנגעפּאָרענעם אוילעם. די אַקוראַט אונטערגעשאָרענע קורצע פּוכיקע קוסטעס, מע רופֿט זיי דאָ אָן „בעשאַגאַטשן", די בונטע בלומען אָף די הויכע קלומבעס, דאָס ווייכע סאַמעטענע גראָז — אַלץ איז געווען באַשפּרענקלט מיט לויטערע, ווי פּערל, פֿינקלענדיקע טוי־טראָפּנס.

וועמען איז דען ניט טײַער דער פֿריידיקער געפֿיל פֿון געמיטלעכער היימישקײַט אָפּן צוגעווינטן אָרט, ווו יעדן טאָג באַטרעט מען מיט פֿאַרגעניגן די היימישע ערד און מע איז ניט כוישעד אפילע, אַז עס וועט דאָ דורכגיין דאָס גאַנצע לעבן. און ווען עס קומט אַמאָל אויס ערגעץ אַוועקפֿאָרן, אפילע ניט אָף לאַנג, אָף געציילטע טעג, און מע קערט זיך אום צוריק, דאַכט זיך אויס, אַז עפּעס האָט זיך דאָ געביטן. ס׳איז געוואָרן ליכטיקער און שענער, און אין די אויגן וואַרפֿן זיך שפּאָגל־נײַע סימאָנים, כאָטש אינדערעמעסן זײַנען זיי אויך פֿריִער געווען, נאָר מע האָט זיי אין דער טאָגטעגלעכער פֿאַרהאַוועטקײַט, אין אײַלעניש ניט באַמערקט.

מיט אַזאַ געפֿיל פֿון היימישקײַט און באַנײַונג האָט אין דער פֿאַרטאָגיקער פֿריִער שאָ מונטער געשפּאַנט שוין ניט קיין יונגער מאַנצבל פֿון מיטעלן וווּקס, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן פּרענטש מיט גלאַנציקע מעשענע קנעפּ, אין אַ היטל מיט אַ ברייטן שוואַרצן פּלאַסטמאַסענעם דאַשעק. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, דערנאָך זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, צעשפּיליעט דעם פּרענטש, אַראָפּגענומען דאָס היטל, און די גלאַט פֿאַרקעמטע בלאָנדע האָר האָט דער ווינט אַ ביסלע צעפּאַטלט. ער האָט מיט נײַגער באַטראַכט דעם פּלאַץ אַרום וואָקזאַל, מיט האַנאָע אײַנגעזאַפּט אין זיך די אײַנדערפֿריִיִקע דופּטיקע פֿרישקײַט. ער איז געווען פֿאַרטיפֿט אין זײַנע מאַכשאָוועס.

— וואָלאָדיע! — האָט עמעצער אים אַ רוף געטאָן.

דערהערט זײַן נאָמען, האָט וולאַדימיר דובינסקי זיך טייקעף אָפּגעשטעלט, אַ רעגע זיך אַרומגעקוקט און דערזען זײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן.

— אַ, געדאַליע, ווי קומט איר אַהער?

— צום זון אין טאַשקענט פֿאָר איך. און איר?

— נאָרוואָס פֿון וועג.

— ווען קאָן איך זיך מיט אײַך טרעפֿן, וואָלאָדיע?

— וואָסי דען?

— איך דאַרף זיך האַלטן אַן אייצע.

דובינסקי האָט זיך אָף אַ רעגע פֿאַרטראַכט און געהייסן אַרײַנקומען מאָרגן נאָך מיטיק.

נאָר וולאַדימיר דובינסקי האָט געהאַט אַ טאָעס. ער האָט ניט געקענט וויסן אפילע, אַז אין איין ווײַלע קאָן זיך אַלץ בײַטן. געקומען אַהיים, האָט ער זיך אויסגעבאָדן, אָפּגעפֿרישט זיך אונטערן קילבלעכן דוש, געשמאַק איבערגעביסן און זיך נאָך דער מידער נאַכט צוגעאײַלט אַ ביסל אָפּרוען. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ טעלעפֿאָן־קלונג.

„ווער קאָן עס קלינגען אין אַזאַ ראַניצע?" — האָט ער מיט אַן אומרויִק געפֿיל אַ טראַכט געטאָן.

ס׳האָט זיך דערהערט די באַקאַנטע, עטוואָס הייזעריקלעכע שטים פֿונעם שעף פֿון דער דיספּעטשער־דינסט. וויקטאָר פּאַוולאָוויטש האָט מיטגעטיילט, אַז דער מאַשיניסט, וואָס

דאַרף לויטן גראַפיק פאָרן אין אָרדנטלעכן רעיס, איז פּלוצעם שלאָף געוואָרן, און אים, דובינסקין, וועט אויסקומען הײַנט פאַרנאַכט ווידער זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

דובינסקי האָט זיך בעפּיירעש געקאָנט אָפּזאָגן און ניט פאָרן. קיינער וואָלט אים פאַר דעם ניט געמאַכט קיין מינדסטן אויסרייד, ווײַל זײַן אומבײַט איז געווען ערשט אין א מעסלעס אַרום. נאָר ער האָט רויִק אויסגעהערט די ביטע און גוטברודעריש א זאָג געטאָן:

— אז מע דאַרף, וואָס איז שײַעך צו ריידן...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און געגעבן צו וויסן דער פרוי:

— הערסט, ליזע, פאַרנאַכט וועל איך מוזן ווידער פאָרן.

— פאַרוואָס?

ער האָט איר דערציילט די סיבע.

— ניטאָ דען קיין אַנדערער, וואָס זאָל פאַרבײַטן? טאָמיד ביסטו דאָס קאַפּאָרע־הינדל, — איז זי אופגעבראַכט געוואָרן.

ער האָט זי גענומען באַרויִקן. דאָס ווייפלטע מאָל שוין קומט אים אויס איר דערווײַזן, אז אַף דער אײַזנבאַן מוז זײַן אַן אײַזערנע דיסציפּלין, און ער טאָר ניט גיין קעגן, אַפילע ווען ער האָט אַף דעם רעכט. ער איז דאָך ניט גלאַט א מאַשיניסט, מע רעכנט אים צווישן די בעסטע אין דעפּאָ, און דערצו איז ער נאָך סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם עקספּלואַטאַציע־צעך.

ליזע ווייסט עס אָן אים אויך, פאַרשטייט גאַנץ גוט דעם איניען. פונדעסטוועגן קאָן זי מיט דעם ניט מאַסקים זײַן. און צוריק גערעדט, איז זי עפּשער גאָר גערעכט. פאַרוואָס דאַרף טאַקע איר וואָלאָדיע אָן איבעריקס מאָל זײַן אין רעיס? אײַ, וואָס עס פאַלט אַרײַן מער מיט א רובל, בייטיקן זיי זיך ניט אין דעם. מע פאַרדינט, קיין אײַנהאָרע, אַזוי אויך גענוג. בעסער וואָלט ער אָן איבעריקס מאָל זײַן אין דער היים. אַזוי טראַכט ליזע.

אין אַזעלכע רעגעס, ווען זי איז מיט עפּעס ניט צופרידן און ערגערט זיך, האָט ער א גוטע רעפּועע. מיט וואָס, מיינט איר, נעמט ער בא איר אויס? מיט א וואַרעם, האַרציק וואָרט, מיט א כאָכמע. אין אירע שוואַרצע אויגן לויכט באַלד אוף א מילד כיינעוודיק פײַערל. אַף איר פאַרברוינט געזיכט שפּרינגט אוף, ווי א זונ־העזעלע, א שמייכעלע.

— אָט אַזוי, ליזעניו, האָב איך דיך מער ליב, — נעמט ער זי אַרום, — זעסט גאָר אויס ייִנגער.

— אײַ, גיי שוין, לעץ מײַנער, — טוט זי אים קלוימערשט א שטופּ אָפּ, — זינט איך קען דיך, האַלטסטו זיך אין איין כאָכמענען.

— איז דען שלעכט? לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן, האָט געזאָגט שאָלעם־אַלייכעם. ווי זשע פאָלגט מען ניט אַזאַ קלוגן ייִדן? האַ, ליזע?..

ער טוט א קוק אַף איר מיט א מילדן בליק, ביידע שווײַגן א ווײַלע, פילנדיק זיך געמיטלעך און צופרידן.

צוויי רעיסן נאָכאַנאַנד אין איין מעסלעס איז גאָר ניט קיין לײַכטע זאַך. ווער־ווער, נאָר וואָלאַדימיר דובינסקי האָט עס אַף זיך אויסגעפּרוווט ניט איין מאָל. נאָר קיין גרויסע טוירע, האַלט ער, איז עס אויך ניט. מע דאַרף זיך נאָר גוט צוגרייטן, באַצײַטנס זיך אויסרוען, אָנעמען זיך מיט פרישע קויכעס, און אַלץ וועט זײַן בעשאָלעם.

אַן איין־און־איינציקן בריוו האָט וואָלאָדיעס פאָטער, יויסעף דובינסקי, באַוויזן צושיקן פון פּראָנט צו זײַנע אייגענע אין ייִשעוו ביראָקאַן, וואָס שפּרייט זיך אַף די ניט הויכע שיפּועדיקע בערג בא דער סאַמע אײַזנבאַן, ניט ווײַט פון ביראָבידזשאַן. אינגיכן איז אָנגעקומען אַן אָפיציִעלע מיטיילונג וועגן דעם, אז דער אָפיצער דובינסקי איז העלדיש געפאַלן אין די שלאַכטן הינטער וואָראָניעזש.

וואָלאָדיען איז דעמלט געגאַנגען דאָס פערצנטע יאָר. ער איז געווען דער עלטסטער פון די פיר פיצלעך קינדער, וואָס זײַנען פאַרבליבן אַף די הענט בא דער מאַמען, און ער איז אַוועק אַרבעטן אין דער היגער פּאַפּיר־פאַבריק.

וואָלאָדיע האָט געטאָן אַלץ, וואָס מע האָט אים געהייסן, געשלעפּט די מאַסע, פון וועלכער מע מאַכט פּאַפּיר, צו די הויכע מוירעדיקע גרויסע און טיפע טשאַנען, געשטאַנען גאַנצע טעג אין דער נאַסקײַט און געוויקלט אַף די ברייטע וואַליקעס די דורכגעזאַפּטע מיט פײַכטן דאַמף פּאַפּיר־סטענגעס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי לאַנגע גרויע לײַוונטן.

נאָר לאַנג איז אים אַף דער פאַבריק ניט אויסגעקומען צו האָרעווען. ער האָט דערהערט, אז אין אָבלוטשיע עפנט זיך א פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שול און מע וועט דאָרט גרייטן פאַכלײַט פאַר דער אײַזנבאַן. די דאָזיקע נײַס האָט אים בעעמעס דערפרייט. ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי ער שטייט מײַסע באַלעבאָס אין לאָקאָמאָטיוו־בײַדל, קוקט אַרויס פונעם אָפענעם פענצטערל, דער ווינט שווייבערט זײַנע בלאָנדע ווייכע האָר, פרישט אָפּ דאָס פּאָנעם, און דער צוג פליט אײַליק אין דער אומענדלעכער ווײַט, די רעדער קלאַפּן אָפּ אַף די שטאָלענע רעלסן א ריטמיש געזאַנג, און אָפן האַרצן איז אָנגענעם און פריידיק, ווי בא א גרויסער סימכע.

און וואָלאָדיע איז אָנגעקומען זיך לערנען. מע האָט אים, ווי אַלעמען, געגעבן אַן אָרט אין צוזאַמענוווינונג, וועלכע האָט זיך געפונען ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל, אַפן בארג. פון דאָרט האָט מען געזען די אײַזנבאַן־סטאַנציע, — די אײַליק דורכלויפנדיקע פײַפנדיקע צוגן, די ווײַס־אויסגעקאַלכטע נידעריקע הײַזלעך אינעם ברייטן טאָל, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פּאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך.

די זעקס כאַדאָשים זײַנען דורכגעפלויגן אומבאַמערקט. צוערשט איז וואָלאָדיע געוואָרן אַ הייצער, דערנאָך אַ געהילפס־מאַשיניסט, און אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט ער גענומען אַליין פירן צוגן, עמעס, מיט קליינע פּראַכטן און אַף נאָענטע שטרעקעס. אָבער דערנאָך איז אַלץ אַוועק, ווי בא אַ געניטן מאַשיניסט.

די מילכאָמע איז געווען אין פולן ברען, מע האָט באַדאַרפט אַריבערפירן אַלץ מער און מער פּראַכטן. וואָלאַדימיר דובינסקי איז געקומען צום שעף פון דעפּאָ און קורץ געמאָלדן:

— איך וויל אויך פירן שווערוואָגיקע צוגן.

— מאָלאָדיעץ, — האָט יענער אים אַ לויב געטאָן. — און וויפל אַרבעטסטו אַפן לאָקאָמאָטיוו?

— אַ נאַפּקעמינע וויפל!..

— פונדעסטוועגן?

— קימאַט אַ האַלב יאָר.

— דו מיינסט, עס איז גענוג?

— ניט אַלץ מעסט מען מיט דער צײַט, — האָט פעסט אַ זאָג געטאָן דובינסקי.

און ער האָט זיך זײַנס דערשלאָגן. פאַרן אַרויספאָרן אין ערשטן רעיס מיט אַזאַ צוג האָט ער גענוי דורכקאָנטראָלירט, ווי עס אַרבעט דער קעסל, ווי האַלט עס מיטן דאַמף־דרוק און צי די וואַגאָנען זײַנען אַקוראַט און פעסט צוגעקייטלט.

— וואָלאַדימיר, איך האָב דאָך נאָרוואָס דורכגעקוקט. אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָט פאַרזיכערט זײַן געהילף, אויך אַ יונגער כעוורעמאַן.

— ע, ברודערקע, אַן איבעריק מאָל אַ קוק טאָן שאַט ניט.

ער איז זיך דורכגעגאַנגען לענגויס די וואַגאָנען, אַ טאַפּ געטאָן די בוקסעס און, אומקערנדיק זיך צום לאָקאָמאָטיוו, צופרידן אַ זאָג געטאָן צום געהילף:

— ביסט גערעכט, ברודערקע, אַלץ איז אין אָרדענונג, אַף דיר קען מען זיך פאַרלאָזן.

דער צוג האָט זיך פײַל־אויסן־בויגן געטראָגן פאַרבײַ די פערעגאָנען. דובינסקי איז געשטאַנען באַם פענצטערל, נאָכגעשפּירט נאָכן רעליעף פונעם וועג, און דעם געהילף זײַנעם האָט ער געהייסן ניט אַרויסלאָזן פון אויג די מאַכשירים: טאָמער עפּעס־וואָס ניט אַזוי, געבן באַלד צו וויסן.

דער רעיס איז דורכגעגאַנגען פּינקטלעך, אָן קיין שום אָפּנייגונגען. „דעם ערשטן עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן“, — האָט ער בא זיך צופרידן אַ טראַכט געטאָן, און אַפן האַרצן איז געוואָרן ליכטיק, ווי אין אַ גרויסן יאָמטעוו.

„אַ פיש זוכט ווו טיפער, און אַ מענטש ווו בעסער“ — אַזוי זאָגט אַ גלײַכווערטל. וואָלאַדימיר דובינסקי איז ניט פון די, וואָס זוכן „ווו ס'איז בעסער“. פון קינדווײַז אָן איז ער געוווינט אַרבעטן ערלעך און געטרײַ, און ער קוקט ניט אַרויס אַף קיין לײַכטע פאַרדינסטן. ער ווייסט, אַז קאָוועד און צוטרוי פאַלן ניט פון הימל, מע דאַרף עס קאָשער פאַרדינען.

ווען ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען קיין סאַמאַרקאַנד, האָט אים קיינער דאָ ניט געקענט, און קיין „פּראָטעקציעס“ האָט ער פון קיינעם ניט דערוואַרט.

ער איז אַרײַן אין לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ און געמאָלדן:

— איך בין אַ מאַשיניסט און וויל דאָ אַרבעטן.

דער שעף פונעם קאַדרען־אָפּטייל, אַ יונגע מיידלע פּרוי, האָט אַרײַנגעקוקט אין זײַנע דאָקומענטן און צופרידן אַ שמייכל געטאָן:

— ווו האָט איר עס אָנגענומען אַזויפיל דאַנקבאַרקײַטן?

— אַפן ווײַטן מיזרעך, מע גיט דאָרט וויפל מע וויל, — האָט דובינסקי אַ שפּאַס געטאָן, און דערנאָך שוין ערנסט צוגעגעבן: — מע דאַרף גוט אַרבעטן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז וואָלאַדימיר דובינסקי געזעסן שוין מיט די אַנדערע מאַשיניסטן אינעם געראַמען ליכטיקן קאַבינעט באַם שעף פון דעפּאָ באָריס וואָלטשאָק.

געגאַנגען איז אַ רייד וועגן דעם, אַז קאָלזימאַן די לאָקאָמאָטיוון געפינען זיך אין וועג, איז אַלץ וווּיל, און ווי נאָר מע קייטלט זיי אָפּ, אָרט שוין קיינעם ניט, וויפל זיי וועלן אָפּשטיין, קיין קאָנטראָל איז ניט אײַנגעשטעלט.

אַף דער פּלאַניאָרקע זײַנען אַרויסגעטראָטן קימאַט אַלע. יעדערער האָט געזוכט אַן אויסוועג פון דער געשאַפענער לאַגע.

— נו, און איר, יונגערמאַן, וואָס וועט איר דערויף זאָגן? מע האָט מיר דערציילט, אַז איר זײַנט גאָר פון די ווײַטע מעקוימעס, — האָט דער שעף פון דעפּאָ היימיש אַ פרעג געטאָן.

דובינסקי האָט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן — וואָס זאָל ער זאָגן? — נאָר זיך טייקעף גענומען אין די הענט, דערציילט גענוי וועגן דעם, ווי עס האָט געהאַלטן מיט אָט דעם איניען אין דעפּאָ,

װלאַדימיר דובינסקי

װי ער האָט פֿריִער געאַרבעט, אַרײַנגעטראָגן אויך זײַנע פֿאָרשלאָגן.

װען די פּלאַניאַרקע האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט דער שעף געבעטן דובינסקין זיך א ביסל פֿאַרהאַלטן.

— זײַנט איר, הייסט עס, א געװעזענער ביִ־ראָבידזשאַנער טױשעװ?

— װי איר זעט, — האָט װלאַדימיר א שמייכל געטאָן. — און איר זײַנט דאָרט געװען?

— ניט אויסגעקומען, נאָכן קיִעװער אינס־טיטוט האָט מען מיך געשיקט אַף דער מיטל־אַזיאַטישער אײַזנבאַן, זיך דאָ פֿאַרזעצן, װי אַן אַלטע מויד, — האָט א שפּאַס געטאָן װאָל־טשאַק. — געװאָרן שיִער ניט אַן אָרטגעבױרע־נער. עמעס, יידיש האָב איך שוין א ביסל פֿאַרגעסן, נאָר מיט די אויבעקן רייד איך אַף זייער לאַשן.

באָריס װאָלטשאַק איז א בעקאָװעדיקער אײַזנבאַנלער. ער איז באַערט מיט א לעניִן־אָרדען, מיט אַן אָרדען פֿון דער רױטער אַר־בעטס־פֿאָן און מיט אַנדערע רעגירונגס־באַ־לױנונגען. קימאַט אַלע זײַנע יאָרן האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער היגער אײַזנבאַן־אָפּטיי־לונג. מיט פֿינף יאָר צוריק איז ער אַװעק אַף פּענסיע, נאָר קיין איין טאָג נאָך ניט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

— א װוילער האַרציקער מענטש און א גרויסער קענער אין אונדזער פֿאַך, — דער־ציילט װלאַדימיר דובינסקי. — ער העלפֿט מיר זייער פֿיל, מיט אים האַלט איך זיך טאָמיד און אייצע.

אַנומלטן איז דובינסקי אַרײַנגעקומען צום שעף פֿון דעפּאָ מיט א טײַנע:

— טוט נאָר א קוק, װאָס עס טוט זיך. שױן א װאָך צײַט װי מע מאַכט צורעכט דרײַ לאָ־קאָמאָטיװן, און מע זעט קיין סאָף ניט.

— װאָס זשע לייגסטו פֿאָר?

— איך האַלט, אַז די מאַשיניסטן און זייערע געהילפֿן קאָנען שענקען א פּאָר פֿרײַע שאָ און העלפֿן די רעמאָנטלער.

— א גוטע אייצע, — האָט אונטערגעהאַלטן װאָלטשאַק.

װלאַדימיר דובינסקי איז טאָמיד פֿאַרטאָן אין זײַנע איניאַנים, ער טראַגט זיך אַרום מיט פֿאַרע שלאָגן און שפּאָגל־נײַע פֿאַרטראַכטן.

— װי געפֿעלט אײַך אַזאַ מײַסע? — דער־ציילט ער מיר. — מע האָט זיך אויסגעלערנט פֿירן שװערװאָגיקע צוגן. איז אַדראַבע, זייער װויל. טרעטן דאָך אייניקע מאַשיניסטן אַרויס קעגן דעם, מע זאָל זיי העכערן די נאָרמעס. מע דאַרף, — טײַנען זיי, — צוצאָלן פֿאַר אַרײַ־נבערפֿירן צוגאָבלעכע פּראַכטן און ניט ענדערן די נאָרמעס. נו, װי געפֿעלט אײַך אַזאַ עגאָיִזם?

שױן באַלד זעקס יאָר, װי דובינסקי איז סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿו־נעם עקספּלואַטאַציע־צעך. כוץ דעם, איז ער א מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי־ביוראָ פֿון דעפּאָ, באַטייליקט זיך אין פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע, קאָמונאַל־שטײַגערישע קאָמיסיעס. פֿאַר די לעצטע פֿאַר יאָר האָט מען געעפֿנט א קאָמבי־נאַט פֿאַר שטײַגער־באַדינונג, אַן אָפּרו־הויז פֿאַר די מאַשיניסטן, פֿיל אַרבעטער האָט מען אויסגעטיילט ערד־באַצירקן, און זיי האָבן אויפֿ־געבױט פֿאַר זיך װוילע דאַטשעס. אין דעם אַלעמען האָט ניט װייניק קויעך און מי אַרײַנ־געלייגט װלאַדימיר דובינסקי.

א מעכטיקער פּראָזשעקטאָר כאַפּט אַרויס פֿון דער באַנאַכטיקער געדיכטער פֿינצטערניש די שטאָלענע רעלסן, װי צוויי בלאַנקענדיקע שמאָלע פּאַסן. ער לאָזט זיי ניט אַרויס פֿון זײַן בלענדיקן אויג, און זיי פֿאַרשװינדן ניט, ציִען זיך ערגעץ אין דער אומענדלעכער װײַט.

עטװאָס זיך אַרויסגערוקט פֿונעם לאָקאָמאָ־טיװ־פֿענצטערל, שפּירט אופֿמערקזאַם נאָכן װעג דער עלטערער מאַשיניסט װלאַדימיר דו־בינסקי. דער װעג־רעליעף אפֿן באַצירק, װאָס זײַן בריגאַדע באַדינט, איז ניט קיין גלאַטער: באַרג־אַרוף און באַרג־אַראָפּ. מע דאַרף זײַן זייער און זייער פּאָרזיכטיק, ביפֿראַט נאָך בײַ־נאַכט. די ריִע, דער געהער דאַרפֿן זײַן אָנגעצ־

שפּיצט, זייער פּילבאַר, אַפילע ווען אַלע מאַכ־
שירים פונקציאָנירן פּינקטלעך און ראַיעל.

דובינסקי האָט אין דעם אַן אָנונג, ווייסט וווּ־אײַן, וווּ־אויס און פילט מיט אַלע זײַנע כו־שים די מינדסטע קלייניקייט, די קלענסטע אָפּ־ווײַכונג אינעם גאַנג פון דעם צוג. פון צײַט צו צײַט גיט ער אַ קורצע פאַראָרדענונג זײַן געז־הילף באָריס קאַשטאַנאָוו, יענער זאָל אַ קער טאָן דעם רעווערס אַף לינקס אָדער אַף רעכטס, אָפּהענגיק פון דעם, ווי עס גייט דער וועג און מיט וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג עס דאַרף אַרבעטן די דיזעל־מאַשין.

פונדערווײַטן דערהערט זיך אַ הילכיקער לאָ־קאָמאָטיוו־פּײַף, און באַלד באַווײַזט זיך אַ פּאַ־סאַזשיר־צוג, וואָס פליט מיט אַ האַסטיקער גיכקייט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. וולאַ־דימיר דובינסקי קוקט זיך אײַן מיט זײַן שאַרף געניט אויג און דערזעט, ווי באַ איינעם אַ וואַ־גאָן זײַנען די רעדער אַרומגעכאַפּט מיט אַ פלאַם־פײַער און טשאַטעס גליִענדיקע פונקען טראָגט דער ווינט אָפּ צו די אַנדערע וואַגאָנען.

— די בוקסעס ברענען, — זאָגט דובינסקי, — מע דאַרף געבן צו וויסן דעם מאַשיניסט.

און ער גיט איבער אַ קורצע ראַדיאָגראַמע: „עס ברענען די בוקסעס באַם מיטלסטן וואַ־גאָן”.

און באַלד דערהערט זיך אין טרײַבל: „אַלץ פאַרשטאַנען, דעם צוג שטעלן מיר אָפּ. אַ דאַנק פאַר דער וואָרענונג”.

דובינסקי באַרויִקט זיך און כאַפּט איבער דעם אָטעם. ער ווייסט גוט, מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיקן, ווען עס ברענען די בוקסעס. יעדע רעגע איז טײַער.

אַף מאָרגן איז אינעם דיספּעטשער־צימער געהאַנגען אַ גרויסער פאַרביקער פּלאַקאַט: „נעכטן, בײַסן אָרדנטלעכן רעיס, האָט דער עלטערער מאַשיניסט וולאַדימיר דובינסקי גע־ראַטעוועט פון אַן אַוואַריע אַ פּאַסאַזשיר־צוג. אים איז געמאָלדן אַ דאַנק. כאַווײרים! זײַט וואַכזאַם אַזוי, ווי וולאַדימיר דובינסקי”.

— פאַרשיידענע פּאַסירונגען טרעפן זיך אַף די רעלסן, — דערציילט דובינסקי און דער־מאָנט זיך, ווי אינמיטן וועג האָבן זיך פּלוצעם אָפּגעקײַלט עטלעכע לעצטע וואַגאָנען. גוט, וואָס די בריגאַדע זײַנע האָט באַלד דערזען, און אַלץ איז אַדורך בעשאָלעם.

אַן אַנדערס מאָל האָט זיך אַף איינעם אַ באַצירק נאָך אַ גרויסן שלאַקסרעגן אָראָפּגע־זעצט דער וועג־אָנשיט, און ווען דובינסקי וואָלט עס באַצײַטנס ניט באַמערקט, ווער ווייסט מיט וואָס עס האָט זיך געקאָנט ענדיקן.

וועגן דער געפאַרלאָזיקײַט פון דער צוגן־באַוועגונג רעדט מען אין דעפּאָ גאַנץ אָפּט, נאָר וויפל מע זאָל ניט טײַנען, איז ניט איבער־ריק נאָכאַמאָל דערמאָנען די קלאָלים, וואָס יעדערער ווייסט שוין דאָ אַף אויסווייניק.

וולאַדימיר דובינסקי איז אין אָט דער זאַך גוט באַהאַוונט, פונדעסטוועגן פאַרלאָזט ער זיך ניט אַף זײַנע קענטענישן, אַף זײַן אָנגעזאַמל־טער דערפאַרונג. אָפּט קאָן מען אים זען אין טעכנישן קאַבינעט, ווו עס הענגען אָן אַ שיר פאַרביקע געמעלן און צייכענונגען, וואָס גיבן צו וויסן, וויאַזוי צו פירן צוגן זיכער און אויס־מײַדן אַ געפאַר.

אַנומלטן איז בײַס אַ שמועס מיטן סעקרע־טאַר פון דער פּאַרטיי־ביוראָ מיראָנאָוון מיט קויִעך איינעם אַן איניען געקומען צו רייד וועגן דער טעכנישער לער פון דער יוגנט.

— לאָמיר עפּשער עפענען אַ שול פון פאָר־געשריטענער דערפאַרונג. ווי האַלטסטו, גענאַ־די טימאָפייעוויטש? — האָט פאָרגעלייגט דו־בינסקי.

— אַדעראַבע. — און, פאַרטראַכטנדיק, זיך אַף אַ ווײַלע, צוגעגעבן: — נאָר מיט איין טנײַ...

— מיט וואָס פאַר אַ טנײַ?

— אָנו, זײַ אַ נאָווי און טרעף אַליין.

— מיסטאַמע טראַכסטו שוין מיר געבן נאָך איין אופּטראַג, — האָט זיך אַלץ געוואָלט דער־קונדיקן דובינסקי.

— אײַ, אַ כאָכעם, דאָס מיין איך טאַקע. דו זאָלסט איבער דער שול נעמען שעפטום.

און אָט איז שוין אַ פּאָר יאָר, ווי דובינסקי לערנט דאָרט די יוגנטלעכע. ער אינטערעסירט זיך ניט נאָר מיט דעם, וויאַזוי זיי אַרבעטן, נאָר אויך וויאַזוי זיי לעבן און פאַרברענגען די פרײַע צײַט, וועגן וואָס זיי טרוימען. און טאָמער בייטיקט זיך עמעצער אין הילף, פאַר־שרײַבט ער אין זײַן בלאָקנאָטל און פאַרגעסט ניט גאָרנישט. ער גיט מיר אַ קוק טאָן זײַנע פאַרנאָטירונגען. קורץ און שאַרף. פון וועמען און וועגן וואָס. ווי אַ דערמאָנונג. און אַלץ, וואָס עס איז געלייזט און מע דאַרף זיך שוין צו דעם מער ניט אומקערן, איז אָפּגעמערקט מיט אַ באַזונדערן צייכן.

איך לייען:

„גענאַדי מאָנאַסטירסקי: דורכפירן אַ וואָ־סערלייטונג צום אָרט, ווו מע פאַריכט די לאָ־קאָמאָטיוון”.

„באָריס קאַשטאַנאָוו: אײַנאָרדענען דאָס קינד אין קינדערגאָרטן”.

„זאַקיר איבראַגימאָוו: העלפן מיט אַ פור טיאַוקע אין סאַנאַטאָריי”.

און נאָך און נאָך: ביטעס, פאַרשלאָגן, אייִ־צעס. נאַטירלעך, ניט אַלץ קאָן מען מיטאָמאָל לייזן. מע דאַרף געדולד, אַקשאָנעס און צײַט. נאָר דובינסקי רעכנט זיך ניט מיט גאָרנישט. און אויב ער איז זיכער, אַז מע איז גערעכט און עמעצער שטעלט אונטער „פּיסלעך”,

ברעכט דעם געזעץ, וועט ער זיך ניט באַרויִקן, ביז ער וועט זיך ניט דערגרונטעווען צום עמעס און ניט לייזן אַף אַ גערעכטיקן אופן דעם איניען.

— אַן ערלעכער, אַ ווילער מענטש, — אַזוי רופן זיך אָפּ וועגן דובינסקין אַלע, ווער עס ווייסט אים.

ניט איין מאָל האָב איך פון אים געהערט אַזעלכע ווערטער:

— אייגנטלעך, צוליב וואָס לעבן מיר, צוליב זיך אַליין? אַ מענטש אָן אַן אַנדער מענטשן, אָן אַ פרײַנט איז ווי אַ זעמדעלע אַפן ווינט.

אים איז שוין אַריבער פופציק, נאָר ער זעט אויס אַ סאַך ייִנגער פון זײַנע יאָרן. טאָמיד אַ ברויזיקער, אַן ענערגישער, מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, איז ער פול מיט הייסן גלויבן אין לעבן, אינעם הויכן באַרוף פון אַ מענטשן אַף דער ערד.

איך האָב אָנגעקלונגען צו דובינסקין. לעכאַטכילע האָב איך זיך געהאַט צונויפגערעדט, מיר זאָלן זיך טרעפן אין אָט דעם אָוונט.

— איך מוז זיך אַנטשולדיקן, — האָב איך דערהערט זײַן קאָל. — אין אונדזער אײַזנבאַן־קלוב פירן מיר הײַנט דורך אַ יוגנט־אָוונט, דאַרף איך אַרויסטרעטן. שאַט, עפשער וועט איר אויך קומען. עס וועט געדויערן ניט לאַנג, מיר וועלן נאָך קענען זיך דורכשפּאַצירן.

איז ווי זשע קאָן מען ניט אויסנוצן אַזאַ געלעגנהײַט?

צום וואָקזאַל פירט די גלײַכע אָקטיאַבער־גאַס. לעצטנס קאָן מען זי ניט דערקענען, אַזוי איז זי באַנײַט און פײַן געוואָרן. די אַמאָליקע ליימענע קיביטקעס מיט די הויכע דוואַלן און איינצלנע קליינע הײַזלעך זײַנען נעלעם געוואָרן, און אַף זייער אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ נײַער; שוין היפּש באַוווינטער מיקראָראַיאָן מיט ליכטיקע הײַזער, באַפּוצטע מיט אַ בונטן נאַציאָנאַלן אוזבעקישן אָרנאַמענט.

וולאַדימיר דובינסקי וואַרט שוין אַף מיר, און מיר לאָזן זיך בײדע גיין צום אײַזנבאַן־קלוב. ווען מע קומט אַהין אַרײַן, וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן אַ גרויסער פאַרביקער טאָוול מיט אַן אויפשריפט פון אויבן: „אונדזערע אַרבעטס־וועטעראַנען”. אַף איינער פון די אַרויסגעשטעלטע פאָטאָגראַפיעס דערזע איך דובינסקין. ער איז אָנגעטאָן אין אַ פרענטש פון אַן אײַזנבאַנלער, דאָס היטל מיטן ברייטן גלאַנציקן דאַשעק איז עטוואָס אַראָפּגערוקט אַף אַ זײַט, ווי בײַ אַ בראַוון כעווערמאַן, קלוגע כיינעוודיקע אויגן, און אַף די דינע, עטוואָס צעצויגענע ליפּן — דער באַקאַנטער שמייכל.

— נו, וואָס האָט איר זיך אַף מיר אָנגעשטעלט, — טוט ער מיך אַ צי בײַ דער האַנט. — איר דערקענט מיך דען ניט?

איך דערזע, ווי זײַנע באַקן ווערן רויטלעך, און פאַרשטיי, אַז ער קאָן ניט פאַרלײַדן, ווען מע גיט אים אָפּ צופיל קאָוועד. עס גייט צו דער פּראָפּאָרג לעגיי און טיילט מיט:

— נאָרוואָס באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דער אײַזנבאַן־אָפּטיילונג, אונדזער דעפּאָ איז אַרויס אַ זיגערן אינעם געוועט, די ערשטע פּרעמיִע!

אין זאַל האָט זיך שוין צונויפגעקליבן אַ היפּשער עולעם, באַלד הייבט זיך שוין אָן דער אָוונט. נאָר דובינסקי קאָן זיך אַלץ ניט אַרויסרײַסן פונעם ענגן קרײַז כעווורע, וואָס שטייען פון אים ניט אָפּ, דערציילן אים עפּעס, פרעגן אויס. ער האַלט זיך מיט זיי היימיש, צוגעלאָזט, וויצלט זיך. און עס איז צו זען, אַז זיי האַלטן פון אים שטאַרק.

...דער אָוונט האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן, עס איז שוין געווען שפּעטלעך. דובינסקי האָט מיך באַגלייט צום אויטאָבוס, און מיר האָבן געהאַט נאָך גענוג צײַט פאָרצוזעצן אונדזער שמועס.

— ווילע כעווורע, מיט זיי קאָן מען בערג איבערקערן, — האָבן געקלונגען אין דער באַנאַכטיקער שטילקײַט זײַנע ווערטער. — מע דאַרף נאָר קענען זיי פאַרשטיין און אַ ריכטיקן צוגאַנג האָבן.

אַלע אין דעפּאָ האָבן באַלד באַמערקט און זיך געוווּנדערט: ווי קומט עס, וואָס וולאַדימיר דובינסקי, וועמען מע איז געוווינט צו זען טאָמיד מונטער און לוסטיק, גייט אַרום אַ פאַרומערטער און אַפילע אַ בייזער?

— וואָס האָט געטראָפן, איר זײַנט עפּעס ניט מיט זיך? — האָט אים געפרעגט זײַן געהילף.

דובינסקי האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, ווי איינער רעדט: אַ פאַרפאַלענע זאַך.

יאָ, פאַר אים איז עס געווען גאָר אומדערוואַרט, ווי אַ טשמעליע אין קאָפּ: אַ פאַראָרדענונג אַריבערגיין אַף פּאַסאַזשיר־צוגן.

— סטײַטש, — האָט ער גענומען דערווידערן, — וויפל יאָר פיר איך שוין שווערוואָגיקע צוגן, און נאַ דיר גאָר, פּאַסאַזשיר־צוגן!

ער איז אַוועק צום שעף פון דעפּאָ.

— איך פאַרשטיי ניט דײַן אויפגעבראַכטקײַט, — האָט דער שעף אונטערגעשמייכלט. — ערשטנס, וואָלאָדיע, האָבן מיר וועגן דעם מיט דיר אַנומלטן גערעדט, וועסט ניט אָפּלייקענען, מיין איך. צווייטנס, איז פירן פּאַסאַזשירן מער פאַראַנטוואָרטלעך, איידער פראַכטן. און מיר

נייטיקן זיך איצט אין אזעלכע געניטע מאשיניסטן, ווי דו. אין דער רעשימע, ווייסטו דאָך, זײַנען צוגעקומען נאָך עטלעכע רעיסן פאר פאסאזשיר־צוגן. פארשטאנען?

דובינסקי האָט ניט געוואָלט אײַנגיין אף אזא בײַט, אָבער וואָס איז דאָ געווען צו טאָן: די פאראָרדענונג וועט מען מוזן אויספילן.

— אויב דו ווילסט, — האָט מען אים דערנאָך פאָרגעלייגט, — קאָנסטו פאריינס אמאָל אויך פארבײַטן די מאשיניסטן אף די פראכט־צוגן. מאלע־וואָס עס מאכט זיך, עמעצער ווערט קראנק, אָדער עס טרעפט עפּעס אנדערש.

דובינסקי האָט זיך פאר דעם אָנגעכאפּט. יאָ, אוודע פארדינט מען אף די פראכט־צוגן מער, נאָר אין דעם גייט עס דען? מיט אָט די צוגן קאָן מען עקספּערימענטירן, העכערן די אָנגעלאָדנקײַט און די שנעלקײַט, מע פילט זיך מער שעפעריש. מיט פאסאזשיר־צוגן וועסטו דאָס ניט טאָן — האלט זיך שטרענג בא דער אינסטרוקציע. און דובינסקי קאָן ניט אזוי, ער האָט ליב אן ארבעט, ווו מע דארף צולייגן מער סייכל.

אזוי האָט ער געטראכט דעמלט, מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך געפילט ייִנגער, געזינטער. איצט טראכט ער: אז מע האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס, קאָן מען אומעטום געפינען אן אָרט פאר שעפערישקײַט.

ס'האָט אים געפרייט, וואָס אין דעפּאָ איז מען אין אים זיכער: וואָס פאר א צוגן ער זאָל ניט פירן, וועט זײַן ראיעל, אף דער סטאנציע וועט מען קומען פּינקטלעך צו דער צײַט.

יעדער טאָג האָט זיך זײַנע באזונדערע אייגנשאפטן, זײַן אופגאנג און פארגאנג, זײַן ליכט און שאָטן. און אָט איז געקומען א טאָג, ווען דובינסקי האָט זיך געדארפט פילן דערהויבן אָן שום ספּעציִעלע סיבעס: א קליינקײַט, פופציק יאָר איז ער אלט געוואָרן! „די בעסטע העלפט איז שוין אין קעשענע“, — האָט ער געשפּאסט מיט זיך אליין. געווען איז עס אין יאנוואר האיאָר.

דער באל־יויוול האָט זיך געפונען אין אָרדנטלעכן רעיס, און אין דער היים ווארט מען אף אים. בלויז אין דער היים, און מער אין ערגעץ ניט. אזוי האָט ער געטראכט, ווײַל וועגן אָט דעם טאָג האָט ער קיינעם אין דער בריגאדע ניט דערציילט.

נאָר אינדערפרי האָט דובינסקי דערזען, ווי זײַן געהילף זאקיר איבראגימאָוו נעמט ארויס א פלעשל גאזירטע וואסער און צעגיסט אין די גלעזער.

— וואָס טוסטו עס? — האָט זיך פארכידעשט דובינסקי.

— א קונץ, א פאָקוס־מאָקוס, — האָט זיך א וויצל געטאָן דער געהילף.

ווען אלץ איז געווען פארטיק און אפן קליינעם טישל, א פארשפרייטס מיט א ווײַסן בויגן פּאפּיר, זײַנען געווען אָנגעשניטן ריפטלעך קעז און וווּרשט, אָנגעבראָקט שטיקער פּלעצלעך, אפן אוזבעקישן אויפן, האָט זאקיר צוגערופן דובינסקין און, אופהייבנדיק די גלאָז, פריידיק א זאָג געטאָן:

— פאר אײַער געזונט, וולאדימיר יאָסיפאָוויטש. אין אײַער געבורטסטאָג ווינטש איך אײַך אלדאָס בעסטע אין לעבן.

— א הארציקן דאנק דיר, זאקיר. איך האָב זיך גאָר ניט געריכט אף דעם.

דער צוג האָט זיך שוין דערנעענטערט צו סאמארקאנד. דובינסקי האָט ארויסגעקוקט פונעם פענצטערל, און אין פּאָנעם האָט א ווייע געטאָן א פריש ווארעם ווינטל.

אזוי איז שוין אײַנגעפירט אין דעפּאָ. ווען עמעצער פון די מאשיניסטן האלט אָפּ א דערפאָלג, אָדער עס טרעפט אן אנדער סימכע, באגריסט מען אים באם לאָקאָמאָטיוו.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט וולאדימיר דובינסקי דערזען א גרופּע אײַזנבאנלער. ער האָט ניט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי מע האָט אים ארומגערינגלט, גענומען הארציק באגריסן מיטן געבורטסטאָג און איבערגעגעבן אים א בוקעט פרישע בלומען. עס האָט געדויערט ניט לאנג, און דובינסקי, א פריידיקער און צעשײַנטער, האָט זיך ווידער אופגעהויבן אף די לאָקאָמאָטיוו־טרעפלעך, א מאך געטאָן פרײַנטלעך מיט דער האנט, און דער צוג האָט זיך פּאמעלעך גערירט פון אָרט. פון פאָרנט האָט געפלאטערט א רויט פענדל.

דער רעיס איז נאָך ניט געווען פארענדיקט.

מיר זיצן אין דער געמיטלעכער דירע בא די דובינסקיס. באלעבאטיש און פארמעגלעך לעבן זיי. פײַן מעבל, טעפּיכער, טײַער קרישטאָלן געפעס אינעם סערוואנט. אינעם גרעסערן צימער שטייט א נײַער טעלעוויזאָר, א ראדיאָלע, א מאגניטאָפאָן און בא דער וואנט — א גרויסער שראנק מיט ביכער.

דובינסקי רוט אָפּ נאָכן אָרדנטלעכן רעיס. ער איז פארנומען מיט היימישע איניאָנים. איבער דער גאנצער שטוב טראָגט זיך א מעכײַעדיקער ריח פון פרישע פרוכטן. ליזע טראָגט ארײַן פון קיך א פולע וואזע מיט קארשן:

— פונעם אייגענעם סאָד. עסט געזונטערהייט.

מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט דובינסקי, בעשוטפעס מיט זײַן שוואָגער, אויך אן אײַזנבאנלער, גענומען הינטער דער שטאָט אן ערדכיילעך פאר א דאטשע, פארפלאנצט דאָרט

אַלערלײ פּרוכט־ביימער. און אויסגעוואַקסן איז א סאָד — אַן אַנטיק.

דובינסקי איז פון קלײנווײַז אָן א ליבהאָבער פון דער נאַטור. אַרבעטנדיק פריִער אין דער אַבלוטשער לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ און זײַענדיק א דעפּוטאַט פונעם ראַיאָנישן סאָוועט, האָט ער געהאַט אָנגעפירט מיט א קאָמיסיע צו באַשיצן די נאַטור. אין דער פריַיער צײַט פלעגט ער אָפט פאָרן אַף געיעג, כאַפּן פיש, מיט האַנאָע קלעטערן אַף די סאָפּקעס און אַרומבלאָנדזשען אין דער געדיכטער טײַגע.

— אָט טוט א קוק, — באַווײַזט ער מיר די אַלטע יעגער־ביקס, וואָס ער האָט געבראַכט אַהער צו פירן, און אויך א ספּינינג, אָן א שיר העקלעך אַף צו כאַפּן פיש און נאָך קעדוימעס אַזעלכע כפייצים, וואָס א מענטש אין דער טײַגע באַדאַרף נייטיק האָבן. אויך דאָ, אין די היגע קאַנטן, ווו קיין גרויסע וועלדער און טײַכן זײַנען ניטאָ, געפינט ער פּאַסיקע ערטער פאַר זײַן „האָבי". דעריקער קאָן מען אים טרעפן אַפן ברעג פונעם קאַטאַקורגאַנער וואַסער־באַסיין, וועלכער זעט אויס ווי א יאַם און איז רײַך מיט קאָלערלײ מינים פיש.

דובינסקי מישט אויף אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס און דערציילט וועגן זײַן געזינד, וועגן זײַנע קרויווים און פרײַנט.

— טוט נאָר א קוק אַף אָט דעם כעוורעמאַן. דאָס איז מײַן ייִנגערער ברודער זאַכאַר.

איך קוק זיך אײַן אין דער פאָטאָגראַפיע. דער זעלבער קלוגער גלאַנץ אין די אויגן, דער זעלבער שמייכל אַף די עטוואָס צעצויגענע דינע ליפּן, ווי בא וואָלאָדיען, נאָר ווערדליק איך זע, איז ער א ביסל ברייטער אין די אַקסלען, ווּקסיקער און מעגושעמדיקער. ער אַרבעט אויך אין סאַמאַרקאַנדער לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ, איז א געהילף־מאַשיניסט און פאַרשעמט ניט דעם עלטערן ברודער.

נאָך איין בלעטל פונעם אַלבאָם — א פאָטאָגראַפיע פון א בראַוון מאַטראָס אַף א שיף.

— מײַן ייִנגערער ברודער וואַלערקע, וועז ער האָט זיך נאָך געלערנט אין א יאַם־שול, — באַמערקט צופרידן דובינסקי.

און איך דערוויס זיך, אַז אַצינד איז וואַלערי א מעכאַניקער אַף א שיף פון אונדזער האַנדלס־פלאָט, שווימט איבער יאַמען און אָקעאַנען, איז שוין אויסגעוועזן ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק, געזען אָן א שיר האַפנס און שטעט אין אויסלאַנד. און זײַן זון איגאָר איז אויך אַוועק מיטן טאַטנס וועג, לערנט זיך אין אָדעסער אינסטיטוט פאַר אינזשעניערן פונעם יאַם־פלאָט.

— ווי איר זעט, זײַנען מיר, אַלע דובינסקיס, ווי פון איין טייג געקנאָטן. מיר קאָנען ניט זיצן אַף אַן אָרט, — שפּאַסט דובינסקי, — געבוירענע טראַנספּאָרטלער.

עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר. אין שטוב קומען אַרײַן א יונגערמאַן און א זשוואַוו מיידעלע.

— אָ, געסט טײַערע, סאַשע מיט לענאָטשקען זײַנען געקומען.

דובינסקי כאַפּט אַרויף אַף די הענט דאָס מיידעלע און טוט זי עטלעכע מאָל א קוש.

— זיידע, וועסט מיט מיר גיין שפּאַצירן? — שרײַט זי אויס הילכיק.

— אַוואַדע, לענעלע, איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט.

פון קיך לויפט אַרײַן, א פאַרהאַוועטע, דובינסקיס פרוי. דאָס מיידעלע טוט זיך אײַליק א לאָז צו איר, פאַרטשעפּעט זיך פאַרן טעפּיך און פאַלט אום.

— אוי, מיר זאָל זײַן פאַר דײַנע ביינדעלעך. — די באָבע טוט איר צאַרט א גלעט דאָס קעפּעלע און פירט זי אַוועק. — קום, אייניקל מײַנס, וועל איך דיר געבן פאַרזוכן א גוטן מײַכל.

די דובינסקיס האָבן נאַכעס פון זייערע קינדער. דער עלטערער זון, סאַשע, איז א בויער און לערנט זיך אין די אָוונטן אין סאַמאַרקאַנדער אַרכיטעקטור־אינסטיטוט. דער ייִנגערער, סיאָמע, איז הויפּט־דאָקטער אין א דאָרפישן שפּיטאָל. וווינט מיט זײַן געזינד לעבן סווערדלאָווסק.

— פון ביידע זין צו אייניקלעך, — פרייט זיך דער זיידע, — לענאָטשקע און וויקע, געזונט זאָלן זיי זײַן.

און ער זאָגט מיר, אַז ער האָט כיישעק צו פאָרן צוגאַסט צום ייִנגערן זון. שוין לאַנג ניט געווען בא אים. ער רופט אים צו זיך אין דאָרף. „טאַטע, — שרײַבט ער, — וועסט זיך בא מיר קאָנען אָפּרוען, גיין אַף געיעג, כאַפּן פיש — און פאַריינס שוין אויך א ביסל זיך אונטערהיילן". יאָ, סיאָמע ווייסט גוט זײַן מעלאָכע, א ווילער דאָקטער, מע האַלט פון אים.

עס דערהערט זיך א טעלעפאָן־קלונג.

— אַלאָ! אַלאָ! ס'איז דאָך ער! סעמיאָן, פונוואַנען קלינגסטו? פון סווערדלאָווסק? — דובינסקי הערט אויס א רעגע מיט א פאַרטײַעטן אָטעם און שרײַט פריידיק אויס:

— ליזע, דו הערסט, עס קומט אונדז א מאַזלטאָוו! מיר האָבן, קיין אײַנהאָרע, נאָך איין אייניקל, א מיידעלע!

ליזע לויפט גיך צו צום טעלעפאָן.

— סיאָמעלע, זונעלע מײַנס, מאַזלטאָוו. אין א פּאָר טעג אַרום וועל איך צו אײַך קומען. — טרערן שטעלן זיך אין די אויגן, און זי קאָן מער קיין וואָרט ניט אויסריידן.

בער האלפערן

א מענטש — א בריק צווישן דורעס

געבוירן געוואָרן איז טעוויע ברוידאָ אין ווילקאָווישק, א גרעסער שטעטל אין ליטע, הארט בא דער אמאָליקער גרענעץ צווישן רוסלאנד און דײַטשלאנד. די אײַנוווינער פונעם דאָזיקן שטעטל האָבן זיך געקאָנט פרײַ באוועגן — אָט איז מען אין רוסלאנד, אָט אין דײַטשלאנד. און עפשער האָט די דאָזיקע שכײנעשאפט מיטגעווירקט צו דער אויסבילדונג פון די צוויי הויפּט־אײגנשאפטן פון ברוידאָס כאראקטער: פון אײן זײַט — דער מײַרעוו־אײראָפּעישער גלאנץ, די האסאָגע פון קאָמערץ, ניט ווי פון א קלײנשטעטלשן קרעמער, נאָר ווי פון א נעגאָציאנט פון א מאָדערנעם שניט; און פון דער אנדערער זײַט — די רירעוודיקײַט, די דינאמישקײַט און פלינקײַט פונעם מויעך, וואָס דער הארבער קאמף פארן שטיקעלע ברויט האָט אויסגעארבעט בא די מענטשן, מיט וועלכע דער טכום־האמוישעוו איז געווען אָנגעשפּיקעוועט.

בא טעוויע ברוידאָ האָבן זיך אָט די צוויי אײגנשאפטן שפּעטער צונויפגעשמאָלצן און געגעבן זײערע פּרוכטן.

נאָך עטלעכע זמאנים אין כײדער — ווי דאָס איז דעמלט געווען דער שטײגער, אין סאמע אָנהײב פונעם יאָרהונדערט — און דאָס באָכערל האָט אָנגעהויבן זיך פרײַ־און־פראנק ארומדרײען אין די געסלעך. געוועז אויך א פּרווו אָפּגעבן אים אין א יעשיווע און מאכן פון אים א ראָוו. נאָר פונעם דאָזיקן פּרווו האָט מען זיך גיך געמוזט אָפּזאָגן: דער ספּריטנער פּיפּיקער באָכער איז ניט געווען געשאפן פון דעם לײם, פון וועלכן מע קנעט אויס א ראָוו. ער איז געווען א „זשיוווטשיק" — קוועקזילבער האָט אים די מאמע גערופן — מיט אים איז פול געווען די גאנצע שטאָט. אפן בוידעם האָט ער געהאט דעם בעסטן טויבנשלאק, און בײס ער האָט ארײַנגעלײגט צוויי פינגער אין מויל און געגעבן א פײַף, האָט ער פארטויבט אלע אנדערע יונגאטשעס.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן באמערקן, אז דער „זשיוווטשיק" ווערט פארפאלן בא מוישעזעליק דעם שמיד. ער האָט אים צוגעהאָלפן באם בלאָזזאק, אונטערגערוקט דאָס אײַזן, נאָר מיט א באזונדערער ליבע האָט ער זיך געפּאָרקעט ארום די פערד, וועלכע מע האָט געבראכט אונטערצושמידן. זיך צוקוקנדיק צו זײ, האָט ער פארשטאנען, פארוואָס דער נאָמען פון אָט די גרויסע שטארקע, אָבער האכנאָעדיקע און געהאָרכזאמע, באשעפענישן איז געוואָרן א זידלוואָרט בא ייִדן. און עפשער דעמלט האָט דער קלײנער טעווקע זיך געגעבן א וואָרט, אז אין לעבן וועט ער קײנמאָל קײן פערד ניט זײַן.

אין אײנעם א שײנעם טאָג האָט ער געמאָלדן דעם טאטן:

— טאטע, איך וויל ווערן א שמיד!

דער טאטע האָט זיך אָנגעכאפּט פארן קאָפּ:

— טעווקע, איך האָב דרײַ טעכטער כאסענע צו מאכן! דו פארשטײסט, וואָס דאָס הײסט — האָבן א ברודער א שמיד?!

טעווקע האָט פארשטאנען. מע האָט אים אוועקגעגעבן לערנען זײגערמאכערײַ. א ברודער א זײגערמאכער איז ניט קײן מעניִע. אדעראבע, א מײַלע צו א באלעבאטישן שידעך.

דעם קונציקן גאנג פון די רעדלעך אין א זײגער האָט טעוויע דערלערנט, נאָר אין לעבן איז דאָס קימאט אים ניט צוניץ געקומען. ער האָט פאר דער צײַט באנומען דעם גאנג פון אנדערע רעדער, די רעדער פון דער נײַ־אופגעקומענער, אזויגערופענער זעלבשטענדיקער ליטווישער מעלוכע, וואָס איז אנטשטאנען פונקט דעמלט, ווען טעוויע ברוידאָ איז ארײַן אין די פעדערן.

די דאָזיקע קימאט פינף־און־צוואנציקיאָריקע טקופע פון דער קלוימערשטער ליטווישער זעלבשטענדיקײַט איז געווען אנטשײדנדיק פאר טעוויע ברוידאָס גוירל.

מיט דער קלאָרזעוודיקײַט פון א קלוגן ליטווישן ייִדן האָט ער באגריפן די גאנצע ניט עכטקײַט, ניט סטאבילקײַט, די בוטאפאָרישקײַט פון אָט דער מעלוכע. מע איז געקראָכן פון דער הויט צו באווײַזן, אז מע איז „צו לײַטן גלײַך". ס'איז געווען דער אויבנאויפיקער גלאנץ — די רעסטאָראנען, די באנקעטן, די גראנדע, וואָס מע האָט געפירט, ארויס־

קוועטשנדיק דעם לעצטן שווייס פונעם אָרע־
מען פויערישן לאַנד, קעדיי צו באַווײַזן, אַז
מע שטייט ניט אָפּ פון אַן עמעסער מײַרעוו־
אייראָפּעיִשער מעלוכע. ס׳איז געווען אַ קאַ־
ראַהאָד פון שלעכטע אַרטיסטן אין אַ שלעכ־
טער אָפּערעטקע, און אַפילע די פראַקן פון די
נײַ־אויסגעבאַקענע מיניסטאָרן האָבן אויסגעזען
ווי אַנטלײַענע פון אַ טעאַטער־רעקוויזיט. און
איבער אַלעם האָט געהערשט די קאָרופּציע.
יעדער פּיפּיקער פּאָליטיקער, וואָס האָט זיך
דערקליבן צו דער מאַכט, האָט געהאַלטן פאַר
זײַן כויוו קוידעמקאָל צו פאַרזיכערן זיך אַליין.
אויב ער האָט אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זײַן
„מעלוכישער טעטיקײַט" ניט אײַנגעשאַפט זיך
אַ גוט אין פּראָווינץ אָדער ניט אויסגעבויט
זיך אין דער הויפּטשטאָט אַ הויז מיט אַ זיכע־
רער רענטע, האָט ער געגאָלטן פאַר אַ טויגע־
ניכץ: ווי קאָן ער פירן די געשעפטן פון דער
מעלוכע, אַז ער קאָן ניט אײַנאָרדענען די איי־
גענע?

אַף די דאָזיקע בינע־ברעטער פון דעם בײַ־
ליקן וואָדעוויל מיט די ביליקע אַקטיאָרן איז
טעוויע ברוידאָ געווען אַ גרויסאַרטיקער אַר־
טיסט. ער האָט געזען דורך און דורך די דאָ־
זיקע „קאַליפן אַף אַ שאָ" מיט זייער זשעדנע־
קײַט אַרײַנצוכאַפּן וואָס גיכער און וואָס מער.
זיי זײַנען געווען אומגעדולדיק, די דאָזיקע
פּאָליטישע ספּעקוליאַנטן מיקאָל האַמינים, ווײַל
זיי האָבן געשפּירט, אַז זייער קאַרוסעל וועט
זיך לאַנג ניט דרייען. טעוויע ברוידאָ האָט
קונציק אויסגענוצט די געלט־גיריקײַט, די
פאַרקויפטקײַט, די שוואַכקײַטן פון אָט די
מענטשן און דורכגעפירט זײַנע קאָפּשווינדלע־
רישע קאָמבינאַציעס, פינאַנציעלע טראַנזאַק־
ציעס, מיט איין וואָרט, זײַן קאָמערץ פון
גרויסן מאַסשטאַב.

אַלס קליין ייִנגל האָט ער זיך אַמאָל אַרי־
בערגעכאַפּט איבערן בריקל אַף דעם שמאָלן
טײַכל, וואָס האָט אָפּגעטיילט רוסלאַנד פון
דײַטשלאַנד, און איז אַרײַן אין בעסטן רעסטאָ־
ראַן פון איידטקונען. זײַן הערצעלע האָט גע־
ציטערט, ווען צו אים איז צוגעגאַנגען דער
מאַיעסטעטישער קעלנער אין שוואַרצן פראַק
און ווײַסער מאַנישקע, קעדיי אָנצונעמען פון
אים די באַשטעלונג. שפּעטער איז ער געזעסן
אַ דערשראָקענער, געטאַפּט אין קעשענע די
קופּערנע מאַטבייעס און אַלץ געהאַלטן אין
איין כעזשבענען, צי זיי וועלן קלעקן אַף צו
באַצאָלן.

אין יאָרן אַרום איז טעוויע ברוידאָ געגאַנ־
גען אין די טײַערסטע רעסטאָראַנען, אײַנגע־
אָרדנט דאָרט גרויסאַרטיקע סודעס פאַר הויכע
באַאַמטע און סטאַם נייטיקע מענטשן. אונטערן
קלאַנג פון באָקאַלן און אונטערן זשיפּען פון
שאַמפּאַניער האָט ער קונציק געפלאָכטן דעם
דינעם פאָדעם פון זײַנע קאָמבינאַציעס. אַרום
דעם לוקסוס־געדעקטן טיש איז ער געווען די
קענטיקסטע פיגור. דער פראַק אַף זײַן הויכער
שלאַנקער פיגור איז געזעסן ווי אַף אַ מאַרקיז,
זײַן האַלטונג איז געווען ווי פון אַ מאַגנאַט.
ווי קומט אַזוינס צו אַ זון פון אַ קליינ־
שטעטלש קרעמערל? דער ענטפער איז בלויז
איינער — אײַנגעבאָרענער אַרטיסטיזם.

קומענדיק מיט זײַן שאַרפן לעבעדיקן סייכל
אין באַרירונג מיט אָט די אָפט טעמפּע און
שטענדיק פאַרקויפטע „פאָרשטייער פון דער
זעלבשטענדיקער ליטווישער מעלוכע", האָט
ער געקאָנט האָבן צו זיי נאָר איין באַציִונג —
פאַראַכטונג. מיט אַ ניט אַרויסגעזאָגטן רוסישן
מישעביירעך אַף די ליפּן און מיט אַ מאַמזע־
ריש־קלוג שמייכעלע אין די שטענדיק וואַכע
אופמערקזאַמע אויגן האָט ער „באַאַרבעט"
זײַנע פאַרשוינען, און ס׳איז קימאַט ניט געווען
דער פאַל, ער זאָל זײַנס ניט דערגרייכן.

דערבײַ האָט ער אויסגעצייכנט געוווּסט —
און אָט דער באַוווּסטזײַן האָט אים קיינמאָל
ניט פאַרלאָזט בעמעשעך פון די גאַנצע פינף
און צוואַנציק יאָר, — אַז אַלץ, וואָס עס קומט
פּאָר אַרום אים, און אויך דאָס, וואָס ער אַליין
טוט, איז ניט מער ווי אַ טראַגיקאָמישע אָפּע־
רעטקע, אַ שפּיל אַף טשיקאַוועס, אַ קאַרוסעל,
וואָס אָט־אָט גייט אויס איר פּרוזשינע און זי
שטעלט זיך אָפּ.

אינעם בונטן קאַליידאָסקאָפּ פון עפּעמערע,
שנעל אופבליצנדיקע און נאָך שנעלער פאַר־
שווינדנדיקע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע
קויכעס האָט ער געזען בלויז איין קויעך, וועל־
כער ווייסט וואָס ער וויל, גייט מיט פעסטע
טריט צו זײַן ציל און האָט אַ צוקונפט. דאָס
איז געווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איר האָט
ער אָפּגעגעבן זײַן גאַנצן גײַסטיקן מעהוס. אין
דער צײַט, ווען דער קאָפּ איז געווען פאַרנו־
מען מיט מאַגע־מאַסע, וועקסלען, טראַנזאַק־
ציעס, איז די נעשאָמע געלעגן אין יענע סאָ־
ציִאַלע טיפענישן, אין וועלכע ס׳האָט גערײַפט
די נײַע סאָציִאַלע סיסטעם, וועלכער עס גע־
הערט די צוקונפט. די פירער, די מיטגלידער
פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
זײַנען געווען פאַר אים די עכטע מענטשן. צו
זיי, אָט די שרעקלאָזע קעמפער, האָט ער זיך
באַצויגן מיטן גרעסטן ייִראַס־האַקאָוועד.

פאַר דער פּאַרטיי איז טעוויע ברוידאָ געווען
די שווערע אַרטילעריע. אַז מע האָט געדאַרפט
האָבן געלט — אַף צו מאַכן אַן אויסלענדישן
פּאַס פאַר אַן אומלעגאַלן כאַווער, אַף צו קויפן
אַ דרוק־מאַשין אין דײַטשלאַנד — איז מען גע־
גאַנגען צו טעוויע ברוידאָן. דער גרענעץ־
פּונקט ווילקאָווישק — איידטקונען איז געלעגן

2*

אין טעוויע ברוידאָס קעשענע. האָט מען געדארפט אריבערפראווען א נייטיקן מענטשן אהין אָדער צוריק, אריבערווארפן פעק מיט אומלעגאלער ליטעראטור, האָט מען בלויז געדארפט געבן צו וויסן טעוויע ברוידאָן, און אלץ איז געמאכט געוואָרן גיך און שא־שטיל. איינמאָל האָט ער געשפילט א גאנצע נאכט אין קאָרטן מיטן שעף פון דער טורמע און אים פארשפילט א גרויסע סומע, קעדיי אַף מאָרגן קריגן א זעונג מיט דער פּאָליטישער ארעסטאנטקע בערזאקיַיטע (ס׳האָט געהייסן, אז זי איז די כאווערטע פון זיַין קאלע) און איבערגעבן איר א וויכטיקע ידיִעה פון דער פארטיי־אָנפירונג.

אז מע פלעגט דארפן שיקן א פאָרשטייער פון דער פּארטיי אין שליכעס קיין אויסלאנד, איז מען ווידער אָנגעקומען צו טעוויע ברוידאָן. אין אזוינע פאלן פלעגט ער קריטיש באַקוקן דעם הוילעך פונעם מענטשן.

— אָט אזוי ווילסטו עס פאָרן קיין אויסלאנד? — און ער האָט שוין געטאָן אלץ צו באַזאָרגן דעם מענטשן מיט אן אָנשטענדיקן בעגעד.

אין קאָוונע, אין סאמע צענטער שטאָט, האָט טעוויע ברוידאָ געעפנט קלוימערשט א קאָנטאָר, וואָס אינדערעמעסן האָט זי געדינט פאר די צוועקן פון דער פּארטיי. אין דער דאָזיקער „קאָנטאָר“ האָט געארבעט א יונגערמאן, אין הינטערשטן צימער האָט ער אויך געוווינט. דאָס איז געווען דער ערשטער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער אומלעגאלער קאָמפּארטיי סנעטשקוס[1]. נאָך א טאָג קאָפּדרייעניש מיט וועקסלען, אָנזעצערס, סאָכרים און סטאם ספּעקוליאנטן האָט טעוויע ברוידאָ ליב געהאט אריַינצוכאפּן זיך אין זיַין „קאָנטאָר“ און זיך אָפּרוען מיט דער נעשאָמע בא א געמיטלעכן שמועס מיט זיַין „אָנגעשטעלטן“. דער סעקרעטאר האָט געהאלטן פאר נייטיק אופצוקלערן דעם „אינסטינקטיוון קאָמוניסט“ אין פּאָליטישע איניאָנים. איינמאָל האָט ער אים דערקלערט דעם פילאָסאָפישן סייכל פון דיִאלעקטיק. ברוידאָ האָט אַף אים אָנגעשטעלט א לאנגן און אופמערקזאמען בליק.

— מיַין מאמע איז געווען א פּראָסטע ייִדענע, קוים געקענט לייענען. אז ס׳פלעגט זיך דערנענטערן פייסעך, האָט זי שוין מיט עטלעכע וואָכן פריִער אָנגעהויבן פּוצן, שיַיערן, רייניקן... אָנגעהאָרעוועט זיך פאר די עטלעכע וואָכן, פלעגט זי, אז ס׳איז געקומען דער ערשטער סיידער, זיך צוזעצן מיט אלעמען צום טיש און מיט א זיפץ זאָגן: „נו, קינדערלעך, אָט איז שוין דער פּייסעך אוועק“. „וואָס הייסט, מאמע, — פלעגן מיר טיַינען, — דער פּייסעך הייבט זיך דאָך ערשט אָן“. „ניין, — האָט די מאמע געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אז ער האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער שוין אוועק“...

דער סעקרעטאר האָט זיך הילכיק פאנאנדערגעלאכט:

— טעוויע, דיַין מאמע איז געווען דער עמעסער פילאָסאָף! זי האָט טיף באנומען, וואָס דאָס איז — דיִאלעקטיק.

טעוויע ברוידאָ האָט באשיידן צעפירט מיט די הענט:

— מיַין מאמע...

אזוי זיַינען געגאנגען יאָרן, ביז ס׳איז געקומען דאָס, וואָס עס האָט געדארפט קומען: די סיסטעם האָט געפּלאצט, די קארוסעל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווען ס׳האָט זיך איַינגעשטעלט די ניַיע מאכט, האָט טעוויע ברוידאָ אונטערגעפירט דעם סאכאקל פון דער גרויסער ראָד, וואָס ער האָט געדרייט. די אונטערשטע שורע איז געווען: ער האָט פארמאָגט 26 טויזנט ליט כויוועס... די סאָוועטישע מאכט האָט די כויוועס אנולירט. אז מע האָט וועגן דעם געמאָלדן ברוידאָן, האָט ער א שמייכל געטאָן:

— דאָס געשעפט האָט געלוינט ביידע צדאָדים...

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז טעוויע ברוידאָ אריבערגעפאָרן פון קאָוונע קיין ווילנע. די דירע אין קאָוונע האָט ער איבערגעלאָזט זיַין טאָכטער מיט איר פאמיליע. אין ווילנע האָט מען אים טייקעף אויסגעטיילט א ווײַנונג אין א הויז, וואָס האָט געהאלטן אין פארטיק ווערן. צו אים איז געקומען א באאמטער פון דער שטאָט־פארוואלטונג און אים געפרעגט, צי ער איז צופרידן. ברוידאָ האָט געענטפערט, אז יאָ, ער איז צופרידן, נאָר די דירע האָט געמעגט זיַין אפן צווייטן שטאָק און ניט אפן ערשטן.

— נו, נו, — האָט אומצופרידן א בורטשע געטאָן דער באאמטער, — צוויי עלטערע מענטשן, אזא פּרעכטיקע ווױנונג, — און איר זיַינט נאָך אומצופרידן...

— מע האָט איַיך געשיקט מיך פרעגן, ענטפער איך: כ׳וואָלט געוואָלט אפן צווייטן שטאָק.

דער באאמטער איז אוועק. אין א שאָ ארום איז ער געקומען צו לויפן א פארסאפּעטער און איבערגעגעבן די ברוידאָס א ניַיעם אָרדער אַף פּונקט אזא דירע, נאָר אפן צווייטן שטאָק.

[1] נאָך דער אופשטעלונג פון דער סאָוועטנמאכט אין ליטע איז אנטאָנאס סנעטשקוס געווען דער ערשטער סעקרעטאר פון דער פּארטיי — ביז צו זיַין פּריצַיַיטיקן טויט אין 1974. בייס דער טרויער־צערעמאָניע איז טעוויע ברוידאָ געשטאנען אין דער ערן־וואך.

טעוויע ברוידאָ האָט רויִק צוגענומען דעם
אָרדער און אַרײַנגעלייגט אים אין קעשענע.
דער יונגערמאַן האָט געקוקט אַ פאַרכידע־
שטער:

— זאָגט מיר... איך בעט אײַך... — האָט ער
ניט דרייסט אַרויסגעשטאַמלט, — ווער זײַנט
איר?

ברוידאָ האָט געענטפערט:

— ווער? איך? כ'בין טעוויע ברוידאָ.

אין דער „ליטווישער ענציקלאָפּעדיע", באַנד 1, ווילנע, 1966, איז וועגן אים געזאָגט אַזוי:

ברוידאָ טעוויע (געב. 5.12.1890 אין ווילקאָווישק) — אונטערשטיצער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. שטאַמט פון קליינהענדלער. אָנגעשטעלטער. אין 1912 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַ ריי שטרײַקן אין ווילקאָווישק, געווען אויסגעוויילט אין קאָמיטעט פאַר אונטערשטיצונג פונעם שטרײַק, געגרינדעט אַרבעטער־ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע. אין 1918 ווערבירט ער אַרבעטער פאַר דער רויטער אַרמיי, העלפט אַרויסגעבן אין קאָוונע די צײַטונג „פּראָלעטאַרישער עמעס" (דעקאַבער 1918 — יאַנוואַר 1919). אין 1919 — 1940, זײַענדיק דער דירעקטאָר פון דער טאַבאַק־פאַבריק „בראַוואָל" אין ווילקאָווישק, האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די אָנפירער פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי. פאָרנדיק לויט איניאָנים פון דער פאַבריק קיין אויסלאַנד (פראַנקרײַך, טשעכאָסלאָוואַקיע, דײַטשלאַנד), האָט ער אויסגעפילט פּאַרטיי־אויפגאַבעס: געבראַכט פון אויסלאַנד פּאָליטישע ליטעראַטור, מאַכשירים פאַר די אומלעגאַלע דרוקערײַען, באַזאָרגט פאַר די פּאַרטיי־טוער אויסלענדישע פּעסער, קאָנספּיראַטיווע דירעס. פאַר באַהאַלטן אין זײַן דירע פּאַרטיי־טוער געווען פאַרמישפּעט אין 1938 צו טפיסע. אין די יאָרן 1940 — 1941 פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין קאָמיסאַריאַט פאַר שפּײַז־אינדוסטריע. בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געאַרבעט אין פּענזע און סאַמאַרקאַנד אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע. אין די יאָרן 1946 — 1949 געאַרבעט אין דער קאָוונער טאַבאַק־פאַבריק „טײַקאַ". אָנהייבנדיק פון 1952 — אַ פּענסיאָנער.

אַז מע פרעגט טעוויען, ווי אַלט איז ער, ענטפערט ער קורץ און שאַרף:

— אַכציק.

אַזוי שוין קימאַט אַ יאָר צען.

אינדערעמעסן איז ער שוין גאָר־גאָר נאָענט צו נײַנציק. נאָר האַלטן האַלט ער זיך גוט. זײַן הויכע דאַרע פיגור האָט עפּשער אַ קאַפּעטשקע פאַרלאָרן פון איר שלאַנקייט, נאָר זי איז גלײַך, אָן בולטע סימאָנים פון זיקנע. אויך די אויגן זײַנע, ניט גרויסע, דורכדרינגלעכע, האָבן זיך ניט געעלטערט. זיי האָבן עפּשער פאַרלאָרן פון זייער שאַרפקייט, זיי קוקן איצטער מער געלאַסן, מער באַדאַכט.

ער האָט ליב צו דערמאָנען דאָס אַלטע, דאָס אַוועקגעגאַנגענע. מיט אַ ניכטערער איראָניע און צומאָל אויך מיט אַ ביסעלע בענקשאַפט. ווײַל ס'איז פאַרבײַ, איז עס טײַער. ער דערציילט וועגן עפּיזאָדן, וועלכע טויכן אוף אין זײַן זיקאָרן און אַנטפּלעקן זיך פאַר די צוהערער, ווי לעבעדיקע. אַ דערציילער איז ער אַ גוטער.

ער באַטראַכט זיך ווי אַ בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער, שײַעך צו זאָגן, אַ יאָרהונדערט און פאַרבינדט דעם נעכטן מיטן הײַנט.

— יעדער מענטש פון אונדזער דאָר, — האָט ער ליב צו פאַראַלגעמיינערן, — לעבט ניט זיבעציק, ניט אַכציק, ניט נײַנציק יאָר. ער לעבט פיר־פינף הונדערט יאָר. אַזוי שטאַרק האָט זיך געענדערט דאָס לעבן פאַר אָט דעם צײַט־אָפּשניט, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט...

דורך דער פּריזמע פון פאַרפלאָסענע יאָרן זעט ער דאָס אַלטע לעבן.

אַ לעבן אַ פאַרגליווערטס, אַן אײַנגעשטאַנענס פון הונדערטער יאָרן, און ס'האָט זיך געדאַכט, עס וועט נאָך הונדערטער יאָרן ליגן אַזוי אײַנגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

ער געדענקט די ערשטע שוואַכינקע אונטערערדישע שטויסן, וואָס האָבן געמאַכט אופציטערן דעם פאַרשימלטן אויבערפלאַך פון דער סאַזשלקע מיטן שטייענדיקן וואַסער. די געשעענישן פונעם פינפטן יאָר האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען אין דער דאָזיקער ניט גרויסער, אָבער באַלעבטער שטאָט, וואָס איז געלעגן אָפּן גרויסן שליאַך פון מיזרעך אַף מײַרעוו. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרשטענדיק באָכערל. ער געדענקט די דעמאָנסטראַציע פון יענעם יאָר און דאָס יונגע באָכערל, זײַן כאַווער, איסערקע זשעלאַזיק, וואָס איז דעמאָלט דערשאָסן געוואָרן. ער געדענקט אַפילע די רײַסערײַען מיט דער כעוורע־קאַדישע וועגן דעם, וו'אַזוי מע דאַרף באַגראָבן דעם יאַט.

ער געדענקט אויך דאָס פלוגבלעטל פון יענעם יאָר. אַ קורצוווּקסיק באַבערדלט מענטשל אין אַ גאַרנאָסטײַעווער מאַנטײַ און מיט אַ קרום זיצנדיקער קרוין אויפן קאָפּ; אַרום אָט דעם מענטשעלע האָט זיך געוויקלט אַ גרינער דראַקאָן, אין וועמענס רינגאַרטיקן שופּן עס איז געשטאַנען אַ קרום הײַזל מיט אַ שילדל: „צאַרישער קאַבאַק" — אין דער אונטערשריפט האָט זיך גערעדט וועגן דער שיק־

רעס, מיט וועלכער דער צאר זוכט צו פארטויבן דאָס פאָלק. אָט די פּראָקלאמאציע האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס זיך צו פארטראכטן איבער דער הערשנדיקער אָרדענונג (וועלכע ער האָט שוין דעמלט באצייכנט אלס „הערשנדיקע אומאָרדענונג”). מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געמאכט דערפון די געהעריקע אויספירן.

אין 1912 איז ער שוין געווען דער אָרגאניזאטאָר פונעם שטרײַק פון די בערשט־ארבעטער אין ווילקאָווישק. וועגן יענער עפּאָכע האָט ער צו דערציילן אזוינס, וואָס איז אין זיקאָרן פון קיינעם פון אונדזערע מיטצײַטלער שוין אוואדע ניטאָ.

נאָר די שטארקסטע דערינערונגען זײַנע זײַנען פארבונדן מיט יענעם פערטל יאָרהונדערט, ווען ער איז טאָג־אײַן, טאָג־אויס געגאנגען הארט פאזע אן אָפּגרונט. דאָס זײַנען געווען די יאָרן פון סאמע פאנאנדערבלי פון זײַנע גײַסטיקע און פיזישע קויכעס. וויפל מוט, וויפל האמצאָע, וויפל גליקלעכע אײַנפאלן האָט ער געדארפט אָנווענדן, קעדיי ניט אראָפּצורײַסן זיך, ניט ברעכן האלדז־און־נאקן!

ער שפּאצירט אָפט, א הויכער, א גלײַכער (אָן א שטעקן!) איבער די גאסן פון ווילנע. פון דער זעלבער ווילנע, וווּ ער האָט מיט פינף און זיבעציק יאָר צוריק געארבעט אין א זייגערמאכער־ווארשטאט. ווי אלץ האָט זיך געענדערט! ער ווינקט צו זײַנע מיטשפּאצירער (ארום אים זאמלען זיך שטענדיק מענטשן) און זאָגט מיט א שמייכל:

— הײַזער — אקסעלעראטן, קיין אײַנהאָרע! הא, וואָס זאָגט איר עפּעס אף זיי?

אין יענער צײַט, מיט פינף און זיבעציק יאָר צוריק, איז דער וווּנדער שעבעוווּנדער געווען די צוויי זעקסשטאָקיקע מויערן, וואָס באראָן הירש האָט אויסגעבויט פאר דער ווילנער ייִדישער אָרעמשאפט. די דאָזיקע הײַזער שטייען נאָך ביז איצט. הײַנט זעען זיי אויס נעבעכדיק — אן אומגעלומפּערטער ארכיטעקטור־פלעק אין דער אלט־שטאָט.

אז מע פרעגט ברוידאָן וועגן זײַנע אמאָליקע געשעפטן, וועגן די געטאָקטע און געשליפענע קאָמבינאציעס זײַנע, שמייכלט ער א צופרידענער:

— איך האָב מײַן געלט ריכטיק אינוועסטירט. א זיכער געשעפט.

יוסעף שוסטער

באַם אַלטן ברונעם

וואָס עלטער דער מענטש ווערט, אַלץ שטאַרקער דערוועקט זיך אין אים די צוציִונגס־קראַפט צו זײַן געבוירן־אָרט. ער טרוימט נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט דער קינדהײַט, מיט זײַנע פרײַנט און שול־כאַווירים, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געוואַקסן, געלאָפן צום טײַך, פאַרבראַכט אין פּיאָנערן־לאַגער. זיסע דערמאָנונגען שנירלען און בינדן זיך איינס צום אַנדערן, ווי פאַרכאַפנדיקע צויבער־מײַסעלעך. זיי רעגן די מאַכשאָווע, רופן אונדז נאָך מער צו שעצן און ליב האָבן דאָס לעבן, די נאַטור, אַלץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום. עפּשער טאַקע דערפאַר האָבן מענטשן פון מײַן דאָר אָנגעהויבן אין די לעצטע יאָרן אָפטער באַזוכן דאָס שטעטל, וואָס האָט פאַר די היפּשע דריטהאַלבן צענדליק יאָר, נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט פון דאָרט אַרויסגעיאָגט די היטלערישע פאַרכאַפּערס, ניט נאָר פאַרהיילט די מילכאָמע־וווּנדן, נאָר אויך זיך צעבויט און צעוואַקסן און ענדגילטיק געביטן דעם פאַרמילכאָמעדיקן אויסזען. די, וואָס זײַנען דאָרט אַ לאַנגע צײַט ניט געווען, דערקענען שוין קוים דאָס שטעטעלע.

ווער עס זאָל ניט אַראָפּקומען צוגאַסט אינעם שטעטל טשעמעראָוויץ, הייבט אָן זײַן באַזוך פון שמערל סיראָטאַס יערושע־שטוב — איינע פון די ווייניקע גאַנץ־געבליבענע הײַזער. שמערל האָט דאָ געלעבט פאַר דער מילכאָמע זאַלבעצווייט מיט זײַן מאַמען. איצט וווינט ער דאָ אויך — ער און זײַן ווײַב, ראָכל די מאָדיסטקע, פון געבוירן אויך אַ טשעמעראָוויצער. שמערל איז ביז דער מילכאָמע געווען אַ בוכהאַלטער אין ראַיוסּפּירקאָם, און מיט אָט דער פּראָפעסיע שיידט ער זיך ניט ביז איצט. אין דער יוגנט פלעגט ער זיך ניט באַגעגענען מיט דער שוואַרצכיינעוודיקער שנײַדערן ראָכיל אײַזמאַן, זיי האָבן אַפילע איינס דאָס אַנדערע רעכט ניט געקענט, ווײַל קיין נאָענטע שכיינים זײַנען זיי ניט געווען, ראָכל האָט געלעבט ערגעץ אין די הינטערגעסלעך, און ער אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער זײַט פונעם מאַרק־פּלאַץ.

צונויפגעפירט האָט זיי דער טראַגישער גוירל. דאָס איז געווען נאָך דער צווייטער פאַשיסטישער אַקציע, באַם אויסראָטן די שטעטלשע ייִדישע באַפעלקערונג. די היטלעריסטן האָבן אין איינעם אַ זומער־טאָג אוועקגעטריבן אַלע ייִדן פון טשעמעראָוויץ אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער לאַגער, ווו מע האָט זיי אײַנגיכן, צוזאַמען מיט די ייִדן פון די אַנדערע שטעטלעך, אומגעבראַכט אין די מאַסן־גריבער באַ אַ וועלדל, דרײַ קילאָמעטער הינטער דער שטאָט.

שמערלען האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן אין נאָענטן דאָרף טערעמקאָווצי, ווו מע האָט אים גוט געקענט, ווײַל ייִנגלווײַז, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער, האָט ער זיך דאָרט פאַרנומען מיט שנײַדערײַ. אין דער זעלבער צײַט איז אהין אַנטלאָפן אויך ראָכיל. דערציילן, וויאַזוי די אוקראַיִנישע פויערים פון דעם דאָרף האָבן אין מעשעך פון דריטהאַלבן יאָר אויסבאַהאַלטן די צוויי מענטשן, איז אין אַ קורצער פאַרצייכענונג ניט מעגלעך.

לאָמיר זיך דעריבער דערנעענטערן צו מער פריידיקערע געשעענישן פון יענער צײַט. סאָף מאַרט 1944 האָבן שמערל און ראָכיל זיך אומגעקערט אין שטעטל, וואָס איז נאָרוואָס באַפרײַט געוואָרן, נאָר די פאַשיסטן האָבן עס צעשטערט און צערויבט. דאָס איז געווען אַ שוידערלעך בילד. צום גליק, זײַנען נאָך פאַר זייערע אויגן געשטאַנען יענע גוטע דאָרפישע מענטשן — זייערע רעטער, אַדאַנק וועמען זיי האָבן דערלעבט דעם גליקלעכן טאָג. גראָד אין יענער צײַט, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט פאָרגעזעצט יאָגן דעם פאַרביסענעם סוינע אַף מײַרעוו, האָבן די צוויי עלנטע מענטשן, שמערל און ראָכיל, באַ די אַלטע ווענט פון זייער כאָרעווער היים זיך געגעבן דאָס וואָרט כאַסענע צו האָבן, קעדיי צוזאַמען בויען דאָס לעבן אַפסנײַ.

אינגיכן האָבן אין שטעטל זיך אומגעקערט נאָך פינף ייִדישע פאַמיליעס, צווישן זיי די שוועסטער גאָלדשטיין, וועלכע זײַנען אויך אַנטלאָפֿן פֿון דער געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אַנדער שכנישדיקער דאָרף. וועגן דעם גורל פֿון די שוועסטער גאָלדשטיין האָב איך זיך דערוווּסט אין די ערשטע כאַדאָשים נאָכן גרויסן זיג פֿון זייערן אַ בריוו, דאַטירט דעם 27 אויגוסט 1945, צו מיר אין דער מיליטער־טייל, וואָס איז געשטאַנען באַ דעם שפּרעע־טײַך, ניט ווײַט פֿון בערלין.

אָט וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן אַף די פאַרגעלטע בלעטלעך:

„טײַערער לאַנדסמאַן!

מײַן בריוו וועט זײַן פֿאַר דיר אומגעריכט. עס שרײַבט דיר גאָלדשטיין פּירע יאַקאָוו־לעוונע (עסטער יאַנקעלעס — אַזוי האָט מען מיך גערופֿן אין שטעטל). פֿון די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועמען ס'האָבן פאַרמוטשעט די היטלערישע גאַרגלשנײַדער, האָט מיר אָפּגעגליקט צו בלײַבן לעבן. אונדזערע עלטערן און קרויווים האָבן די היטלעריסטן מערדע־ריש אומגעבראַכט...

דײַן בריוו, וועלכן דו האָסט אַדרעסירט צו דײַנע עלטערן, האָט מען איבערגעגעבן מיר. מיט גרויס מיטלײַד מוז איך דיר מיטיילן, אַז פֿון דײַנע אייגענע איז אויך קיינער ניט גע־בליבן לעבן. איך לייען די זײַטלעך פֿון דײַן בריוו, און ביטערע טרערן פאַרקלעמען דאָס האַרץ. ס'איז שווער צו באַשרײַבן די שרעקלעכע טעג און נעכט, וואָס איך האָב צוזאַמען מיט מײַן שוועסטער איבערגעלעבט אין די דריטהאַלבן יאָר פֿון אונדזער באַהעלטעניש. מיר פלעגן זעלטן דורך אַ שפּאַרונקעלע זען די זונען־שײַן. איך בין מעקאַנע געווען אַפילע די באַלע־כאַים, באַזונדערס די פויגלען, זיי פֿליִען דאָך אַרום אַף דער פרײַ.

ענדלעך איז געקומען דער לאַנגדערוואַרטער טאָג פונעם 25 מאַרט 1944, ווען די סאָוועט־טישע אַרמיי האָט באַפרײַט אונדזער שטעטל און אויך מיך מיט דער שוועסטער — צוויי יעסוימים, נאַקעטע און באָרוועסע. איך בין אָבער גליקלעך, וואָס איך האָב דערלעבט מיט מײַנע אויגן צו דערזען דעם פינצטערן סאָף פֿון די היטלערישע באַנדיטן. איך בין גליקלעך דערפֿאַר, וואָס מיר לעבן אין אונדזער סאָוועטנלאַנד.

איך אַרבעט ווידער אַלס לערערין אין דער טשעמעראָוויצער שול, מײַן שוועסטער לי־זע — אין ראַויספּירקאָם. אין שטעטל לעבן הײַנט־צו־טאָג פינף ייִדישע מישפּאָכעס. דער־ווײַל האָב איך זיך מיט דער שוועסטער באַזעצט אין אַ פרעמד הויז (אונדזער שטוב איז צעוואַלגערט). צוזאַמען מיט אונדז וווינט קלאַרע קעלמאַן (כײַקע לייצעס), אַ מיטאַרבעטערן פֿון ראַיקאָם. מיר לעבן צווישן זיך פרײַנטלעך, ווי אייגענע. עס קומען אָפּט צו פאָרן אונדזע־רע טשעמעראָוויצער, וועלכע לעבן אין פאַרשיידענע שטעט, די מערהײַט פֿון זיי זײַנען גע־וועזענע פראָנטאָוויקעס.

איצט געפינען זיך באַ אונדז צוגאַסט אונדזערע שול־כאַוויירים ליפע גערשנשטיין און קיווע מאַקטאַז. אַ גרוס דיר פֿון זיי און אויך פֿון שמערל סיראָטע און ראַכיל אײַזמאַן. זײַ געזונט. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך זען".

פֿון דעמלט זײַנען שוין פאַרבײַ קימאַט דריטהאַלבן צענדליק יאָר. מענטשן לעבן און אַרבעטן, באַגעגענען זיך, פאָרן איינער צום אַנדערן צוגאַסט, דערמאָנען די אומגעקומענע.

„איך וואַרט פֿון דיר אַ בעאַריכעסדיקן בריוו, — שרײַבט רײַע גרינבערג פֿון יעופּאַטאָ־ריע, — וועגן דײַן באַזוך אין אונדזער שטעטל טשעמעראָוויץ. אין מײַן אורלויב־כוידעש האָב איך דורכגעמאַכט אַ רײַזע איבער די שטעט, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אונדזער יוגנט, אָנ־געהויבן פֿון כאַרקאָוו, און פֿון דאָרטן קיין דאָנעצק, וואָראָשילאָווגראַד, זשדאַנאָוו, טאַגאַנ־ראָג, קראַסנאָדאַן, ביז צו פאָלטאַווע. פאַרשטייט זיך, אַז פֿון דער רײַזע האָב איך באַקומען אַ יאַם מיט פאַרגעניגן, באַזונדערס פֿון כאַרקאָוו — אונדזער ברויזנדיקער סטודענטן־שטאָט, ווו איך האָב באַגעגנט אַ סאַך פרײַנט און צווישן זיי אויך אונדזערע לאַנדסלײַט כײַקע און כאַסקל מויגער, די דאָרפמאַנס, די דאַרפּסט זיי אוואַדע געדענקען, און מירע פאָלישטשוק. כ'האָב אַפילע געפונען מײַנע אַ כאַווערטע נאָך פֿון די פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן. ווי אָנגענעם עס איז אַרומצושפּאַצירן איבער די גאַסן פֿון דער זיך צעוואַקסענער אין דער לענג און אין דער ברייט מעכטיקער שטאָט, וואָס קאָן זיך שוין אויך באַרימען מיט גערמאַמע און ליכטיקע מעטראָ־סטאַנציעס. פאַר דער מילכאָמע האָט מען געקאָנט בלויז טרוימען וועגן דעם. מײַן גיד איז געווען מירע. מיר זײַנען פאַרייננוועגס אַפילע אַרײַנגעגאַנגען אין דער זעלבער גאָרקיך, ווו מיר פלעגן אין די סטודענטישע יאָרן פרישטיקן און מיטיקן. זיצנדיק באַם עסטיש, האָבן מיר דערמאָנט פיל פֿון אונדזערע שול־כאַוויירים. אויסרעכענען אַלע, ווער אין וואָסער שטאָט עס לעבט איצט, איז שווער".

מעגלעך, אַז גראַד דעמלט, ווען רײַע האָט געשריבן אירע אײַנדרוקן פון דער זומער־רײַזע, איז צוגאַסט קיין טשעמעראָוויץ זיך צונויפגעפאָרן פון פאַרשיידענע שטעט אַ היפּשער אוילעם לאַנדסלײַט, די מערהײַט פון וועלכע עס האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל נאָך אין די ערשטע פינפיאָרן, ווען די יוגנט האָט זיך אַ צי געטאָן אין די אינדוסטריעלע שטעט פון אוקראַינע, אוראַל, סיביר און ווײַטן מיזרעך — ווער צו די נײַבויונגען און ווער צו דער לער אין די טעכניקומס און אינסטיטוטן. אָבער דאָס געבוירן־שטעטל האָט מען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

קוים באַוויזן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין האָטעל, איז מען אוועק אָפּזוכן שמערל סיראָ־טאַס שטוב, וועלכע שטייט אויף דער גאַס לענגאויס דעם געדיכטן שאָטנדיקן סקווער, וואָס די יוגנט האָט פאַרפלאַנצט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע. איצט זעט מען דאָ, אין סאַמע צענטער פון דעם סקווער, ניט ווײַט פונעם לענין־דענקמאָל, דעם מאָנומענט אויפן ברודער־קייווער פון די געפאַלענע אין שלאַכט פאַר באַפרײַען דאָס שטעטל — אַט דעם אייביקן שפּור פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. מיט אַ פאַרנייגטן קאָפּ האָט יעדערער פאַר זיך מיט ציטערנדיקע ליפּן געלייענט אויפן מעמאָריאַל־טאָוול די נעמען פון די אַריבער הונדערט אומגע־קומענע סאָלדאַטן און אָפיצערן.

שמערל סיראָטאַס שטוב שטייט באַם אָנהייב פון דער פּערוואָמײַסקי־גאַס. פאַר דער מיל־כאָמע איז דאָס שטעטל געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט זיך אפילע ניט געניייטיקט, מע זאָל אָנרופן יעדע גאַס מיט אַ נאָמען, כאָטש אַלס אַ ראַיצענטער איז עס געקרוינט פון טאָמיד אָן, געפינענדיק זיך אין סאַמע מיטן פון איינעם פון די רײַכסטע און ברייט צעצווײַגטע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען. פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר האָט מען דאָס שטעטל אָפּסנײַ אויסגעבויט, עס איז באַוואַקסן געוואָרן מיט גאַסן און געסלעך, מיט געבײַדעס פון אונטער־נעמונגען און קולטור־אַנשטאַלטן, מיט אַן אויטאָ־וואָקזאַל. טשעמעראָוויץ האָט באַקומען אַ שטאָטישן אויסזען.

בא די סיראָטאַס האָבן מיר געטראָפן די באַלעבאָסטע אַליין, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין דער ציכטיקער קיך מיט די בלוי־ווײַסע ווענט. דער רייעך פון פרישן קאַלך האָט מיט עפּעס דערמאָנט אין דער פאַרגאַנגענהײַט... דערזען מיטאַמאָל דעם היפּשן אוילעם, איז ראַכיל עטלעכע רעגעס געבליבן ווי געפּלעפט. זי האָט קימאַט אַלעמען דערקענט. באַזונדערס די, וואָס זײַנען זינט נאָך דער מילכאָמע אהער שוין ניט איין מאָל פאַרפאָרן.

אַזאַ מעסיבע, ווי הײַנט, האָט ראַכיל בא זיך אין שטוב שוין פונלאַנג ניט געזען, סײַדן אויף דער כאַסענע פון איר זון, וועלכער איז באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ מיידל פון כמעלניצקי און טאַקע מיט איר אַהין אויף שטענדיק אַרי־בערגעפאָרן און זיי האָבן זיך דאָרט ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט אויף אינזשעניערישע שטעלעס. פאַראיאָרן האָבן זיי שוין באַקומען אַ באַזונדערע דירע אין אַ נײַעם מיקראָ־ראַיאָן. איצט האָבן טאַטע־מאַמע אַ צוגאָב־אַרבעט צו פאָרן אַלע אָפּרו־טעג זיך זען מיטן אייניקל. נאָך גוט, וואָס זיי וווינען נאָענט צום אויטאָ־וואָקזאַל, פונוואַנען די אויטאָבוסן גייען אויף עטלעכע מאָל אין טאָג לויט אַ פּינקטלעכן גראַפיק.

אַ צופרידענע מיט די געסט, האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— אַזויפיל אונדזעריקע, קיין אײַנהאָרע. ווען שמערל זאָל וויסן... — זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער, — נו, יאָ, ער דאַרף שוין אינגיכן קומען עסן מיטיק.

בעשאַס דער אוילעם האָט זיך היימיש און היימלעך אײַנגעמאַסטעט, ווער אין שטוב אַרום טיש און ווער אין דרויסן נעבן סיראָטאַס פלוימען־סעדל, האָב איך באַשלאָסן צוגיין צו שמערלען אויף דער אַרבעט. אין אַ צען מינוט אַרום בין איך שוין געווען נעבן ראַיוספּיר־קאָם. עטלעכע מאַסיווע טרעפּ האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין וועסטיביול פון דער נײַער צוויי־שטאָקיקער געבײַדע. פון אונטער אַ גלאָז, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט, אויף רעכטס באַם אַרײַנגאַנג, האָט ארויסגעקוקט אַן אָפּגעדרוקטער אָנצײַגער מיט די נומערן פון די אָפּ־טיילן פון ראַיוספּירקאָם. אַ יונגער מיטאַרבעטער האָט מיך צוגעפירט צו אַ טיר אויף דער לינ־קער זײַט פונעם קאָרידאָר.

— דעם כאַווער סיראָטאַ, סעמיאָן מאַריאַנאָוויטשן, וועט איר טרעפן אין אָט דעם קאַ־בינעט.

אינעם ניט גרויסן צימער זײַנען בא זייערע טישן, איינער אנטקעגן אַנדערן, געזעסן פאַרטאָן אין פּאַפּירן — דער וועטעראַן פון די ראַיאָנע פינאַנץ־טוער שמערל סיראָטאַ און אַ בלאָנד מיידל אין אַ דזשינסאָווער קלייד, הויך געשפּיליעט, זעט אויס, סעמיאָן מאַריאַנאָ־וויטשעס געהילף.

מיר האָבן ביידע זיך גלײַך דערקענט און מיט פרייד זיך מאַנצבלש ארומגענומען. א ווײַלע באַקוקט איינער דעם אַנדערן און פּאַשעט געשוויגן, ניט וויסנדיק, פון וואָס אָנצוהייבן. דאָס בלאָנדע מיידל האָט, פון איר זײַט, געקוקט אַף אונדז מיטפילנדיק, גלײַך ווי זי וואָלט וועלן מיט עפּעס אונדז ארויסהעלפן.

— גייט זיך דורך מיט אײַער גאַסט א ביסל שפּאַצירן, — האָט זי זיך געווענדט צו שמערלען, — אַלצײַנס איז שוין באַלד די צײַט פון מיטיק.

— א דאַנק, נאַדינקע, — האָט שמערל געענטפערט דעם בלאָנדן מיידל און דערבײַ צו־געגעבן: — איך וועל זיך, מעגלעך, נאָך מיטיק א ביסל פאַרהאַלטן.

דער צימער מיט די צוויי טישן האָבן מיטאַמאָל א קערעווע געטאָן דעם זיקאָרן אַף פער־ציק יאָר צוריק — צו יענעם אורלויב־כודיעש ערעוו דער מילכאָמע, ווען כ'האָב אין איינעם א טאָג זיך געטראָפן מיט שמערלען אַף זײַן ארבעט אין דער אַלטער געבײַדע פון ראַיויס־פּירקאָם. יענער צימער, געדענקט זיך מיר, איז געווען ענלעך אַף דעם איצטיקן, אויסגע־שטאַט מיט א ביכער־שראַנק און מיט צוויי קאַנטאָר־טישן, פאַרוואַלגערטע מיט פּאַפּקעס און צירקוליאַרן. נאָר באַ איין טיש איז דעמלט געזעסן אָנגעבויגן איבערן אריפמאָמעטער אַן אַנדער מיידל, אונדזער שול־כאַווערטע פּאָלינע — פּאָליע רוכער, מיט וועלכער כ'האָב זיך געלערנט אין איין קלאַס. אין אונטערשייד פון אַנדערע, איז פּאָלינע געווען באַזונדערס צוגעבונדן צום שטעטל, צו איר היים. זי האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זי האָט פאַרענ־דיקט בוכהאַלטערישע קורסן און אָנגעקומען ארבעטן אין ראַיויספּירקאָם אַלס געהילף־בוכ־האַלטער צו שמערל סיראָטאַ, דעם שוין דעמלט געניטן פינאַנסיסט, באַ וועמען ס'איז געווען וואָס זיך אָפּצולערנען. זי האָט אָבער אויך געטרוימט אָנקומען הינטער־אויגיק אין אינסטיטוט. די מילכאָמע האָט איבערגעקערט אַלץ מיט דער פוטער אראָפּ...

פּאָלינע האָט ניט דערלעבט צום טאָג פונעם זיג איבערן סוינע און ניט געזען דאָס אופּ־געבויטע שטעטל, צו וועלכן זי איז געבליבן אַף אייביק צוגעבונדן. צוזאַמען מיט אירע על־טערן האָבן די היטלעריסטן זי אומגעבראַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער טויט־לאַגער. אויך שיקע, דער איינציקער ברודער אירער, האָט פון דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט. פון דער גאַנצער מישפּאָכע איז געבליבן לעבן בלויז מאַניע, די עלטערע טאָכטער.

גייענדיק פון ראַיויספּירקאָם אהיים עסן מיטיק, האָט שמערל זיך באַהערשט, און דער געפיל פון אומגעריכטקייט, וואָס עס איז אָנגעפאָרן אזא גרויסער אוילעם, איז קימאַט שוין דורכגעגאַנגען. ווען ער האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן דירע, איז ער שוין געווען פאַרכאַפּט פון א פריילעכן שטיפערישן געפיל, און ענערגישער און העכער ווי געוויינ־לעך ארויסגעבראַכט דעם „זדראַוסטוויטיע!“. אין דעם געמיש פון קעגנזײַטיקע פראַגן און ענטפערס האָט די באַלעבאָסטע באַוויזן ארײַנשטעלן אויך איר פראַגע:

— וואָס וועט איר זאָגן! ווי זעט ער אויס, מײַן שמערל?

שמערל האָט אונטערגעשמייכלט, ווענדנדיק זיך צום ווײַב:

— ראָכל, בעט די געסט זיך זעצן צום טיש, מע דאַרף עפּעס איבערכאַפּן.

אין צווייטן צימער איז דער טיש שוין געווען צערוקט אַף דער גאַנצער לענג, פאַר־שפּרייט מיט א קווייטלדיקן טישטעך און ארומגעשטעלט מיט טעלער און גלעזלעך. אַפן סאַמע ראַנד איז געשטאַנען א טשוהונענער טאָפּ. פון די הייסע זומער־קאַרטאָפל, איבערגע־שאָטן מיט קריפּ און פּעטרעשקע, האָט זיך געטראָגן א דופטיקער פּאַר, אויך די קאַלטע צובײַסעכצן האָבן ארויסגערופן אַפּעטיט.

קיין פלעשער זײַנען אַפן טיש ניט געשטאַנען. די זאָרג האָט ראָכל איבערגעלאָזט פאַר דעם באַלעבאָס. שמערל האָט געעפנט א שאַפע און פון דאָרט ארויסגעשטעלט אַפן טיש עטלעכע פלעשער ווײַן, מעלדנדיק דערבײַ, אַז די ווײַנען זײַנען פון זײַן אייגענער פּראָדוק־ציע — ווישניק און עפּל־ווײַן, פּאַראַיאָריקער און צווייאָריקער, וועמען וועלכער ס'געפעלט.

מע האָט אָנגעפילט די קעלישקעס, און דעם ערשטן טאָסט האָט געהאַלטן שמערל:

— טײַערע פרײַנט, מיר אין דער פּראָווינץ שטאָלצירן מיט אײַך, ווײַל ווו איר זאָלט זיך ניט געפינען, מיט וואָס איר זאָלט זיך ניט באַשעפטיקן, זעען מיר אין אײַך דעם קויעך און דעם בײַטראָג פון אונדזער שטעטל אינעם לעבן פון די גרויסע שטעט, און עס אימפּאָנירט אונדז אײַער צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער היים...

בעשאַס דער אוילעם האָט צוגעביסן, איז שמערל ארויס אַף א ווײַלע אין סעדל, ווו עס האָבן געריפּט אַף דער זון די פון אינדערפרי אָנגעטרייסלטע פלוימען. פונדאָרט האָט ער זיך אומגעקערט מיט א פולן עמער און איבערגעלייגט די פלוימען אין די צוויי פּרוכטאָווע וואַ־זעס, ווו ס'זײַנען שוין געלעגן ווײַס־ראָזעווע עפּל און ציטרוסקאָליריקע בארן; דאָס האָט

געשאפן דעם אײַנדרוק פון אן עכטן נאַטורמאָרט; באַזונדערס האָט מען געלייגט אַכט אַף די שפּיצעכיקע פלוימען מיט זייער סימעטרישן פּאָלד אינדערמיט, אַף וועלכן, ווי דו טוסט נאָר אַ קוועטש מיטן פינגער, פּיקט זיך גלײַך אַרויס דאָס קערעלע. דעם טאַם פון אָט די פּאָדאָליער זיסע און זאַפטיקע פלוימען געדענקען מיר נאָך פון דער קינדהייט.

באַם אָנגיסן דאָס צווייטע קעלישעקל האָט מען ניט פאַרגעסן אַ שמועס טאָן וועגן דעם ווײַנשל־ווײַן, וועלכן מע האָט אין שטעטל פון טאָמיד אָן געשעצט ווי איינס פון די געשמאַקסטע געטראַנקען.

— אויב ריידן וועגן ווײַן, — האָט זיך אָנגערופן שמערל, — דאַרפן מיר אָפּגעבן דעם פּריאָריטעט אונדזער גאַסט פון אָדעס אַווראָם טולטשינסקין...

ריווע פּאָגאַרעליס, די געוועזענע פּראָנטאָוויטשקע, וועלכע האָט זיך נאָך דער מילכאָמע באַזעצט אין טשערנאָוויץ, אָפּגעבנדיק דאָרט העכער דרײַסיק יאָר דער געזונט־פאַרהיטונג, האָט זיך אָנגערופן:

— צוליב דײַנע ווײַנען, אַבראַשע, וועל איך מוזן ספּעציעל צופאָרן קיין אָדעס. כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ ספּעציאַליסט בלויז אַף בויען הייב־קראַנען, לאָזט זיך אויס, אַז דו ביסט דערצו נאָך אַ ווײַנציכטלער...

אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן פאַרנעמט זיך דער אינזשעניער־קראַנאָווּשטשיק מיט זעלבסטעטיקער ווײַנציכטלערײַ אין זײַן אייגענעם סאַד באַם ברעג פונעם שוואַרצן יאַם. פּלאַנצן און איבערזעצן נײַ־קולטיווירטע סאָרטן ווײַנטרויבן, נאָכקוקן, אַז עפּעס אַן אינזעקט — אַ שעדיקער זאָל זיך צו זיי ניט צוכאַפּן, שנײַדן די רײַפגעוואָרענע שטענגלעך — איז טולטשינסקיס „האָבי". אַנדערע ליבהאָבער פון סאָדצוכט קומען אָפּט צו טולטשינסקין נאָך קאָנסולטאַציע, אָנפרעגנדיק זיך וועגן די אייגנשאַפטן פון דעם אָדער אַנדערן סאָרט ווײַנטרויבן.

אַווראָם טולטשינסקי איז אַ באַשיידענער מענטש — מיט טאַקט און וואָרט, אַן ערנסטער און טיפדענקענדיקער אינזשעניער, אַן עכטער קאָנסטרוקטאָר, מיט איין וואָרט — אַ טיפּישער טעכניאַר. די ליבע צו טעכניק, דער כוש צו דערפינדערישקײַט איז באַ אים, קאָן מען זאָגן, אײַנגעבאַקן אין בלוט.

די געוועזענע שול־כאַווײרים געדענקען, ווי אַזוי אַווראַמל האָט נאָך אין זעקסטן קלאַס קאָנסטרויִרט אַ מאָדעל פון אַ הייב־קראַן, נוצנדיק זיך מיט שטיקלעך בלעך, צונויפגעקליבענע שרײַפּעלעך, מעטאַלענע טרײַבעלעך און צאָן־רעדעלעך פון אַן אַלטן זייגער (זײַן טאַטע לייב איז געווען אין שטעטל דער איינציקער זייגערמאַכער). טולטשינסקיס מאָדעל האָט פאַרדינט פאָרגעשטעלט צו ווערן אַף אַן אויסשטעלונג פון קינדערשער טעכנישער שאַפונג. אָבער דעמלט האָט אַווראַמל אַפילע ניט געוואָגט צו טרוימען, אַז ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען ער וועט אָנפירן מיטן מאָנטאַזש פון אַזעלכע מעכטיקע הייב־קראַנען, וועלכע ווערן איצט געשאַפן אין דער אָדעסער פּראָדוציר־פאַרייניקונג פון שווערער קראַן־בויונג, וועלכע טראָגט דעם נאָמען «Январское восстание» — „דער יאַנוואַר־אויפשטאַנד". אַף דער מאָנטאַזש־פּלאָשטשאַדקע פון דער „יאַנוואַרקע", ווי די אַרבעטער רופן צערטלעך אָן זייער זאַוואָד, קאָן מען אָפּט זען דעם פירנדיקן קאָנסטרוקטאָר טולטשינסקי אין זײַן טונקל־בלויען קאָמבינעזאָן, צווישן שלאָסערס, בעשאַס עס גייט דער מאָנטאַזש פון אַ נײַער מעכטיקער מעטאַל־קאָנסטרוקציע. אַבראַשע טולטשינסקי אַרבעט שוין מערער פון אַ פערטל יאָרהונדערט אַף דער אונטערנעמונג, ער געהערט צו די יאַטן פון דער „יאַנוואַרקע"...

נאָך מיטיק האָט מען באַשלאָסן זיך דורכגיין איבערן שטעטל צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים פון דער שטוב. אַף אַלדאָס נײַס, וואָס דאָ איז פאַר די לעצטע יאָרן צוגעקומען, קוקט מען מיט נײַגער. מע שטעלט זיך אויך אָפּ באַ די גאַנצגעבליבענע אַלטע הײַזער, וועלכע זעען אויס אין דער אַרומרינגלונג פון די מאָדערנע גאַסן ווי מוזיי־עקספּאָנאַטן.

אָט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט באַ לייזער רויפעס שטוב, וועלכע איז אַמאָל געווען איינע פון די באַמערקבאַרע געבײַדעס אין שטעטל — אַ צווייִשטאָקיקע מיט אַ גאַנעק לענגאויס דעם פאַסאַד. אין אונטערשטן שטאָק האָבן געלעבט רייצע די אַלמאָנע מיט עטלעכע קינדער און אומעניע דער קאַשקעטניק — אַ ייִד אַ קאַפּצן, וועלכער האָט געניִיט דריקער קאַרטוזן און אַכטעקיקע קעפּקעס.

אַפן אייבערשטן שטאָק האָבן געלעבט צוויי עלטערע מענטשן, לייזער דער רויפע, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען דעריקער אַ שערער, און פריידע די רויפעטע, — זי האָט געקענט צוגרייטן אַ ייִכל־פּלאַסטער, אָדער אַ האָניק־טייגל, צוליב אויסוואַרעמען אַ פורונקול צי עפּעס אַן אַנדער מאַקע. מיט זייער גוטסקײַט האָבן זיי געשעמט ניט בלויז אין שטעטל, נאָר אויך אין די אַרומיקע דערפער. דער אַלטער לייזער פלעגט אין אַ נויט שטעלן וועמען פּיאַווּ־

קעס און ווען מען באנקעס. ער האָט געקאָנט צולייגן אַן אויער צו דער ברוסט און, אָפּהעג־ גיק דערפֿון, וויאַזוי דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, אייצענען איינעמען וואַלעריאַנאָווע טראָפּנס אָדער צולייגן א שמאַטקעלע, אייַנגענעצט אין קאַלטער וואַסער.

שפּעטער זײַנען אין שטעטל פֿון ערגעץ אַראָפּגעקומען צוויי ספּעציאַליסטן — דער פֿעלד־ שער כאַווכון און דער דאָקטער קאַמינסקי. איצט פֿאַרמאָגט טשעמעראָוויץ א גרויסן שפּיטאָל, אין וועלכן מע פֿירט דורך קאָמפּליצירטע כירורגישע אָפּעראַציעס, א געבורט־הויז, דיספּאַנ־ סערן און קינדער־קאָנסולטאַציעס — אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צוליב דער געזונט־פּאַרהיי־ טונג פֿון די מענטשן.

הינטער אָט דער שטוב, צווישן די קליטן, ווי מע האָט אַמאָל גערופֿן די גאַס, האָט גע־ לעבט לייזער רויפֿעס אייניציקער זון, נאַכמען לייזער רויפֿעס — א הויכער שטאַלטנער מאַנצבל מיט א האַדרעס־פּאָנעם פֿון אַן אינטעליגענט אין די מיטעלע יאָרן. ער איז געווען אַן עכטער פֿאַבריקמאַכער, וואָס האָט געשוירן לויט דער מאָדע — א פֿאַלקע, באָקס און אַפּילע א באָבריק. אַלטע לײַט, וועלכע פֿלעגן זיך שערן אַף גלאַט, אונטער א שער־מאַשינקע, זײַנען געגאַנגען ניט צו נאַכמענען, נאָר צו לייזערן. ער פֿלעגט שערן וועלוועלער און אַפּילע אַף באָרג.

נאַכמען איז געווען פֿון די ערשטע קאָרבאָנעס אין שטעטל. אים האָט דערמאָרדעט אַן עסעסאָווער פֿון דער זאָנדערקאָמאַנדע מיטן נאָמען זאָמער, וועלכער איז אַרײַן צום פֿאַבריק־ מאַכער אין שטוב און באַפֿוילן, אַז יענער זאָל אים „זאַובער״ אָפּראַזירן. נאַכמען האָט אויס־ געפֿילט דעם באַפֿעל, ניט האָבנדיק קיין פֿאַרדאַכט, אַז דער אומדערוואַרטער קליענט האָט מיט זיך געבראַכט פֿאַר אים דעם טויט. ווען נאַכמען האָט אים שוין אָפּגעראַזירט, האָט דער עסעסאָווער, אופֿהייבנדיק זיך פּונעם בענקל, מיט רעציכע א קוק געטאָן אַף נאַכמענען, ווע־ מענס פּאָנעם איז בלאַס געוואָרן, ווי זײַן ווײַסער כאַלאַט.

— צײַג מיר דײַן ראַזיר־מעסער! — האָט באַפֿוילן דער היטלעריסט.

זאָמער האָט זיך א שפּיגל געטאָן אין דער בלישטשענדיקער שאַרף פֿונעם מעטאַל און אין עטלעכע רעגעס אַרום איבערגעשניטן נאַכמענען דעם האַלדז.

פֿון יענער גרויליקער צײַט זײַנען שוין אַדורך אַזויפֿיל יאָרן, נאָר בײַ די לעבעדיקע איז פֿריש אין זיכּאָרן נאַכמענס טראַגישער טויט. עפּשער לעבט נאָך ערגעץ דער עסעסאָוועץ זאָמער. דאָס בלוט פֿון נאַכמען דעם רויפֿעס האַלדז הערט ניט אויף זיך צו גיסן, און כאָרכ־ לענדיקע גאָרגל־קלאַנגען רופֿן צו נעקאָמע...

מיר דערמאָנען זיך אין אַלטן ברונעם, לעבן וועלכן די אײַנוווינער פֿון שטעטל פֿלעגן יעדן טאָג באַם שעפּן וואַסער זיך באַגעגענען. יאָ, אָט די טיפֿע קרענעצע, אַן אויסגעלייגטע פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט שטיינער, אַ באַוואַקסענע מיט גרינעם מאָך, און אויך דעם אַלטן בעסוילעם אָפּן בערגל הינטער דער באָד מיט זײַנע הונדערטיאָריקע מאַצייוועס, אַרײַנגעג־ וואַקסענע אין דער ערד צוזאַמען מיט די אויסגעקריצטע אופֿשריפֿטן, האָט די צײַט פּאַרהיט פֿאַר אונדז ווי צוויי דענקמעלער פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט.

— אויב איר ווילט זען דעם אַלטן ברונעם, — האָט שמערל זיך געווענדט צום אוי־ לעם, — קאָנען מיר באַלד צו אים צוגיין. ס'איז אים איצט ניט לײַכט צו געפֿינען, ווײַל אָפּן געוועזענעם מאַרק־פּלאַץ איז אויסגעוואַקסן א נײַע גאַס, דעם ברונעם, אָבער, האָט מען פֿאַר־ היט. צופֿעליק האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז ער געפֿינט זיך איצט אינעם הויף פֿון כאַים געל־ מאַנס קאָטעדזשל — אַן אינזשעניער־פּלאַנאָוויק, צו וועמען איך בין אַן אָפֿטער אַרײַנגייער.

שמערל האָט היימיש געעפֿנט די געפֿאַרבטע קאַליטקע, און מיר זײַנען אַרײַן אין הויף.

— אונדזער אַלטער ברונעם... — בײַ אָט די ווערטער האָט בײַ יעדערן א ציטער געטאָן דאָס האַרץ.

לויט דעם געדיכטן גרינעם גראָז אַרום אים, ווי אויך לויט דעם צוגעמאַכטן דעקל פֿונעם ברונעם־קאַסטן, אַף וועלכן עס האָבן זיך געוואָרעמט אַף דער זון געלבלעך־גרינע פּאַמידאָרן, האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז מיט דעם ברונעם נוצט מען זיך איצט זעלטן, ווײַל דאָס שטעטל פֿאַרמאָגט אַן אייגענע וואַסערלייטונג. יעדערער פֿון אונדז האָט, צורירנדיק זיך צום אײַזערנעם הענטל פֿון דער אויסגעקאַרבטער און אויסגעשליפֿענער הילצערנער קאָרבע, גע־ פּרוּווט אַרײַנקוקן אין דער טיפֿקײַט פֿונעם ברונעם, קעדיי נאָכאַמאָל, ווי אין די יוגנט־יאָרן, אַרײַנפֿליוכענדיק דעם שווערן עמער, זיך אָפּשפּיגלען אין דער צעשטערטער וואַסער־אויבער־ פֿלאַך. יאָ, ער שטייט נאָך, דער ברונעם. וויפֿל דורירעס פֿונעם שטעטל האָט ער אָנגעפּויעט מיט זײַן אײַז־קאַלטער וואַסער, וויפֿל גליקלעכע פּאָרלעך האָבן זיך אַרום אים צונויפֿגעפּאָרט, שפּאַצירנדיק אין די לעוואָניקע אָפּדערנאַכטן איבער דעם פֿאַרכאַלעמטן מאַרק־פּלאַץ.



דער אלטער ברונעם

די געשיכטע פון איינעם א פּאָרל וויל איך דאָ דערמאָנען.

צווישן דער יוגנט אין שטעטל האָט אין יענע יאָרן געהערשט א מין ווידער־ווילן אין פאַל, ווען עמעצער פלעגט כאַ־סענע האָבן ערגעץ אין א פרעמד אָרט.

— וואָס זשע, האָסט זיך שוין ניט גע־קאָנט אויסקלײַבן קיין קאַלע צווישן אונדז־זערע?

— קאַרג כאַסאַנים זײַנען פאַראַן בא אונדז אין שטעטל?

די טשעמעראָוויצער יוגנט האָט גע־שעמט אין גאַנצן אַרום מיט איר ענערגיע און פאַשטעס. באַזונדערס די מיידלעך — אונדזערע טשעמעראָוויצער מיידלעך — איינע פון דער אַנדערער שענער — באַשיידענע, בידאָווע, עכטע בעריעס. אויב א מיידל האָט ליב באַקומען — איז אַף אייביק, מיט דעם גאַנצן פײַער. אויב ניין — איז ניין.

אין איינער פון אונדזערע שיינהײַטן — אין כאַווע רודיס — האָט זיך אײַנגעליבט א שול־כאַווער מישע סימאַ. געקוקט אַף איר, נאָכגעגאַנגען פוסטריט, לאַנג ניט געוואַגט זיך אַנער־קענען, ביז איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט דרייסטקײַט פון א באַלעגאָלעס א זון און געמאָלדן אָן צערעמאָניעס מיט די ווערטער פון יענער פאָלקס־ליד:

— לאָמירביידע כאַסענע האָבן!..

כאַווע האָט זיך געבעטן בא מישען:

— נאָך ניט די צײַט, מיר דאַרפן ערשט אָנקומען זיך לערנען...

כאַוועס שמעוודיקער שמייכל, די אומשולדיקײַט אַף איר פּאָנעם האָבן געווירקט אַף מישען:

— אין לאָמיר זיך כאָטש געבן דאָס וואָרט...

אָסיען, נאָך זייער ניט געשריבענעם טקיעס־קאַף, זײַנען זיי זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט. כאַווע איז אָנגעקומען זיך לערנען אין כאַרקאָווער אינסטיטוט פון אויס־לענדישע שפּראַכן און מישע — אינעם קיִעווער מעדיצינישן.

מישעס סימאַס טאַטע, סענדער דער באַלעגאָלע, האָט שטענדיק געליטן פונעם מאַנגל אין פּאַסאַזשירן, קוים געצויגן די כאַיונע און אָפטמאָל פאַרדינט בלויז אַף קויפן א ביסל האָבער פאַר די פערד, דעריבער פלעגט ער מיט זײַן פאַמיליע זיצן אָפן אויסהאַלט פון זײַן טאַטן גערשן דעם קאַצעוו — א פּולער, קליינוווקסיקער יִיד, קימאַט א קוואַדראַטער, וועלכער פלעגט אַלע גאַנצפרי אַרויסגיין פאַר זײַן טיר, זיך גוט אויסהוסטן, צולייגן די הענט צום שטערן, העכער איבער די אויגן, און אַרויסקוקן, צי עס גייט שוין צו אים עמעצער פון זײַנע קוינים.

אין לויף פון די יאָרן האָט די צײַט אליין מיט אירע נײַע שטייגערישע און קולטור־עקאָנאָמישע באַדערפענישן אָפּגעשאַפן א סאַך פאַרעלטערטע פּראָפעסיעס, צווישן זיי דעם קאַצעוו און דעם באַלעגאָלע. ווען מע דאַרף פלייש אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, גייט מען אין גאַסטראָנאָם. און אויב מע דאַרף צופאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, קומט צוהילף דער אויטאַ־וואָקזאַל, פונוואַנען עס קורסירן רעיסאָווע אויטאָבוסן איבער די נײַע אויטאָסטראַדעס אין פאַרשיידענע ריכטונגען. א שאָ פאָרן — און דו ביסט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, פאַר דרײַ שאָ — אין געגנטלעכן צענטער כמעלניצקי.

אין 1941 האָבן מישע און כאַווע פאַרענדיקט זייערע אינסטיטוטן און טאַקע באַלד כאַ־סענע געהאַט. אָבער די מילכאָמע האָט זיי ווידעראַמאָל צעשיידט. מישען, וועלכער האָט נאָך אין אינסטיטוט זיך ספּעציאַליזירט אַף דער קאַפּעדרע פון אָפּעראַטיווער כירורגיע, האָט מען מאָביליזירט אַפן פראָנט. ער איז איבערגעגאַנגען פון איין סאַנבאַט אין אַן אַנדערן, געביטן אויך פראָנט־שפּיטאָלן. פון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט אין ראַנג פון א מאַיאָר מיט שלאַכט־אָרדענס און מעדאַלן. נאָך די שווערע איבערפרווון האָבן מישע און כאַווע זיך ווידער באַגעגנט און באַשלאָסן אַף שטענדיק זיך באַזעצן אין גאָרקי — דער פּרעכטיקער שטאָט אַף דער וואָלגע.

דאָרטן איז בא זיי געבוירן געוואָרן א זון מיט א טאָכטער — ביידע גראָטענע קינדער. די טאָכטער איז שפּעטער געוואָרן אַן אינזשעניער, און דער זון האָט זיך אויסגעקליבן דעם טאַטנס פּראָפעסיע — צוויי כירורגן אין איין מישפּאָכע. סענדער דער באַלעגאָלע וואָלט זיכער ניט

געגלייבט, ווען מע זאָגט אים, אַז פֿון זײַנע זין און אייניקלעך וועלן אויסוואַקסן אינזשעניערן און דאָקטוירים... הײַנטיקן זומער האָט דער עלטערער דאָקטער באַקומען זײַן פּערזענטע מע־לוכע־אויסצייכענונג — אַ מעדאַל „וועטעראַן פֿון מי״.

מידע, נאָך אַ טאָג אַרומגיין איבערן שטעטל, האָבן מיר זיך דערקליבן צו אונדזערע האָטעל־צימערן. אָבער וואָס הייסט רוען? אָט שמועסן מיר אַ שאָ און צוויי — און דאָס הייסט, אַז מיר האָבן זיך אָפּגערוט. מישע סימאַ געדענקט קימאַט אַלעמען פֿונעם שטעטל — ניט בלויז זייערע נעמען און פֿאַמיליעס, נאָר אַפֿילו די צונעמעניש. ער רעדט וועגן אונדזערע בניי־איר, וועלכע האָבן זיך געקליבן האַיאָר באַזוכן דאָס שטעטל. די גערשקאָוויטשעס וווינען אין קעשענעוו און יאָסל בעקערמאַן לעבט שוין העכער דרײַסיק יאָר אין ביראָבידזשאַן...

ווער פֿון אונדזערע לאַנדסלײַט געדענקט ניט דעם לערער פֿון פּיזמאַט, דעם דירעקטאָר פֿון דער שול שײַע גערשקאָוויטשן און די פֿרוי זײַנע, די לערערן פֿון כימיע זינע פּאַכטער? עס זײַנען שוין אַוועק וויפֿל יאָרן, און אָט די אײַנגעבוירענע פּעדאַגאָגן האָבן ניט פֿאַרלאָרן די פֿאַרבינדונג מיט זייערע דערצויגלינגען, אינטערעסירן זיך מיט יעדן פֿון זיי, לעבן איבער, ווען עס טרעפֿט באַ עמעצן אַ דורכפֿאַל, שטאָלצירן מיט די דערפֿאָלגן.

„מיר זײַנען גליקלעך, — שרײַבן זיי אין איינעם אַ בריוו, — וואָס די מערהײַט אונדזערע שילער זײַנען אַרויס אַף אַ ריכטיקן וועג. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס עס לויפֿן אַזוי די יאָרן. ס׳ווילט זיך ניט גלייבן, אַז אונדזערע דערצויגלינגען ווערן שוין אויך ביסלעכווײַז פּענ־סיאָנערן. סטאַרעט זיך, טײַערע, פֿאַרהיטן דאָס געזונט״...

— איך קאָן אײַך אויך איבערגעבן אַ פֿרישן גרוס פֿון יאָסל בעקערמאַנען. — האָט זיך אָנגערופֿן סימאַ, — יאָסל סראָליקס, איר מוזט אים אַוודאי געדענקען. אַ דאַר באָכערל מיט אַן עטוואָס צוגעקלײַענט פּאָנעם, מיט איידעלע, אויסגעצויגענע פֿינגער פֿון אַ פּיִאַניסט. נאָר געוואָרן איז ער אַ פֿאַרמאַצעווט.

מישע סימאַ האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן פּידזשאַק־קעשענע אַ קאָנווערט מיטן פּאָסט־שטעמפּל „ביראָבידזשאַן״ און באַוויזן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון יאָסל בעקערמאַ־נען קורץ פֿאַר אָט דער יאַזדע אין שטעטל.

יאָסל בעקערמאַן האָט פֿאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער פֿאַרמאַצעווטישן אינסטיטוט אַ פּאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע. ווען מע האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט די אַרויסלאָזניקעס אַף אַרבעט, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים שיקן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. דער יונגער פֿאַרמאַקאָלאָג האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין איינער פֿון די ביראָבידזשאַנער אַפּטייקן און אָנ־געהויבן פֿירן אַ פֿאַרפֿונדעוועט לעבן. כאַסענע געהאַט, געוואָרן אַ טאַטע פֿון דרײַ קינדער. זײַן דרײַצימערדיקע דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן געפֿינט זיך אַף דער שאָלעם־אַליי־כעם־גאַס, איינער פֿון די שענסטע אינעם געגנטלעכן צענטער.

יאָסל בעקערמאַן איז איצט דער שעף אָדער, ווי מע רופֿט אים מער אָפֿיציִעלער, דער אופּראַווליאַיושטשי פֿון דער צענטראַלער שטאָטישער אַפּטייק.

...ווען די צײַט דערלויבט, וואָלט מען דאָ, זיצנדיק אין האָטעל, איינער דעם אַנדערן איבערדערציילט געשיכטעס וועגן אַלע אָפּשטאַמיקע פֿון אונדזער ווייניק באַוווּסטן שטעטל אַף דער אוקראַיִנע. דער שמועס האָט זיך טאַקע פֿאַרצויגן ביז האַלבנאַכט.

אַפֿן אַנדערן טאָג זײַנען מיר פֿונעם אַווטאָ־וואָקזאַל, מיטן ערשטן אינדערפֿריִיִקן אַווּ־טאָבוס, אָפּגעפֿאָרן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿונעם שטעטל קיין מאָסקווע, איז צו מיר אַרײַנגעקומען נאָך איין לאַנדסמאַן מײַנער — דער מילכאָמע־וועטעראַן און וועטעראַן פֿון מי מאַטוויי סאָ־מוילאָוויטש געלערמאַן, מיט וועמען מיר זעען זיך די לעצטע יאָרן גאַנץ אָפֿט, מערסטנס ווען ער קומט צו פֿאָרן פֿון כאַרקאָוו אין אַ קאָמאַנדירונג פֿון זײַן זאַוואָד, און אומבאַדינגט איין מאָל אין יאָר, דעם 9 מײַ, אינעם טאָג פֿון זיג איבערן דײַטשישן פֿאַשיזם, ווײַל ס׳איז ניט געווען קיין פֿאַל, ער זאָל דורכלאָזן די באַגעגעניש מיט זײַנע פֿראָנט־כאַווערים פֿון דער באַרימטער סיבירער 96־ער גוואַרדייִשער דיוויזיע. אין דער דאָזיקער דיוויזיע האָט געלער־מאַן דורכגעמאַכט די שווערע מילכאָמע־צײַט, אָנהייבנדיק פֿון ווינטער 1941, הינטער מאָסקווע, אַלס אַן אויסשפּירער, נאָכדעם הינטער סטאַלינגראַד, אין די אָנגרײַף־שלאַכטן פֿאַר באַפֿרײַען ראָסטאָווער געגנט און אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און פּוילן, אינעם דורכרײַס אַף מיזרעך־פּרײַסן, פֿאַרענדיקנדיק די מילכאָמע אין די שלאַכטן פֿאַר בערלין און פּראָג, שוין אַלס קאַפּי־טאַן און קאָמאַנדיר פֿון אַ באַטאַרייע.

בערלין, 1945. ווער פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן האָט ניט געטרוימט צו דערלעבן ביז דער לעצטער שלאַכט, קעדיי ענדגילטיק זיך צעצאָלן מיטן פאַרביסענעם סוינע? באַ מאַטוויי געלערמאַנען האָט זיך פאַרהיט א פאָטאָגראַפיע, אף וועלכער מיר זעען צוויי קאַפּיטאַנען, האַרט צוגעטוליעט און אפילו ענלעכע איינער אַפן אַנדערן, ווי צוויי ברידער, מאַטוויי געלערמאַן (רעכטס) און וואַסילי מאַקאַרסקי — צוויי גוואַרדיע־קאַפּיטאַנען, ביידע באַטאַריי־קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אין באַשטאַנד פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט זיך באַטייליקט אינעם שטורעם פון בערלין. פאָטאָגראַפירט האָבן זיך

מאַטוויי געלערמאַן (רעכטס) און דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער באַטאַרייע וואַסילי מאַקאַרסקי. אַפּרעל, 1945

די פראָנט־כאַווערים דעם 18 אַפּרעל 1945, ערעוו איינער פון די שלאַכטן הינטער בערלין. דעם 27 אַפּרעל איז וואַסילי מאַקאַרסקי, דער קאָמאַנדיר פון דער 2־טער באַטאַרייע, אומגעקומען, אָפּגעבנדיק די לעצטע קאָמאַנדע פאַר א האַרמאַטן־זאַלפּ איבער דעם סוינעס פּאָזיציעס.

— וואַסילי מאַקאַרסקי, — דערציילט געלערמאַן, קוקנדיק אף דער פאָטאָגראַפיע, — איז געווען ניט בלויז א העלדישער קאָמאַנדיר און א גאַניטער אַרטילעריסט, נאָר אויך אן איבערגעגעבענער כאַווער, וועלכן איך וועל ניט פאַרגעסן ביזן סאָף פון מײַנע טעג...

ביזן סאָף פון מײַנע טעג... וויפל גרויליקע טעג און נעכט אף די מילכאָמע־וועגן האָבן איבערגעלעבט מאַטוויי און וואַסילי, ביז זיי האָבן מיט זייערע באַטאַריי־האַרמאַטן דערגרייכט בערלין!

פאַר מאַטוויי געלערמאַנען האָט די מילכאָמע זיך פאַרענדיקט דעם 11 מײַ 1945 אין טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָכדעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט דאָרט מיט שווערע פאַרלוסטן צעקלאַפּט די לעצטע עסעס־טיילן. פון דער מילכאָמע האָט דער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן זיך אומגעקערט מיט פערצן שלאַכט־מעדאַלן און שלאַכט־אָרדענס אף זײַן ברוסט. ער האָט זיך באַזעצט אין כאַרקאָוו, וווהין עס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע זײַנע קרויווים און לאַנדסלײַט. דאָרט האָט ער איינגיכן כאַסענע געהאַט, טאַקע פאַר אונדזערער א טשערמאַראָוויצער, פאַר מירע פּאָלישטשוק, אף וועלכער ער האָט, נאָך זײַענדיק אין שטעטל, געוואָרפן אן אויג, און אַלע יאָרן, ווווהין דער גורל האָט אים ניט פאַרוואָרפן, געטרוימט וועגן איר, אויך פון די פראָנטן געשיקט פון מאָל צו מאָל דרײַקאַנטיקע בריוועלעך. אַפן מיליטערישן לאַשן וואָלט עס געהייסן — ער האָט זי געהאַלטן אַפן פריצעל...

און זי, מירע, האָט ערעוו דער מילכאָמע באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם כאַרקאָווער פאַרמאַצעווטישן אינסטיטוט, איבערגעלעבט די שווערע יאָרן פון דער עוואַקואַציע, — אַזוי, אַז לעבנס־דערפאַרונג האָט זי שוין געהאַט גענוג. מאַטוויי האָט גיך זיך אײַנגעשלאָסן אין פרידלעכן לעבן, זיך אײַנגעאָרדנט אף אַרבעט אַלס אינזשעניער אף א מאַשינבוי־זאַוואָד. בעטעווע א רוזקער, באַדאַכטער און אַרבעטסזאַמער מענטש, האָט ער שפּעטער קיין איין מאָל זײַן אַרבעטס־אָרט ניט געביטן — ביזן הײַנטיקן טאָג! בלויז מילכאָמע־צײַט איז אים אויסגעקומען א סאַך מאָל איבערצוגיין פון איין פראָנט אינעם צווייטן. אָבער אין די יאָרן פון פרידלעכער מי איז זײַן אַרבעטס־פראָנט א באַשטענדיקער.

מאַטוויס שטאַרקער כאַראַקטער, זײַן טרײַע באַציִונג צו דער אַרבעט, צו די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, די שטענדיקע אָנגעהעריקײַט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן — אָט די מענטשלעכע אייגנשאַפטן האָבן זיך אין אים אויספאָרמירט פון סאַמע אָנהייב פון זײַן באַוווסטזיניק לעבן — אין זײַן געבוירן־שטעטל, פונוואַנען ער איז אין 1929 יאָר, אין אָנהייב פונעם ערשטן פינפיאָר, מיט א פוטיאָווקע פונעם קאָמסאָמאָל, אוועקגעפאָרן אף אוראַל אין דער שטאָט פּערם. דערפילט, אַז עס פעלן אויס קענטעניש, איז ער אָנגעקומען זיך לערנען אין פּאָלעווסקער כימישן טעכניקום, וועלכער האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געגרייט קאַדרען

מ. געלערמאַן, 1975

פאַר די אוראַלער כימישע אונטערנעמונגען. דער גרעסטער טייל אַרויסלאָזניקעס פון דעם לערן־אַנשטאַלט האָט מען געשיקט אַרבעטן אין קיראָוואָגראַדער כימישן זאַוואָד — איינעם פון די וויכטיקע באַצירקן פון דער אינדוסטריע פון יענע יאָרן.

אין דעם זעלבן טעכניקום האָט זיך געלערנט און איז דערנאָך אויך געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין קיראָוואָגראַדער כימישן זאַוואָד יעווגעני פּאַראַשין — דער געוואַגטער קאָמאַנדיר פון די אַכצן העלדן פון דער נאָמענלאָזער הויכקייט, אין אָנדענק פון וועלכע מע זינגט איצט די באַוווסטע ליד:

Мне часто снятся те ребята,
Друзья моих военных дней,
Землянка наша в три наката,
Сосна, сгоревшая над ней...
Как будто вновь я вместе с ними
Стою на огненной черте
У незнакомого поселка
На безымянной высоте.

געלערמאַן האָט שטיל איבערגעכאַזערט די סטראָפע פון דער ליד און דערנאָך צוגעגעבן:

— יעווגעני איוואַנאָוויטש פּאַראַשין איז געווען די פּאַרקערפּערונג פון א גוטן און א העלדישן מענטשן. ער איז אויך געווען איינער פון מיינע בעסטע גוטפריינט. צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געאַרבעט, געלעבט אונטער איין דאַך... און ווען דאָס היימלאַנד האָט גערופן, זיינען מיר ביידע איינינעם אַוועק אויף דער מילכאָמע.

מענטשן, וועלכע לאָזן נאָך זיך איבער א שפּור פון גוטע אופטוען, פאַרגעדענקען זיך אויף לאַנג, וואָס עס זאָל מיט זיי ניט געשען און ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. אין קיראָוואָגראַד זיינען נאָך פאַראַן אויך איצט פיל פריינט און כאַווירים פון יעווגעני פּאַראַשינען און מאַטוויי געלערמאַנען — די שטילע, באַשיידענע מענטשן, וועלכע זיינען געווען צווישן די ערשטע ענטוזיאַסטן, אָנהייבער פון דער כימישער אינדוסטריע.

אָט וואָס עס האָט וועגן זיי געשריבן די צייטונג „אוראַלסקי ראַבאָטשי” דעם 20 נאָיאַבער 1966:

„...יעווגעני פּאַראַשינס באַוווסטזיניק לעבן איז קימאַט אינגאַנצן דורכגעגאַן אויף אוראַל, אין קיראָוואָגראַד. פונדאַנען איז ער, א קאַנדידאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַוועק אויפן פראָנט, ווו עס האָט זיך בא אים ענדגילטיק אויספאָרמירט דער כאַראַקטער פון א פּאַטריאָט”.

„...זייער דירע, — שרייבט ווייטער די צייטונג, — איז באַשטאַנען פון דריי צימערן. איינע פון זיי האָט געהערט יעווגעני פּאַראַשינס גוטנפריינט, דעם שעף פון דער גרופּע אויטאָמאַטלער מאַטוויי געלערמאַנען, וועמענס גויראָל איז אויך מערקווירדיק. מאַטוויי געלערמאַן, א שטילער און באַשיידענער מענטש, האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אין ראַנג פון א קאַפּיטאַן, באַלוינט מיט פערצן שלאַכט־אויסצייכענונגען. נאָך דער מילכאָמע האָט געלערמאַן פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, איצט אַרבעט ער אין כאַרקאָוו. אַזוי האָבן אונטער איין דאַך געלעבט צוויי געוויינלעכע מענטשן, און קיינער, ווער עס האָט זיי געקענט, האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט פון זיי ווערן”.

איך האָב אים דערזען אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער פייערונג, געווידמעט דעם 34־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, נאָך דעם, ווי ער, געלערמאַן, האָט אין מאָסקווער פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו אויפן נאָמען פון א. מ. גאָרקי זיך באַגעגנט מיט א היפשער גרופּע וועטעראַנען פון דער 96־ער גוואַרדייִשער דיוויזיע.

אַנגעטאָן אינעם נײַעם אויסגעפּרעסטן אָנצוג, מיט אַלע זײַנע אָרדענס און מעדאַלן אויף דער ברוסט, האָט מאַטוויי סאַמוילאָוויטש אויסגעזען מיליטעריש אונטערגעצויגן, יאָמטעוודיק און אַפילו ייִנגער ווי געוויינלעך.

אין דעם זעלבן טאָג האָבן די געוועזענע פּראָנטאָוויקעס, לויט דער אײַנגעשטעלטער טראַדיציע, באַזוכט דעם צענטראַלן מוזיי פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פּססר, וווּ עס געפינט זיך די שלאַכט־פאָן פון אָט דער רומפולער דיוויזיע.

דאָס מאָל האָט מאַטוויי סאַמוילאָוויטש מיטגענומען מיט זיך אין מוזיי זײַן פינפיאָריק אייניקל זשעניטשקע — אַ שוואַרצכיינעוודיק ייִנגעלע מיט קלוגע, זשוואַווע אייגעלעך, וועלכער האַלט אין איין פאַרגעבן דעם זיידן פראַגעס. מאַטווייען סטײַעט געדולד אויף אַלץ.

— זאָל דאָס אייניקל וויסן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיכערקײַט, — ווער דער זיידע איז. ס'איז געווען אַמאָל אַ גרויסע מילכאָמע, און דער זיידע האָט מיט זײַן אָנטייל אין איר קיינעם, כאָלילע, ניט פאַרשעמט.

מאַטוויי סאַמוילאָוויטש האָט אַ גלעט געטאָן דאָס אייניקל פאַרן קעפּל:

— אַ קאָפּיִע פון מײַן שמוליקן — איר קענט אים דאָך, דעם זון מײַנעם, וואָס לעבט איצט הינטער מאָסקווע. ער האָט, ווי דער טאַטע זײַנער, ניט ווײַט געזוכט, זיך מעשאַדעך געווען מיט אַ מאָסקווער מיידל אויך פון אונדזערע טשעמעראָוויצער — מיט ריווע בראָנשטיינס טאָכטער. איר געדענקט זי מיסטאַמע — ריווע גערשן דעם סטאָליערס, אָדער „די לערערן ריווע״, ווי עס פלעגן זי רופן די שילער פון די אָנפאַנג־קלאַסן. און די טאָכטער מײַנע, ריי־טאָטשקע, האָט אויך שוין פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, זי אַרבעט מיט מיר צוזאַמען אויפן זאַוואָד. ביז דער כאַסענע האָט שמוליק אויך בײַ אונדז געאַרבעט, וואָס וועט איר זאָגן? קימאַט אַ דינאַסטיע...

פון לאַנגווײַליקײַט האָט דאָס אייניקל זיך אָנגעהויבן דרייען אַהין און אַהער, און כ'האָב אים געפּרוּווט אַרויספירן פון אָט דעם צושטאַנד מיט אַ פּאָר פראַגעס, וואָס דערוואַקסענע פרעגן, געוויינלעך, בײַ אַ קינד. אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט הײַנט געזען אין מוזיי, האָט דאָס ייִנגעלע מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— האַרמאַטן, אָווטאָמאַטן און דעם זיידנס פאָן!

מאַטוויי סאַמוילאָוויטש האָט אָנגעקוועלט פון דעם אייניקלס ענטפער.

— אָט זעט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — אַ קינד דאַרף מען דערציִען. ניט אומזיסט האָב איך אים הײַנט מיטגענומען אין מוזיי.

געלערמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער:

— די צײַט לויפט. פאַרגעסט ניט, אַז איך דאַרף נאָך הײַנט מיטן אָוונטיקן צוג אָפּפאָרן קיין כאַרקאָוו. עס וואַרט אויף מיר די אַרבעט. — און נאָך אַ קורצער פּאַוזע זאַכלעך צוגע־געבן: — זעט אויס, אַז דער זאַוואָדישער אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל וויל זיך נאָך דער־ווײַל אָן מיר ניט באַגיין...

— יאָ, — האָט ער ווי אין אײַלעניש דערגאַנצט זײַנע רייד, — און דאָס, וואָס כ'האָב ניט געהאַט די מעגלעכקײַט צו קומען אויף דער באַגעגעניש מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע אין שטעטל, איז מיר אַוואַדע אַ שאָד. איך האָף אָבער, אַז מיר וועלן מיט מײַן מירען איבעראַ־יאָר זומער אַהין צופאָרן...

איך האָב דאָ דערציילט וועגן עטלעכע מענטשן, וואָס שטאַמען פון איין שטעטל, און אָט דאָס שטעטעלע איז עפּשער ניט לײַכט צו געפינען אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע. מײַנע פרײַנט, וועמען דאָס שטעטל האָט גענערט און דערצויגן, זײַנען איצט טוישווים אין פאַרשיי־דענע שטעט און ייִשווים, אין די ווײַטסטע ווינקלען פון אונדזער לאַנד.

מענטשן, ווי פייגל, פאַרגעסן ניט זייערע נעסטן. די צוגעבונדנקײַט צו דער אַלטער היים פילט יעדערער אויף זײַן אויפן. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר אַלע מיר, קינדער פון נעם האָרע־פּאַשנעם שטעטעלע, לעבן איבער אַ הייליקן געפיל, ווען מיר קוקן אַרײַן אין דעם אַלטן ברונעם און זעען דאָרט די אָפּשפּיגלונג פון זיך אַליין.

כאַים מעלאַמוד

א גאַסט פון יענער וועלט

פאַר די אומענדלעך לאַנגע און אומדערטרעגלעך שווערע זעקס יאָר, זינט ס'האָט אים, עדיקן, דאַן נאָך א פּערצניאַריק באָכערל, אוועקגעשלעפּט טאַקע מיט אָט דעם צוג פון טשערנאָוויץ אין אויסריַיסעניש, צוערשט קיין ייִסראָעל, דערנאָך קיין ווין, האָט ער אַזוינס נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט, און דערפאַר איז אים שווער געווען באַשטימען דעם טאָך פון זיַין איצטיקן צושטאַנד, פון אָט דעם הייסן פּלאַטער פון אַלע זיַינע גלידער, כאָטש איצט, באַ זיַינע צוואַנציק יאָר, פאַרשטייט ער פיל זאַכן און דערשיַינונגען, וועלכע האָבן פריִער אים אויסגעזען אומבאַגריַיפלעך. פאַר די פאַרלאָפענע זעקס יאָר, ביים וועלכע ער איז אַזוי אומגעוויינלעך אַרויסגעשפּרונגען פון זיַין קינדהיַיט און מיט אַזא שטורמישער, ביטערער גיכקיַיט געוואָרן א דערוואַקסענער, האָט ער איבערגעלעבט ניט ווייניק גרויליקיַיט און שווי־דערלעכס, ניט איין מאָל איז דאָס האַרץ זיך פאַרגאַנגען פון שרעק און פון ווייטעק, און ניט איין מאָל האָט ער אַזוי וואָרהאַפטיק געהערט דעם צאַפּל פונעם אייגענעם האַרץ, אַז אים האָט זיך געדוכט: ס'איז איַנגאַנצן א דרויסנדיקס און מיט גאָרנישט ניט באַשיצט — ניט מיט קיין ברוסטקאַסטן, אַפילע ניט מיט קיין דין הײַטעלע, און עס קאָן אַזוי־אָ, אומבאַמערקט, אַרויסשפּרינגען.

איצט קומט מיט אים פאָר גאָר עפּעס אַנדערס. אוואַדע האָט אַלץ געדאַרפט באַשטימען דער געפיל פון פרייד. נאָר אָט דאָס מוירעדיקע האַרצקלאַפּעניש, אָט דער אומגעוויינלעכער צאַפּל, וואָס האָט צעוויגט אין אים אַלץ פון קאָפּ ביז די פיס, צעוויגט ביז קאַפּדרייעניש, ביז כאַלאָשעס!.. האָט ער אַלע מאָל געמוזט זיך אָנטאָן א קויעך, נעמען זיך אין די הענט, טרייסטן זיך, באַפּוילן זיך און איבערציַיגן זיך אַליין, אַז ווי אומגלייבלעך עס זעט ניט אויס אַלץ, וואָס מיט אים קומט פאָר, איז דאָס ניט קיין כאָלעם, פון יענע כאַלוימעס, וואָס האָבן זיך איבערגעכאַזערט הונדערטער מאָל פאַר די אַלע זעקס יאָר, נאָר עכטע, ניט קיין געדוכטע וואָרהאַפטיקיַיט. ער פאָרט טאַקע! ער פאָרט מיט דעם זעלבן צוג, וועלכער האָט אים מיט זעקס יאָר צוריק אוועקגעשלעפּט אין דער פרעמדער וועלט, נאָר איצט פאָרט ער צוריק. און מיט יעדן קלאַפּ פון די רעדער, מיט יעדער וואַקל פונעם וואַגאָן און מיט יעדן אַלץ וואַקסנדיקן צאַפּל פונעם אייגענעם האַרץ דערנעענטערט ער זיך צו זיַין אַמאָליקער היים, צו דער שטאָט פון זיַין קינדהײַט, צו דער שטאָט פון זיַין פּיליאַריקן טרוים — קיין טשערנאָ־וויץ. און אַפילע דער ביז גאָר ביטערלעכער בײַטאַם פון דעם, וואָס ער קומט אַהין צײַטווײַ־ליק, איַנגאַנצן אַף א כוידעש, ניט מער ווי א גאַסט, און קיינער קאָן דערוויַיל ניט וויסן, מיט וואָס זיַין נעסיִע, דאָס שליכעס זײַנס וועט זיך ענדיקן, קאָן ניט מינערן דעם געפיל פון גליק. ווען ער זאָל געניגט זיַין, ווי אין די קינדער־יאָרן, צו גלייבן אין ניסים, וואָלט ער געזאָגט, אַז געשען איז מיט אים א נעס.

דער גרעסטער נעס אין דער וועלט איז געווען פאַר אים דאָס פּאַפּירעלע, זאָרגזאַם פאַרנייט אין דער בוזעם־קעשענע. דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרמאָגט — אַן אַרײַנפאָר־וויזע, וועלכע ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק באַקומען פון דער סאָוועטי־שער געזאַנדשאַפט אין ווין, אַן אַרײַנפאָר־וויזע אַף א כוידעש אין זיַין קינדערשן אַמאָל, וואָס זעט אים איצט אויס צו זיַין זייער וויַיט, גלײַך עס וואָלטן דורך ניט קיין זעקס יאָר, נאָר א גאַנץ לעבן, עטלעכע לעבנס.

ער האָט געטאַפּט די בוזעם־קעשענע, קעדיי איבערציַיגן זיך, אַז יענץ וווּנדער־פּאַפּירל איז אַף אָן אָרט. ער איז גרייט יעדע מינוט אַרויסבאַקומען דאָס, אויב עמעצער וועט א קוק טאָן אַף אים מיט כשאַד און פרעגן: דו, אַזוינער און אַזוינער! אַף וועלכן סמאַך און מיט וועלכע רעכט? קיינער האָט אַף אים קיין קוק ניט געטאָן מיט יענעם בליק, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי געשראָקן, קיינער האָט אים וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט. אַלע פאַרשווינען

פונעם עקספּרעס װאַרשע—בוקאַרעשט, װעלכער קומט אָן קײן טשערנאָװיץ אַרום עלף אַזײ־
גער אין אָװנט, זײַנען געװען פאַרנומען יעדערער מיט זיך, און זײַן אױסלענדישער אױס־
זען האָט קײנעם ניט געװוּנדערט. גיכער פון אַלץ איז ער ניט אױסערלעך געװען ענלעך אױף
אַן אױסלענדער, נאָר אינװײניק אין זיך. דאָס אױסלענדישע איז געװען אין זײַנע פאַרפּלאָנ־
טערטע געפילן, אין װעלכע ס'איז שװער געװען פאַנאַנדערקלײַבן זיך. און דאָך האָט זיך
אים געװאָלט אױסשרײַען אַזױ, אַז אַלע אין װאַגאָן זאָלן הערן און װיסן, אַז ער איז ניט
קײן אױסלענדער, אַז ער איז אַ טשערנאָװיצער, אַ טשערנאָװיצער! און דאָס פאָרט ער טאַקע
קײן טשערנאָװיץ, װאָס איז ערשט נעכטן געװען זײַן הײמשטאָט!

ערשט נעכטן, ערשט נעכטן! װי גרױס און װי מעכטיק איז די קראַפט פון אײגענער
אײַנרײדעניש! דאָס, װאָס האָט זיך אים אָקאָרשט געמאָלט װי אַ זאַך פון דער װײַטער פאַר־
גאַנגענהײַט, די צײַט, װעלכע האָט אים אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט, געמאַכט לאַכלוטן ניט
ענלעך אױף יענעם עדיקן, װאָס איז אַװעק, ניט באַװיזן אַפילו אָפּגעבן די עקזאַמענעס פאַרן
אַכטן קלאַס, און אַװדאי ניט ענלעך אױף אַלע זײַנע געװעזענע שול־כאַװײרים, — האָט ער
דערפילט מיט אַזאַ פרישן, דערשיטערנדיקן װײטעק, גלײַך דאָס איז געװען ערשט נעכטן...

נאָר װיאַזױ איז דאָס געשען און פון װאָס האָט זיך דאָס אָנגעהױבן? יענע צעטומלטקײַט,
װאָס מאַכט טױב און בלינד, און מע הערט אױף אַלץ צו פאַרשטײן און אָפּנעמען, כּוץ דער
שעפּטשערײַ, װעלכע דערטראָגט זיך יעדן אָװנט פונעם „קעסטעלע", פון די טראַנזיסטאָרס,
און עס הײבט זיך אָן דוכטן, אַז נאָר אין יענעם „קעסטעלע" שטעקט דער גאַנצער עמעס.

די צעטומלטקײַט איז געקומען אױך פון די אָפּטע בריװ. אין אײן בריװ איז דאָס װיכ־
טיקסטע, װאָס מע האָט געדאַרפט פירן מיט זיך, געװען סאַמאָװאַרן, אין אַ צװײטן — טעפּי־
כער, אין אַ דריטן — אַלערלײ ליװוּנטן און אין אַ פערטן — מעדיקאַמענטן... און די אײצעס,
אײנע לעפּישער פון דער אַנדערער. מע זאָל װאָס גיכער אַרױסרײַסן די קראַנקע צײן און
אַרײַנשטעלן מעטאַלישע, װײַל דאָרטן קאָסט עס אַ פּױטעקע, און אױב עמעצן דערקוטשעט
דער אַפּענדיציט, אָדער ס'איז ניט אין אָרדענונג מיטן גאַל־פּוכיר, זאָל מען עס באַצײַטנס אױס־
שנײַדן, װײַל דאָרטן דאַרף מען דערצו זײַן אַ גרױסער גװיר. און מע איז אַרומגעלאָפן גאַנצע
טעג איבער די קלײטן און אַפּטײקן — אָפּזוכן און אײַנקױפן אַלע מאָל עפּעס אַנדערש. און
אײנער האָט זיך שױן געריסן די צײן, און אַ צװײטער האָט זיך שױן געלײגט אין שפּיטאָל
אױף אױסשנײַדן דעם גאַל־פּוכיר.

נאָר װיאַזױ האָט זיך די קראַנקע אַרײַנגעכאַפּט צו זײ אין שטוב? דער טאַטע, אַ שלאָסער
אױף דער טריקאָטאַזש־פאַבריק, איז דאָך שטענדיק געװען צװישן די בעסטע אַרבעטער, און
די מאַמע — אַ מעדשװעסטער — אױך דאָס זעלבע. נײן, ער קלײַבט זיך איצט קײנעם ניט
באַשולדיקן, יעדער מענטש דאַרף אַלײן האָבן סײכל און זײַן פאַראַנטװאָרטלעך פאַר דעם,
װאָס ער טוט. נאָר דעם טאַטנס ברידער... די צװײ פעטערס — ראַמע און מאָניע... מע קלײַבט
זיך צונױף יעדן אָװנט און מע רעדט בלױז װעגן אײן זאַך! בלױז װעגן דאָרטן און בלױז
װעגן אַרױספאָרן! ס'איז דאָך אַן אײניען ניט פון אײן טאָג און ניט פון אײן כוידעש!

דעם טאַטנס ברידער... די צװײ פעטערס — ראַמע און מאָניע, װעלכע זײַנען אַרױסגע־
פאָרן מיט טעלעכע כאַדאָשים פריִער און װאָס האָבן צוגעזאָגט אָנשרײַבן דעם רײנעם עמעס.
ע, װען זײ זאָלן געװען אָנשרײַבן אַזױ, װי זײ האָבן צוגעזאָגט... נאָר דאָס איז שױן געװען
דערנאָך, און װער װײסט, צי אָט דער ביטערער עמעס װאָלט געװען אָנגענומען געװאָרן.
מע דאַרף דאָך דאָס אַלץ איבערלעבן! װען מע איז נאָך אָפּן אָרט, פילט מען ניט די געפאַר.
מענטשן פאַרבינדן זיך אַלײן די אױגן און שרײַען, אַז די זון איז אױסגעלאָשן געװאָרן!
מענטשן פאַרשטעלן זיך אַלײן די אױערן און װילן גאָרנישט ניט הערן! דערצו נאָך, װען
עס מישט זיך אַרײַן אַזאַ היציקער יונגערמאַנטשיק מיט אַן אײַנגעשרומפּן פּענעמל און
הערט ניט אױף צו דראָען עמעצן מיט זײַנע דאַרינקע פױסטעלעך!

— מיר װעלן זײ װײַזן!..

עדיק פילט, װי דאָס פּאָנעם הײבט באַ אים אָן צו פלאַמען פון צאָרן, פון װײטעק. װוּ
איז ער איצט, יענער יונגערמאַנטשיק? װען ער האָט אים אַצינד פאַר זיך! ער װאָלט שױן
געװוּסט, װיאַזױ אים אָפּצוצאָלן!

דאַן, באַ זײַנע פערצן יאָר, האָט ער ניט פאַרשטאַנען, װי גרױס עס איז דער אומגליק.
מעגלעך דערפאַר, װאָס ער האָט געגלײבט די דערװאַקסענע, געגלײבט אין אַלץ, װאָס טאַ־
טעס און מאַמעס האָבן אַרױסגערעדט מיט טיפער פאַרדײַגעטקײַט אױף זײערע פּענעמער.

דאָס געדענקט ער שױן ניט — צי ער איז אַלײן געװען דערבײַ, צי מע האָט עס דערנאָך
איבערדערצײלט. מע איז זיך צונױפגעקומען אין אײנער אַ שטוב, קעדײ אױסטױשן זיך
מיטן ביסל נײַס, איבערלײענען אַ בריװ פון דאָרטן, און בײַסמײַסע האָט מען אײַנגעשלאָסן

דעם טעלעוויזאָר. גראָד דאַן האָט מען איבערגעגעבן אַ רעפּאָרטאַזש פֿון ווין, פֿונעם הויז אויף דער מאַלצגאַסע, ווו אין אַ לאַנגן צימער זײַנען געזעסן אַ מענטשן דרײַסיק, עלטערע לײַט און פּיצלעך קינדער — אַנטלאָפֿענע פֿון ייִסראָעל, וועלכע האָבן דערציילט וועגן זייער פֿאַרפּײַניקט לעבן, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פֿאַר קאָרעספּאָנדענטן. צווישן די אַנטלאָפֿענע זײַנען געווען אויך עטלעכע טשערנאָוויצער. דער היציקער יונגערמאַנטשיק איז צוגעשפּרונגען צום טעלעוויזאָר, האַסטיק אים אויסגעשלאָסן און געשריגן מיט זײַן קוויטשיק קעלכל:

— איך וויל ניט הערן די ליגנס! ס'איז הוילע פּראָפּאַגאַנדע! און זיי, די דאָזיקע, זיי זײַנען פּוליאַקעס, זיי ווילן ניט אַרבעטן, דערפֿאַר איז זיי דאָרטן געווען שלעכט!

אָפּאַנעם, אַז די דערוואַקסענע זײַנען שוין געווען אַזוי פֿאַרדולט מיט מײַסעלעך וועגן דעם גאַנײדנדיקן לעבן, וואָס וואַרט אויף זיי, אַז קיין שום וואָרענונג פֿון דאָרטן האָט ניט געקאָנט דורכקלאַפּן זייערע מוחכעס. און דער טאַטע האָט אוואָדע געקאָנט אַ טראַכט טאָן, אַז קיין פּוליאַק איז ער קיינמאָל ניט געווען, אַ שלאָסער איז ער פֿון העכסטן קלאַס, און מיט זײַנע הענט וועט ער אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. און ער אַליין, ער, עדיק? יאָ, איצט מוז ער זיך מודה זײַן, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיך לערנען פֿיל ערגער, איידער פֿריִער, ער־גער, ווי ער האָט געקאָנט. אין דער היים האָט מען געהאַלטן אין איין פֿאָרן, געוואַרט יעדן טאָג אויף אַ נײַעם בריוו פֿון די פֿעטערס, וואָס זײַנען אוועקגעפֿאָרן מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַפֿילו די דירע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעהויבן פֿאָרן. און מיט יעדן טאָג האָט ער זיך געפֿילט אַלץ ווײַטער פֿון דער שול, פֿון זײַנע שול־כאַווײרים און פֿון זײַנע לערער. יענע אומפֿאַרשטענדלעכע אָפּגעפֿרעמדטקײַט האָט ניט גע־קאָנט בלײַבן אומבאַמערקט.

— עדיק, וואָס איז מיט דיר, עדיק? — האָט בא אים געפֿרעגט די קלאַסן־אָנפֿירערן. וואָס האָט ער דאַן געקאָנט ענטפֿערן? ער האָט בלויז דראָפּעגעלאָזט דעם קאָפּ און גע־שוויגן.

— זאָג דער מאַמען, זי זאָל מאָרגן קומען אין שול...

אוואָדע איז די קלאַסן־אָנפֿירערן געווען גערעכט. אין אַזאַ פֿאַל מוז דער טאַטע אָדער די מאַמע קומען אין שול. עס מוז אויסגעקלאָרט ווערן, פֿאַרוואָס פּלוצלינג האָט אַ שילער אָנגעהויבן לערנען זיך ערגער, ווי פֿריִער. נאָר דער מאַמען האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט. די מאַמע איז אַזוי אויך אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרומערטע, אַ פֿאַרדײַגעטע. עפּעס האָט זי גע־הריזעט, באַומרויקט, און זי איז אָפּטמאָל אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרוויינטע...

אוי, מאַמע, מאַמע! דער צוג דערנענטערט זיך קיין טשערנאָוויץ, און ער זעט פֿאַר זיך דער מאַמעס אויגן, פֿול מיט טרערן. ווו איז געווען אונדזער סייכל? ווו איז געווען אונד־זער אַלעמענס סייכל?

ניין, וועגן דעם זיידע יאָסל קאָן ער דאָס ניט זאָגן. דער אַלטער זיידע מיט זײַנע קראַנ־קע פֿיס, מיט זײַנע ניט פֿאַרהיילטע ווונדן איז געבליבן ניכטער. און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן טאָכטער מיט זײַן איידעם קלײַבן זיך אַריבערפֿאָרן קיין ייִסראָעל, איז ער געקומען קיין טשערנאָוויץ פֿון זײַן שטעטעלע קאָפּײַגאָראָד, אונטער ווויניצע, און געפּרוווט אַרויסקלאַפּן פֿון זיי דעם מעשוגאַס.

— קלאַרע, טאָכטער מײַנע, — האָט ער ניט אופֿגעהערט צו אײַנטײַנען, — טו אַ קוק אויף מײַן גראָוון קאָפּ און פּאָלג. אַן עלטערן מענטשן. איך האָב איבערגעלעבט אַזויפֿיל! און איך פֿאַרשטיי אַ ביסל מערער.

די מאַמע האָט געשוויגן, געוויינט און געשוויגן.
מיטן טאַטן האָט דער זיידע גערעדט בייזער:

— וואָס פֿאַר אַ גליקן זוכסטו אין פֿרעמדע וועלטן? טו אַ קוק אויף מײַנע ווונדן. איך בין אַלע יאָרן געווען אַ פּאָשעטער בעקער, נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָב איך געוווּסט, פֿאַרוואָס איך גיי פֿאַרגיסן מײַן בלוט. אָבער פֿאַרוואָס זאָלן פֿאַרגיסן זייער בלוט דײַנע קינדער? דו האָסט כאָטש אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם?

ווי אָפּשלאָגנדיק זיך פֿונעם זיידנס וואָרענונגען, האָט דער טאַטע אָפּגעענטפֿערט:
— מײַנע ברידער זײַנען שוין דאָרטן, און איך דאַרף זײַן מיט זיי...

פֿאַרוואָס האָט דער טאַטע געמוזט זײַן מיט זײַנע ברידער, וואָס האָבן געשריבן פֿון דאָרט ווײַט ניט דעם גאַנצן עמעס? פֿאַרוואָס האָט ער ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן פֿיל אַנ־דערע „מוזן“, וועגן זײַן כויוו און פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַרן גורל פֿון זײַנע קינדער? ענדלעך, וועגן אַזאַ פּאָשעטער און גרויסער זאַך — וועגן דעם, וואָס הייסט היימלאַנד? די

אלע פראגן שטעלט איצט דער טאַטע פאַר זיך אַלע טאָג, נאָר דאַן איז ער ניט געווען פֿייִק צו טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן.

די מאַמע האָט דאַפקע טעלעגראַפירט דעם זיידן וועגן דעם טאָג פון זייער אָפּפאָר, געבעטן קומען זיך געזעגענען, נאָר דער זיידע איז ניט געקומען. דער זיידע האָט ניט געוואָלט זיך געזעגענען מיט זיי!

ס'איז געווען אַ לויטערער זוניקער טאָג, ערשטער מײַ פון טויזנט נײַן הונדערט דרײַ און זיבעציקסטן יאָר. איבער אַלע הײַזער און הויפן זײַנען געהאַנגען רויטע פאָנען, און יאָמטעוודיק־פאַרפוצטע מענער, פרויען און קינדער האָבן אין אײַלעניש געשפּאַנט איבער די ראַשיקע גאַסן, זיך געקליבן אויף דער יאָמטעוודיקער דעמאָנסטראַציע. אַלע מאָל האָט אין זייער שוין פוסט געוואָרענער דירע זיך אַרײַנגעריסן אַ פרײלעכע ליד פון די מאַרשירנדיקע און ס'האָבן געהילכט די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער. זיי האָבן געגומען אין די הענט די טשעמאָדאַנען און שטילערהייט, ווי באַהאַלטנדיק זיך פון אַ זײַטיק אויג, אַוועק צום וואָקזאַל.

ס'איז געווען אַ זוניקער, לויטערער ערשטער מײַ. פאַרוואָס זשע איז בײַ זיי אַלעמען געווען אַזוי פינצטער אויפן האַרצן?

— ניט געקומען... טאַקע ניט געקומען דער טאַטע זיך זעגענען, — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן, ווען דער צוג האָט זיך גערירט. זי האָט אָפּאַנעם געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט. — אוי, איך האָב עפּעס מוירע... איך האָב אַזוי מוירע... דער טאַטע האָט געשוויגן.

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, און דאָס האַרץ בײַ עדיקן האָט געקלאַפּט וואָס אַמאָל האַסטיקער. אײַנינעם מיט אַלע פּאַסאַזשירן האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, מאָלנדיק זיך די באַגעגעניש, וואָס וועט באַלד פאַרקומען מיט דער מומע דאָרען און עפשער מיטן זיידן אויך. זיי וויסן דאָך, ווען ער דאַרף אָנקומען און וואַרטן שוין געוויס אויף אים. וואָס וועט ער זיי זאָגן, און וואָס וועלן זיי אים זאָגן? און דעריקער — וואָס וועט זאָגן דער זיידע? דעם גאַנצן וועג האָט עדיק ניט אויפגעהערט אונטערקלײַבן די בײַטיקע ווערטער, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי אַלע ניט געסטײַעט. אַראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּלעך, איז ער געבליבן שטיין און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך. עס קאָן דאָך ניט זײַן! זיי מוזן באַלד צולויפן. עמעצער מוז דאָך קומען! קיינער איז ניט געקומען, קיינער איז ניט צוגעלאָפן, קיינער האָט ניט באַגעגנט.

קיינער האָט אים ניט באַגעגנט!

דאָס האַרץ, וואָס האָט ביז דער מינוט אַזוי האַסטיק געקלאַפּט, האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אָפּשטעלן זיך, און ער האָט געמוזט צולייגן צו דעם אַ האַנט, ווי אונטערגעצויגן, עס זאָל גיין ווײַטער. אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, האָט ער זיך געלאָזט צום טראָלייבוס, און דעם גאַנצן וועג געמוזט באַברען זיך מיט אַ פּריקרע ביטערקײַט, וואָס האָט זיך געשפּאַרט צום האַלדז. מיט אָט דעם ביטערלעכן געפֿיל איז ער געקומען צום הויכן מויער נומער דרײַסיק אויף איינער פון די נײַע גאַסן, זיך אופגעהויבן אויפן פינפטן שטאָק און פאַרזיכטיק אָנגעקלונגען אין דער דירע נומער 64. געעפנט האָט דער זיידע.

— עדיק! — האָט דער זיידע אויסגעשריגן ניט מיט זײַן קאָל און אַרײַנגעשלעפּט אים אין פּאָדערהויז. — און ווו איז דאָרע? זי איז דאָך אַרויסגעפאָרן דיך באַגעגענען!

— איך ווייס ניט, — האָט עדיק שטיל אַרויסגערעדט, — מיך האָט קיינער ניט באַגעגנט.

— נו, מיילע, עס טרעפט. זיך אויסגעמיטן. זי וועט באַלד קומען צו לויפן.

שטייען זיי איינער אַנטקעגן אַנדערן, דאָס שטאַרק אויסגעוואַקסענע אייניקל און דער זיידע, וואָס האָט זיך אויך ביז גאָר געעלטערט, און באַקוקן זיך צערודערטע, באַקוקן און באַוווּנדערן איינער דעם צווייטן, פלאַטערנדיק און שווײַגנדיק. זיי האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל אַרומגענומען, עטלעכע מאָל געקושט זיך, און יעדערער האָט געפילט אויף זײַן פּאָנעם דעם צווייטנס טרערן, נאָר בײַ ביידן האָט ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. באַם זיידן האָבן זיך געריסן פונעם מויל אָן אַ שיר פראַגן — וואָס מאַכט די מאַמע, דער טאַטע, דאָס קלענערע ברודערל, ווי גייט עס זיי דאָרטן, און ביכלאַל. נאָר די אומגעווויינלעכקײַט פון דער באַגעגעניש, פונעם גאַסט אַליין, האָבן געמאַכט צו קליינלעך און נישטיק די אַלע געוויינלעכע פראַגן, און דער זיידע האָט זיך געשעמט זיי אַרויסברענגען אויף דער צונג. און ער, עדיק, שוין ניט סטאַרענדיק זיך אויסבאַהאַלטן די טרערן, האָט אַלעמאָל איבערגעכאַזערט:

— זיידע, זיידע...

ביז ער איז ענדלעך געקומען אַ ביסל צו זיך, אָפּסנײַ געגומען באַקוקן דעם זיידן און באַמערקט דאָס בײַכל, וואָס איז פאַר די יאָרן היפּש אויסגעוואַקסן.

— זיידע, א בײַכל באַ דיר... ווי באַ די ווינער פאַבריקאַנטן. קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג...

דער זיידע, צופרידן פון עדיקס כּאָכמע, צופרידן, וואָס זיי קאָנען ענדלעך אָנהויבן רעדן, האָט שוין אויך דערלויבט זיך אַ שפּאַס טאָן:

— און וואָס האָט איר דאָרטן אָנגעזאַמלט?

די טרערן האָבן נאָך אַלץ געגלאַנצט באַ עדיקן אין די אויגן, נאָר דאָס פּאָנעם האָט געשמייכלט.

— ווייסט וואָס דער טאַטע זאָגט? אויב עס האָט אונדז אין דער היים געפעלט אַ ביסל סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, האָבן מיר אים געקראָגן אינדערפרעמד.

ס׳איז געווען גראָד דאָס, וואָס דער זיידע האָט געוואָלט הערן, נאָר אים האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט באַם אייניקל צו פרי. מע האָט פריִער געדאַרפט אַרומשמועסן עפּעס אַנדערש, און אויב אָנהייבן גלײַך פון דעם, גלײַך פונעם סאַמע ביטערסטן, איז דאָס זייער געפערלעך. ער האָט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, קעדיי אָפּפירן דעם שמועס פון זײַן געפערלעכער גרענעץ, נאָר ס׳האָט אַ קלונג געטאָן דאָס גלעקל, און אין אַ מינוט אַרום איז אַ פאַרסאָפּעטע אַרײַנגעלאָפן די מומע דאָרע און מיט אַ געיאָמער אַרומגעכאַפּט עדיקן.

— אוי, גאָט מײַנער! איך האָב דיך געזען, עדיק, געזען, לאָמיר אַזוי לעבן, נאָר איך האָב דיך ניט דערקענט! ניט דערקענט, ווי איז מיר! דו ביסט אַזוי אויסגעוואַקסן!

האָט מען שוין געוויינט אינדרײַען. די מומע מיטן פלעמעניק האָבן געקאָנט דערבײַ אַ טראַכט טאָן, אַז אויב צוגלײַכן איצט דעם פלעמעניק, וואָס זעט אויס אַ סאַך דערוואַקסענער, צי עפּשער עלטער פון זײַנע צוואַנציק יאָר, און די איידעלע מומע מיט איר לענגלעך פּאָנעם און שוואַרצע אויגן, וואָס עס מאַכט זי אַ סאַך יִינגער פון אירע דרײַ און דרײַסיק, זעען זיי ביידע אויס פון דעם זעלבן עלטער. ווען דעם האָבן געקאָנט טראַכטן בלויז דער זיידע מיט דער מומען, אַז עדיקס ערנסטקייט, אײַנגעהאַלטנקייט און פּריצײַטיקע מענערישקייט איז געקומען פון דעם... מע זאָל ניט געפּרוווט ווערן.

די שפּעטע וועטשערע איז אויך אַדורך אין שווײַגעניש. די מומע דאָרע האָט בלויז זיך געפּאָרעט אַרום אים, געפאָדערט, ער זאָל מער עסן, ער איז דאָך געוויס הונגעריק פונעם וועג, און אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט לעבן טיש מיט ניט קיין אַרויסגעבראַכטער פראַגע. די ווערטער זײַנען געבליבן שטיין אין האַלדז, נאָר די טרערן האָבן ניט אופגעהערט רינען. האָט שוין דער זיידע געמוזט מאַכן אַ סאָף דערצו.

— נו, גענוג. אַף הײַנט וועט זײַן גענוג. עדיק איז אַוודע מיד פונעם וועג. בעט אים אויס, און זאָל ער זיך לייגן שלאָפן. מאָרגן, מאָרגן...

נאָך די אַלע לאַנגע זעקס יאָר, ווען ער איז געשלאָפן אַף פאַרשיידענע געלעגערס, בעטסערע און ערגערע, האָט דאָס געלעגער אין טשערנאָוויץ אַ שמעק געטאָן פאַר אים מיט זײַן באַזונדערער זויבערקייט און געמיטלעכקייט, מיט יענער היימישקײַט, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געפילט, מיט יענעם ווײַטן אַמאָל פון זײַנע זאָרגלאָזע קינדערשע יאָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט ביסלעכווײַז דערטרונקען אין דער פאַרשיקערנדיקער ווייכקײַט פון די קישנס, און ס׳האָט זיך זייער געוואָלט, עס זאָל זיך כּאַלעמען אַזוינס, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געזען ניט אין כּאָלעם, ניט אַף דער וואָר. נאָר דער שלאָף האָט ניט געוואָלט קומען. עדיק האָט ניט אופגעהערט איבערכאַזערן פאַר זיך דעם זיידנס „מאָרגן", אָנשטויסנדיק זיך, וואָס דער זיידע האָט געמיינט: לאָמיר אים הײַנט לאָזן צורו, זאָל ער אָפּרוען פון וועג, גוט זיך אויסשלאָפן, מאָרגן וועלן מיר שוין אַלץ אַרומריידן. נאָר פאַר אים, פאַר עדיקן, איז דער מאָרגן אויך געווען פאַרבונדן מיטן נעכטן, וואָס האָט אים ניט אופגעהערט פאַרפאָלגן און פון וועמען ס׳איז ניט אַזוי גרינג געווען אָפּטשעפּען זיך.

דורכן פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט די אָפּסנײַ אויסגעבויטע גאַס מיט אַלע אירע פרישקײַטן, און דאָס האָט אים געצוווּנגען אַלע מאָל אַ הייב טאָן זיך פונעם געלעגער און אַרויסקוקן אין דרויסן. דער פרילינג האָט אין דעם יאָר פאַרשפּעטיקט, און די יונגע ביימער זײַנען געשטאַנען נאָך ווינטערדיק נאַקעטלעך און געציטערט פון קעלט. דאָס פײַכטע ווינטל האָט צעטרייסלט די נאָך טרוקענע צווײַגן, און עדיקן האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט, ווי זיי רוישן, ווי זיי קלאַפּן אָן צו אים אין פענצטער. וואָס האָבן זיי אים צו זאָגן די היגע, נאָך נאַקעטע ביימער? און אין קאָפּ צעבושעווען זיך גאָר אַנדערע רוישן, וועלכע דערטראָגן זיך אַהער פון די פרעמדע ווײַטן, וואָס וועלן נאָך לאַנג זײַן פאַר אים פול מיט שוידער און גרויל.

ניט אומזיסט האָט די מאַמע אַזוי מוירע געהאַט. ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט... פאַרשטייט זיך, אַז די סיבע איז געווען ניט אין דעם, וואָס דער זיידע איז ניט געקומען געזעגענען זיך.

צוערשט האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ גייט, ווי עס האָט זיך געמאָלט. ביידע פעטערס, די ברידער מאַניע און ראַמע, זײַנען געקומען צום אַעראָפּאָרט זיי באַגעגענען. מע האָט זיך אַרומגענומען, געקושט, און איבער מע האָט געלאָזט דערבײַ אַ טרער, זײַנען דאָס געווען טרערן פון פרייד.

— דאַנקען גאָט, — האָט דער פעטער ראַמע זיך אָנגערופן. — דאַנקען גאָט, וואָס איר זײַט שוין דאָ.

און דער טאַטע — אויך דאָס זעלבע:

— דאַנקען גאָט, זײַנען מיר ווידער, אַלע ברידער, אינאיינעם. נאָר...

איצט פאַרשטייט ער דאָס גאַנץ גוט, נאָר דאַן האָט אים אַלץ אויסגעזען אומנאַטירלעך. פאַרוואָס פּילט זיך ניט יענע גרויסע, לאַנג דערוואַרטע שׂימחה? ווו איז דער יאָמטעוו, וועגן וועלכן זיי האָבן אַזוי שטאַרק געטרוימט? און דאָס ביסעלע פרייד איז אויך אײַנגיכן אויסגע־רונען געוואָרן. טאַקע אין עטלעכע מינוט אַרום. דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז אָף אים וואַרט אַ דירע אין נאַטאַניִע, דאָרט ווו די ברידער וווינען, נאָר די פאַרשטייערן פון „סאָכנוט“, אַ באַאַרטע פרוי אין אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן, איבער וועלכע איר בליק האָט זיך אים געדוכט שוואַרץ און דראָענדיק, האָט אָפּגעענטפערט:

— מיר דאַרפן באַוווינען די נײַע טעריטאָריעס. דאָרטן וועט איר קריגן אַ דירע.

— פאַרוואָס עפּעס גראָד איך? — האָט דער טאַטע געפרוווט עפּעס אויסדינגען, — פאַרוואָס מוז איך זיי באַהערשן? מיר זײַנען דאָך געקומען אַהער, דרײַ ברידער...

— דאָס איז טאַקע אַזוי, — האָט די פרוי אין די שוואַרצע ברילן ניט געלאָזט אים ענ־דיקן. — נאָר איר דאַרפט וויסן פון סאַמע אָנהייב, אַז די באַלעבאַטים פונעם לאַנד ווייסן בעס־סער פון די, וואָס קומען אָן, ווו צו באַזעצן מענטשן.

דער טאַטע ווידער זײַנס:

— מיר האָבן געמיינט...

די פאַרשטייערן פון „סאָכנוט“ איז אָופגעקאָכט געוואָרן:

— קיינער האָט נאָך אײַך ניט געשיקט. מע ראַטעוועט אײַך פון די רוסישע פּאָגראָמען...

— אַזוי גאָר... — האָט דער טאַטע שטיל אַרויסגעשטאַמלט.

פון דער ערשטער מינוט — אַלץ קאַפּויר! אַלץ פּונקט פאַרקערט!

און דער מאַמעס בליק... איר ווייטעקלעכער, פרעגנדיקער און שרעקעוודיקער בליק! עפּשער האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט? עפּשער האָבן מיר געטראָפן ניט אַהין, וווהין מיר האָבן געוואָלט? — האָט אַרויסגעשריגן דער מאַמעס בליק...

אין מעשעך פון די אַלע עטלעכע שווערלעכע כּאַדאָשים, וואָס זיי האָבן געלעבט אין ישׂראל, האָט די מאַמע ניט געקאָנט זיך באַפרײַען פון אָט דעם ווייטעקלעכן, פרעגנדיקן בליק. ער איז אַזוי אויסדריקלעך געלעגן אָף איר פּאָנעם, אַזוי אַרויסגעשריגן פון איר, אַז איינער אַן אַלטער ייִד, זייערער אַ שכן, וואָס האָט געוויס שוין אָנגעזען זיך און איבער־געלעבט מערער פון זיי, האָט איינמאָל, קוקנדיק אָף דער מאַמעס פאַרדײַגעטקייט און אומ־באַהאָלפנקייט, אַרויסגערעדט אומפאַרשטעלט בײַסיק:

— לוי זע האַדערעך, וועלוי זע האַיר?..

— וואָס באַטײַט עס? — האָט עדיק איבערגעפרעגט בא אים.

— דאָס באַטײַט, אַז מיר זײַנען פאַרפאָרן ניט אַהין, וווהין מיר האָבן געוואָלט.

זיי זײַנען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַלע דערשלאָגענע און אַלע, ווי דאָס לאַשן וואָלט זיי אָפּגענומען. די פעטערס האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו טרייסטן זיי. ענדלעך האָט דער פעטער מאַניע זיך אָנגערופן:

— נו, מיילע... ניט געזאָרגט. איר וועט דערווײַל זײַן בא מיר. עמעס, קיין גערױמע פּאַלאַצן האָב איך ניט, פּאַר צוויי פאַמיליעס וועט זײַן אַ ביסל ענגלעך, נאָר מיר וועלן ווי־ניט־איז אײַנמאַשטשען זיך... אַ ברייערע האָבן מיר... עפּשער מיט דער צײַט... יאָ, מיט דער צײַט...

מע האָט נאָר געדאַרפט כאַפּן אַ קוק אָפּן רומל באַם פעטער אין שטוב, מע זאָל גלײַך פאַרשטיין, אַז קיין גליקן האָט ער דאָ ניט. ביכלאַל קלינגט דאָ דאָס וואָרט „גליק“, ווי כוי־זעק. דער פעטער אַליין האָט נאָך ביז איצט ניט געפונען קיין אַרבעט, און די מומע האָט זיך קוים אײַנגעאָרדנט אין פאַבריקמאַכערײַ. פון אירע פאַרדינסטן, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען ניט אופהאַלטן קיין פאַמיליע פון פיר מענטשן, און זיי לעבן דערווײַל דערפון, וואָס

זיי פארקויפן צוביסלעך אויס די בעבעכעס, וואָס זיי האָבן געבראַכט אהער. נאָר אַף וויפל קאָן עס סטײַען?

— יאָ, — האָט דער טאַטע אַרויסגעזיפּצט, באַקוקנדיק די שטוב. — דעם עמעס געזאָגט, ווען איך זאָל געוווּסט קומען אהער דער ערשטער, וואָלט איך קיינעם פון אײַך ניט געררופן. פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעשריבן דעם ריינעם עמעס?

וואָס האָט דער פעטער אים געקאָנט זאָגן?

— וואַרט צו, — האָט דער פעטער מאָניע ווי פאַרענטפערט זיך, — מיט דער צײַט וועט ווערן גרינגער. מיר זײַנען דען איינע אַזעלכע?

אוודאי האָט מען געקאָנט מיינען, אַז מיט דער צײַט וועט זיך אַלץ אײַנאָרדענען, דער אָנהייב איז קיינעם ניט גרינג, און מע דאַרף זיך טרייסטן דערמיט, וואָס זיי זײַנען ניט איינע אַזעלכע, נאָר דעם פעטערס שטים האָט געקלונגען אַזוי טרויעריק און פאַרדומפּן, אַז מע האָט דאָס געקאָנט אויסטײַטשן פונקט פאַרקערט: מיט דער צײַט וועט זײַן פיל ערגער.

אַפן ערגערן האָט מען ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. און די צאָרע איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס ס'איז שווער געווען קריגן אַ דירע, קריגן אַרבעט, שווער געווען פאַרדינען אַפן לעבן, נאָר אינעם אָנוואַקסנדיקן געפיל פון פרעמדקײַט און פון אָפּגעפרעמדטקײַט פונעם גאַנצן אַרום, פון די אַלטע אײַנוווינער, פון די סאַברעס, וואָס האָבן געקוקט אַף זיי, ווי אַף מענטשן פון נידעריקן גראַד, ווי אַף אַזעלכע, וואָס פאַטערן זיי אַוועק דאָס לעבן...

און די סינע, מיט וועלכער ס'איז געווען פאַרסאַמט די גאַנצע לופט, אַ שטילע, שווײַגנדיקע און שטיקנדיקע סינע, סײַ צווישן די דערוואַקסענע, סײַ צווישן די קינדער. עדיק האָט דאָס דערפילט אַפן צווייטן טאָג, ווען ער איז אַרויס אין גאַס און געפּרוווט פאַרפירן אַ באַקאַנטשאַפט מיט כעוורע פון זײַן עלטער. קיינער האָט אַפילע ניט געוואָלט צוקומען צו אים. דער געפיל פון דערנידעריקטקײַט האָט זיך באַזעצט מיט אַ דריקנדיקער מאַסע אַף זײַנע נאָך שמאָלע פּלייצעס, אַף די ניט פולע פערצן יאָר זײַנע און אים געבויגן צו דער ערד. און וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל שטאַרקער. איוורית האָט ער פאַר די עטלעכע כאַדאָשים ניט באַוויזן אויסלערנען, נאָר דעם „לוי זע האַדערעך” האָט ער פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

דאָ האָט מען שוין ניט צונויפגעקליבן זיך יעדן אָוונט אַף אַרומריידן די וועלט. אַרומריידן איז ניט געווען וואָס, ס'איז געווען געפערלעך. אויסוואַרפן איינער דעם אַנדערן, ווער ס'האָט דער ערשטער אָנגעווירן דעם ניכטערן סייכל און מיטגעשלעפּט אַלע איבעריקע איז אוודאי ניט שײַעך. אַלע דרײַ ברידער האָבן זיך באַנאַרישט, און אַלע זײַנען שולדיק, נאָר אַף זייערע פּענעמער האָט מען מיט יעדן טאָג געקאָנט באַמערקן נײַע שפּורן פון אויסגעניכטערטקײַט און דעם ווייטעקלעכן פאַרשטאַנד, אַז די גאַנצע מײַסע איז געווען — אַ פּוסטער, בייזער כאָלעם. די אַראַבער האָבן זיי ניט וואָס אַראָפּצוזעצן פון דער ערד. די דאָזיקע דײַגע גייט זיי אינגאַנצן ניט אָן; און מע ווייסט נאָך ניט ווער ווועמען עס וועט סאָפּקאָלסאָף אַראָפּזעצן. און אויב, ווי מע האָט ניט אופגעהערט אײַנריידן זיך אין טשערנאָוויץ, מע דאַרף ראַטעווען די אייגענע קינדער, דאַרף מען זיי ראַטעווען פונדאַנען, און וואָס גיכער. וועגן דעם אַלעם האָט מען דערווײַל ניט גערעדט, מע האָט בלויז געטראַכט וועגן דעם, נאָר די ביטערע געדאַנקען, וואָס מע האָט מוירע געהאַט אַרויסברענגען, האָבן זיך געלייענט באַ אַלעמען אין די אויגן, אַף זייערע פאַרכמורעטע, פאַרדײַגעטע פּענעמער. בלויז איין מאָל האָט זיך דאָס אַרויסגעריסן:

— אַז זיי האַלטן אונדז גאָרניט פאַר קיין מענטשן, — האָט שטיל אַרויסגערעדט דער פעטער ראָמע, — הײַנט דאַרף דיך דער באַלעבאָס, נעמט ער דיך, מאָרגן לוינסטו אים ניט, טרײַבט ער דיך אַרויס, ווי אַ הונט.

אַפּאָנעם, אַז דאָס איז געווען אַרויסגעזאָגט אין אַן אומדערטרעגלעכער מינוט, ווען די אַנטוישונג און די פאַרצווייפלונג האָט אָנגעהויבן וואַרגן אין האַלדז, האָט באַם פעטער מאָניע זיך אַרויסגעריסן נאָך ערגערס. און שוין ניט שטיל, נאָר אַפן פולן קאָל:

— פאַרשאָלטן זאָל זײַן דער טאָג, ווען איך האָב זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אָט דאָס מעשוגאַס!

— שאַ, שטילער, — האָט דער פעטער ראָמע אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, — מע וועט עס דיר ניט מויכל זײַן...

נאָר — ווי דער טאַטע האָט אָפטמאָל געזאָגט: אַ פאַרפאַלענע זאַך. מע האָט געדאַרפט זוכן אַרבעט. ס'האָט גראָד אָפּגעגליקט. דער טאַטע האָט אײַנגיכן געפונען אַן אַרבעט לויט זײַן פאַך, און דאַפקע אַף אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק, דער מאַמען, אַ מעדיצינישער שוועסטער, איז אָנגעקומען שווערער. זי האָט אַפסנײַ געדאַרפט אָפּגעבן עקזאַמענעס, נאָר זי האָט ווײַניט־איז זיך אויך אײַנגעאָרדנט.

בא אלעמען איז אָבער, ווי פריִער, געווען שווער אפּן הארצן. די מילכאָמע! זי איז געד האנגען איבער די קעפּ און האָט יעדע מינוט געקאָנט אפּסניִי אויסברעכן. אפּאָנעם, צוליב דעם, אז דער אוילעם זאָל ניט פאַרגעסן אין איר, האָבן קימאַט אַלע טאָג זיך צעהודיעט די סיגנאַלן פון אַ לופט־אַליאַרעם און קליין און גרויס זײַנען געלאָפן באהאַלטן זיך אין די בעד טאָנירטע קעלערס. ער, עדיק, אויך.

צו יעדער זאַך ווערט אַ מענטש געוווינט, נאָר ס'האָט זיך ניט געוואָלט געווינט ווערן צו דעם, און אלעמען האָט שטיל געהריזעט דער גענאַרטעטער בײַט, וואָס זיי האָבן געמאַכט. פאַרביטן אַ רויִק לעבן אונטער אַ לויטערן, ריינעם הימל אף אַן אומופּהערלעכן אַליאַרעם. און יענער אַלטער ייִד מיט זײַן „לוי זע האדערעך" האָט אַלעמאָל ארויסגערעדט אזוינס, פון וואָס ס'איז געוואָרן נאָך שווערער אפּן הארצן.

— עס איז פּונקט אזוי, ווי ניט הײַנט־געדאַכט, ווען מיר האָבן זיך עוואַקוירט פון פּאָל־טאַווע. און די באָמבעס, די באָמבעס...

„לוי זע האדערעך"... אפּאָנעם, אז ניט נאָר בא אים, בא עדיקן, האָבן זיך פאַרקריצט אין מויעך די דאָזיקע ווערטער, באַם טאַטן אויך. און בא די פּעטערס אויך. און ווען ס'איז איינמאָל אוועק אַ רייד, אז מע וואָלט געדאַרפט אײַנשאַפן זיך אַ ביסל מעבל, אַ טעלעוויזאָר, אַן אײַנ־קעלטער, מע גיט דאָך דאָס אַלץ אף באַרג, האָט דער טאַטע קאַטעגאָריש געמאָלדן:

— מע דאַרף ניט אַרײַנקריכן אין כיוועס. וואַרט וויסט... טאָמער וועט נאָך אויסקומען... עפּשער וואָלט עס געדויערט אַ ביסל לענגער. ס'איז דאָך ניט אזוי גרינג ווידער לאָזן זיך אין אַ נײַער פרעמד. נאָר אינגיכן האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, וועלכע האָט געלויז ערט איבער זיי די אַלע עטלעכע כאַדאָשים. ס'איז געקומען דער אָקטיאַבער פון 1973 יאָר. די מאַמע האָט געאַרבעט אַלס מעדיציניִשע שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, האָט זי געזען און געפילט אף זיך מערער פון פיל אַנדערע. יעדן טאָג האָט זי געהאַט צו טאָן מיט נײַע פאַר־ווונדעטע, יעדן טאָג — מיט מענטשלעך בלוט, מיט נאָך און נאָך קאָרבאָנעס.

ער פאַרשטייט ביז הײַנט ניט, עדיק, פאַרוואָס די מאַמע האָט געדאַרפט גיין מעלדן דער מישפּאָכע וועגן די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, וואָס מע האָט געבראַכט אין זײַן שפּיטאָל, און אויך ווען דער סאָלדאַט איז געשטאָרבן. נאָר דאָס איז געווען יענער לעצטער טראָפּן. אין איינעם פון די שרעקלעכע טעג איז זי אוועק צו אַ פאַמיליע, וועלכע איז מיט אַ יאָר צוריק געקומען פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָט איר זון זיך געלערנט אין אינסטיטוט און געטרוימט ווערן אַן אינזשעניער, און אָט... ניטאָ שוין איר זון, אומגעקומען. פאַר וואָס, פאַר וועמען, פאַר ווען?

אהיים איז די מאַמע אַרײַנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע, אַ צעשויבערטע, בלייך ווי די וואַנט.

— וואָס איז מיט דיר, קלאַרע? — האָט דער טאַטע זיך דערשראָקן.

— אוי, וואָס איך האָב הײַנט זיך אָנגעזען, וואָס איך האָב הײַנט איבערגעלעבט! די שאָ זאָל ניט זײַן! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. אַנטלויפן דאַרף מען פונדאַנען! אינגיכן וועט עדיק גיין רעגיסטרירן זיך, דאַן וועט שוין אַלץ זײַן פאַרפאַלן.

און מיט אַ ווייגעשריי, פול מיט ווייטעק און פאַרצווייפלונג... זי האַלט אין איין ציטערן, די מאַמע, און הערט ניט אוף ברעכן די הענט:

— אוי, איסאַק, מיר דאַרפן ראַטעווען אונדזערע קינדער!

דער טאַטע — ער האָט אויך גענומען ציטערן און אַ יאָג געטאָן מיט די אויגן איבער אים, עדיקן, און דעם קלענערן ברודערל. צוויי קומענדיקע סאָלדאַטן...

— שאַ, קלאַרע, באַרויִק זיך. מירן עפּעס צוטראַכטן.

— וואָס צוטראַכטן? וואָס צוטראַכטן? קיין איבעריקן טאָג טאָר מען דאָ ניט בלײַבן! ער איז דאָך געגרעכט געווען, מײַן טאַטע! פאַר וואָס זאָלן דאָ אונדזערע קינדער פאַרגיסן זייער בלוט?

— גוט, גוט, — האָט דער טאַטע גלײַך מאַסקים געווען. — זאָל זײַן אזוי, איך בין גרייט... מע דאַרף נאָר...

וואָס מע האָט געדאַרפט טאָן, האָט דער טאַטע דערוויל ניט געוווּסט, נאָר ער האָט פאַר־שטאַנען, אז דאָס וועט זײַן ניט פון די גרינגע זאַכן, אַ סאַך שווערער, איידער דאָס ארויס־פאָרן פון טשערנאָוויץ. עס וועלן גלײַך אָנהויבן זיך טשעפּען צו אים ניט נאָר די לײַט פון „סאָכנוט", נאָר אויך יענע, פון זיכערקײַט־אַמט. זיי קאָנען צוזאָגן גאָלדענע בערג און קאָנען אויך דראָען. זיי קאָנען זיך צוטשעפּען צו עפּעס און אײַנזעצן, מע זאָל דאָרט, אין דער טפיסע זיך באַטראַכטן. און ווען ס'האָבן זיך טאַקע אַ יאָווע געטאָן יענע לײַט און אָנגעהויבן אײַנ־ריידן, וואָרענען און אַ ביסל אָנשרעקן אויך, האָט דער טאַטע, קוים צוימענדיק די געפילן, גאַנץ איידל דערקלערט:

— מיר אַלע... מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, נאָר מײַן פרוי... זי איז דאָ קראַנק געוואָרן. דער היגער קלימאַט איז ניט פאַר איר.

ס'האָט זיי אָפּגעגליקט. זיי זײַנען ניט פאַרקראָכן אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, זיי זײַנען ניט אַרײַנגעקראָכן אין קיין כוויוועס, אים, עדיקן, האָט מען ניט באַוויזן נעמען אַפן מיליטערישן דיסקאָנט.

אין איינעם אַ האַרבסטיקן, ווײַט ניט קיין לויטערן, טאָג האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס לאַנד, פון וועלכן זיי האָבן געוואַרט ניסים. ס'איז ניט געווען און ס'האָט ניט געקאָנט ווערן זייער אייגן לאַנד. און שוין מיט פיל מאָגערערע פעקלעך האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט קיין ווין. אַהין האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אויך ביידע פעטערס מיט זייערע פאַמיליעס.

די נאַכט האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן גרוי ווערן, נאָר די גרויקײַט איז געווען אַ טונקעלע, אַ דורכגעזאָפּטע מיט נעפּל, און די ליכטיקײַט, וואָס דער באַגינען האָט געדאַרפט ברענגען מיט זיך, איז ווי געבליבן הענגען אַף יענער זײַט שלאָף. די פאַרלענגערטע פּריליִנגדיקע נאַכט איז פול געווען מיטן נעכטן און געמאָלט עדיקן בילדער איינס שווידערלעכער פונעם אַנדערן. באַזונדערס יענץ הויז...

דאָס טרויעריק־באַרימטע הויז אַף דער מאַלץ־גאַסע אין ווין, יענער העקדעש, וואָס איז געוואָרן אַ מאָקעם־מיקלעט פאַר די פּליטים פון יִסראַעל, איז פון דעם דיל ביז דער סטעליע דורכגעזאָפּט מיט טרערן. פון דער מוירעדיקער ענגשאַפט, פונעם מיסט, וואָס איז פּאַשעט אומעגלעך אויסצוראַמען, שרײַען מאַמעש אַרויס די וויינען און קרעכצן פון די אַלטע לײַט און פּיצלעך קינדער, די פאַרצווייפלטע טײַנעס פון יונגע מענער און פרויען, וועלכע ווייסן ניט, וווהין אַהינטאָן זיך מיט זייערע הענט, וואָס זײַנען צוגעוווינט צו שטענדיקער אַרבעט. און עס דוכט זיך, אַז פון איינעם צום אַנדערן גייט אַריבער דער שנײַדנדיקער קאַפּוויטעק, דאָס פּרעסעניש פון די אָנגעבראָכענע הערצער, די אויסזיכטלאָזיקײַט און דער פאַרדראָס אַף זיך אַליין, וואָס מע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן — מיט די אייגענע הענט צעשטערט די אײַנגעזעסענע נעסטן, צעקאַליעטשעט דאָס לעבן פון די קינדער. דאָס איינציקע, וואָס דערהאַלט דאָ די מענטשן באַ דער נעשאָמע, איז די האָפענונג, אַז עפּשער, עפּשער... אָט האָט מען דערלויבט איינעם, אַ צווייטן זיך אומקערן אַהיים אין ראַטנפאַרבאַנד. עפּשער וועט אויך זיי אָפּגליקן...

ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין אָט דעם הויז, ווו אין אַ לאַנגן צימער האָבן זיך געפונען אַ מענטשן דרײַסיק מיט זייערע בעבעכעס און אין דער נאָז האָט אַ זעץ געטאָן דער שטיקנדיקער רייעך, איז דער מאַמען געוואָרן ניט גוט, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַר דער טיר.

— קלאָרע, וואָס איז מיט דיר? — האָט דער טאַטע אויסגעשריגן.

די מאַמע האָט געהאַלטן באַ כאַלעשן. זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— איסאַק, טו אומיסטן אַ קוק, פּונקט ווי מע האָט געוויזן אין טעלעוויזאָר..

— אין וועלכן טעלעוויזאָר?

— וואָס הייסט אין וועלכן? באַ אונדז אין טשערנאָוויץ. און יענער יונגערמאַנטשיק האָט געזאָגט, אַז דאָס איז הוילער ליגן. איצט קאָן מען שוין אונדז אַליין ווײַזן אין טעלעוויזאָר...

איינער פון די אַלטע טוישווים, אַפּאָנעם, האָט זיך אָנגערופן:

— זען אין טעלעוויזאָר איז ווייניק. מע דאַרף דאָס דערפילן. דעם רייעך וועסטו אַפן עקראַן ניט ווײַזן.

די מאַמע האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ טאַבורעטל און פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּאָנעם.

— איסאַק, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן.

— מירן צוטראַכטן, מירן צוטראַכטן, — האָט דער טאַטע זי באַרויקט. — איך גיי שוין, איך לויף!

ס'איז געווען יענע גייעניש און יענע לויפעניש. דינגען ערגעץ אַ צימערל איז גראָד געווען ניט שווער, נאָר פּריזער פאַר אַלץ האָט מען געדאַרפט אָפּזוכן אַ וועלכע־ניט־איז אַרבעט, קעדיי פאַרדינען אַף דירע־געלט. ס'האָט זיי ווידער אָפּגעגליקט. זיי האָבן אָפּגעזוכט ניט קיין טײַער צימערל, דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַף אַ לאָטעריי־פאַבריקל, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז עס איז שוין ניט אַזוי שרעקלעך. דער טאַטע אַרבעט, די מאַמע וועט אײַנגיכן אויך אָנהויבן אַרבעטן און ער, עדיק, וועט אַוועק אין שול. און דרײַקער — מע איז איצט אַ סאַך נעענטער צו דער היים. נאָר ווען דער טאַטע האָט געמאַכט דעם ערשטן כעזשבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דרײַ טויזנט שילינג, וואָס ער פאַרדינט פאַר אַ כוידעש, וועט קוים סטײַען אַף דירע־געלט. און מע דאַרף דאָך פון עפּעס לעבן! פון דעם

ביסל גוטס, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון טשערנאָוויץ, איז שוין קימאַט גאָרנישט ניט געבליבן.

— עדיק, — האָט דער טאַטע זיך אָנגערופן צו אים אין איינעם אַן אָונט, — עדיק, וועסט מיר מוזן מוחל זײַן, נאָר דאָס לערנען וועט מען דערווײַל אָפּלייגן. זעסט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך. און מײַנע פאַרדינסטן וועלן ניט קלעקן. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיטן באַלעבאָס. מאָרגן וועסטו גיין מיט מיר אָף דער אַרבעט.

— ווײ איז מיר, אָט דאָס איז דער טאַכלעס? — איז די מאַמע, ווי אָנגעפאַלן אָפּן טאַטן. — ער איז דאָך אַפּילע קיין פּופּצן יאָר ניט אַלט!

— אָבער וואָס זאָל מען טאָן? — האָט דער טאַטע געפּרוווט זיך פאַרענטפערן, — מיט דער צײַט... עפּשער...

אָף מאָרגן גאַנץ פרי האָט די מאַמע מיט פאַרוויינטע אויגן אַרויסגעבאַגלייט איר מיזנדעריעריקן פאַרדינער אין לאַטעריי־פאַבריקל.

ס'איז געווען אַן אַרבעט אָף כּויזעק. אַ גאַנצן טאָג האָט ער מיטן טאַטן סאָרטירט פּאַרשיידענע לאָטעריי־בילעטן, לויט וועלכע ס'האָט עמעצן געקאָנט אויספאַלן אַ גרויס געווינס. עמעצן, נאָר ניט זיי. און ניט איינער פון די פּלייטים האָט זיך דערלויבט אַמאָל אָפּשפּעטן פון זייער „פּילצואַגנדיקער" פּאַרנאָסע.

— איסאַק, — רופט זיך אָן איינער, — ווען וועסטו אַרויסשלעפּן פאַר זיך אַליין אַ גוט קוויטל?

אַ צווייטער, שוין אָן אַ שפּאַס, מיט אַ טיפן זיפץ:

— דאָס גרעסטע געווינס וואָלט געווען, ווען מיר באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אומקערן אַהיים.

ביי די עסטרײַכער האָבן אויפגעהערט גלייבן אין לאָטערייעס, צי ס'האָט זיך געפונען אַ מעכטיקער קאָנקורענט, — דאָס פאַבריקל האָט זיך פאַרמאַכט, און זיי זײַנען ווידער געבליבן ווי אָפּן וואַסער. מע האָט דרינגענדיק געמוזט אָפּזוכן אַן אַנדער אַרבעט. וועלכע־ניט־איז אַרבעט! ווײַל אויב מע וועט דעם קומענדיקן כוידעש ניט קאָנען באַצאָלן קיין דירעגעלט, וועט דער באַלעבאָס זיי אַרויסוואַרפן אָף דער גאַס. דאָ צאַצקעט מען זיך ניט.

ס'האָט ווידער אָפּגעגליקט. די מאַמע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ שפּיטאָל, דער טאַטע אין אַ קלייט, און דאָס האָט שוין ווי־ניט־איז געסטײַעט. נאָר די אַרבעט אַליין — צען שאָ אָפּשטיין אָף די פיס! און אַז מע קומט שפּעט אין אָונט אַהיים פאַלט מען צו אָף די געלעגערס, ווי טויטע. ניטאָ אַפּילע קיין קויעך אָפּעסן וועטשערע.

איז געקומען אַ צײַט, ווען יעדערער פאַר זיך און אַלע איינינעם, אַלע די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם פּײַנלעכן וועג ביז ווין, זײַנען געקומען צום געדאַנק, אַז ס'זײַנען דאָ אָף דער וועלט זאַכן, וואָס קיין שום רײַכטום, קיין שום גרויסע פאַרדינסטן קאָנען ניט דעקן, ניט פאַרבײַטן. פאַראַן אַזוינס, וואָס דו האָסט אין דער היים אָפּשאַצן ניט געקאָנט, און איצט פּילסטו אָף יעדן שריט און טריט, אַז דאָס פעלט דיר, און אַז אָן דעם האָט דאָס לעבן קיין שום זין! ווער דו זאָלסט ניט זײַן — אַ שלאָסער, צי אַ בוכהאַלטער, אַ פאַרקויפער, צי אַ דירעקטאָר, פּילסטו די אָנגעהעריקײַט צו עפּעס אַ גרויסן שוטפעס פונעם גאַנצן לאַנד. און ווי־אַזוי דאָס זאָל ניט טרעפן, צי דיר פּרייט עפּעס, צי דיר קימערט, אָדער עס פאַרדריסט דיך ביז גאָר אַ ניט געדעכטיקײַט, אַ באַגאַנגענע אוולע — אין לעבן טרעפט דאָך אַלץ, — נאָר דאָס איז דײַן אייגנס. ס'איז יענער געפיל, וועגן וועלכן דו האָסט אַפּילע אַמאָל גערעדט מיט ביטל, נאָר מיט וועלכן דו אַליין ביסט דורכגעזאַפּט ביזן מאַרך פון די ביינער. און אַנדערש קאָנסטו שוין ניט. אַנדערש קאָנסטו פּאַשעט ניט! און אָט די בענקעניש! די מוירעדיקע בענקעניש נאָך דײַן אייגענער שטאָט, נאָך דײַן אייגענער גאַס און נאָענטע שכיינים, נאָך די אַרבעטער פון דײַן צעך און נאָכן דירעקטאָר פון דער פאַבריק, מיט וועמען דו האָסט אָפּטמאָל זיך דורכגעוואָרטלט, נאָר אַלץ, וואָס דו האָסט אַזוי ניט באַטראַכט אוועקגעוואָרפן, קאָנסטו שוין אין ערגעץ ניט געפינען.

די מאַמע האָט אַלע מאָל געמאָסטן די צײַט לויט דעם, וואָס עס וואָלט איצט געשען מיט אים, מיט עדיקן, און האָט אַלע מאָל זיך געמאָלט עפּעס אַנדערס.

— אוי, עדיק וואָלט שוין איצט געענדיקט דעם צענטן קלאַס, און מיר וואָלטן געגאַנגען אין שול אָפּן אַרויסלאָז־אָוונט...

— עדיק וואָלט שוין איצט געווען אין דער אַרמיי און וואָלט עפּשער שוין געקומען אין אורלויב...

— עדיק וואָלט שוין געקומען פון דער אַרמיי און שפּאַצירט איבער טשערנאָוויץ אין די גלאַנציקע שטיוול און סערזשאַנטסקע פּאַגאָנעס...

— און עפשער, — האָט ניט אופגעהערט טרוימען די מאמע. — פאַרוואָס טאַקע ניט? וואָס זשע, ער וואָלט ניט געקאָנט, ווי אַנדערע, אַנקומען אין אינסטיטוט? אַף וועלכן קורס וואָלט ער איצט געווען? אוי, גאָטעניו, שוין אַפן פערטן קורס!

און ער, עדיק, איז דערווײַל אַוועק לערנען זיך די מלאָכע פון אַ מאַליער. דער טאַטע זעט, ווי די מאַמע פאַרבערעכט די הענט, פונקט ווי זי וואָלט באַוויינט דעם ביטערן גורל פון איר זון, האָט ער געגומען זי טרייסטן:

— דו, קלאַרע, נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן. בלויז דאָ איז אַ מאַליער פונעם סאַמע נידעריקסטן גראַד. דאָרטן, בײַ אונדז... אַ מאַליער איז אַ בויער. און אַ בויער איז דאָס סאַמע בעקאַוועדיקסטע. ער וועט דאַרפן ענדיקן די מיטלשול הינטער־אויגיק און אַנקומען אין אַ הויכשול. אָט וועסטו זען.

ער רעדט וועגן דעם, דער טאַטע, מיט אַזאַ זיכערקייט, מיט אַזאַ הייסן גלויבן, און איז מאַמעס גליקלעך, ווען ער באַמערקט, ווי אַף דער מאַמעס פּאָנעם באַווײַזט זיך אַ שמייכל.

ניט ווײַט פון זייער דירע פליסט דער בלויער דונײַ. און עס הערט ניט אויף ציִען צו אים... עס ציט אַזוי אַ וואַרף טאָן זיך אין טײַך און אַוועקשווימען. שווימען לאַנג, לאַנג, ביז די לעצטע קויכעס. עפשער, עפשער וועט זיך אײַנגעבן דערשווימען ביז יענער וואַסערדיקער גרענעץ, ווו עס הייבט זיך אָן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָס סאַמע געגאַרטע, סאַמע נאָענטע און ווײַטע היימלאַנד. אַמאָל דוכט זיך, אַז דער דונײַ איז עמעסדיק בלוי, אַמאָל איז ער איבערגעמישט, איבערגעשטרײַפט מיט גרינעם, און אַמאָל איז ער גרוי, ווי ער וואָלט פּלוצעם זיך געעלטערט. אַמאָל איז ער פול מיט האָפענונג, ווען עס ווילט זיך אַוועקשווימען, און אַמאָל... ניין, דער דונײַ איז דאָ ניט שולדיק. נאָר עס טרעפט אויך אַזוינס: דעם מענטשן איז באַפאַלן אַזאַ מאָרעשכוירע, אַז ער זעט שוין ניט קיין אויסוועג. און ער וואַרפט זיך אין טײַך אַרײַן שוין ניט אַף אַרויסצושווימען...

ווען עס הייבט זיך אָן דער סעזאָן פונעם זומערדיקן טוריזם און אין ווינער פּאָרט באַווײַזן זיך איינע נאָך דער אַנדערער סאָוועטישע שיפן, ווערט בײַ די פּלייטים אַ שטיקעלע יאָמטעוו. מע לויפט, מע יאָגט צו די שיפן, עפשער וועט מען באַגעגענען אַ באַקאַנטן. ווער — זײַנעם אַ טשערנאָוויצער און ווער — זײַנעם אַ קיִעווער, צי זײַנעם אַ סמאָלענסקער. און אויב אַפילע דאָס זײַנען ניט קיין באַקאַנטע, זײַנען דאָס דאָך סײַווי אייגענע, סאָוועטישע מענטשן, און מע קאָן זיך פאַר זיי אויסריידן דאָס האַרץ. און איינמאָל... דער טאַטע איז דערנאָך עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן. ער האָט זיך געטראָפן ניט בלויז מיט טשערנאָוויצער, נאָר אַפילע מיט אַן אַרבעטערן פון זייער פאַבריק, און זיי האָבן ביידע דערבײַ געלאָזט אַ טרער.

— איך בעט דיך, מאַריִע, — האָט דער טאַטע איר געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך גע־זעגנט. — גיי אַרײַן אין פאַבקאָם, זאָלן זיי עפּעס טאָן פאַר אונדז. מע האָט דאָך ניט איין מאָל מיך פּרעמירט פאַר גוטער אַרבעט!

נאַרישער טאַטע... וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט ער איצט צו דער טריקאָטאַזש־פאַבריק און צום פאַבקאָם? נאָר... עס ווערט דערפון אַ ביסעלע גרינגער.

די נאַכט האָט אינגאַנצן ניט געסטײַעט, און פון יענער זײַט פענצטער האָט אָנגעהויבן אויספאַרבן זיך אַ ליכטיקער באַגינען. גראַד דאַן איז עדיקן באַפאַלן דער שלאָף. אַפילע ניט קיין שלאָף, נאָר אַזאַ אײַנוויגנדיקע איבערגעמאַטערטקייט פון די אַלע דערינערונגען. אין אָט דעם טיפן דרעמל האָט זיך איבערגעמישט כאַלעם מיט וואָר. מיסטאָמע איז דאָס געווען אַ געוויינלעכער רויש פונעם אופוואַכנדיקן טאָג, נאָר עדיקן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רוישן די וואַסערן פונעם בלויען דונײַ, ער וואַרפט זיך אַרײַן אין טײַך אַרײַן און שווימט, און שווימט... און אין די אויערן קלינגען די ווערטער, וואָס דער טאַטע האָט אים געזאָגט באַם געזעגענען זיך:

— זאָלסט דאָרטן זאָגן, עדיק, אַלעמען, ווען מע דאַרף. מיר בעטן ניט פאַר זיך, מיר האָבן פאַרדינט אונדזער שטראָף. נאָר מיט וואָס זײַנען די קינדער שולדיק? מע דאַרף ראַ־טעווען די קינדער!

די שטאָט האָט געעטעמט מיט דער פולער ברוסט. מענטשן האָבן געשפּאַנט מיט גע־מאָסטענעם, רויִקן שפּאַן, מיט אַן אויסדרוק פון יענער אײַנגעפונדעוועטער זיכערקייט אַף די פּנעמער, וואָס איז עדיקן געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אַלע מאָל האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, ווי געפּרוווט אַרײַנקוקן עמעצן אין פּאָנעם, קעדיי איבערצײַגן זיך, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, ס'ווײַזט זיך אים ניט אויס, און אים האָט זיך זייער געוואָלט אָנשטעקן זיך מיט אָט דער

זיכערקייט, איינזאַפּן זי אין זיך, פּאַרהיטן און ברענגען כאָטש א ביסעלע אַהין, דעם טאַטן מיט דער מאַמען א מאַטאַנע.

נאָך דער שווערער שלאָפלאָזער נאַכט, ווען אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט מיט א שאַרפן קאַפּווייטעק זיך דורכגעטראָגן אין זײַנע געדאַנקען, נאָך דעם שטומען פרישטיק, בײַס וועלכן קיינער האָט ניט געקאָנט צוטראַכטן, פון וואָס אָנהייבן ריידן, האָט עדיק זיך אָנגערופן:

— איך וועל זיך דורכגיין א ביסל, א קוק טאָן אויף דער שטאָט, שוין אַזוי לאַנג זי ניט געזען...

— זאָל ער, זאָל ער זיך דורכגיין, — האָט זיך אָנגערופן דער זיידע און א ווונק געטאָן צו דער מומען, וואָס האָט זיך געײַלט אין שפּיטאָל אויף דער ארבעט.

זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין איין טראָליבוס, נאָר נעבן געגנטלעכן שפּיטאָל איז די מומע אַרויס, און עדיק איז אַוועקגעפאָרן א ביסל ווײַטער. איצט האָט ער געשפּאַנט איבער דער קאַביליאַנסקע־גאַס, וואָס איז א גאַנצן טאָג פול מיט מענטשן, אָפּגעשטעלט זיך נעבן סקווער, ווו דער פּאַרקן איז באַקלעפּט מיט אַפישן וועגן פילמען, וועלכע גייען אין די קינאָ־טעאַטערס, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט א פילם, וואָס מע ווײַזט ספּעציעל פאַר אים, א פילם וועגן טשערנאָוויץ, און ער האָט שטאַרק מוירע געהאַט, דער פילם זאָל זיך פלוצלינג ניט ענדיקן. אים האָט זיך אויך געדוכט, אַז די אַלע זעקס יאָר איז ער אָפּ־געשלאָפן, דאָס לעבן איז דאָ אַוועק ווײַטער, און ער איז געבליבן דערווײַל ווי פאַרגלי־ווערט אויף איין אָרט.

מיט די אַלע פּאַרפּלאָנטערטע און ניט קלאָרע געפילן האָט ער פּאַרקערעוועט אויף דער קורצער קאַטאַוווסקי־גאַס און צוגעקומען צום הויז נומער פופצן, ווו זיי האָבן געוווינט פאַרן אַרויספאָרן. דאָס האַרץ האָט זיך צעשפּילט, ווי נעכטן אין אָוונט, ווען ער איז אַרויס פונעם וואַגאָן, און אין דער נאָז האָט א זעץ געטאָן מיט לאַנג פאַרגעסענע רייכעס... פון יענע זיסע נאַשערײַען, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט פאַר אים און ער פלעגט זיך צוכאַפּן צו זיי, ווי נאָר ער איז א פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן פון דער שול און א וואָרף געטאָן דיוואַן דעם פּאָרטפעל מיט די ביכער. ער האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז אין זייער געווע־זענער דירע וואָרט אויף אים נאָך מער איבערראַשונג: טאַקע בלויז אַזוינס, וואָס קאָן זיך טרעפן אין א קינאָ־פילם. אין זייער דירע האָט געוווינט די פאַמיליע קרייס, וועלכע האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, וואָס זיי: אַוועק קיין יִשׂראל, אַנטלאָפן פון דאָרט קיין ווין, און נאָך א פאָר יאָר מאַטערנישן אינעם הויז אויף דער מאַלץ־גאַסע זיך דערשלאָגן א דער־לויבניש אומקערן זיך אַהיים. טאַקע נאָר ווי א פילם, צוגעטראַכט ספּעציעל פאַר אים, פאַר עדיקן, עס זאָל ווידער ווײַ טאָן דאָס האַרץ פון פּאַרדראָס, און עס זאָל דערבײַ אויפלעבן דאָס ביסעלע האָפענונג. אָט, מע דאַרף נאָר אַקשאָנעסדיק זיך דערשלאָגן און ניט אויפהערן צו סטאַרען זיך...

פאַרשטייט זיך, ס'האָט ניט געקאָנט זײַן קיין גרונט אויף צו טראָגן א פאַרדראָס, וואָס עמעצער וווינט אין זייער דירע. ס'איז שוין ניט זײַן דירע, ניט זייער שטאָט, און ביכלאל... נאָר דער געפיל וועגן באַגאַנועטקײַט, באַרויבטקײַט האָט אים שוין רוען ניט געלאָזט. דער דאָזיקער געפיל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, באַזונדערס ווען עדיק האָט פאַרקערעוועט צו זײַן אַמאָליקער שול. ווער ווייסט, וואָס מע האָט אים, אַזוי אַכזאָ־ריעסדיק באַרויבט, צוגענומען בײַ אים די סאַמע גליקלעכסטע יאָרן, ווען ער וואָלט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די מיטלשול, אָפּגענומען די גליקלעכסטע נאַכט פונעם אַרויסלאָז־אָוונט, ווען כאַפּטעס ייִנגלעך און מיידלעך, פול מיט הייסע טרוימען, שפּאַצירן איבער די גאַסן ביז באַגינען, אָפּגענומען די רעגעוודיקע מינוטן פון באַקומען דעם סאָוועטישן פּאַספּאָרט און די אָנגעשטרענגסטע שאָען פון אָנקומען אין הויכשול? און עפּשער, ווי די מאַמע האָט ניט איין מאָל געטרוימט אין ווין, וואָלט ער גאָר געדינט אין דער אַרמיי... אַלץ, אַלץ איז דורך פאַר־בײַ אים. און וואָס עס זאָל מיט אים ווײַטער ניט געשען, האָט ער דאָס סאַמע שענסטע שוין אָנגעווווירן.

די שול־געבײַדע האָט אים פאַרוווּנדערט מיט איר אויסערלעכער געענדערטקײַט, מיט איר אומגעוווינלעכער שטילקײַט, ביז ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז שוין ניט קיין שול. דערפון איז אים געוואָרן ביז גאָר פריקרע און אים האָט שוין ניט געשטײַעט קיין מוט דערוויסן זיך, ווו געפינט זיך איצט זײַן געוועזענע שול. און וואָס איז אייגנטלעך דער כי־לעק? סײַווי וועט ער דאָרט זײַנע שול־כאַווייריםניט טרעפן. סײַדן די לערער. נאָר פאַר די לערער פילט ער זיך באַזונדערס שולדיק, ווי א שלעכטער שילער, און אים איז באַוויזן זיך פאַר זיי ניט באַקוועם. יעלענע גריגאָריעוונען וואָלט ער גראַד געוואָלט זען. די לערערן

פון די ערשטע קלאַסן, וואָס האָט אים אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן. אָפּגעזוכט די קלייט, ווו מע פאַרקויפט בלומען, וואָס איז אויך געווען ניט אַף דעם אָרט, ווי פריִער, געקויפט עטלעכע פרישע טולפּאַנען, וועלכע האָבן גערעגט מיט זייער צאַרטער דופטיקײַט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צו דער לערערן אהיים... נאָר שוין נעבן דער טיר, ווען ער האָט געדאַרפט אופהייבן די האַנט אַף אָנקלינגען, האָט די דרייסטקײַט מיטאַמאָל ניט געסטײַעט. א ווײַלע איז ער געשטאַנען דערשראָקן פון דער פּלוצלינג אופגעקומענער אויסגעליידיקטקײַט, באַקוקט די טולפּאַנען, גלײַך ניט פאַרשטאַנען, פונוואַנען זיי האָבן זיך גענומען, דערנאָך אַפּגיך, ווי מוירע געהאַט, עמעצער זאָל אים דאָ ניט טרעפן, אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

— נו, ווי געפעלט דיר טשערנאָוויץ? — האָט געפרעגט דער זיידע בייסן מיטיק.

— ווי אין קינאָ, — האָט באַ עדיקן זיך אַרויסגעכאַפּט. דערנאָך ערשט, שוין מערער באַטראַכט, מיט אַן אינערלעכן פלאַטער, האָט ער פאַרגעזעצט: — זיידע, וועסט גיין מיט מיר אין קינאָ? איך מוז פאַר דעם כוידעש זען אַלע סאָוועטישע פילמען.

געפינען אָבער א פרײַע שאָ אַף אַרויסרײַסן זיך אין קינאָ איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. שוין דעם צווייטן טאָג האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אַרײַנקומען אַמאָליקע באַקאַנטע און אויך אומבאַקאַנטע, וועמענס קרוווים געפינען זיך אין וויין, און אַזעלכע, וואָס וואַרטן אַף אַרויספאָר־וויזעס, שלאָפן ניט דורך די נעכט און ווילן, אַז ער, עדיק, זאָל זיי זאָגן דעם ריינעם עמעס.

— ס׳איז טאַקע אַזוי שלעכט דאָרטן?

— ס׳איז עמעס, וואָס מע שרײַבט אין אונדזערע צײַטונגען?

דער ריינער עמעס, דער ריינער עמעס! ער מוז, ער מוז זיי דערציילן דעם ריינעם עמעס! נאָר ער פילט, אַז אייניקע גלייבן אים ניט, זיי זײַנען ניט צופרידן, אפילע בייז פון אָט דעם ריינעם עמעס. זיי זײַנען דאָך שוין פאַרפּאַקעוועטע און קאָנען ניט כאַפּן אַף צוריק. און אים ווערט ביטערלעך פונעם געדאַנק, אַז עס כאַזערט זיך ווידער איבער דאָס, וואָס מיט זײַן מישפּאָכע איז שוין געשען. א מין פאַרקישעפטער קרײַז! זיי וועלן אוועק קיין ייִסראָעל, אַנטלויפן קיין וויין און אָנהויבן אָפּשלאָגן די טירן פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט. עס ווילט זיך אים שרײַען, עס ווילט זיך אים וואָרענען, און ער טוט אַלע מאָל מאַמעש א פלאַטער, זוכנדיק די נייטיקע ווערטער.

— צי ס׳איז עמעס, פרעגט איר? ס׳איז נאָר א שטיקעלע פונעם עמעס. דער גאַנצער עמעס איז אַזוי שוידערלעך, אַז עס איז אים אומעגלעך צו באַשרײַבן. מע דאַרף דאָס אויספּרוּוון אַף זיך!

— וועסט עפּשער אויך אָנשרײַבן אין א טשערנאָוויצער צײַטונג? — האָט בייז געפרעגט איינער; אַפּאָנעם שוין אַן אײַנגעפּאַקעוועטער.

— פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָט עדיק אָפּגעענטפערט, כאָטש ביז דער מינוט האָט ער וועגן דעם ניט געטראַכט.

און א צווייטער, מעגלעך פון יענע, וואָס האָבן ערשט געקליבן זיך אָנגעבן א מעלדונג, האָט א זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, מיר וועלן א טראַכט טאָן...

שפּעטער מיט א פּאָר טעג האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו אים געוועזענע שול־כאַווירים, און ער האָט געקאָנט צונויפשטעלן פאַר זיך א גענוי צעטל, ווער וואָס עס איז געוואָרן. ווער עס ענדיקט שוין אַן אינסטיטוט און איז שוין קימאַט אַן איִנזשעניער, ווער עס האָט ניט לאַנג צוריק זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי און קלײַבט זיך אָנקומען אין אוניווערסיטעט, און ווער עס איז געוואָרן א שלאָסער און האַלט שוין באַם זעקסטן ראַזריאַד. מע רעדט וועגן פיזיק, מאַטעמאַטיק און מעדיצין, וועגן די סטודענטישע בוי־אָטריאַדן אַף דער צעלינאַ און אַפן באַם. פאַראַן אין דעם א ביסל באַרימערײַ און א ביסל מיטגעפיל. און עדיק קאָן אַלץ ניט בײַקומען אין זיך דעם געפיל פון באַרויבטקײַט און אַז ער איז אָפּגעשלאָפן די אַלע זעקס יאָר אויסער דער צײַט, און גאָר א נײַער געפיל, א פונקט פאַרקערטער, וועלכער איז ניט ווייניקער ווייטיקלעך: באַ אַלע זײַנע געוועזענע שול־כאַווירים איז נאָך אַלעמען פאַרבליבן די קינדערישע זאָרגלאָזיקײַט. באַ אים, באַ עדיקן, איז פון איר גאָרנישט ניט פאַרבליבן. פּרוווט זיי זאָגן, וועלן זיי ניט גלייבן, אַז מענטשן באַגייען זעלבסטמאָרד, וואַרפן זיך אין טײַך אַרײַן, זײַענדיק ניט אימשטאַנד בײַצוקומען די מאַטערנישן, די אויסזיכטלאָזיקײַט אַף צו מויכל זײַן זיך דעם אייגענעם פּעלער. ער האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט, און ער פאַרשטייט אין אָט דער זאַך פיל מערער, איידער זיי.

דער פרילינג, וואָס האָט דאָס יאָר זיך היפּש פאַרהאַלטן, האָט ווי געסטאַרעט זיך אָנייאָגן די צײַט, און יעדן גאַנצפרי האָט ער באַוויזן א נײַעם ווונדער. ערשט נעכטן האָט מען

געקאָנט באַמערקן, ווי אַף די קלײנע טאָפּאָלן זײַנען אָנגעשוואָלן געוואָרן די קנאָספּן, און הײַנט האָבן זיי אַלע געפּלאַצט, און אַף דער וועלט האָבן זיך באַוויזן פּיצינקע בלעטעלעך. אומדערוואַרט האָבן זיך צעצוויטעט די ווײַנשלבײמער, פֿאַרגאָסן דעם אַרום מיט שעמערירנדיקער ווײַסקײַט. אַף יעדן שריט און טריט האָט זיך געפֿילט די ערעוו־יאָמטעוודיקײַט, מיט וועלכער עס זײַנען שטענדיק פֿול די אַפּרעל־טעג. יעדע פֿרישע צײַטונג, וואָס עדיק האָט זיך אַף איר אַרופֿגעוואָרפֿן מיט זשעדנעקייט, האָט אים ניט אופֿגעהערט צו וווּנדערן מיט דער פֿאַרכאַפּונג, מיט וועלכער עס דערציילט זיך וועגן פּאָשעטע זאַכן: קאָלווירטניקעס האָבן פֿאַרזייט די ערשטע העקטאַרן פֿון זייערע פֿעלדער, בויער האָבן אַרײַנגעמויערט די לעצטע ציגל אין אַ נײַעם הויז, און אַפֿן דניעסטער, לאָזט זיך אויס, קומט אוף אַ גרויסע עלעקטראָסטאַנציע, און יעדער קובאָמעטער בעטאָן איז פֿאַר אַלעמען דאָרט אַ גרויסער יאָמטעוו. איבער די גאַסן שפּאַצירן שילער און פּיאָנערן, גרייטן זיך צו דער ערשטמײַיִקער דעמאָנסטראַציע. עס מאַרשירן סאָלדאַטן, און עס הילכן איבער די גאַסן פּרייִקע קלאַנגען פֿון די אָרקעסטערס. עדיק האָט געפּרוּווט פֿאָרשטעלן זיך צווישן די, וואָס זייען, און צווישן די, וואָס בויען, צווישן די מאַרשירנדיקע שילער און סאָלדאַטן, נאָר דאָס האָט זיך אים געמאָלט, ווי זייער אַ ווײַטער, ווײַטער טרוים.

מעגלעך, אַז דאָס אַלץ אינײנעם, און עפּשער אויך די בייזע שטים פֿון יענעם ייִדן, וועלכער האָט געפֿרעגט, צי ער קלערט אויך אָנשרײַבן אין צײַטונג, — נאָר עפּעס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אײנעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען ער מיטן זיידן זײַנען צום וויפֿלטן מאָל געגאַנגען אין קינאָ, האָט עדיק זיך אָנגערופֿן:

— זיידע, איך וויל מאָרגן אַרײַנגיין אין רעדאַקציע, איך מוז דערציילן. ווי מיינסטו?

דער זיידע האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם שטאַרק אויסגעוואַקסענעם אייניקל, אַף זײַנע שוין מענערשע פּלייצעס, געפּרוּווט אַרײַנקוקן אין זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן, שטענדיק אַזעלכע פֿאַרטראַכטע און פֿאַרדײַגעטע, וואָס האָבן שוין צופֿיל זיך אָנגעזען פֿאַר זייערע צוואַנציק יאָר, און אָפּגעענטפֿערט:

— דו ביסט שוין אַ גרויסער, עדיק, טו, ווי דאָס אייגענע האַרץ זאָגט אונטער...

זײַן אַרטיקל, אין וועלכן ס׳רעדט זיך וועגן דער טיפֿקײַט פֿונעם פֿעלער, וואָס עס זײַנען באַגאַנגען זײַנע עלטערן, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער טשערנאָוויצער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ” פֿאַרן 29 אַפּרעל 1979 יאָר. דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן האָט עדיק אָנגעדרוקט אַן אַרטיקל אין אַ צײַטונג, און אונטערגעשריבן האָט ער דעם פֿולן נאָמען מיט דער פֿאַמיליע — עדמונד וואָסקאָוו. אין דרײַ טעג אַרום, נאָך די ערשטמײַיִקע פֿײַערונגען, דעם צווייטן מײַ באַגינען האָט ער גענומען אײַנפּאַקעווען זײַן קליין טשעמאָדאַנטשיקל. ס׳איז געקומען די צײַט זיך אומקערן אַהין.

דער זיידע יאָסל האָט געוואָלט זאָגן עפּעס טרייסטנדיקס, נאָר ניט געקאָנט געפֿינען די נייטיקע ווערטער.

ווען דאָס טשעמאָדאַנטשיקל איז שוין געווען פֿאַרפּאַקעוועט און די אויגן בײַ אַלעמען זײַנען געווען פֿול מיט טרערן, האָט די מומע זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, עדיק, און די שטעקשיך? האָסט פֿאַרגעסן די שטעקשיך!

— זאָלן זיי בלײַבן דאָ, — האָט עדיק אַרויסגערעדט, וואַרגנדיק זיך מיט די ווערטער. — עפּשער... אין אָוויר האָט מען צוגעזאָגט...

דער זיידע האָט אים געטרייסט:

— זאָג דער מאַמען, ווי נאָר איר קערט זיך אום, פֿאַרקויף איך מײַן שטיבל אין קאָפּײַגאָראָד און פֿאָר אַריבער אַהער.

ער האָט זייער געוואָלט, דער זיידע, אַז דאָס זאָל קלינגען זיכערער, האָט ער צוגעגעבן:

— טאַקע, וואָס דאַרף איך לעבן אײנער אַליין? דאָס וועט זײַן אַן עמעסדיקע פֿאַרייניקונג פֿון מישפּאָכעס.

וואָס קאָן דער אוטאָר צוגעבן פֿון זיך? ער ווינטשט זיי, אַז דאָס זאָל ווען־עס־איז מעקוייעם ווערן.

שירע גאָרשמאַן

איך גיב זיך אַליין אַ קאָמאַנדירונג

ווער עס טוט גוטס, ווערט קיינמאָל קיין כאַראַטע ניט האָבן. פֿונעם טעלעפֿאָן־קלונג האָב איך פֿון אָנפֿאַנג גאָרניט פֿאַרשטאַנען. נאָרוואָס האָט זיך פֿאַרמאַכט די אויסשטעלונג פֿון מײַן פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם קינסטלער מענדל גאָרשמאַן. דורכן טרײַבל זײַנען צו מיר געפֿלויגן אַזעלכע ווערטער, אַז ס׳איז מיר וואַרעמער געוואָרן.

— איך בין דאָך ייִסראָעל שיינמאַנס זון. שוין זשע האָט איר פֿאַרגעסן ייִסראָעל שיינמאַנען?

ס׳האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ייִסראָעל שיינמאַן פֿון סאָראָקע! קנאַפּע צוואַנציק יאָר זײַנען מיר אַהין געפֿאָרן און אַ גאַנצן סאָראָקער זומער האָבן מיר זיך געזען מיט ייִסראָעל שיינמאַנען און מיט זײַן ווײַב העניע. העניע האָט זיך מיר שטאַרק פֿאַרגעדענקט. ביז איצט קלינגט מיר איר קול אין די אויערן: „כ׳וועל מיך דערהאַרגענען, און געלערנטע וועלן מײַנע קינדער זײַן”. האָב איך דאָך איצטער די געלעגנהײַט צו דערוויסן זיך, ווי געלערנט העניעס קינדער זײַנען. און אָט־אָ זיצט טאַקע אוראָם שיינמאַן בא מיר. זייער אַ כיינעוודיקער יונגערמאַן. ער איז גאָרניט ענלעך אויף ייִסראָעלן. ער איז ענלעך אויף דער מאַמען. איך טו גלײַך אַ פֿרעג:

— וואָס טוט איר עפּעס?

— וואָס זאָל איך טאָן, איך בין אַן אינזשעניער אַ בויער, איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן. מײַנע שוועסטערלעך געדענקט איר נאָך? זיי זײַנען ביידע עקאָנאָמיסטקעס. מײַן מאַמע, זאָל אונדז נאָר געזונט זײַן, האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט. אָבער מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפֿן האָבן גוטע אַטעסטאַטן און גוטע דיפּלאָמען. קיין פּאָסילקעלעך מיט קיין פֿינף־און־צוואַנציקערס וועט מען אונדז ניט שיקן. איר ווייסט דאָך, מײַן טאַטע האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעאַרבעט אין אַ רעמאָנטנע מאַסטערסקאַיאַ. איר קענט דאָך מײַן מאַמען? גערעט האָט זי געוואַשן, און פּאָדלאָגעס האָט זי געשקראַבעט בא לײַטן, מיר האָבן זיך געלערנט. און מיר האָבן אַלע געהאַט גוטע דיפּלאָמען. דער טאַטע מיט דער מאַמען רעדן דאָך בא אונדז אַ גוטן ייִדיש, האָבן זיי מיך אויך אויסגעלערנט.

איך קוק אויף אוראָמען, עס געפֿעלט מיר, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט דעם פּאָרטפֿעל אויף דר׳ערד און ניט אויפֿן טיש, ווי אַנדערע קולטורעלע געסט. נאָך זײַן אוועקגיין בלײַבט אין צימער אַ פּוסטקייט. אַפֿילע דער שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן, זעט מיר אויס ליידיק.

צוליב גאָרשמאַנס אויסשטעלונג בין איך אַ גאַנצן זומער געווען אין מאָסקווע. אין אַ כוידעש אַרום קלינגט ווידער אוראָם.

— דאָס זײַנט איר, שירע גריגאָריעווונע? איר זאָלט נאָר ניט מיינען, אַז איך בין אַ נאַכאַל, נאָר איך וויל מיט מײַן זון זײַן אין מאָסקווע. ער וויל ווערן אַ מאָלער. איר זײַנט אַ היימישע?

— אַ היימישע, נאָר מײַן גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט איז, זעט אויס, געמינערט. אָנבײַסן און וועטשערע מיטן גרעסטן קאָווע, אָבער וואַרמעס, ווי איר פֿאַרשטייט...

— ס׳האָט ניט קיין באַדײַטונג, איך קאָן אַליין קאָכן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אוראָם מיט זײַן זון וואָווע געקומען. דער נאָמען וואָווע איז ניט זייער צוגעפּאַסט פֿאַרן באָכער. זײַנע געלע ברעמען זײַנען האַרט אַפֿילע אויפֿן קוק. די טיף־גרויע אויגן זײַנען שאַרף. די געקרײַזלטע האָר שטייען ווי אין אַ באַרשט. ער וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַן אַנדער נאָמען. אָבער איך האָב געהאַט האַנאָע פֿון אוראָמען, פֿונעם טאַטן. ערשטנס איז ער טאַקע אַ גוטע באַלעבאָסטע, ער האָט געקאָכט וואַרמעס, אַז יעדע

פרוי מעג זיך דאָס ווינטשן. צווייטנס, איז ער אַ זעלטענער טאַטע. אָבער וואָס אַ טאָג ווײַ־טער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועלוועלע וועט אין קיין מאָלערײַ־אינסטיטוט ניט אָנקומען. וועלוועלע איז אַרומגעגאַן ווי פאַרטשאַדעט, און אוראַם האָט אים געטרייסט: אַז דו וועסט וועלן, ׳וועסטו זײַן וואָס דו ווילסט. נאָר ניט אַראָפּלאָזן די נאָז. מיר וועלן קומען צוריק אַהיים, וועסטו זיך לערנען פּריוואַט. צו אַכציק יאָר איז דיר נאָך ווײַטלעך. נעם זיך ניט צום האַרצן.

אויסמאָלן אַלע צערטלעכע ווערטער, דאָס צערטלעכע שווײַגן, די מילדע בליקן, וואָס אוראַם האָט געוואָרפן אויפן זון, איז מײַן פּען שוואַך. אָפט פלעג איך זיך דערמאָנען טעוויע דעם מילכיקן, וואָס האָט אויסגעטראַכט אַ ניט געשטויגענעם כאַלעם, קעדײַ גאָלדע זאָל ניט וועלן לייזער־וואָלפן פאַר אַן איידעם. אוראַם איז געווען ניט נאָר אַ זעלטענער טאַטע. וואָס ווײַטער האָב איך געהאַט די געלעגנהײַט זיך צו דערוויסן, אַז ער איז אַ זעלטענער פרײַנט. אַלעמאָל פלעג איך געפינען אַ ריינע שטוב און, וואָס עס איז געווען וויכטיקער פון אַלץ — טרייסט־ווערטער.

— איר דאַרפט זײַן גליקלעך, גיט אַ קוק, וואָס פאַר אַ דערפאָלג די אויסשטעלונג האָט. וויפל מענטשן עס גייען און וואָס מע פאַרשרײַבט אין בוך.

דאָס איז געווען ניט איבערגעטריבן. אָבער די אויסשטעלונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן פינף מאָל. זי איז דערעפנט געוואָרן אין יול, ווען די מערהײַט קינסטלער פאָרן זיך פאַ־נאַנדער.

אַזוי איז טאַקע געווען. אוראַם און וועלוועלע זײַנען אַוועקגעפאָרן מיט דעם, מיט וואָס זיי זײַנען געקומען. אָבער ייִסראָעל שיינמאַנס זון, אוראַם, איז ניט פון די יעניקע, וואָס פאָרן אַוועק אָן אַ זײַ־געזונט. אַלע אָוונט האָט ער מיר געקלונגען פון קעשענעוו. געוואָלט וויסן, צי איך קאָך שוין מיטיק פאַר זיך און ווי איך פיל זיך. נאָך אַ קליינינקײַט האָט אים געלופּעט. ווען נעם איך אַ בילעט צו פאָרן קיין קעשענעוו. אַ מענטש קלינגט אַלע טאָג פון קעשענעוו, ער ברענגט זיך אַזוי אויס! ווי קאָן מען בלײַבן גלײַכגילטיק? פאַר איך מיר נאָך גאָרשמאַנס אויסשטעלונג צו אוראַמען צוגאַסט.

דער וועטער איז פּרעכטיק. ווי די הימלען וואָלטן געוווּסט, אַז איך בין אַ גאַנצן זומער געזעסן אין מאָסקווע. דער באַן גייט, אָבער איך ליג. איך בין נאָך אין דער עקספּאָזיציע. איך בין באַ די סטענדן מיט די איליוסטראַציעס צו מענדעלע מויכער־ספאָרים. אויף די וואָ־גאָן־ווענטלעך זע איך די אַקוואַרעלן. ניט אַזוי לאַנג איז דער וועג פון מאָסקווע ביז קע־שענעוו. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער באַן איז נאָך ניט שטיין געבליבן, און אוראַם איז שוין אין וואַגאָן, זײַן קול איז אַזוי ווייך, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ קרייוועס:

— גוט, מאָלאַדיעץ.

ווען מיר גייען אַרויס פון וואַגאָן, פאַרשטיי איך גלײַך, אַז די פרוי מיטן בוקעט איז אוראַמס פרוי. דער שוואַרצכיינעוודיקער באָכער מיט בלויע קאָרן־בלימלעך איז ראַפיק, וואָ־לאָדיעס ברודער. זיי זײַנען דאָך אַ צווילינג — ראַפיק איז עלטער מיט דרײַ מינוט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום בין איך שוין באַ אוראַמען אין שטוב. קימאַט צוויי וואָכן בין איך באַ זיי אָפּגעווען. איך האָב אָפט געטראַכט, אַז ווען גאָט זאָל האָבן צען קעפּ, און איך זאָל דערצו נאָך וויסן זײַן אַדרעס, וואָלט איך אים אויסגעדריקט דעם גרעסטן דאַנק, וואָס ער האָט צונויפגעפירט אַזאַ זיווג. גאַנצע טעג זײַנען זיי אויף דער אַרבעט, ווײַל אוראַמס פרוי איז אויך אַן אינזשעניער אַ בויער. ראַפיק לערנט זיך אין טעכניקום און ער אַרבעט. קומט אויס, אַז די סאַמע פרײַע מענטשן זײַנען וואָווע און איך. נאָר זאָגן וועגן וואָווען, אַז ער איז אַ פרײַער מענטש, איז אַ ביסל איבערפלעכלעך. אינדערפרי צייכנט ער. דערנאָך לייענט ער. אַלע ווײַלע גייט ער אַרײַן צו מיר אין צימערל און לייענט מיר עפּעס פון גאָגאָלן. דערבײַ אַנטשולדיקט ער זיך און פרעגט מיך, צי ער האָט מיר ניט געשטערט. ס׳טרעפט, אַז איך כאַפּ אַ קוק, ווי ער גייט צו צום קיך־אַלמער און וואַרפט אַרײַן אַ ציגעלע צוקער אין מויל. דערנאָך שטעלט ער אַוועק אַ פּלאַסטינקע מיט טשײַקאָווסקיס ערשטן קאָנצערט, זעצט זיך אין גרויסן שטול, וואָס ווערט אויף באַנאַכט אַ בעט, לייגט צונויף די הענט אויף די קני, בייגט זיך אײַן זייער נידעריק און בלײַבט אַזוי פאַרשטאַרט, רירט ניט מיט קיין גליד. עס טרעפט, אַז איך פרעג:

— איר שלאָפט?

— וואָס איך קאָן אײַנפאַלן? אַז מע הערט טשײַקאָווסקין כאַפּט מען זיך אויף, ניט מע שלאָפט.

אזוי פאַרברענג איך די ערשטע עטלעכע טעג בא אווראָמען מיט סאָרען.

עס קומט א טאָג, ווען איך האָב בעדייע א קוק צו טאָן קעשענעוו.

— וווהין גייט איר? — מאַכט צו מיר וועלוועלע. — אויב איר ווילט, וועל איך אײַך באַגלייטן. קעשענעוו קען איך בעסער ווי מײַן צימער.

אזוי ווערט וועלוועלע מײַן טשיטשעראָנע. ער גייט מיט מיר צו יעכיעל שרײַבמאַנען. פאַרשטייט זיך, אז איך לייען דאָרטן א דערציילונג. שרײַבמאַן הערט זייער אופמערקזאַם און כאַזערט עטלעכע מאָל איבער אויסדריקלעך — „איך וואָלט עס אזוי ניט געשריבן". איך פאַרשטיי, אז ער וואָלט עס אָנגעשריבן בעסער. אָבער דער גוטער מאַלעך פליט צו קיינעם ניט אַרײַן אָפּט. פון דעם האָב איך הארצווייטיק. אין גאַס זאָגט צו מיר וואָווע:

— דעם שרײַבער איז ניט געפעלן געוואָרן אײַער דערציילונג.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס, איר פאַרשטייט דאָך ניט קיין יידיש.

— כ'האָב דאָס דערפילט.

פון שרײַבמאַנען פאָרן מיר אַף ניאַגי־גאַס. ניאַגי דאָס איז געווען א מאָלדאַוואַנישער קאָמפּאָזיטאָר, נאָר כוץ אים זײַנען דאָ נאָך גאַסן אַף גלינקאַס, טשײַקאָווסקיס און באָראָדינס נאָמען. אַף ניאַגי ווױנט בערטע און אבראם שווארץ. דאָס זײַנען מײַנע לאַנגיאָריקע באַ־קאַנטע. איצטער זײַנען זיי שוין היפש באַיאָרט, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס זיי דערמאָנען מיר אין די „אַלטמאָדישע פריצים". דאָס מאָל האָט מיר ניט אָפּגעגליקט. מע האָט פונקט פאַריכט דעם דאַך בא זיי. האַמערס האָבן געקלאַפּט, פון סופיט זײַנען געפאַלן שטיקער קאַלך, פונדעסטוועגן האָט אבראם מיר געגעבן אלערליי פאַרמאַקאָלאָגישע אייצעס, ווײַל ער איז א באַהאַוונטער אין די איניאַנים.

צוויי וואָכן בין איך געווען בא אווראָמען מיט סאָרען. די גאַנצע צײַט האָב איך זיך גע־פרייט, וואָס אוראָם איז ניט נאָר א זעלטענער פרײַנט, אויך א זעלטענער מאַן. ווענן א טאַטע איז דאָך אָפּגערעדט. אַלע טאָג קומט ער פון דער ארבעט מיט צוויי געפּאַקטע טאָר־בעס, אַף וועלכע עס זײַנען אָנגעמאָלט שרעקלעכע מענטשן. זונטיק האָט סאָרע געבאַקן א לעקעך, אוראָם האָט געשאַטקעוועט קרויט, געריבן מערן פאַר דער קרויט, ניט פאַרגעסן אַרײַנצולייגן עפּל, עס אַרײַנגעפּאַקט אין א קליין פעסעלע, אַרויסגעקײַקלט אַפן באַלקאָן, אײַנגעקוטעט דאָס פעסעלע מיט וואַטניקעס, די זון זאָל עס ניט קאָנען אָנוואַרעמען, ווײַל דער וועטער איז געווען וואַרעם און פרעכטיק. אויסגעבאַקן דעם לעקעך, מאַכט צו מיר סאָרע:

— הײַנט זאָלט איר אין ערגעץ ניט אוועקגיין. הײַנט האָבן מיר געסט.

— אויב איר האָט אין זינען מעכאַבעד צו זײַן מיט מיר אײַערע געסט, גיי איך גלײַך אוועק פון שטוב.

— איר וועט מיר עס ניט טאָן. צווישן די געסט וועט זײַן מײַן ברודער.

ס'איז נאָך ניט צוגעפאַלן דער אָוונט, ווי דער ערשטער גאַסט איז שוין געקומען. דאָס איז געווען א הויכער מאַנצבאַל פון א יאָר עטלעכע און פערציק, ער האָט זיך אוועקגעזעצט, אויסגעשטרעקט די לאַנגע פיס, דערציילט א פּאָר אַנעקדאָטן, געלאָזט וויסן, אז ער איז א פּראָגראַמיסט, דערנאָך מיט אַלע אײַנצלהײַטן דערציילט, ווי זײַן ווײַב מאַכט א טראַנסער־וואַלער טאָרט. אינגיכן איז געקומען סאָרעס ברודער מיט זײַן פרוי. סאָרעס ברודער איז א באַוווסטער פיזיקער. ער האָט דערציילט א סאַך טשיקאַווע זאַכן. כ'האָב ניט געוואָלט, און פונדעסטוועגן דורכגעלייענט א דערציילונג.

אין איינעם א טאָג קלינגט אווראַמס שוועסטער ליובאָטשקע, איך זאָל קומען, ווײַל זי מאַכט האָלובצעס. דאָס איז מאַמעש אַן אומגליק. ווי מע גייט אַרײַן אין א שטוב, הייבט זיך אָן דער פּרעס. איך געדענק ליובאָטשקען, ווען זי איז געגאַנגען לערנען אין דריטן קלאַס. זי האָט געהאַט צוויי שטײַפע פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און א טאָרבעטשקע, וואָס העניע האָט איר אופגענייט פון אַן אלטן האַנטעך. איצט איז עס א כיינעוודיקע ליכטיקע פרוי. זי איז אַף דער צײַט. כ'האָב אײַך שיר ניט פאַרגעסן צו זאָגן, אז בא ליובען זײַנען צוגאַסט אירע טאַ־טע־מאַמע — ייסראָעל און העניע. פאַרשטייט זיך, אז העניע האָט גענוג ארבעט, אָבער פונ־דעסטוועגן געפינט זי צײַט אויסצוגיסן אירע ווונטשן:

— ווען ער, אין הימל, העלפט מיר שוין און מײַן ליובאָטשקע איז פון דער זײַט מיטן קינד אַף די הענט, וואָלט איך זיך מעכײַע געווען...

און צו ייסראָעלן:

— הער זיך צו, מײַן מאַן, נעם אַראָפּ דאָס געפּעס פֿונעם טיש, עס וועט דיר ניט פֿאַר־שאַטן!

ייִסראָעל טראָגט די טעלער און טוט א זאָג צו דער טאָכטער:

— ליובע מײַנע, לייג זיך צו, קיינער וועט אָף דיר קיין פאַריבל ניט האָבן. פּאָלג מיך. דער, וואָס איז מיט דיר, איז שוין פאַרמאַטערט...

קוקן אָף ייִסראָעל שיינמאַנען איז ניט קיין קלענערער פאַרגעניגן, ווי אָף אוורַאָמען. ער איז וווּקסיק. זײַן גרויסע טשופּרינע איז געדיכט, דאָס פּאָנעם פריש, קוקט טאַקע אָף אים הענין, שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט צו מיר:

— איר מעגט אײַך קוקן אָף מײַן ייִסראָעלן וויפל איר ווילט, אָבער פֿונדעסטוועגן קוקט בעסער אָף מיר.

מיר האָבן געגעסן האָלובצעס, געטרונקעןווישניק און צוגעוווּנטשן, עס זאָל זײַן גוט דעם גאַנצן פּאָלק, און ליובען מיט איר מאַן אויך. אָף מאָרגן, ווי אַלע טאָג, שפּאַציר איך מיר מיט וועלוועלען איבער קעשענעוו, און ווידער גייען מיר אַרײַן צו שרײַבמאַנען. איך וואַרט, אַז שרײַבמאַן זאָל שוין אָנהייבן דערציילן, ווי זײַן מאַמע רעדט. ער דערציילט עס אַזוי קאָלאָריטפֿול, ס'איז א כּיעס אין די גלידער. נאָר דאָס מאָל איז, צום באַדויערן, קלאָר־געדיק. שרײַבמאַנס מאַמע איז אוועקגעריסן געוואָרן, און ער איז זייער פֿאַרומערט און פאַרצאָרנט.

א הויכער הימל, קלאָרע דורכזיכטיקע ווײַטן. ווײַנגערטנער און ווײַנגערטנער. ווו־ניט־ווו עפּל־סעדער. עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע סעדער, ווו דיביימער זײַנען קימאַט אָן צווײַגן. אָט שטייט א נידעריקער שטאַם, געצײילטע עטלעכע צווײַגן אָף אים, און די צווײַגן ברעכן זיך מאַמעש פֿון דער גערעטעניש. דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז א נײַער אויפֿן פֿון פּלאַנצן סעדער. די דערפֿער, וואָס מיר פֿאָרן דורך, זײַנען היימלעך, די שטיבער זײַנען נײַע, די ווענט פֿון דרויסן זײַנען געמאָלט מיט בלומען און זון־רויזן. די טאָפּאָלן, וואָס וואַקסן פֿון ביידע זײַטן וועג, האָבן זיך קימאַט פאַרייניקט, און ערטערווײַז דעקן זיי איבער דעם וועג ווי א גרין געצעלט.

סאָראָקע מײַד איך דאָס מאָל אויס. כאָטש דאָס דאַרף טריפּאָלצע איז ניט ווײַט פֿון סאָ־ראָקע. איבערן דאָזיקן דאַרף ברומען ווילדע טויבן, און די פּרוכטן פֿון די סעדער זײַנען נאָך ניט אַראָפּגענומען. דאָרטן, בא אַנעטען, איז גאָרשמאַן אַלע מאָל אײַנגעשטאַנען. אין דער קאַסע־מאַרע, אין שיינעם צימער, ווו די באַלעבאָסטע האָט אײַנגעאָרדנט גאָרשמאַנען, האָב איך באַמערקט, אַז דער טיש איז געווען פאַרשפּרייט מיט א געלן זײַדענעם טאַלעס מיט העל־בלויע פּאַסן בא די ראַנדן. אָף דער פענצטער־ברעט זײַנען געשטאַנען מעשענע לײַכ־טער. אָף די פּאָליטשקעס האָב איך דערזען עטלעכע בעכערס און א זאַלץ־מעסטעלע, אָף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט „קאָשער לעפּייסעך". נאָר אומבאַגרײַפֿלעכער פֿון אַלץ זײַנען געווען עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון יונגע מיידלעך, צוגענאָגלטע צו די טאַפּעטן. גאָרשמאַן, אַלעווהאַשאָלעם, האָט זיי אַראָפּגענומען, און מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז מיר האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט...

דאָס אַלץ האָט געצאַפּלט אין מײַן זיקאָרן. און דאָס האָט מיך איצט, אין יאָרן אַרום, אוועקגעפֿירט קיין טריפּאָלצע.

יאָ, אוואַדע שטייט זיך טריפּאָלצע ווי געווען. א סאַך נײַע שטיבער מיט פאַרגלאָזטע גערעמע ווערענדעס. אַנעטעס שטוב שטייט אויך, שטייט ווי געווען. איך גיי אַרײַן אין הויף, א הונט רײַסט זיך פֿון קייט, א פרוי באַווײַזט זיך. זי שטעלט זיך לעבן מיר און ס'וועַרט מיר קלאָר, אַז זי וויל ניט, איך זאָל אַרײַנגיין אין שטוב. אָבער איך בין ניט פֿון די, וואָס מע לאָזט ניט. איך וואַרט ניט אָף קיין אײַנלאַדונג. איך זאָג צו איר:

— אַנעטע פּעטראָוונא איז אײַער מאַמע?

— אַנעטע פּעטראָוונא איז שוין געשטאָרבן.

— אָבער איך דאַרף אַרײַנגיין. איך בין דאָ אײַנגעשטאַנען מיט עטלעכע יאָר צוריק. געזאָגט און געטאָן. אָפֿן פענצטער־ברעט שטייען, ווי אַמאָל, די לײַכטער, קיין בעכערס זע איך ניט. נאָר דאָס זאַלץ־מעסטעלע שטייט אָפֿן גרינעם פּלוישענעם טישטעך, מיט וועלכן דער טיש איז פאַרשפּרייט. די פֿאָטאָגראַפֿיעס הענגען, ווי אַמאָל.

— אָף וואָס האַלט איר די פֿאָטאָגראַפֿיעס, זיי זײַנען דאָך ניט אײַערע קרוויים?

— ווײַבאַלד די מאַמע האָט זיי אופֿגעהאַנגען, זאָלן זיי הענגען.

איך פאַרזאַם זיך דאָ ניט לאַנג. דער וועג פון טריפּאָוצעַ איז זייער אָנגענעם. רעכטס — דער דניעסטער, לינקס — די הויכע, ווײַסע קרײַד־בערג, די בערג זײַנען נאַקעט, אָבער די זון שײַנט. דער הימל איז בלוי, פאַר מײַנע אויגן — די וואַנט מיט די פאָטאָגראַפיעס. איך גיי ווי אין אַן אומגעדאַכטן כאָלעם.

געקומען קיין לוואָוו, שטיי איך אין ריי נאָך אַ טאַקסי און הער פּלוצעם אַ האַרצרײַסנדיק געשריי. „שירע גריגאָריעוונע!" — שרײַט ליזען. איך בין זיך אַליין מעקאַנע. ווײַל ווי נאָר איך האָב איבערגעלייענט אינעם צענטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1973־טן זײַן ווערק „גרינע מאַציייוועס, וואָס שווײַגט איר?", האָט מיך באַהערשט אַן אומרו. די דערציילונג איז ניט געווען ענלעך צו די, וואָס זײַנען שוין געדרוקט געוואָרן אויף דער טעמע. כ'האָב איבערגעלייענט אין דער דערציילונג אַזעלכע ווערטער: „ניין, ניט געווען, ס'איז דאָ ניט געווען קיין פּאַרק, ער געדענקט עס גאַנץ גוט, קיין ביימער זײַנען ניט געווען. דאָ זײַנען געווען שטיבער, פון דאָר דורות זײַנען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן. געלעבט און געפרייט זיך, געפרייט זיך און געליטן, איז פונוואַנען האָבן זיך גענומען ביימער? און וווּהין האָבן זיך אַהינגעטאָן די שטיבער? די שטיבער מיט די פריילעכע און אומרויִקע מענטשן". אָט דער קליינער אַבזאַץ מאַכט קלאָר, אַז דאָס, וואָס איז געווען, איז פאַרשווונדן אויף אייביק, און מיר זײַנען קינדער פון אַ געקוילעט פאָלק. און ווידעראַמאָל אַ ציטאַטע: „און דער הימל איז נאַס, און דער הימל איז נידעריק און פאַרגרויט. זעט אויס דער פּאַרק, ווי אַ גרינע זעונג צווישן שטיינערנע נאַקעטע ווענט". גלײַך ווי איך האָב איבערגעלייענט „גרינע מאַציייוועס", האָב איך געהאַט אַ סאַך סימאָנים, אַז ליזען דער שרײַבער האָבן ערשט איצט אָן, אָבער ער הייבט אָן אייגנאַרטיק. און דאָס איז דער בוילעטסטער סימען פון באַגאַבטקײַט.

קורץ גערעדט, איך בין אין לוואָוו און איך קוק זיך צו, ווי עס געהער צו זײַן צו ליזענען. ער איז ניט ווויקסיק. יאָדערדיק. אָפן פּאָנעם הערשן זײַנע בלויע אויגן. פון זיי קוקט אַרויס גינציקײַט און אַזאַ צוגעלאָזטקײַט, אַז עס ווערט אַזש אומבאַקוועם. ער פירט מיך אַוועק צום האָטעל „לוויוו". דער הויפּט־בוכהאַלטער פון האָטעל, יאַקאָוו סעמיאָנאָוויטש גערשקאָוויטש איז ליזענס אַ נאָענטער באַקאַנטער. איך האָב אַ גוטן צימער. אינדערפרי, אַזייגער האַלב נײַן, קלינגט ליזען. ער דאַרף דרינגענד וויסן, ווי איך פיל זיך, צי איך האָב שוין געפרישטיקט. אויב איך בין אַ געפרישטיקטע, איז ער אין עטלעכע מינוט אַרום דאָ. מיר גייען אָנקוקן די שטאָט. די שטאָט איז וווּנדערלעך. זי פאַרנעמט אַ גרויסן שטעטח. דער אײַזנבאַן־וואָקזאַל, וועלכן ס'האָט אויסגעבויט דער אַרכיטעקטאָר סאַדלאָווסקי, איז מאָנומענטאַל. די קאָלאָנעס זײַנען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער געבײַדע, אַלץ איז מאָנומענטאַל, און איינצײַטיק האָט מען אַן אײַנדרוק, אַז עס איז זייער גרינג און לופטיק. אויף מאָרגן גיי איך צום מאַרק־פּלאַץ. דאָ זײַנען פאַראַן אוניקאַלע אַרכיטעקטור־דענקמעלער און סקולפּטורן. נעפּטון שטייט אין ליכט און ראַכוועס. אַדאָניס און די געטן פון יאַגד דאַנאַיאַ שטייען אַזוי, גלײַך זיי פאַרברענגען דאָ די צײַט און פירן אַ שמועס. זיי האַרמאָנירן צו דער אורבאַניק. מיר דוכט, אַז אָט שפּאַנען זיי גאָר אַוועק צום ראָטהויז. די גאַנצע צײַט טוט מיר ווי דער נאַקן, ווײַל איך האַלט פאַריסן דעם קאָפּ. לוואָוו איז אַ שטאָט אַ מוזיי. אַ סאַך אַרכיטעקטור־דענקמעלער. די פאַרשיידענע קאַריאַטידעס זײַנען פונקציאָנעל און געזעצמעסיק. דאָס הויז נומער זעקס, לעבן מאַרק, וואָס פּעטראָ באַרבאָנו האָט געבויט, איז פּרעכטיק. טאָג־אײַן, טאָג־אויס גיי איך איבער די גאַסן. איך ווייס, אַז אין לעמבערג האָבן געלעבט אַ סאַך ייִדן. דאָ איז געווען אַ יעשיווע, אַ סאַך באָטעמעדראָשים, געווען אַ וווּנדערלעכע רעוואָליוציאָנערע יוגנט. צו אַ סאַך געבײַדעס זײַנען צוגעקלאַפּט מירמל־טאָוולען מיט ייִדישע אויסיעס. ליזען פאַרשפּאָרט מיר צו דערציילן, וואָס פאַר אַ ייִדישער קיבוץ לעמבערג איז געווען. ער פירט מיך צו דער גאַס אויף נאַפטאָלע באָטווינס נאָמען. דערנאָך גייען מיר אין אַפּטייק־מוזיי, ווו עס הערשט מיטלאַלטער. גרויסע שטיינערנע שטויסלען מיט שווערע טוקאַטשעס. שווערע געוויכטער. איך און ליזען זײַנען די איינציקע באַזוכער. דאָ איז שטיל און געמיטלעך.

איך שלאָג „יאַדאַכעס" מיטן באַדינער פונעם האָטעל. ער לאָזט מיך אַרויס נאָך האַלבער נאַכט און לאָזט מיך אַרײַן באַגינען. איך גיי איבער די גאַסן, און מיר דוכט זיך, אַז איך זע דאָ פיל ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין ווײַסע שקאַרפּעטקעס, רײַכע סאָכרים אין שיינע אָנצוגן און ווייכע היט. אין די נעכט שטעל איך מיר פאָר זייער בוילעט, ווי עס גאַנוועט זיך איבער די גאַסן די רעוואָליוציאָנערע יוגנט, וואָס קלעפּט אויס אַנטיצאַרישע פּלוגבלעטלעך. אַזוי פאַרברענג איך אין לוואָוו.

איך בין פאַרגאַפּט פון דער האַרעוואַניע, וואָס ליזען האָט אופגעטאָן. ער האָט זיך צו־נויפגעשטעלט אַן אייגענעם יידישן ווערטערבוך און אַ בוך פון סינאָנימען.

ס׳וואָלט מיר שוין געווען גענוג, אָבער ליזען מיינט, אַז איך מוז מיך אומבאַדינגט באַקאַנען מיט דאַרכאָוסקין. אין דאַרכאָווסקיס דירע איז זיך מאַמעש ניטאָ ווו אַ דריי צו טאָן. די גאַנצע שטוב איז אָנגעפּראָפּט מיט האָלץ־שניצערײַ, מיט אַלערליי וואָרצל־אויסאַרבעטונגען. דער מײַסטער וויל מיר שענקען אַ טײַך־מיידל, נאָר דאָס איז זייער אַ גרויסע אַרבעט, ווי וועל איך זיך מיט דעם אַרײַנפּאַקן אין וואַגאָן? שענקט ער מיר אַ כיידער מיט אַ רעבן, מיט ייִנגעלעך. דאָס איז זייער אַ כיינעוודיקער האָלץ־שניץ. כוץ דעם באַגייט זיך ניט אָן עסן. אַלערליי אייגענע מאַשקעס פון יאַגעדעס, אייגן געפּרעגלט פלייש מיט אַלערליי געווירצן. נאָר פּלוצעם ווערט ווידגדער לוואָוויטש נעלעם, און אַקוראַט אַזוי אומדערוואַרט דערשײַנט ער אין מיליטערישע בגאָדים. אַפן יאַם־קיטל זײַנען אַזויפיל אָרדענס און מעדאַלן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ שפּילקע־קאָפּל. ווידגדער לוואָוויטשעס ווײַב ברענגט נאָך אַ קאָרטיק און שפּיליעט אים צו דעם מאַן אַפן לענד. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאַרכאָווסקי האָט אָפּגעדינט אין מיליטער העכער 25 יאָר. ער האָט דורכגעמאַכט די מילכאָמע און איז נאָך איצטער פול מיט לעבנסלוסט און מיט ענערגיע.

דער מאָלער סעמיאָן גרוזבערג איז אויך אומגעגאַנגען מיט מיר איבער דער שטאָט. מיר זײַנען געווען אין לענין־מוזיי, וועלכער געפינט זיך אין אַ פּראַכטפולער געבײַדע. אין אַטע־ליע בא סעמיאָנען בין איך אויך געווען. כ׳האָב געזען אַ סאַך אַרבעטן, דאָס האָט מיך שוין ניט אַזוי געוווּנדערט, ווײַל ניט דאָס ערשטע מאָל זע איך אַן אַטעליע בא קינסטלער.

נאָר אָט בין איך שוין די לעצטע טעג אין לוואָוו. ליזען האָט אַלץ אין זינען. צי האָב איך זיך צערעכנט מיטן האָטעל און ווו ליגט בא מיר דער באַן־בילעט? ער באַגלייט מיך צום באַן. איך קוק דורכן פענצטער און זע, ווי ער גייט צווישן אַ גרויסן עולעם...

מאָסקווער עטיודן

אַ פאַרדינסטפולער בויער

מאַמעש לעבן דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַף טשיסטע פּרודי, וווינט עמאַנויל יונאָוויטש מיט זײַן פרוי יעלענע אַבעזגאַוז. אַ גאַנץ לעבן וווינען זיי אין דער קאָ־מונאַלער דירע אין צוויי ניט קיין גרויסע צימערן, ווו דאָס סאַמע בעקאָוועדיקע אָרט פאַר־נעמען סטעלאַזשן מיט ביכער. עמאַנויל מאַרקאָוויטש וואָלט זיכער געקאָנט האָבן אַ באַזונ־דערע דירע. ער איז אַ באַוווּסטער בויער, אַן אינזשעניער, נאָר ער זאָגט וועגן דעם אַליין: „איך האָב ניט קיין צײַט זיך צו פּאַקן, מיר איז דאָ אויך גוט“.

יעלענע מאָיסייעוונא איז אַלעמאָל מאַסקים מיטן מאַן. כאָטש זי איז אַ געבילדעטע, קען שפּראַכן, איז געווען אַ לערערן פון פיזיק אין אוניווערסיטעט ביז דער פּענסיע, רוקט זי קיינמאָל ניט אַרויס איר מיינונג פאָרויס. אַ גאַנץ לעבן איז עמאַנויל מאַרקאָוויטש אַרומגע־פאָרן. שווער אָנצורופן כאָטש איין טעקסטיל־אונטערנעמונג, וואָס איז זיך באַגאַנגען אָן זײַן פּראָיעקט. אין מילכאָמע־צײַט האָט ער געבויט די פאַרפעסטיקונגען אַרום מאָסקווע. ביז דער מילכאָמע האָט ער געבויט פאַרשיידענע געבײַען אין איוואַנאָוואַ, אין סאַראַטאָוו, אין באַר־נאול, און אַפילע אין טערקײַ. גאָר זעלטן נעמט ער אַ ביולעטען, אַפילע איצטער. ער אַרבעט אין מיטישטשי, אין אַ פּראָיעקט־אינסטיטוט. אַלע טאָג פאָרט ער אַהין, פאַרשפּעטיקט קיינמאָל אַף קיין איין מינוט ניט, אַזוי אַז אַ סאַך מיטאַרבעטער זײַנע קאָנטראָלירן די זייגערס, ווען ער קומט צו דער אַרבעט. אין שטוב הערט מען פון אים קיין פאַרע ניט. דער זון, די שנור, צוויי אייניקלעך זײַנען געוואַקסן אין די צוויי צימערן. יעלענע מאָיסייעוונא האָט געהאַט אַף שיסל און אַף טעלער, נאָר ווען עמאַנויל מאַרקאָוויטש איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב און זיך געזעצט אין טיפן ברייטן שטול, איז געוואָרן שטיל, אַפילע

די פּיטשינקע האָבן געוווּסט, אַז דער זיידע וועט איצטער דרעמלען. אַ האַלבע שאָ איז אין שטוב אַ טויטע שטילקייט. אַז ער עפנט די אויגן, איז אַלץ גרייט אויפן טיש.

דער סאַמע גרויסאַרטיקער טיש ווערט געגרייט שאַבעס. שאַבעס קומט דער זון, ס'קומט דאָס כאָסנע געהאַטע אייניקל מיט דער פרוי, עס קומט דאָס אייניקל, וואָס לערנט זיך נאָך אין מעדיצין־אינסטיטוט, און אומבאַדינגט אַ צווייט־דריטע באַקאַנטע. דער טיש איז אָנגעפּיקע־וועט. עס ווערטלט זיך עמאַנויל מאַרקאָוויטש — ער זאָגט, אַז ווען ער איז געווען אין ענג־לאַנד, האָט ער זיך אַלע מאָל געוווּנדערט: די פּאַליצעס אין די קראָמען זײַנען אָנגעפּיקע־וועט, און אַז דו גייסט אַרײַן אין אַ שטוב, גיט מען דיר קאַפע און אין בעסטן פאַל אַ צוויי־דרײַ קיכעלעך. יעלענע מאַקסימאָוונאַ שמייכלט, אירע שוואַרצע אויגן שטראַלן מיט גוטסקייט און זי באַמערקט זאַכלעך: „איך בין אין מאָסקווע, ניט אין לאָנדאָן. האָב איך אין זינען פּרײַטיק, וואָס איך דאַרף אויף שאַבעס".

מע זיצט זייער לאַנג באַם טיש, וואָרעם נאָך אַלע פאַרבײַסונגען קומט דער עמעסער מיטיק, מיט יויך און מיט קניידלעך, מיט אָף אָדער מיט געבראָטן פלייש. עס גייט אַ שמוע־עס צווישן עמאַנויל מאַרקאָוויטשן און זײַן זון, וועלכער הייסט אין שטוב פּראָסט אליאָשע, אָבער אין אוניווערסיטעט רופן אים די טאַלמידים און די מיטאַרבעטער אַלעקסיי עמאַנוילאָ־וויטש. זײַן ספּעציאַליטעט איז פּאַלעאָגראַפיע. ער איז שוין אויסגעווען אין דײַטשלאַנד און אין יאַפּאַן, נאָר עמאַנויל מאַרקאָוויטש, זײַן טאַטע, ווערט דערפון ניט ניספּאַעל, און ער זאָגט מיט דער גאַנצער האַרטקייט:

— כ'פאַרשטיי, אַז דײַן וויסנשאַפט איז זייער און זייער וויכטיק, אָבער אויב דײַנער אַ טאַלמיד וועט מאַכן אַ גרײַז אין זײַן רעפעראַט, וועסטו ערשטנס, דעם גרײַז, קאָן זײַן, כאַפּן, און, צווייטנס, וועט עס ניט קאָסטן דער מעלוכע קיין מיליאָנען. אָבער אויב באַ מיר וועט מען עפּעס פאַרזען אין אַ פּראָיעקט צו אַ טעקסטיל־אונטערנעמונג, פליִען גלײַך הונ־דערטער טויזנטער צו אַלדי רוכעס...

אליאָשע שווײַגט, אָבער אײַנגאַנצן פאַרשווײַגן דאָס קאָן ער ניט, און ער זאָגט געצייל־טע ווערטער:

— דו ווייסט, פּאַפּאָטשקע, אַז מיר איז שווער דיר צו דערווידערן, ווײַל איך קאָן קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן, אַז איך האָב דיך ליב.

יעלענע מאַקסימאָוונאַ איז זייער ערנסט, זי קוקט אויפן זון און פרעגט סאַרקאַסטיש:

— נידערסט בעעמעס אַראָפּ צו ליבע פאַר אונדז?

דערנאָך דערציילט זי, אַז אין 1941 יאָר, ווען די פאַשיסטן האָבן באַמבירט מאָסקווע, פלעגט עמאַנויל מאַרקאָוויטש דעזשורען אויפן בוידעם, און אויב ניט, פלעגט ער זאָגן:

— איך זעץ זיך צו אין שטול און איך דרעמל גאַנצע צוואַנציק מינוט, זאָל מיט זיי וואַרפן ס'קאַדאַכעס, און זאָלן זיי אײַנעמען אַ מיסע מעשונע, ניט מײַן אייסעק...

עמאַנויל מאַרקאָוויטשעס באַשיידנקייט איז צו זען אין זײַן שטוב. בלויז דאָס, וואָס אַ מענטש דאַרף: ביכער, בילדער, געלעגערס צו שלאָפן, אַ טיש צו עסן, אַ שרײַבטיש צו אַרבעטן, שטולן צו זיצן, קיין שום אָנגעלעגנהײַטן פון קאָמיסיאָנע קלייטן.

יעלענע מאַקסימאָוונאַ איז אוועק פונעם אוניווערסיטעט, ווו זי האָט אונטעריכט פיזיק, ניט לויט איר אייגענעם ווילן. עס זײַנען געווען סיבעס, אָבער די הויפּט־סיבע איז געווען דאָס, וואָס ס'איז געבאָרן געוואָרן דאָס ערשטע אייניקל. איצטער איז ער שוין אַן אינזשע־ניער, ער לערנט זיך נאָך אויף אַיין פאַקולטעט. זײַן פרוי איז אויך אַן אינזשעניער. אָבער קעדיי זיי זאָלן ווערן אינזשעניערן, האָט יעלענע מאַקסימאָוונאַ געהאַט אויף שיסל און אויף טעלער. זי איז געווען די באָבע, די מאַמע, די באַלעבאָסטע און דעריקער עמאַנויל מאַרקאָ־וויטשעס פרוי. אליאָשע האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט אַן אויסגעצייכנטן די־פּלאָם, זײַן פרוי נאַדיע אַרבעט אין קאָנסערוואַטאָריע, זי איז אַ מוזיקערן. די גאַנצע מיש־פּאָכע האָט צו דער געבילדעטער באָבען אָן אַ שיר פראַגן, דעריקער וועגן דאַטעס: ווען, אַשטייגער, איז רעזערפאָרד געבאָרן געוואָרן, ווען איז וואָן גאָג געשטאָרבן, צי האָט קאַפּיצאַ זיך באַפרײַנדעט מיט יאַפּען. און זי, די באָבע, גיט אויף אַלצדינג אַן אויספירלעכן ענטפער. נאָר אַנומלטן שמייכלט זי, און זאָגט צום אייניקל נינע, צו אליאָשעס טאָכטער, וועלכע לערנט זיך אין מעדיצינישן, און צו אליאָשען:

— מיט רעזערפאָרדן, וואָן גאָגן און מיט די איבעריקע זאַכן איז אַלץ קלאָר. צי ווייסט איר אָבער, אַז מע האָט דעם זיידן צוגעייגנט דעם טיטל פאַרדינסטפולער בויער? זעט, ווי ער זיצט אין שטול און דרעמלט, אַקוראַט ווי אַ פּאַשעטער באַסערוואַדאַם. אָבער באַלד וועט ער, מירצעשעם, אויפשטיין און ער וועט וועלן אַ גלאָז טיי. שטעל, נינע, אויפן טיש די קריגעלעך, צוקערקעס, אָנגעשניטענעם ציטרין, קעקס.

נאָך דער טיי גיי איך מיט אליאָשען — מיט אלעקסיי עמאַנויִלאָוויטשן — צו דער מעטראָ קיראָווסקאיא. זײַנע העלע אויגן שטראַלן, און ער זאָגט צו מיר זייער אײַנגעהאלטן:

— די מאַמע איז אָן אויצער. און כאָטש זי האָט זיך געוויצלט א ביסעלע וועגן טאַטן, האָט זי אים ליב מער פון אלעמען. עס האָט מיר אָפּגעגליקט מיט טאַטע־מאַמע...

מײַן שאָכן

איזיע איסאַרעוויטש איז קימאַט מײַן שאָכן. זײַנע שווער־און־שוויגער וווינען אינעם זעלביקן הויז, וואָס איך. ער איז א געזעצטער, א ברייטבייִנערדיקער. ביז מע זעט ניט זײַן פּאָנעם, האָט מען אפילע ניט קיין פאָרשטעלונג, ווי באַכײַנט דער מענטש קאָן זײַן. לויט דער ספּעציִאַליטעט איז ער א טערמאָעלעקטריקער. אין וואָס פּאַר א זאַוואָד ער אַרבעט, זאָגט ער ניט. ער זאָגט נאָר, אַז ער אַרבעט אין ייִשעוו סעטון. ער האָט שוין פּאַרטיידיקט א קאַנדידאַטסקע. ווען איך זאָל ניט וויסן, וואָלט איך אפילע דערלאָזט, אַז ער איז א דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, אַזא האַדרעספּאָנעם האָט ער. זײַנע אויגן זײַנען אַזוי סאַמעטדיק און קוקן אַזוי גוטהאַרציק, אַז ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז, שמועסנדיק מיט אים, זאָל א מענטש מיט עפּעס אים קאָנען דערווידערן. ער אליין זאָגט:

— איך האָב א סאַך דײַגעס. מײַנע צוויי ייִנגלעך זײַנען מער ווי צוויי, איך קאָן פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּלאָזן. זיי זײַנען פול אין גאַנץ סעטון, קומען אָפּט מיט צעקלאַפּטע נעז. קאָן איך צו זיי קיין טײַנעס ניט האָבן, וואָרעם איך אליין לערן זיי. טאָמער דאַרף מען עמעצן געבן אין די ציין, זאָלט איר זיך ניט שעמען און ניט טראַכטן, אַנדערש וועט איר אליין אַרײַנכאַפּן... כוץ דעם, האָט מײַן ווײַב, מײַן לענע, געאַרבעט אַנדערהאַלבן יאָר אַף א בויונג, קעדיי מיר זאָלן קריגן א דירע. ווי מיינט איר, איך האָב ניט געהאָלפן? דער טאַטע אין בריאַנסק איז ניט מיט אלעמען, מוז איך אלע צוויי־דרײַ כאַדאָשים צופאָרן צו אים. שווער־און־שוויגער זײַנען אויך ניט קיין אַטלעטן, און מע דאַרף זיך צו זיי אַראָפּכאַפּן. איך בין אין קאָמאַנדירונגען מער ווי אין מאָסקווע. איר פאַרשטייט אליין, אַז וואָס מער טעמפּ, וואָס מער איבערגעגעבנקײַט צו דער אַרבעט, אַלץ גרעסער וועט זײַן דער רעזולטאַט. זיך דערשלאָגן טערמאָסטאַבילקײַט איז ניט פון די גרינגע זאַכן. עס שטייט מיר גאָר ניט אָן, מע זאָל מיר מאַכן די קלענסטע באַמערקונג. אויב אַרבעטן — זאָל זײַן געאַרבעט!

איך קוק אַף איזיען, און איך בין אים מעקאַנע. וויפל כיין א מענטש פאַרגינט זיך צו האָבן! ניט זייער אָפּט גייט ער צו מיר אַרײַן. ער האָט פּאָשעט קיין צײַט ניט. אָבער גייט ער יאָ אַרײַן, פאַרברענגען מיר היפּש. כ'האָב זייער ליב צו הערן, ווען ער דערציילט וועגן דער שוויגער. קיין קרום וואָרט זאָגט ער ניט וועגן איר, ווי אַנדערע איידעמס. ער דערציילט פּאָשעט ווי די שוויגער רעדט אים אײַן:

— אַף וואָסערע רוכעס דאַרפסטו א דאָקטאָרסקע? האָסט א קאַנדידאַטסקע, זאָג א דאַנק, זײַ א טאַטע צו דײַנע קינדער! וואָרעם צו דײַנע זין דאַרף מען האָבן צען אויגן! וועגן דײַן ווײַב וועל איך שוין גאָרניט זאָגן, דו ווייסט אליין ווי זי דרייט זיך. זײַן א הויפּט־שוועסטער אין א שפּיטאָל אין סעטון איז דיר ניט אַרויסצײַען קיין האָר פון דער מילך. ניט דו וואַשסט, ניט דו רייניקסט די פּאָדלאָגעס, ניט דו גייסט מיטן קאָשעק אין קלייט, ניט דו קאָכסט — דאַרפסטו האָבן סאָוועסט!

ער דערציילט דאָס און לאַכט. דערנאָך גיט ער צו:

— כ'קאָן ניט האָבן קיין בייז האַרץ אַף דער שוויגער, זי איז דאָך טאַקע גערעכט, אָבער כ'וועל זי ניט פאָלגן, און א דאָקטאָרסקע וועל איך טאַקע מאַכן.

אַ צוגאָב־קאַדער

ס'זײַנען געווען די לעצטע אָנגעשטרענגטע מינוטן אין קינאָ. דער זשורנאַל האָט זיך געענדיקט, מער האָט זיך שוין ניט געקײַקלט פונעם עקראַן אַפן צושויער קיין דאַמף־מאַשינעס און קיין אַנדערע טעכניק. אָט־אָט האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן דער פילם „ניט קיין געענדיקטע ליד״. די ליכט איז געווען אויסגעלאָשן. פּלוצעם איז א מענטש זייער גיך דורכ־

געלאָפן דעם דורכגאנג צווישן די רייען שטולן, אוועקגעלאָפן אַף רעכטס צום אַרײַנגאנג, א ווײַלינקע נעלעם געוואָרן און אַרײַנגעפירט א וועגעלע, אַף וועלכן ס׳איז געזעסן א פרוי. ער האָט צוגעפירט דאָס וועגעלע צו איינער פון די שטול־רייען, ארויסגעהויבן די פרוי און זי אוועקגעזעצט, אראָפּגענומען די פאטשיילקע פון איר קאָפּ, צונויפגענומען אירע צעשויבערטע האָר מיט א קעמעלע, זיך אוועקגעזעצט לעבן איר און צוגערוקט דאָס וועגעלע נאָענט צו זיך.

דער פילם האָט זיך געענדיקט, די עלעקטרע האָט אופגעשײַנט, א סאך צושויער האָבן געקוקט, ווי דער מאנצבל האָט אופגעהויבן די פרוי פון שטול, זי אַרײַנגעזעצט אין וועגעלע, אָנגעטאָן און פארבונדן די פאטשיילקע אַף איר קאָפּ, זי א ביסעלע אונטערגעהויבן, ס׳זאָל איר זײַן באקוועמער צו זיצן, און איז אוועקגעפאָרן מיטן וועגעלע צום ארויסגאנג. ניט ווייניק מענטשן, מערסטנס פרויען, האָבן געקוקט אַף דעם דאָזיקן געשפאן. און דאָס איז קיין וווּנדער ניט געווען, ווײַל מיט אזויפיל צערטלעכקײַט און פאָרזיכטיקײַט האָט דער מאנצבל געקערעוועט דאָס וועגעלע צו דער יאַרצעוווער גאס...

„די פײַערן פון דער מאגיסטראל־79"

אין אוגוסט 1979 איז אָפּן ווייטן מיזרעך פאָרגעקומען א פעסטיוואל פון דער פּילנאציאָנאַלער סאָוועטישער קונסט אונטערן נאָמען „די פײַערן פון דער מאגיסטראל". אין סאָף כוידעש איז דער יאָמטעוו געקומען קיין בירַאָבידזשאן. טויזנטער אײַנוווינער פונעם געגנטלעכן צענטער האָבן פארפולט די טריבונעס פונעם סטאדיאָן „סטראָיִטעל" און הארציק באגריסט די געגארטע געסט — די בארימטע קונסט־מײַסטערס פון מאָסקווע, לענינגראד און אנדערע שטעט.

די צענטראלע טריבונע איז געווען באצירט מיט דער עמבלעם פונעם פעסטיוואל און מיט פארביקע טראנספאראנטן, אַף דער בינע — די אוואנגארדיסטן פון די אונטערנעמונגען פון געגנטלעכן צענטער. דעם קאָוועד צו עפענען דעם יאָמטעוו האָט געהאט דער טוער פונעם זאוואָד „דאלסעלמאש" קאוואלער פון אָן אָרדען פון ארבעטס־רום נ. בעלאָנאָגא. מיט א באגריסונגס־וואָרט צו די אָנטיילנעמער פונעם פעסטיוואל האָט זיך געווענדעט דער פאָרזיצער פון שטאָטויספירקאָם וו. וו. מאכינין. ער האָט אָפּגעמערקט, אז א ווירדיקן צושטייער אין דער בויונג פון דער בײַקאל־אמורער אײַזנבאן־מאגיסטראל, אין וועלכער עס באטייליקט זיך דאָס גאנצע לאנד, טראָגן אויך אַרײַן די ארבעטנדיקע פון בירַאָבידזשאן און פון דער געגנט. זיי שטעלן צו פאר די בויער צעמענט, געהילץ־מאטעריִאַלן, קליידונג, שוכווארג. לויט די סאכאקלען פון דער ארבעט פונעם פארגאנגענעם יאָר איז די שטאָט בירַאָבידזשאן אנערקענט געוואָרן אלס זיגער פון דער קאנטישער סאָציִאליסטישער פארמעסטונג.

עס הייבט זיך אָן די טעאטראַליזירטע פאָרשטעלונג, וועלכע עס פירן די דיקטאָרן פון דער צענטראלער טעלעוויזיִע אָלגא קורלעשאָווא און יורי קאָוועלענאָוו. אונטער די קלאנגען פון דער פּאָפּולערער קינדער־ליד „זאָל שטענדיק זײַן די זון" טרעטן ארויס די יונגע ספּאָרטלער, דערנאָך קומט פאָר א פײַערלעכע רעגיסטראציע פון א נײַגעבוירענעם קינד — דעם 70־טויזנטיקן איינוווינער פון בירַאָבידזשאן. די גליקלעכע עלטערן — דער נייטערן פון דער טריקאָטאזש־פאבריק אָלגא ניקאָלייעוונא און דעם בויער וולאדימיר סליאָזקין ווערט איבערגעגעבן די צײַגעניש וועגן דעם געבורט פון זייער טאָכטער סוועטלאנע. מע טראָגט זיי אונטער אָנדענקמאטאָנעס און בוקעטן בלומען.

מיט ווארעמע אפּלאָדיסמענטן באגעגענען די פארזאמלטע די ארויסטרעטונגען פון די קונסטמײַסטערס — דעם פאָלקס־ארטיסט פון פּסר, סאָליסט פונעם לענינגראדער טעאטער פון אָפּערע און באלעט אַף קיראָווס נאָמען באָריס שטאָקאָלאָוו (אקאָמפּאנעמענט פונעם פּיִאניסט יורי מײַעווסקי), דעם פארדינסטפולן קונסט־טוער פון רספסר קאָמפּאָזיטאָר ליודמילא ליאדאָווא, די סאָליסטן איריִנא סניעזשינא, אירינא קוזנעצאָווא, יולי אליזאראָוו, און די קינאָ־אקטריסע נינא מארקאָווא.

אין דער אויספילונג פון באוווּסטע זינגער קלינגען אלץ נײַע און נײַע לידער. די צושויער אפּלאָדירן הייס די ארויסטרעטונגען פון דער פאָלקס־ארטיסטקע פון רספסר גאלינא באָריסאָווא, פון דער פאָלקס־ארטיסטקע פון רספסר אָלגא וואָראָנעץ. זייער קונסט באווײַזן אויך פאָרשטייער פון פארשיידענע אנדערע זשאנרען — די לאורעאטן פון אלפארבאנדישע קאָנקורסן פון עסטראדע־ארטיסטן אָלעג און נאטאליִא קיריושקינס, לידא און וולאדימיר וואסיליעווס, לאריסא פּאוולאָווא און סערגיי אינשין, וויאטשעסלאוו פּאָלונין און אלעקסאנדער סקוואָרצאָוו, טאטיאנא גרינבערג, וויקטאָר אגאפּאָניקאָוו און ניקאָלײַ דוסקין. ווארעם זײַנען אופגענומען געוואָרן די ארויסטרעטונגען פון דעם פּאָפּולערן וואָקאל־אינסטרומענטאלן אנסאמבל פון מאָסקווע „עכטע פרײַנט" און פון מעלוכישן אנסאמבל פון ליד און טאנץ „דאָנער קאזאקן".

■ ■ ■

כאַיִם בײַדער

דאָס שטעטעלע קופּעל אין דער גרויסער וועלט

(דיכטערישער רעפּאָרטאַזש)

1

א ליכטיקע רײַזע —
א לאַנגע און ווײַטע...
כ׳וועל פליִען און פאָרן
דורך טעג און דורך יאָרן
אין קאַנט, וואָס געגעבן
האָט קראַפט מיר אין לעבן.

צו יאָרן צו פריִע
איך מאַך א נעסיִע,
און עפענען זאָל ער,
מײַן קאַנט דער פאָדאָליער,
די טויערן־טירן
און ווידער מיך פירן
דורך וועגן דורך זײַנע,
וואָס זײַנען אויך מײַנע,
כאָטש ס׳האָט אונדז דאָס לעבן
א גוירל געגעבן,
אז איינס מיטן צווייטן
מיר זאָלן זיך שיידן.

א רײַזע, א רײַזע —
א גאָלדענע מײַסע,
א כאָלעם, וואָס איינמאָל
באַשערט איז, ווי קיינמאָל, —
צו זען און צו הערן,
פאַרקישעפט צו ווערן,
א צויבער, וואָס קלאָר איז,
א כאָלעם, וואָס וואָר איז,
און קוק — אזא ריינקײַט!
און גאַף — אזא שיינקײַט!
דו וועסט עס געדענקען,
דו וועסט נאָך דעם בענקען,
דו וועסט צו דעם שטרעבן,
ווי לאַנג דו וועסט לעבן!

— — — — — — — — — — — —

2

כ׳האָב געמיינט, אז שוין פאַרלאָרן
אָן א שפּור און אָן א סימען
האָבן זיך אין ווײַט די יאָרן
כ׳וועל שוין מער זיי ניט געפינען.

לאָזט זיך אויס, אז ניט פאַרמעקן
וועט עס קיינער שוין ניט קאָנען —
איבער ווײַטן, איבער שטרעקן
וועט עס אייביק דיר דערמאָנען.

לאָזט זיך אויס, אז גאָרנישט, גאָרנישט
ניט פאַרלירט זיך, ניט פאַרקערט איז:
קיינמאָל זינדיקן מע טאָר נישט,
וויפל לעבן דיר באַשערט איז.

און ס׳איז ווידער דיר געגעבן,
זאָלסט עס זען אַף אלע וועגן:
ניט מיט אומקום, נאָר מיט לעבן
גייט עס נאָכאַמאָל אַנטקעגן.

כ׳האָב געמיינט, אז פון מײַן שטעטל
איז א קופּע אש פאַרבליבן,
בלויז אין שוואַרצן כורבן־צעטל
ווי אן אָנדענק ס׳איז פאַרשריבן.

כאָטש די קוואָרים און די גריבער
אין דער טיף פון האַרץ מיר טראָגן,
נאָר די קויכעס וועגן איבער,
וואָס פון פעסטע וואַרצלען שלאָגן.

3

וויפל דוירעס אויסגעוועבט,
ציילן זיי ווי קאָן מען?
פיר יאָרהונדערטער געלעבט.
וואָס באַטײַט דער נאָמען —

קופעל... קופעל?
ס'האָט די צײַט
שײַטערס פיל פאַרלאָשן...
וואָס דער שוירעש האָט באַטײַט,
און אַף וועלכן לאָשן?

עפשער — לויט אָט יענעם אָרט,
ווו מע פלעגט זיך טויפן?
עפשער פונעם פראָסטן וואָרט —
קויפן צי פאַרקויפן?

נאָר מע קאָן פון ערשטן קוק
פינקטלעך זיך דערוויסן:
דאָרטן נעמט דער דאָרעם־בוג
פון זײַן אורקוואַל פליסן.

אָט דער קוואַל האָט ניט גערוט
און זיך ברייט צעגאָסן,
כאָטש ניט וואַסער — טײַכן בלוט
זײַנען דאָ געפלאָסן...

שטילער, שטילער, רויש ניט, בוג,
אין דײַן פלוס־בעט רונדן!
אָפגעמורמלט — און גענוג,
יאַטער ניט די וווּנדן.

פײַן, ווי פריידן, מיר געהערט,
מיר — דעם יוירעש דײַנעם:
דאָ מײַן היימלאַנד איז, מײַן ערד,
דאָ — מײַן גליק און פײַנען.

שענקען וועל איך אַלץ דעם זון —
זאָל עס אים געהערן,
אַז א זייכער פונדערפון
זאָל פאַרהיט דאָ ווערן.

פון דעם שטעטעלע — פון העק,
שוין אין מײַן זיקאָרן —
יאַטן, מיידלעך צו א ברעג
זײַנען זיך צעפאָרן.

ס'האָבן שטעט אַף זיי געוואַרט,
שאַכטעס און זאַוואָדן,
אין א נײַער היים געבראַכט
און מיט קראַפט באַלאָדן.

דניעפערבוי און קרימער סטעפ,
דאָמנעס פון מאַגניטקע
האָבן זיי אין זיך פאַרוועבט,
הייסע און פאַרליבטע.

גיי איך איצט דורך היץ און קעלט,
— רופט זיך אָפ! — באַפעל איך.
אויסגיין כ'וועל די גאַנצע וועלט —
אײַך געפינען וועל איך!

4

א ברייטע פאָליאַנע אין וואַלד הינטער כימקי
מיט ווײַסע בערעזעס, מיט גראָזן צעגרינטע...

א פאָשעטער וואַלד הינטער מאָסקווע, ווו קיינער
האָט קיינמאָל די שטעגן געציילט און די ביימער.

די זון האָט אַף שפיצן פון קרוינען צעלייגט זיך,
קיין בלאַט טוט א ריר זיך, קיין צווײַג טוט א בייג זיך.

א פראַכטפולן טאָג עס געבירט דער פרימאָרגן —
כאָטש איינעם אַזאַ מין אָן דײַגעס, אָן זאָרגן...

אָט יענע פאָליאַנע אין וואַלד הינטער כימקי
באַשערט איז פאַר קופעלער זײַן א באַרימטע.

מע דאַרף ניט קיין שטולן — קיין פליוש און קיין סאַמעט,
דער טעפיך פון גראָזן דעם טײַערסטן טאָם האָט.

פאַרבעטן מע דאַרף ניט קיין בריישע קעכער,
צעשטעלן מע דאַרף ניט קיין זילבערנע בעכער.

קרישטאָלענע לאָגלען אהערצו ניט טויגן —
זאָל בעסער זיך מינען קרישטאָל אין די אויגן.

מיכּאַלים מיט פריינטשאַפט און ליבע פאַרפּראַוועט —
ס׳וועט קופּעל אין כימקי א ליאַמע היינט פּראַוועו.

א יאַמטעוו, וואָס האָט אונדז פאַרזאַמלט אינייִנעם —
א טײַלכל א קלײנס פונעם שטעטעלע קלײנעם.

א טײַלכל א קלײנס, נאָר מיט וואָרצלען, וואָס לעבן,
וואָס שפּראָצלינגען נײַע פאַר דוירעס זיי געבן.

ווער ס׳האָט אונדזער ליאַמע פאַרטראַכט — איז ניט וויכטיק,
אבי אָפן הארצן איז פריידיק און ליכטיק.

ניט וויכטיק, פאַרשטייט זיך, כאָטש אָנרופן קאָן מען
אוועלכן איר ווילט מיטן עמעסן נאָמען.

לעמאַשל, די דערמאַנס, וואָס זײַנען געוואָרן
שוין טושוים אין כימקי ווער ווייסט וויפל יאָרן.

פאַרטראַכט האָט דאָס גאָניע, צי עפשער גאָר גרישע?
און עפשער שוואַרצאַפּל, דער עלטערער — מישע

(מיט זײַנעם א ייִנגערן ברודער — מיט כאַסקלען —
מיר זײַנען אמאָל נאָך אין קינדהייט געוואַקסן,

מיט אים אין כמעלניצקי, ווען איבער דער געגנט
געפאָרן איך בין, האָב איך אויך זיך באַגעגנט).

צי גאָפּמאַן גענאַדי... א מאָשל, ס׳איז זיוזיע...
צי צוויִג, וואָס אין קופּעל געהייסן האָט — מוסיע.

און אויך ניט פאַרגעסן מע טאָר ניט אוואַדע —
געווען וואָלט אַן אוּלע דאָך — שעכטער אַרקאַדין

(א שעם האָט געהאַט ער אלס פידלער און וויצלער),
און קוצין (אים סיאָמע מע רופט נאָך ביז איצטער.

מיט ליוסיען, זײַן פרוי — פון די ניימאַנס — איז סיאָמע
געקומען קיין סערפּוכאָוו נאָך דער מילכאָמע).

און באָרע רודיאַק, וואָס איך האָב אים פאַרלאָרן,
און אָפּגעזוכט האָט ער זיך ערשט פאַראַיאָרן.

און דאָווידקע בוים, וואָס מיט דאָרען, זײַן שוועסטער,
געלערנט מיר האָבן אין הויכשול אָדעסער...

און אלע — אין מאָסקווע (ס׳איז כימקי — ביכלאַל גאָר,
און סערפּוכאָוו — אויך, ווי א שטוב מיט אַן אַלקער).

נאָר שלייִען (אַף לאָשן אַף היימישן — סעניע,
איז אים איז אין קופּעל פאַרליבט געווען גאָניע.

נאָר אונטערגעכאַפּט האָט זיך פריִער אבראַשע:
באַשערט איז באַשערט, און מע פרעגט ניט קיין קאַשעס!), —

בלויז ער איז אהערצו געקומען פונוויַיטן —
אין וויניצע לעבט ער פון גאַר וויַיטע צײַטן...

א גאנצע מישפּאָכע — ניט איבערצוציילן,
און יעדער מיט עפּעס עס האָט זיך צו טיילן.

וויַיל וויפל אוועק איז (א פּיר, צענדליק יאָרן),
און זיידעס און באָבעס מע איז שוין געוואָרן...

5

דער וועג האָט געצויגן זיך לאנג, ווי אומענדלעך...
מעדאלן? — געוויינלעך! און אָרדענס? — פארשטענדלעך!

פאר מי און פאר שלאַכט, וואָס געגאנגען איינעם —
און אויסגעמיַידט האָבן, כּאָליליע, ניט קיינעם.

אָט טוט דעם מישפּאָכע־אלבאָם נאָר א בלעטער —
אזויפיל געשיכטעס דערציילן איַיך וועט ער.

ס'איז קופּעל אין שוץ הינטער מאָסקווע געשטאנען,
ס'האָט קופּעל באַוויזן אין לופטן טאַראנען.

ס'האָט קופּעל דעם סוינע אף מיַירעוו געטריבן,
ס'האָט קופּעל אף ווענט פון רייכסטאג זיך צעשריבן.

אָט נעמט כאָטש די שפּיזעלס — א גאנצע בריגאַדע! —
אין לענינגראד בייס דער שווערער בלאָקאַדע.

כ'זע בײַען פון טאָג פונעם ערשטן ביז לעצטן
אף פּולקאָוועֶר הייכן — נײַן הונדערט מעסלעסן.

אין פּרוסיַע זע איך איסאקן און נויקען —
פאר קופּעל פּארברענטן זיי נעמען זיך נויקעם.

און אָט — סטאלינגראַדער צעסאַרפּעטע וועגן,
און ליאָניַע לאָזדערניק אין הייסע געשלעגן.

איצט לאָמיר א קוק טאָן אף פּאקן אוואַמען —
אין פּינסק נאָך ביז איצטער געדענקט מען זיַין נאָמען:

אף ערד פּארטיזאנער ער האָט די פאשיסטן
געשלאָגן, געמאכט זיי א מאזל א וויסטן...

צו ווענען איר ווילט נאָר, מע קאָן איַיך פארבעטן —
און ס'וועלן די מענטשן מיט שטאָלץ צו איַיך רעדן.

און ניט נאָר פון שלאכטן — פון מי, וואָס אין בלוטן
אריַין איז אין יעדן מיט גוירל מיט גוטן.

און גוט איז צו לעבן, און גוט איז צו וויסן,
אז לויטער געבליבן עס איז דאָס געוויסן.

...די מאפּע צעוויקל, דער בליק דיַינער — אָפּן,
איז טו זשע א פּיר אים פון דאָרעם ביז צאָפן,

פון מיזרעך ביז מײַרעוו, אַף לענגען און ברייטן,
און זאָל ער אַף אַלע פיר זײַטן זיך שפּרייטן.

הייב אָן פונעם שטעטעלע קופּעל צו רײַזן,
און פירן עס וועט דיך, און ס׳וועט דיר באַווײַזן,

אַז ס׳האָט זיך דאָס פּײַערל הײַנט ניט פאַרלאָשן —
עס פינקלט צו דיר מיט זײַן היימישן לאָשן.

אַף מײַלן און וויאָרסטן, דורך טײַכן און פעלדער,
דורך בערג און דורך טאָלן, דורך לאַנקעס און וועלדער,

צו לאַנדסלײַט צו דײַנע דיך ברענגען ס׳וועט ווידער —
צו זיידעס און באָבעס, צו שוועסטער און ברידער.

און קופּעל זאַוואָדן איצט בויט און פאַבריקן,
און רעלסן לייגט דורך אין דער טײַגע און בריקן,

און שיפן עס פירט איבער טײַכן און יאַמען,
עס שטייט בא דעם רעוועריס פון האַסטיקע באַנען,

און שטאָל שמעלצט עס אויס אין די הייסע מאַרטענען...
מיט לאַנדסלײַט מיט מײַנע מע קאָן זיך ניט שעמען!

אין לוואָוו, זאַפּאָראָזשיע, טשעליאַבינסק און פּענזע —
אַף ראַכוועסן אַלע מע קאָן איצטער זען זיי.

יאָ, גרויס איז דער קרייַך פון מוט און פון גלויבן —
דורך אַש און רויִנען ער האָט זיך דערהויבן!

6

דער וועג פאַר מיר — אָפן,
און פרעגן כ׳פאַרשפּאָר אים —
דער האָרין אַף צאָפן,
דער דניעסטער — אַף דאָרעם.

עס שלענגלט דער בוג זיך —
אַף מיזרעך ער פליסט,
דו נעם און באַקוק זיך —
אינמיטן דו ביסט.

אָט דאָרט, ווו א גרענעץ
דער זברוטש איז געווען,
דערמאָנען ווער קען עס —
פונלאַנג שוין פאַרגעסן.

די פעלדער און גראָזן
איצט פירן וווּהין?
זיך עפּשער גאָר לאָזן
קיין אַלט-קאָנסטאַנטין?

צי עפּשער פונדאַנען —
און גלײַך אַף פּאָלאָנע?
אַזויפיל איצט באַנען —
זיך קלאָגן מע קאָן ניט.

פונדאָרט — קיין סלאַוווּטע
(ביפראַט נאָך ווען פרי איז) —
מיט וועגן מיט גוטע
עס פאָרט זיך — א כיִעס!

און מאַכן אויב ס׳וועט זיך
(אין זינען איך האָב עס) —
מע נעמט און מע זעצט זיך
אין ווייכן אווטאָבוס...

צי גאָר פון דעראַזשנע
אין דאָרף צו מײַן העלד?
ס׳איז ווײַטלעך? — ניט וואַזשנע,
דערפאַר — צווישן פעלד.

אַזויפיל שוין יאָרן
איך האָב ניט געשפּאַנט
אין כוואַליקן קאָרן —
פון זאַנגען א וואַנט.

דעראַזשנע... סיניאַווע...
פּאָלאָנע... סלאַוווּטע...
א גאָלדענע פּאַווע
פון צײַטן באַרוטע...

יאָ, ס׳ברענט נאָך דער שײַטער —
קיין ברעג און קיין עק...
איז פאָרן מיר ווײַטער,
ווי ס׳זאָגט זיך, — אין וועג!

מיכאל ברימאַן

דאָס געוויינלעכע לעבן

— וואָס האָט איר געזען אין אונדזער געגנט? מיט וועמען האָט איר זיך געטראָפן? — אָט אַזוי האָט אָנגעהויבן אונדזער שמועס דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם לעוו שאַפּירא.

מיט צען יאָר צוריק, ווען שאַפּירא האָט געאַרבעט אין קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אַמור אַלס סעקרעטאַר פונעם פּאַרטקאָם פון „אַמורסטאַל", דעם גרעסטן זאַוואָד אויפן ווייטן מיזרעך (און ביז דעמלט איז ער געווען אַ געהילפס־אַרבעטער בײַ אַ מאַרטען־אויוון, אַן אינזשעניער, אַ שעף פון אַ צעך), פלעגט ער באַגעגענען די זשורנאַליסטן מיט דער זעלבער פּראַגע. ווי פיל אַנדערע פּאַרטיי־טוער, האָט אים אינטערעסירט די אינפאָרמאַציע פון „אַ זײַטיקן מענטשן". ער האָט ניט געענדערט זײַן סטיל אויך דאָס מאָל. אויפמערקזאַם אויסגעהערט די דערציילונג פון אַ זשורנאַליסט וועגן ביראָבידזשאַן, האָט לעוו באָריסאָוויטש אויף זײַן אייגענעם אויפן אָפּגעשאַצט די פאַקטן, אַ סאַך דערגאַנצט מיט נײַע פּראַטים. און ווען איך האָב געשריבן אָט דעם רעפּאָרטאַזש, האָב איך אין אים אויסגענוצט אויך די געדאַנקען פונעם סעקרעטאַר פון געגנטקאָם. מײַן זשורנאַליסטישע אַרבעט מיט די אייגנאַרטיקע קאָמענטאַרן פון אַ פּאַרטיי־טוער לייג איך פאָר דעם לייענער.

„די ראָד פון דער רעוואָלוציע"

אַ מיידל און אַ ברייטפּלייציקער פעסטער יאַט מיט אַ קאָפּ געקרײַזלטע האָר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע עקסקורסאַנטן און זײַנען צוגעגאַנגען צו דער הילצערנער ראָד, וועלכע איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַן אײַזערנער רייף. אָט דער מוזיי־עקספּאָנאַט איז געווען די ערשטע פּראָדוקציע פונעם אַרטעל, וועלכן עס האָבן געשאַפן אין 1928 די ייִדן־איבערוואַנדערער און געגעבן אים אַ פילזאָגנדיקן נאָמען — „די ראָד פון דער רעוואָלוציע". דער אַרטעל איז געווען דער אורפאָטער פונעם וועגענער־זאַוואָד, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן צום סאָף פונעם ערשטן פינפיאָר, און פונעם וועגענער־זאַוואָד איז מיט דער צײַט אויסגעוואַקסן דער הײַנטיקער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" (ווײַטמיזרעכדיקער זאַוואָד פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס).

לעבן דער ראָד איז געשטאַנען די מאָדעל פון אַ רויפן־קאָמבײַן אויף אײַנקלײַבן די גערעטעניש פון רײַז און טוווּע. ס'איז באַוווּסט, אַז די דאָזיקע מאַשין קויפן אײַן 14 לענדער, צווישן זיי אינדיע, סאָמאַלי, גווינייע, איראַן, איראַק.

מיך האָט פאַרינטערעסירט אָט די יונגע פּאָר. מיט וואָס האָט זיי צוגעצויגן דער מוזיי? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יאַט, סאַשע סקירבאַ, איז אַ טאָקער אינעם פינפטן צעך פון „דאַלסעלמאַש". מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער פאַרענדיקט אין כאַבאַראָווסק אַ פּראָפעסכנישע שול, איצט איז ער אַ מאַשינבויער. אַהער, אין קאַנטקענטעניש־מוזיי, איז ער געקומען מיט זײַן שוועסטער.

ל. ב. שאַפּירא: „די ראָד פון דער רעוואָלוציע"... צי פילט איר ניט, אַז זיי זײַנען געווען ראָמאַנטיקער, די קוסטאַרן־איבערוואַנדערער? און ווי די ראָד האָט זיך אַ דריי געטאָן! דרײַ טויזנט מיט אַכט הונדערט קאָמבײַנען לאָזט אַרויס אין משך פון אַ יאָר דער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש"! וויפל נאָך אַנדערע טעכניק האָט אונדזער טײַגע־קאַנט באַקומען! מיר זײַנען קימאַט פּאָטער געוואָרן פון דער האַנט־אַרבעט אויף די פעלדער. און, דוכט זיך, ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן די פויערים נאָך געטרוימט וועגן אַ רעדער־טראַקטאָר, וועלכער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דאָרף...

דאָס פידל און דער פּלאַן

אַפּלאָדירנדיק, האָט זי מיט אייפער געקוקט אויף מיר: צי פּאַטשט בראַוואָ דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז, אַפּאָנעם, ניט קיין היגער? און איך האָב קוים באַוויזן צו פאַרצייכענען

דעם אינטערעסאנטן רעפערטואר און אויך דעם באשטאנד פון די קאָלעקטיוון, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן אפן בירָאבידזשאנער שטאָטישן דורכקוק פון דער אמאטאָרן־קונסט.

אינעם איבערײַס האָב איך ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז דאָס מיידל איז מינאסטאַם געקומען זען, ווי עס האלטן זיך „אירע" אמאטאָרן? „ניין, אונדזערע פונעם טראנספּאָרמאטאָרן־זאָוואָד זײַנען ארויסגעטראָטן נעכטן. איך דארף אָפּגעבן א קאָנטראָל־ארבעט אף פּאָליטישער עקאָנאָמיע", — האָט זי דערקלערט.

צוליב דער קאָנטראָל־ארבעט האָט זי דורכגעלאָזט א סאך פּראָגראַמען. הײַנט אָבער איז זי ווידער געלאָפן אפן קאָנצערט. דערפאר, ווײַל זי האָט ליב דעם פידל־אנסאמבל. אויסגעהערט, און לויפט ווידער צו די לימודים.

אין זייער בריגאדע עלעקטראָמאָנטאזשניקעס, ווו בריגאדיר איז וואָלאָדיע וואָלפסאָן (אגווו, א לאורעאט פון דער פּרעמיע פון לענינישן קאָמיוג פארן יאָר 1978), האָבן אלע מיטגלידער טעכנישע מיטלבילדונג, בלויז זי, גאליע שעווטשענקאָ, האָט נאָך ניט קיין טעכנישע מיטלבילדונג, דערפאר לערנט זי זיך אין אָוונט־טעכניקום. די אנדערע כעוורע האָבן אויך זיך דאָרט געלערנט, און לערנען איז לערנען. צוליב דעם קומט אויס מאקריוו זײַן מיט אלץ. עמעס, דורכלאָזן דעם פידל־קאָנצערט האָט איר קיין הארץ ניט געקלעקט. זי האָט זייער ליב מוזיק, כאָטש אופּריכטיק גערעדט, אינטערעסירט זיך איצט די יוגנט מער מיט דער לײַכטער עסטראַדע. „די קלאסיק איז אָבער פּרעכטיק, עמעס?" — האָט גאליע געבעטן, איך זאָל אונטערהאלטי איר געדאנק.

ל. ב. שאַפּיראָ: יאָ, די גײַסטיקע אינטערעסן פונעם מאָדערנעם ארבעטער זײַנען הײַנט רײַך און פילאַרטיק. עס איז זייער ניט פּאַשעט צו באפרידיקן די דאָזיקע נאָכפראָגן. אינעם זאָוואָד פון קראַפט־טראנספּאָרמאטאָרס, ווו עס ארבעט גאליע שעווטשענקאָ, קאָן מען דאָס יאָ. קוידעמקאָל רעאליזירט מען דאָרט מיט דערפאָלג די סאָציאַלע פּראָגראַם. מע האָט אויסגעבויט אן אָפּרו־באזע, מע האָט געלייזט אין גרונט די וווינונג־פּראָגע. פאראיאָרן איז יעדער פינפטער ארבעטער געפאָרן אף קוראָרט, אין אן אָפּרוהויז, אָדער אָנטיילגענומען אין א טוריסטישער רײַזע. זיבעצן טויזנט רובל האָבן די קולטור־טוער פונעם זאָוואָד אויסגעגעבן אף אינסטרומענטן און אָנצוגן פאר דער אמאטאָרן־קונסט. בא אזא זאָרג האָט מען אויך די מעגלעכקײַט צו פּאָדערן: לערן זיך, וואקס! און אָט האָט איר די פאררייניקונג פון פידל און פּראָדוקציע. דער דאָזיקער זאָוואָד שטײַגט איבער דעם מעלוכע־פּלאן, און קוידעמקאָל אפן כעזשבן פונעם וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט. די מענטשן האָבן אן אינטערעס צום לעבן, צו ארבעטן און צו לערנען, אויך דאָס איז אזוי גאנץ געוויינלעך פאר אונדזער געזעלשאפט.

א גע־דיכטע און פעסטע נאַט

דער צוויי־און־פערציקיאָריקער עלעקטראָשווייסער פון דער בירָאבידזשאנער טערמאָעלעקטראָצענטראַל ראָמאַן ליטוואק האָט, דערצײלנדיק וועגן זײַן פּראָפעסיע, א זאָג געטאָן:

— די נאָט דארף זײַן א פעסטע און א געדיכטע.

א געדיכטע און פעסטע — דאָס איז אזא נאָט, אז קיין איין קאָנטראָליאָר וועט אפן אָרט, ווו די דעטאלן גייען זיך צונויף, ניט קאָנען געפינען אפילע דאָס קלענסטע שפּעלטיקל.

ליטוואק האָט ליב מעטאל. ניט בלויז אין דער ארבעט, נאָר אויך אף דער ארענע פון שווערער אטלעטיק. ערשט ניט לאנג צוריק איז ער געווען דער טשעמפּיאָן פונעם כאבאַראָווסקער קאנט. אָבער די יאָרן טוען זייערס.

— פאַרשרײַבט, — זאָגט ראָמאַן ליטוואק, — אונדזער ייִנגסטער ספּאָרט־מײַסטער וואָלאָדיע קוזנעצאָוו פארנעמט זיך מיט שווערער אטלעטיק.

— וואָלאָדימיר קוזנעצאָוו, — פאריכט איך אים.

— וואָס פאר א וואָלאָדימיר איז ער אײַך? וואָווקע, אפילע וואָוויק. ער איז אלט פופצן יאָר.

דער ספּאָרט־מײַסטער פון פּססר קוזנעצאָוו איז איינער פון די צוואנציק יאָטלעך אין עלטער פון צוועלף ביז זיבעצן יאָר, וועלכע עס טרענירט אף א געזעלשאפטלעכן אופן דער עלעקטראָשווייסער ליטוואק. דער „קינדער־קאָמיסאר" זוכט אויס אין די שולן, אף די הויפן, אפן גאס די קינפטיקע טשעמפּיאָנען. אים געפעלן מער גראָד יענע, צו וועלכע מע האָט טײַנעס פאר זייער אופירונג. ער האלט, אז זיי פארמאָגן א „געהעכערטע רעאקטיווקײַט". מיט אייניקע פון זײַנע דערציוגלינגען האָט ער זיך באקאנט, ווען ער האָט אלס דרורזשיניק פאנאנדערגענומען זיי אין א געשלעג.

ער האלט, אז דער הויפּט־ציל פון זײַן ספּאָרט־סעקציע איז — זײַן א שול פון מאָראָלישע האנדלונגען, און ער איז דעריין זיכער: בלויז א שטארקער מענטש קאָן זײַן אף אן עמעס א גוטער. יעדער לימעד איז פאר אים ניט בלויז א ספּאָרטיווע איבונג, נאָר אויך א מיטל צו געפינען דאָס שטעגעלע צום הארץ פון דעם „שווערן" אונטערוואקסנדיקן יוגנטלעכן.

— אָבער נישקאָשע, — זאָגט מיט זיכערקײַט ליטוואק, — מיר וועלן די דאָזיקע כעוורע פונדעסטוועגן צושמעלצן צום עמעסן לעבן.

ל. ב. שאַפּיראָ: די שווערע אטלעטיק איז א טראדיציאָנעלער מין ספּאָרט אין אונדזער געגנט. א העלפט פון די זאמל־קאָמאנדעס פון כאבאראָווסקער קאנט איז קאָמפּלעקטירט מיט בירָאבידזשאנער יאָטן.

בא אונדז איז אויך פּאָפּולער גימנאַסטיק, פאַרמעס־טונגען אינעם לויפן אַף ליזשעס, פוטבאָל און כאָקיי. אין טיש־טעניס האָבן מיר עטלעכע ספּאָרט־מײַסטערס פון פסטר. „צושמעלצן צום עמעסן לעבן"... אזוי האָט ער געזאָגט? דאָס איז דאָך, אין טאָך, דאָס זעלבע, מיט וואָס מיר, די פּאַרטיי־טוער, פאַרנעמען זיך: „צו־שמעלצן" יעדן מענטשן מיט א „געדיכטער נאָט" צום עמעסן לעבן, ווײַזן אים דעם וועג אין דער צוקונפט.

„אונדזער דענקמאָל"

— איר האָט נאָך ניט געזען אונדזער דענקמאָל?

איך זיץ אין דער רעדאַקציע פון דער צײַ־טונג „ביראָבידזשאַנער שטערן", און לעאָניד שקאָלניק, דער דרײַ־און־דרײַסיקיאָריקער פּאַר־אַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר, וואָס לערנט זיך הינטער־אויגיק אין דער העכסטער פּאַרטיי־שול, א דיכטער און אן איבערזעצער פון ייִדיש, דערציילט מיר די לעצטע נײַס.

נײַס נומער איינס — אן אינערלעך רעדאַק־ציאָנעלע. דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" האָט פון לענינגראַד באַקומען א נײַעם שריפט. די צײַטונג האָט אָנגעהויבן אויסזען שענער. נײַס נומער צוויי. די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע, וועלכע האָט זיך געעפנט ניט לאַנג צוריק, האָט אַרויסגעשיקט איר ערשטע לעקטאָרן־גרופּע אין דאָרף. נײַס נומער דרײַ. דער ביראָביד־זשאַנער פּראָזאַיקער ראָמאַן שויכעט איז אָנגע־נומען געוואָרן אלס מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר.

אן אורייניקל און אן אייניקל פון א פויער, א זון פון א קאָלווירטניק, אליין א טראַקטאָ־ריסט און א דאָרפישער מעכאַניקער, איז שוי־כעט איצט פאַרוואַלטער פונעם לאַנדווירט־שאַפטלעכן אָפּטייל פון דער צײַטונג. ניט לאַנג צוריק האָט ער פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטע גרעסערע דערציילונג „די היים־ערד", געווידמעט די מענטשן פונעם ווײַטמיזרעכדיקן דאָרף.

— איר ווייסט, וויפל מענטשן מיר האָבן אין דער ליטעראַרישער פּאַריניקונג? — פרעגט שקאָלניק. — העכער פופציק. מע דאַרף שוין א געצאָלטן אָנפירער...

און מיטאַמאָל רײַסט ער איבער זיך אליין און זאָגט:

— וואַרט, און דעם לענין־דענקמאָל האָט איר שוין געזען? איז גייט און קוקט!

א בראָנזענער, אַף א פּאָסטאַמענט פון גראַ־ניט שטייט לענין אפן ברעג פונעם טײַך בירא און קוקט צופרידן, יונג, מיט באַגײַסטערונג אין דער ווײַט, אין די ראַכוועסן, וועלכע זײַנען באַהערשט געוואָרן אדאַנק דער מי פונעם סאָ־וועטישן ווײַטמיזרעכדיקן מענטשן.

ל. ב. שאַפּיראָ. דער אוטאָר פונעם דענקמאָל איז לעוו קערבעל. איצט, ווען איך קום קיין מאָסק־ווע, באַמי איך זיך שטענדיק באַזוכן זײַן וואַרשטאַט, א שמועס טאָן מיט אים... הײַנטיקע צײַטן רעדט מען א סאַך וועגן דער קאָמפּעטענטקײַט פון א פּאַרטיי־טוער אינעם אָנפירן מיט דער קונסט. איך מיין, אז דאָ קאָנען שפּילן זייער א וויכטיקע ראָליע די רייִן מענטשלעכע קאָנטאַקטן. פאַרשטיין די אינערלעכע וועלט פונעם קינסטלער איז ניט שטענדיק אזוי פּאַ־שעט. עס לוינט אָבער א פּרווו טאָן, ווײַל דערפון וועדסטו אליין רײַכער, זעסט זאַכן טיפער און ברייַ־טער. אפּאָנעם אָבער, אז איר האָט אין ביראָבידזשאַן געהאַט בלויז אָנגענעמע באַגעגענישן. ניט שוין זשע אָן קיינע פּראָבלעמען?

ראָמאַן ווײַסמאַנס צאָרע

ווען איך בין דאָ געווען דאָס פאַריקע מאָל, האָב איך געהערט זײַן פאַמיליע — זייער אן אַקטיווער אַרבקאָר. דעמלט האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו טרעפן זיך מיט אים...

— איצט איז ניטאָ וואָס צו שרײַבן וועגן מיר, — האָט געזאָגט ראָמאַן ווײַסמאַן. — סײַדן עפּשער וועגן מײַן צאָרע. וועגן דעם דאַרף מען אָבער ניט שרײַבן, ווײַל מע קאָן מיר ניט העלפן.

עס האָט געקאָסט גרויס מי צו דערוויסן זיך, אין וואָס באַשטייט זײַן צאָרע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אַף דער ניי־פאַבריק, ווו ער אַרבעט, איז נאָך ערשט ניט לאַנג געווען א שפּינערײַ־צעך, און ער, ראָמאַן ווײַסמאַן, א מילכאָמע־וועטעראַן, איז געווען דער בעסטער רעגולירער פון די שפּינערײַ־מאַשינעס. יעדעס יאָר פלעגט ער זײַן צווישן די זיגער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעס־טונג. איצט האָט מען דעם שפּינערײַ־צעך פאַר־מאַכט. ניין, קיינעם האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט געלאָזט אָן אַרבעט. ווײַסמאַן אליין איז געוואָרן א רעגולירער פון די ניי־מאַשינעס. צו פיר און פופציק יאָר באַהערשן א נײַעם פאַך איז שווער. איצט איז ער שוין ניט קיין אוואַנ־גאַרדיסט, נאָר „א מענטש פון א גאַנץ יאָר". און צי קאָן אָבער א מענטש פון א גאַנץ יאָר אַרויסטרעטן דורך ראַדיאָ? שרײַבן אין צײַטונ־גען? צי האָט דען זײַן וואָרט אזא וואָג, ווי פריִער? דערפאַר שרײַבט ער מער ניט, ראָמאַן ווײַסמאַן.

— אזוי, אז אויך שרײַבן וועגן מיר איז ניטאָ וואָס, מײַן צאָרע וועט עס ניט העלפן.

ל. ב. שאַפּיראָ (ער פאַרצייכנט אין בלאָקנאָט): פאַרשטייט זיך, מיר וועלן פּרווון אים העלפן אין אָט דער צאָרע זײַנער, צוציִען דעם מענטשן ווידער צו געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוון. איר ווייסט אָבער, וועגן וואָס איך טראַכט איצט? וועגן דעם, וואָס פאַר א

ביראָבידזשאַן הײַנט



די ביבליִאָטעקערנס פון דער ביראָבידזשאַנער ראַיאָנישער ביבליִאָטעק (פון רעכטס אַף לינקס) יעלענע מיראָנענקאָ, לאַריסע נאַם און גאַלינע קליאַן מיט ביכער פאַר די דאָרפישע לייענער



עס בויט זיך אַ נײַער סאַנאַטאָריִ־קאָמפּלעקס אין קולדור

אַ יאָמטעוו־דעמאָנסט־ראַציע אַפן פּלאַץ לעבן דער געבײַדע פונעם געגנטלעכן פּאַרטײַ־קאָמיטעט

בא דעם סטענד פון ייִדישע ביכער אין דער געגנט־לעכער ביבליִאָטעק אָף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען



נײַע קאָמבײַנען פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" פאָרן אָפּשיקן זיי אין די קאָלווירטן און סאָווירטן

פאָטאָ פון לעוו גורסקי

זאָרגן עס האָבן די מענטשן, ווײַל אין זיי אנטפּלעקט זיך דער געזעלשאַפטלעכער טאָך. אָט דאָס מיידל, וואָס איז אוועק זיך לערנען, קעדיי ניט אונטערפירן די בריגאדע... ראָמאן ליטוואק, וואָס וויל מאכן פון זײַנע כעוורע עמעסע מענטשן... און ווײַסמאן מיט זײַן בענקשאפט נאָך געזעלשאפטלעכקײַט. אָט דאָס זײַנען טאקע שטריכן פון דער סאָציאלער אקטיוויקײַט פונעם סאָוועטישן מענטשן.

אוואדע, זאָרגן פעלן בא אונדז קיינעם ניט אויס. ביראָבידזשאן, לעמאָשל, בויט זיך שטורמיש. וווינונגען, אונטערנעמונגען. אין דער נאָענטסטער צײַט וועט מען בא אונדז אָנהייבן בויען דעם גרעסטן אפּן ווײַטן מיזרעך זאוואָד צום רעמאָנטירן אווטאָמאָבילן, וועלכע ארבעטן אפן „באם”. אָבער נאָך א זאך. ביראָבידזשאן הײַנט איז דער צענטער פון דער לײַכטער אינדוסטריע פונעם גאנצן ווײַטן מיזרעך. די פּראָדוקציע פון דער שוך־פאבריק, זאָקן־און־טריקאָטאזש־פאבריק, ניי־פאבריק האָט א גרויסן נאָכפרעג בא דער באפעלקערונג. בא אונדז אָבער אין געגנט־

קאָם פון דער פארטיי האָט זיך געשאפן א מיינונג, אז דאָס מיניסטעריום פון דער לײַכטער אינדוסטריע פון פססר פלאנירט ווייניק קאפּיטאל־אינוועסטיציעס אף דער בויונג פון וווינונגען און קולטור־אנשטאלטן. עס איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס צו בויען פאר אונדזער יידישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער און פאר דער פילהארמאָניע א קאָנצערט־זאל. ס'איז שוין געשאפן אן אינטערעסאנטער, מע קאָן זאָגן אוניקאלער פּראָיעקט... אָבער אין פּראָצעס פון דער באהאנדלונג זײַנען בא אונדז אופגעקומען אייניקע פּאָרשלאָגן און ווונטשן. אין מאָסקווע שטייט מיר פאָר זיך באגעגענען מיטן אווטאָר פונעם פּראָיעקט — מיט אלעקסיי אלעקסייעוויטש אגאָפאָנאָוון. מע דארף זיך דערוויסן, וויאזוי האלט עס מיט דעם איניען.

ווי איר זעט, איז דאָס א געוויינלעך לעבן, פאראן געוויינלעכע געשעפטלעכע זאָרגן, מיט וועלכע עס לעבט דאָס גאנצע לאנד, דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק.

באַרעך שײַנגאָוטער

לעבן דער מעטראָ־סטאַנציע „סאָקאָלניקי"

באם הויפּט־דאָקטער

ניט ווײַט פון דער מעטראָ־סטאַנציע „סאָקאָלניקי" שטייט אין דער אַרומרינגלונג פון אַלטע פעסטע ביימער א ציגלנער מויער — דער ערשטער מאָסקווער טובערקוליאָז־שפּיטאָל. וועגן דעם דאָזיקן שפּיטאָל האָב איך בעדייע צו דערציילן.

איידער זיך נעמען פאַר דער פען, האָב איך געדאַרפט זיך באַגעגענען מיט דעם הויפּט־דאָקטער, באַקומען זײַן האַסקאָמע צו שרײַבן וועגן דעם היילונגס־אַנשטאַלט, מיט וועלכן ער פירט אָן, אויסהערן זײַנע ענטפערס אַף מײַנע פּילצאַליקע פראַגן, בעטן אים, ער זאָל דערלויבן די דאָקטוירים מיר באַווײַזן די קראַנקע, וועלכע זיי היילן און אָפּערירן, דערלויבן מיך באַזוכן די לאַבאָראַטאָריעס, די רענטגען־, בראָנכאָסקאָפּיע־ און אויך אַנדערע פּראָצעדור־קאַבינעטן, בײַזײַן אין דער אָפּעראַציאָנע בעשאַס די כירורגן אָפּערירן. איך האָב אויך געדאַרפט אָנפרעגן בא די דאָקטוירים, וואָס פאַר א ספּעציעלע ליטעראַטור כ'זאָל לייענען.

דער הויפּט־דאָקטער איז אָבער אַן אויסערסט פאַרנומענער מענטש, צו אים איז ניט אַזוי לײַכט צוצוטרעטן.

בין איך צווישן אַנדערע באַזוכער געזעסן אין דעם פאָדערצימער פון זײַן קאַבינעט און געוואַרט אַף מײַן ריי. אַף דער טיר הענגט א שילדל:

„הויפּט־דאָקטער. פאַרדינסטפולער דאָקטער פון דער רעפּובליק, קאַנדידאַט פון מעדיציניש וויסנשאַפטן מאַרק זאַלמאַנאָוויטש סאָרקין".

די סעקרעטאַרשע רופט אָן מײַן פאַמיליע.

— ביטע, — ווײַזט זי מיר אָן אַף דער טיר, — איר קאָנט אַרײַנגיין.

דער הויפּט־דאָקטער איז געזעסן באַם טיש, עפּעס פאַרשריבן. פאַרענדיקט דאָס שרײַבן, האָט ער אופגעהויבן די אויגן, מיך א ווײַלע באַטראַכט.

— ביטע, — האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיך זעצן. און גלײַך צוגעטראָטן צום איקער: — דער ציל פון אײַער וויזיט איז מיר באַוווסט, — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אָבער איצט...

אין דעם מאָמענט האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. בעשאַס ער האָט גערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל, האָב איך געהאַט די מעגלעכקײַט געגוי אים באַטראַכטן.

וועגן דעם הויפּט־דאָקטער האָב איך געהערט א סאַך גוטס. קוקנדיק איצט אַף זײַן קלוג פּאָנעם, אופּכאַפּנדיק דעם לעבעדיקן געדאַנק אין זײַנע טונקל־ברוינע אויגן, אויך די שעמעוודיקע באַוועגונגען פון זײַנע הענט און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס מיר כאַפּן אויף אינטויטיוו, האָב איך דערפילט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער מענטש. אונדזערע ווײַטערדיקע באַגעגענישן און די אײַנשטימיקע פּאָזיטיווע אָפּרופן פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, מיט וועלכן ער פירט אָן, האָבן באַשטעטיקט מײַן ערשטע פאָרשטעלונג.

אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט ער שטיל, ווי ער וואָלט מיד זײַן, אַרויסגעבראַכט:

— דער שמועס מיט אײַך איז אַן ערנסטער, און ער פאָדערט צײַט. אָבער איר זעט דאָך, — האָט ער מיטן בליק אָנגעוויזן אַף דער טיר, הינטער וועלכער עס זײַנען געזעסן באַזוכער. — געוויינלעך, מערק איך אָן אַזעלכע שמועסן אַף פיר אַזייגער. — האָט ער ווי זיך אַנטשולדיקט.

און אָט זיץ איך ווידער אַנטקעגן דעם הויפּט־דאָקטער. איך אײַל זיך צו מיט דער ערשטער פראַגע:

— מיך אינטערעסירט, צי א כירורג איז אימשטאַנד פאַרזוזען א געפאַר פאַר דעם קראַנקנס לעבן בעשאַס דער אָפּעראַציע?



דער געוועזענער הויפּט־דאָקטער פֿונעם שפּיטאָל מ. סאָרקין

— אַן אָפּעראַציע, דערונטער אַ לונגען־אָפּעראַציע, איז זייער אַן ערנסטער און געפֿערלעכער פּראָצעס. — האָט דער דאָקטער געענטפֿערט. — איידער מיר פֿאַרפּלאַנירן אַן אָפּעראַציע, קאָנטראָלירט דורך דעם קראַנקן אַ גרופּע טעראַפּעווטן און אַנדערע מעדיקער מיט דער הילף פֿון אַ קאָמפּלעקס מעדיצינישער אַפּאַראַטור. ווען מיר קומען צום אויספֿיר, אַז נאָר אַן אָפּעראַציע קאָן ראַטעווען דעם קראַנקן, אָפּערירן מיר אים. קיין איין כירורג קאָן ניט דערלאָזן, אַז דער קראַנקער זאָל ניט איבערטראָגן די אָפּעראַציע, ווײַל מיט יעדן געשטאָרבענעם אויפֿן טיש שטאַרבט אויך דער כירורג. — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך פֿאָרגעזעצט. — צום גליק שטאַרבט מען איצט פֿון אָפּעראַציעס זעלטן, אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון דער מעדיצינישער טעכניק, דערונטער פֿון דער אַנעסטעזיאָלאָגישער אַפּאַראַטור, זײַנען די פֿאַרלוסטן הײַנט־צו־טאָג מינימאַלע: איין געשטאָרבענער אויף הונדערט אָפּערירטע.

— מאַרק זאַלמאַנאָוויטש, ווי האַלט בײַ אונדז אין לאַנד מיט דעם לונגען־טובערקולאָז?

— טובערקולאָז איז אַ סאָציאַלע קראַנקײַט. ערשטנס, האָבן אים געהאָלפֿן ליקווידירן די סאָציאַלע באַדינגונגען, דער לעבנסשטייגער, די פּראָפֿילאַקטישע מאָסמיטלען, די הײַנטצײַטיקע כימיָטעראַפּיע. אַזוי, אַז לונגען־טובערקולאָז אָפּערירן מיר איצט זעלטענער.

— אויב אַזוי, שטייט אײַך, לונגען־כירורגן, פֿאַר די פּערספּעקטיוו פֿון אַרבעטסלאָזיקײַט? — האָב איך ניט זיכער געשפּאַסט.

— און דאָך, צום באַדויערן, אָפּערירן מיר נאָך אַ סאַך. — האָט ער ניט פֿריילעך געשמייכלט. — לונגען־קראַנקײַטן זײַנען פֿאַראַן זייער אַ סאַך פֿאָרמעס: מיר אָפּערירן טובערקולאָמעס, סאַרקאָמעס, עמפּיעמעס, פֿאַרשיידענע אַבסצעסן, לונגען־גאַנגרענעס, ציראָזן, קאַנצער־קראַנקײַטן... און דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פֿון די לונגען־קרענק. זיי ציילן אָן הונדערטער... אַזוי, אַז צו אַרבעטסלאָזיקײַט איז נאָך ווײַט...

— וויפֿל דויערט אַן ערעך אַ לונגען־אָפּעראַציע?

— פֿון אָנדערהאַלבן ביז דרײַ מיט אַ האַלבער, פֿיר שאָ.

— וויאַזוי דאַרף מען פֿאַרשטיין די פּאָפּולערע באַהויפּטונג: „אַ דאָקטער קאָן מיט איין וואָרט ראַטעווען אַ קראַנקן און מיט איין וואָרט דערהאַרגענען אים”?

— אין פֿולן זין פֿון די דאָזיקע ווערטער, און אָן שום באַדינגלעכקײַטן, — האָט מאַרק זאַלמאַנאָוויטש אַנטשלאָסן געענטפֿערט. — אין דער מעדיצין איז אַפֿילע באַוווּסט אַ ספּעציעלער טערמין: „יאַטראָגענישע קרענק”. דאָס הייסט, אַ כאַלאַס, וועלכן אַ דאָקטער האָט אײַנגערעדט דעם פּאַציענט.

— מיט וואָס פֿאַר אַ ציל? — האָב איך געשטוינט.

— געוויינלעך אָן אַ בייזן ווילן. אין אַלע לענדער זײַנען באַוווּסט אַזעלכע דאָקטוירים, וועלכע ריידן אָפּט צו די פּאַציענטן, ווי עס וואָלט גערעדט אַן אָנגעשטעלטער פֿון אַ קאָנטאָר צו אַ קליענט. אַ מעדיקער דאַרף זײַן זייער אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט, באַזונדערס, ווען דער קראַנקער געפֿינט זיך אין אַ פֿאַרצווייפֿלטן צושטאַנד. דאָס איז דעם דאָקטערס מאָראַלישער און פּסיכאָלאָגישער כיוו, — האָט מאַרק זאַלמאַנאָוויטש צוגעגעבן.

אף מאָרגן האָט סאָרקין מיך באַקאַנט מיט אַ יונגן דאָקטער:

— אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש וועט זײַן אײַער באַגלייטער.

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש קאַזאַקאָוו איז אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר. אַ שטאַלטנער, שיין געבויטער מענטש מיט אַן ענערגיש פּאָנעם פון אַ דאָקטער אַן ענטוזיאַסט. זײַנע טונקעלע אויגן און לאַנגע האָר גיבן אים צו כיין.

נאָכן פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן אינסטיטוט האָט ער אָנגעהויבן זײַן פּראַקטיק אַלס ניירא־כירורג. אָבער עס האָט זיך געטראָפן, אַז דער יונגער דאָקטער איז קראַנק געוואָרן. געהיילט האָט מען אים אין אָט דעם דאָזיקן שפּיטאָל. דער היילונגס־אַנשטאַלט און דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל זײַנען געפעלן געוואָרן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן, און ער איז אויך געפעלן געוואָרן די דאָקטוירים. ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט אים מאַרק זאַלמאַנאָוויטש איבערגעלאָזט אין שפּיטאָל אַלס אַ לונגען־כירורג.

שפּאַנענדיק איבערן קאָרידאָר, האָט מײַן יונגער באַגלייטער מיר געזאָגט:

— וועגן דעם צושטאַנד פון אייניקע שווער־קראַנקע וועל איך אײַך אין זייער אָנוועזנהײַט ניט אינפאָרמירן. אין דער פּאַלאַטע, וווהין מיר גייען איצט, געפינט זיך דער קראַנקער קאָראַבליאָוו. זײַן לינקע לונג איז צעשעדיקט. די היילונגס־טעראַפּיע העלפט אים ווייניק. און אָפּערירן טאָר מען אים ניט — זײַן שוואַך האַרץ וועט קיין אָפּעראַציע ניט אויסהאַלטן. דער קראַנקער איז אַ געבילדעטער מענטש, און ער ווייסט גוט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך.

מיט אַ שווערן פּאַרגעפיל בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין דער פּאַלאַטע. אָפּן בעט באַם פענצטער איז געלעגן אַ וווקסיקער מאַנצבל פון אַ יאָר פופציק. אין זײַנע גרויסע גרויע אויגן האָט זיך אָפּגעשטעלט יענער גלײַכגילטיקער אויסדרוק, וועלכער זאָגט איידעס, אַז דער מענטש דערוואַרט שוין גאָרניט פונעם לעבן. זײַן צוגעשוואָלן פון דער טעמפּעראַטור פּאָנעם האָט זיך געררויטלט. איבער זײַן הויכן שטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטע קוטשמע שוואַרץ־גראָווע האָר.

— ווי פילט איר זיך הײַנט, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש? — האָט דער דאָקטער באַ אים געפרעגט.

— הײַנט? — האָט דער קראַנקער מאַשינעל אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן שטערן, — גוט...

וועגן אַן אַנדער כוילע, אַ באַיאָרטן מענטש מיט אַ געל פּאָנעם, האָט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש מיר מיטגעטיילט:

— ער האָט דאָ ניט לאַנג איבערגעטראָגן אַ צווייטע לונגען־אָפּעראַציע. זײַן צושטאַנד איז אַ באַפרידיקנדיקער.

— איצט פיל איך זיך אַ סאַך בעסער, — האָט דער קראַנקער באַשטעטיקט דעם דאָקטערס ווערטער.

דער דריטער קראַנקער, נאָך גאָר אַ יונגער יאַט, איז געזעסן אָפּן בעטל. ניט וואַרטנדיק ביז דער דאָקטער וועט וועגן אים זאָגן, האָט ער האָפּערדיק און גיך מיר אַליין דערציילט:

— מיר האָט מען אַמפּוטירט נאָר צוויי סעגמענטן... (יעדער לונג איז פון דער נאַטור צעטיילט מיט קאַרבן אף צען כאַלאָקים — סעגמענטן. אין דער לינקער לונג איז דער סעגמענט לעבן האַרץ אַטראָפּירט).

אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך אין דער אָפּעראַציאָנע זען, וואָס עס קומט פאָר מיטן אָפּערירטן, ווען מע אַמפּוטירט אים „נאָר צוויי סעגמענטן"...

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיך געפירט איבער די פּאַלאַטעס, באַוויזן מיר פרויען און מענער, וועלכע מע היילט און מע אָפּערירט אין שפּיטאָל.

די אָפּערירטע, באַזונדערס די יונגע און מיטליאָריקע, האָבן זיך אַלע געפונען אין אַ באַפרידיקנדיקן און אפילו אין אַ גוטן צושטאַנד. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט זייערע אָפּעראַציעס ראַטעווען די לונגען־כירורגן געפערלעך קראַנקע מענטשן, קערן זיי אום ניט בלויז דאָס לעבן, נאָר אויך די אַרבעטספעיִקייט.

מײַן באַגלייטער האָט מיך באַקאַנט מיט דעם פאַרוואַלטער פון דעם צווייטן כירורגישן אָפּטייל.

דער פופציקיאָריקער קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן מאַרק איליטש קאָלפּאַקטשי האָט אַ רעספּעקטאַבעלן אויסזען, ער איז אַ גוטהאַרציקער מענטש. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט גײַסטלעכער שיינקײַט און מיט אַ קלאַסישער דאָקטערישער אויסערלעכקײַט.

מארק איליטש האָט מיך געפירט איבער די פּאלאטעס, באוויזן קראנקע און אָפּערירטע פון זײַן אָפּטייל. אין די בעטן זײַנען געלעגן אויך זייער ערנסט־קראנקע, אויף וועלכע עס איז שווער געווען צו קוקן.

איך האָב געטראכט: וויפל דארף א מענטש האָבן גײַסטלעכע קויכעס, קעדיי זיך פארנעמען מיט היילן אזעלכע שרעקלעכע כאלאָיִם? וואָס פאר א קראפט סטימולירט אים צו ווידמענען דאָס לעבן אזא שווערער פּראָפעסיע?

זײַן גוט הארץ!

די קראנקע האָבן געקוקט אויף מארק איליטשן, אויף זייער דאָקטער, מיט אזעלכע אויגן, ווי מע קוקט אויף א רעטער.

אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט אין א כירורג פון אן אנדער שפּיטאָל, אן אורהאָלאָג, א גרויסער ספּעציאליסט, עס פעלט אים אָבער איין וועזנטלעכער עלעמענט — דאָס גוטע הארץ. יאָ, די קראנקע האָבן ווייטעקלעך געפילט, וואָס עס פעלט זייער דאָקטער.

מארק איליטש איז אן ערודירטער מעדיקער, די דאָקטוירים פון דעם שפּיטאָל האלטן אים פאר א טעאָרעטיקער.

ווענן די שמועסן, ריכטיקער געזאָגט — ווענן די לעקציעס, וואָס כ'האָב פון אים אויסגעהערט ארום פראגן פון מעדיצין, האָט ניט קיין זין צו שרײַבן. אָבער ס'איז מיר קלאָר, אז ווען איך זאָל ניט געווען וויסן דאָס, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון מארק איליטשן, ווי אויך פון אנדערע דאָקטוירים דאָ אינעם אנשטאלט, וואָלט איך זיך ניט אונטערגענומען שרײַבן אויף דער דאָזיקער טעמע.



קאנדידאט פון מעדיצינישע וויסנשאפטן
מארק קאָלפּאקטשי

די פארוואלטערן פון דעם אָפּטייל, ווו מע היילט טובערקוליאָזנעם געהירן־מענינגיט, טאמארע איוואנאָוונא טשערניאק האָט מיר דעמאָנסטרירט אָנשוילעך, באווײַזנדיק די קראנקע גופע, דרײַ פּעריאָדן פון דער שווערער קרענק.

דער ערשטער קראנקער האָט זיך נאָך געפונען אין א באוווּסטלאָזן צושטאנד — ער איז געלעגן אומבאוועגלעך. דער צווייטער, וועלכן די מעכטיקע היילונג־פּרעפּאראטן האָבן שוין ארויסגעפירט פונעם קאָמאטאָזנע צושטאנד, האָט אויף אונדז געקוקט מיט שטארע אויגן. זײַנע ענטפערס אויף דעם דאָקטערס פראגן זײַנען געווען ניט אלע טרעפלעך. דער דריטער קראנקער איז נאָך צען כאדאָשים אומופהערלעכער היילונג געווען קימאט געזונט.

איך האָב זיך אינטערעסירט, מיט וואָס פאר א מיטלען היילט מען פון דער געפערלעכער קרענק, און טאמארע איוואנאָוונא האָט אָנגערופן דרײַ פארשיידענע פּרעפּאראטן, וועלכע מע שפּריצט אײַן די כאלאָיִם איינצײַטיק. אויף דער פראגע, צי עס גיט זיך אײַן אויסהיילן אלע קראנקע, האָט זי געענטפערט:

— ס'איז געווענדט, ביז וואָס פאר א שטופע די קרענק איז פארלאָזט...

דער קאנדידאט פון מעדיצינישע וויסנשאפטן ארקאדי וועניאמינאָוויטש דובראָווסקי איז יונג. ער איז א מאָגערער, א ביסל א געבויגענער, געוויס פונעם אָפּשטיין לאנגע שאָען איבערן אָפּעראציע־טיש.

זײַנע געזיכט־שטריכן זײַנען סימעטריש, אָבער ניט רעליעף באצייכנט. זעלטן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אופצוכאפּן דעם אויסדרוק פון זײַנע אויגן, ווײַזט אויס, איבער די ספּעציעלע ברילן.

פון זײַן שמייכל שטראַלט אַרויס קינדערישע פּאַרטרויִלעכקײַט און אײַנגעבוירענע ליבּשאַפט צו מענטשן. וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גלענצנדיקער כירורג ער איז, האָבּן מיר דערציילט זײַנע קאָלעגן.

אין אָפּעראַציע־זאַל

פאַרהילט פונעם קאָפּ ביז די פיס אין סטערילנע לײַכטע אָנטועכצן, בין איך געגאַנגען צווישן די כירורגן, אַסיסטענטן און שוועסטער אין אָפּעראַציע־זאַל, וווּ אויף די טישן זײַנען שוין געלעגן, פאַרטראָגן אין אַ טיפן נאַרקאָז־שלאָף, צוויי מענטשן.

צוקאָפּנס פונעם ערשטן קראַנקן איז בײַם אַנעסטעזיאָלאָגישן אַפּאַראַט געשטאַנען דער אַנעסטעזיאָלאָג וולאַדימיר וואַסיליעוויטש מיצון.

— באָריס סאַמוילאָוויטש, — שעפּטשעט ער צו מיר דורך דער מאַסקע. — דובראָווסקי וועט אָפּערירן אויף יענעם טיש: זייער אַן אינטערעסאַנטע אָפּעראַציע.

עס גייען צום טיש די כירורגן קאַכידזע און טולטשינסקי.

די דאָקטוירים ריידן זיך דורך מיט די שוועסטער אויף שטום־לאָשן. יענע דערלאַנגען זיי די אינסטרומענטן.

ווען די כירורגן האָבּן אַ פּיר געטאָן מיט די סקאַלפּעלן צווישן די ריפּן, האָב איך דערפילט, ווי דאָס פּײַכט געוואָרענע העמד איז צוגעפאַלן צו מײַן לײַב.

איך קוק, און עס דוכט זיך מיר, אַז איבער דער אָפּעראַציאָנע רוקט זיך אָן אַן אָנגעלאָדענע מיט שווערן אומרו שטילקײַט, וועלכע וועט זיך באַלד אופרײַסן.

די אָפּעראַציע האָט געדויערט באַ צוויי שאָ. דער אַנעסטעזיאָלאָג הייבט אָן אַרויספירן דעם אָפּערירטן פונעם נאַרקאָז־שלאָף. זײַנע הענט שווינדלען איבער דעם אַפּאַראַט.

— עפנט אויף די אויגן! — שרײַט ער דעם קראַנקן אין פּאָנעם אַרײַן.

יענער מאַכט אויף איין אויג.

— רופט אָן אײַער נאָמען! ווי?אַזוי רופט מען אײַך?

דער אָפּערירטער כאָרכלט אַרויס עפּעס ניט פאַרשטענדלעכס.

— רופט אָן אײַער נאָמען! דײַטלעכער, העכער! — שרײַט וולאַדימיר וואַסיליעוויטש.

— גע־נאַ־די.

— אָט אַזוי.

דובראָווסקי מיט זײַנע אַסיסטענטן שטייען נאָך אָנגעבויגן איבער דעם אָפּערירטן. דאָ וועט די אָפּעראַציע נאָך דויערן לאַנג. איך דערנענטער זיך צום טיש.

אַרקאַדי וועניאַמינאָוויטשעס פּאָנעם זע איך ניט. איך קוק, ווי זיכער עס באַוועגן זיך זײַנע הענט אין די פּאַרבּלוטיקטע הענטשקעס. ס׳איז אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. דער קלונג פון אַן אינסטרומענט טוט אַ קלאַפּ איבער די נערוון, אַן אַרויסגעבראַכט וואָרט קלינגט ווי אַ גלאָק. איך פיל, ווי אָנגעשטרענגט עס איז דובראָווסקיס געמיט. דער כירורג איז פאַרטראָגן אין זײַן סטיכיע. אונטער זײַנע הענט ליגט אין טיפן אומבאַוווסטזײַן אַ מענטש, פון וועמענס לונג דובראָווסקי באַזײַטיקט די גרויזאַמע סאַרקאָמע.

— וויפל פאַרלירט אַ כירורג געזונט פאַר אַזאַ אָפּעראַציע? אַזעלכע כעזשבוינעס מאַכט קיינער ניט.

בלויז די גערעטעוועטע דערמאָנען זייערע רעטער מיט אַ בראָכע.

וולאַדימיר וואַסיליעוויטש שעפּטשעט צו מיר, צי כ׳וועל פאַרזעצן קוקן ווי דובראָווסקי אָפּערירט.

— איך בין זייער מיד. די נערוון האַלטן מער ניט אויס, — ענטפער איך.

מיר פאַרלאָזן דעם אָפּעראַציע־זאַל. טוען זיך איבער אין אונדזערע קליידער. איך גיי אוועק מיט די כירורגן אין דער אָרדינאַטאָרסקע.

די כירורגן און דער אַנעסטעזיאָלאָג זײַנען מיד.

אַ שמועס מיטן הויפּט־כירורג דובראָווסקי

— כאָשעוועך אַרקאַדי וועניאַמינאָוויטש, ס׳איז באַוווסט, אַז אין אַ סאַך פאַלן קאָן מען ראַטעווען דעם קראַנקן בלויז אָנקומענדיק צו אַן אָפּעראַציע. ס׳איז אָבער אויך באַוווסט, אַז דער גאַנצער פּראָצעס פון דער אָפּעראַציע טראָגט מיט זיך שאָדן פאַר דעם מענטשנס קערפּער און, צומאָל, אַ געפאַר פאַרן לעבן. ווי?אַזוי באַטראַכט איר, כירורגן, די דאָזיקע פּראָבּלעם?

דער הויפּט־כירורג ענטפערט:

— היילונגס־פּרעפּאַראַטן האָבן אונדז די פאַרמאַקאָלאָגן געגעבן זייער עפעקטיווע, און מיר היילן מיט זיי אַ סאַך פאָרמען פון לונגען־קראַנקייטן. אָבער ניט אַלע. מיר האָפן, אַז אין דער צוקונפט וועלן די היילונגס־מיטלען אַלץ מער פאַרוואַלירן איבער דער רעזעקציע־כירורגיע. איידער די פאַרמאַקאָלאָגן האָבן דערפונדן די מעכטיקע פּרעפּאַראַטן, זײַנען בײַ אונדז אין לאַנד, ווי אין אַנדערע לענדער, געווען טויזנטער כאַלאָים מיט לונגען־קראַנקייטן, וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט מיט וואָס אויסהיילן, און דאַן, נאַטירלעך, האָבן מיר אָפטער גענומען זיך פאַרן סקאַלפּעל... איצט האָבן מיר רעפּועס אָף אויסהיילן אַפילו אַזאַ גרויזאַמע קרענק, ווי טובערקוליאָזנע געהירן־מענינגיט, פון וועלכער עס פלעגן שטאַרבן אָן אויסנאַם אַלע כאַלאָים. עס טרעפן זיך אָבער נאָך אַזעלכע פאַרלאָזטע לונגען־קראַנקייטן, וועלכע די כעמיִעטעראַפּיע קאָן דערווײַל ניט בײַקומען, ווי אויך כאַלאָים, וועלכע מע האָט יאָרנלאַנג געפּילנעוועט מיט היילונגס־פּרעפּאַראַטן, צו וועלכע די מיקראָבן האָבן זיך שוין צוגעוווינט, און אַפילו זיך אָנגעהויבן דערנערן מיט די רעפּועס און זיך פאַרמערן אין די געוווּנטשענע פאַר זיי באַדינגונגען. — דער הויפּט־כירורג איז אָף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן. — אַזוי, אַז קיין פּאַנאַציי פאַר אַלע קראַנקייטן האָבן מיר ניט. מיר דערוואַרטן פון די פאַרמאַקאָלאָגן נײַע מיטלען. און מיר זײַנען גליקלעך, וואָס מיט די פּרעפּאַראַטן, וועלכע מיר האָבן, היילן מיר איצט אויס בײַ אַכציק פּראָצענט כאַלאָים, ניט אָנקומענדיק צום סקאַלפּעל!



דער הויפּט־כירורג אַרקאַדי דובראָווסקי

אַ שמועס מיט אַ קראַנקן

אין קאָרידאָר האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם כוילע קאָראַבליאָוו. כ׳האָב מיט אים שוין אַ פּאָר מאָל געשמועסט אין זײַן פּאַלאַטע.

— ס׳איז מיר אָנגענעם אײַך זען אָף די פיס, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, — האָב איך אים באַגריסט.

אָבער געפערלעך קראַנקע פאַרטראָגן ניט קיין האָפערדיקן טאָן. קאָראַבליאָווס טרויעריקע אויגן האָבן זיך ניט אָפּגערופן אָף מײַן שמייכל.

— די דאָקטוירים האָבן מיך ווידער צוגעהיילט, סטאַביליזירט די טעמפּעראַטור, — האָט ער אָן עמאָציעס אַרויסגעבראַכט, — דאָס קראַנקע האַרץ דערלויבט מיך ניט לייגן אָפן טיש. אויב איר האָט צײַט, וואָלט איך מיט אײַך אַ שמועס געטאָן...

ווען מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט, האָט ער מיט אָנגעשטרענגטקייט קאָנצענטרירט זײַנע געדאַנקען און אַרויסגעבראַכט:

— ניט וועגן מײַן קרענק קלײַב איך זיך מיט אײַך ריידן, נאָר וועגן דעם, ווי די קרענק ענדערט דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגיע, — האָט ער מאַשינעל אַ פיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבער זײַנע ווײַס־שוואַרצע האָר, — ווען איך בין נאָך געווען אַ געזונטער מענטש, האָב איך זיך געפּלײַסט אַרויסצושטויסן פון זיך דעם עגאָיִסטישן „איך״. דעמלט פלעגט מיר פאַרדריסן דאָס, וואָס איצט וווּנדערט מיך: דער מענטש וויל זיך ניט רעכענען מיט דער ווירקלעכקײַט, ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז ער איז געגליכן צו אַ שטויבעלע...

דעם קראַנקנס קלוגע אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט, זײַנע מויל־ווינקלען האָבן ווידער אויפגעציטערט. ער האָט מיד פאָרגעזעצט:

— מיר ווילן ניט געדענקען, אז דאָס לעבן טראָגט אונדז אונטער איין קאַטאַסטראָפע נאָך דער אַנדערער, ווי, לעמאָשל, די צוויי וועלט־מילכאָמעס, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אָף איין דאָר. מיר פאַרגעסן דאָס און פאַרנעמען זיך צומאָל מיט טראַוומירן איינער דעם אַנ־דערן, מיר פּײַניקן אונדזערע אייגענע הערצער מיט פאַרדראָסן, אַמביציעס, מיט עגאָיִסטישע פּרינציפּן... איך בין געווען זיכער, אַז מיר וועט זיך אײַנגעבן זיך שטעלן העכער פון אָט די שוואַכקײַטן. וועגן דעם האָב איך געטרוימט, ווען איך בין געווען אַ געזונטער מענטש. דאָרט, אין די צאָפּן־אוראַלער בערג, ווו אונדזער געאָלאָגישע עקספּעדיציע האָט געפונען נוצלעכע מעטאַלן, אין די בערג, ווו איך האָב פאַרקילט מײַנע לונגען...

דער קראַנקער איז אַנשוויגן געוואָרן און מיט אַ טריבן בליק געקוקט אָף מיר.

— און איך האָב זיך ווירקלעך באַרויִקט, — האָט ער איימעדיק פאָרגעזעצט, — באַרויִקט זיך, אָבער צו שפּעט.

— אַלעקסיי איוואַנאָוויטש! — האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, — עס וווּנדערט מיך, וואָס איר, אַ געבילדעטער און קלוגער מענטש, זאָגט אַזוינס, אין וואָס איר זײַנט אַליין ניט איבערצײַגט. איר וועט דאָך געזונט ווערן! און...

— איך האָב אײַך געוואָרנט, — האָט ער מיך איבערגעשלאָגן, — ניט וועגן מײַן קרענק קלײַב איך זיך מיט אײַך ריידן.

ער האָט אַ נערוועזן שמייכל געטאָן און פאָרגעזעצט:

— איך בין שטענדיק ווײַט געווען פון אָבערגלויבענישן. ניט געווען קיין מיסטיקער. אָבער ווער וועט מיר פאָרט דערקלערן דעם סאָד: פאַרוואָס באַרויִקט זיך דער מענטש פאַרן צעשיידן זיך מיטן לעבן?

יאָ, ער האָט ווי אָף זיך אַליין אָנגעשטעלט אַן אינערלעכן פרעגנדיקן בליק. אין זײַנע אויגן האָבן זיך געמינעט פּײַנלעכע געפילן. און נאָך אַ לענגערן שטילשווײַגן האָט ער זיך אַליין געענטפערט:

— אָט פונוואַנען עס קומט די באַרויִקונג: דער מענטש האָט פאָשעט ניט וואָס קעגנצושטעלן זײַן אומפאַרמײַדלעכן גוירל, כוץ די מענטשלעכע ווירדע...

ער האָט געקוקט אָף מיר רויִק מיט דעם ליכטיקן בליק פון זײַנע גרויע אויגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געפרעגט בא אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן וועגן קאָראַבליאָווס צושטאַנד.

אָף דעם דאָקטערס יונג פּאָנעם האָט זיך אויסגעלייגט אַ שאָטן:

— די טעמפּעראַטור האָט זיך ווידער בא אים געהעכערט... צי ווייסט איר, וואָס עס באַטײַט פאַר אונדז, ווען בא אַזאַ מין קראַנקן העכערט זיך די טעמפּעראַטור! ווידעראַמאָל גרויסע דאָזעס אַנטיביאָטיקעס, וועלכע גיבן צײַטווײַליקע רעזולטאַטן...

דאָקטער ריבאַקאָווא

אין דער רעאַנימאַציע־פּאַלאַטע איז אײַנגעשטעלט אַן אוניקאַלע אַפּאַראַטור, צו וועלכער מע פאַרייניקט דורך עלעקטראָדן דעם אָפּערירטן נאָך דער אָפּעראַציע.

אָף די עקראַנען פון דער אַפּאַראַטור גייען גלײַך אויף די אָנגאַבן וועגן דעם אָפּערירטנס צושטאַנד:

די עלעקטראָקאַרדיִאָגראַמע, וויִאַזוי עס אַרבעט דאָס האַרץ, וויִאַזוי דער כוילע עטעמט, זײַן בלוט־דרוק און אַנדערע באַווײַזן.

אין די קריטישע מאָמענטן, ווען עס פאַלט אָדער עס הייבט זיך אויף העכער דער נאָרמע דער בלוט־דרוק, צי עס שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ, הייבט אויף די אַפּאַראַטור אַן אַליאַרעם־הודערײַ, וועלכע שליסט זיך ניט אויס, ביז די אַנעסטעזיאָלאָגן פירן ניט אַרויס דעם קראַנקן פון דער טויט־געפאַר.

די דאָקטערשע נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונאַ ריבאַקאָווא איז אַ יונגע געוויינלעכע פרוי, זי האָט אָבער אַ קאָפּ פון אַ געלערנטן.

וועגן נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונען קאָן מען זיכער זאָגן, אַז די מעדיצין איז איר אידעאַל, איר סטיכיע, דאָס האַרץ אירס קלאַפּט אין אוניסאָן מיטן ריטם פונעם שפּיטאָל.

נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונעס קאָלעגן זאָגן אַפילע, אַז זיי קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן דעם שפּיטאָל אָן נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונען.

געקומען איז זי אַהער מיט צוואַנציק יאָר צוריק. די ערשטע פּאָר יאָר איז זי געווען דובראָווסקיס אַסיסטענטקע, דערנאָך — אַ זעלבשטענדיקער לונגען־כירורג. ווען אין שפּיטאָל

האָט אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען די קאָמפּליצירטע טעכניק, האָט מען דעם טאַלאַנטפולן כירורג ריבאַקאָווא באַשטימט אַלס פּאַרוואַלטער פון דעם אַנעסטעזיאָלאָגישן אָפּטייל. ס'איז קעדײַ דער־ציילן אַן עפּיזאָד, וועלכן איך האָב צוגעזען אין דער אָפּעראַציאָנע.

בעשאַס צוויי כירורגן האָבן דורכגעפירט די אָפּעראַציע, איז אַרײַנגעקומען נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונא. די כירורגן האָבן איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צוגעגאַן צום אָרט, ווו עס הענגען די רענטגען־בויגנס, אַ קוק געטאָן אַף זיי, זיך אומגעקערט צו די כירורגן, באַטראַכט, וואָס זיי טוען, ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וואָס האָט אַף שטום־לאָשן באַטײַט: „איר טוט אַלץ רעכט", און אַרויסגעגאַן פון דער אָפּעראַציאָנע...

צי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין, אַז די געניטע כירורגן, וועלכע אָפּערירן שוין צוואַנציק יאָר, האָבן געצווייפלט אין דער ריכטיקײַט פון דעם, וואָס זיי טוען? אוואַדע ניין. דער עפּיזאָד האָט בלויז אילוסטרירט, וואָס פאַר אַ הויכע מיינונג זיי האָבן וועגן זייער קאָלעגע נאַדעזשדע ניקאָלײַעוונא ריבאַקאָווא.

איבערלעבונגען

אין איינעם אַן אינדערפרי האָב איך אין דער אָרדינאַטאָרסקע געטראָפן דעם כירורג קאַכידזע. ס'איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אַז די שטימונג איז בא אים אַ געפאַלענע.

— מיר וועלן הײַנט זיך דורכגיין איבער די פּאַלאַטעס, — האָט ער צעשטרייט אַרויסגע־רעדט, — אין דער נאָכאָפּעראַציע־פּאַלאַטע זאָלט איר וועגן דעם יונגן יאַט קיין פראַגן ניט פאַרגעבן...

נאָך אַ לענגערער פּאַוזע האָט ער פאָרגעזעצט:

— דעם פיר־און־צוואַנציקיאָריקן יונגנמאַן האָט מען צו אונדז איבערגעפירט פון אַן אַנדער שפּיטאָל. דער דיִאַגנאָז: אַ כשאַד אַף אַ קאַנצער אין דער לינקער לונג. די רענטגען־בויגנס האָבן אָנגעוויזן אַף אַ געשווילעכץ, נאָר וואָס פאַר אַ געשווילעכץ דאָס איז, האָבן געדאַרפט פעסטשטעלן די לאַבאָראַטאָריע־פאָרשונגען. מיר האָבן גענומען פון דער לונג אַ פונקציע. די לאַבאָראַנטקע האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען די קוואַליטעט פונעם געשווי־לעכץ. אויך דער פּאַטאָלאָג־אַנאַטאָם האָט אין דער ביִפּסיע ניט געפונען די קוואַליטעט — עס טרעפן אַזעלכע פאַלן. דאָס ווירקלעכע בילד האָט זיך אַנטפּלעקט בייס דער אָפּעראַציע. ווען מיר האָבן אויפגעשניטן, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז אַ קאַנצער און אָפּערירן טאָר מען ניט — מעטאַסטאַזן! נאָך דער באַראַטונג מיט דובראָווסקין האָב איך צוריק פאַרנייט דעם אויפשניט... אין אופּנאַם־צימער האָבן געוואַרט דעם באַכערס נאָענטע. וואָס וועל איך זיי זאָגן?

דער דאָקטער האָט פאַררייכערט אַ סיגאַרעט און, פּיבערהאַפט ציִענדיק דעם רויך, פאָר־געזעצט:

— די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס דער קראַנקער האָפט דאָך, אַז נאָך דער אָפּע־ראַציע וועט ער געזונט ווערן. און איך קאָן ניט און טאָר אים ניט זאָגן דעם עמעס. איך זיץ אין אָרדינאַטאָרסקע און פּיל, אַז באַלד וועט זיך צעקלינגען דער טעלעפאָן. און ער צע־קלינגט זיך... מיט אַ שווערן פאָרגעפיל, ווי איך זאָל אין עפּעס זײַן שולדיק, נעם איך דאָס טרײַבל.

— דאָקטער קאַכידזע? — הער איך די ציטערנדיקע שטים פון דעם יאַטס יונגער פרוי.

— יאָ, איך.

— מיר וואַרטן... מיר בעטן אײַך דאָקטער!

איך לאָז זיך אַראָפּ אַפן ערשטן שטאָק. עס גייען מיר אַנטקעגן דרײַ פרויען: דעם קראַנקנס מוטער, זײַן פרוי און זײַן שוועסטער. אין זייערע פאַרברייטערטע פון שרעק אויגן צאַפּלט אַ טיפער אומרו, אַ האָפענונג און אַ טפילע. וואָס זאָל איך זיי זאָגן? און זאָגן דאַרף מען זיי דאָס, וואָס כ'וועל פאַרשווײַגן פאַר דעם קראַנקן.

איך שווײַג. זיי זעען דאָך אָבער זייער אומגליק אַף מײַן פּאָנעם...

— דאָקטער, דאָק־טער! — שרײַט אויס די מאַמע, — מײַן זון וועט לעבן? ער לעבט?

— יאָ.

— שלעכט? — קרעכצט אויס די יונגיטשקע פרוי.

— ניט גוט.

— אַ־אַ!!!

איבער דעם שפּיטאָל צעטראָגן זיך קוילעס, אַ יאָמערײַ.

אין דער נאָכאָפּעראַציע־פּאַלאַטע זײַנען געלעגן פֿיר אָפּערירטע. צו דעם יונגן יאָט זײַנען מיר צוגעגאַן צום לעצטן.

סערגיי יאַקאָװלעװיטש זאָגט צו מיר מיט אַן אָנגעצויגענעם שמייכל:

— דאָס איז דאָװיד מאַרשטיין... קימאַט אײַנשטיין. אָבער ניט קיין פֿיזיקער, אַ פֿידלער.

דער דאָקטער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז גאַנץ רויִק.

דער קראַנקער איז נאָך שוואַך פֿון דער איבערגעטראָגענער אָפּעראַציע. אָבער ער שמייכלט. זײַנע אויגן זײַנען פֿול מיט האָפֿענונג.

איך קוק אויף דאָװידן. אַ דין איידל פּנים. זײַנע שוואַרצע געלאָקטע האָר צעשאָטן איבער דעם ווײַסן קישעלע. אין זײַנע טונקלע אויגן טליִעט אַ רויט פֿײַערל. ער קוקט מיט צוטרוי אויפֿן דאָקטער. ווי אַלע אָפּערירטע, האָפֿט ער אויך, אַז ער וועט אינגיכן געזונט ווערן.

— מײַן ערשטן קאָנצערט וועל איך שפּילן פֿאַר אײַך, דאָקטער...

מאַרק זאַלמאַנאָוויטש סאָרקין

מאַרק זאַלמאַנאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1924 יאָר אין מאָסקווע בײַ עלטערן — דאָקטוירים. זײַנע ליכטיקסטע יוגנטלעכע יאָרן האָט ער אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן היטלער־ריזם. צו אַכצן יאָר ווערט ער אַ קורסאַנט פֿון אַן אָפֿיצערישער שול. צו נײַנצן קאָמאַנדעוועט ער שוין מיט אַן אַרטילערישער באַטאַריע אויפֿן פֿראָנט. ער ווערט שווער פֿאַרוווּנדעט. נאָך די גאָספּיטאַלן איז ער ווידער אויפֿן פֿראָנט.

אין 1947 קערט ער זיך אום אַהיים און קומט אָן לערנען אין אַ מעדיצינישן אינסטיטוט.

סאָרקינס פּראַקטיק אַלס לונגען־כירורג איז פֿאַרבונדן מיט דעם ערשטן מאָסקווער טוי־בערקולאָז־שפּיטאָל, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפֿירט דער באַוווּסטער געלערנטער־מעדיקער, פּראָפֿעסאָר וו. ל. אייניס. מאַרק זאַלמאַנאָוויטש ווערט באַשטימט אַלס זײַנער אַ געהילף.

אין אַ צײַט אַרום גיט איבער דער באַאַרטער פּראָפֿעסאָר די אָנפֿירונג מיט דעם שפּי־טאָל מאַרק זאַלמאַנאָוויטשן.

ניט פֿאַרלאָזנדיק די פּראַקטיק אַלס לונגען־כירורג, ווערט דער טאַלאַנטפֿולער דאָקטער די נעשאָמע פֿונעם שפּיטאָל.

וויפֿל דאַרף מען פֿאַרמאָגן מײַלעס, קעדיי דאָס צו דערגרייכן?

קעדיי פֿאַרדינען אַזאַ ליבשאַפֿט און קאָוועד בײַ לײַטן, דאַרף מען זיך דערהויבן צו אַ ניוואָ פֿון אַ פּערזענלעכקײַט, וועמענס האַרץ איז באַגײַסטערט מיט הויכן שעפֿערישן ענטוזיאַזם, מיט עמאָציאָנעלער פֿילבאַרקײַט און אָפֿריכטיקײַט צו מענטשן.

קעדיי פֿאַרדינען אַזאַ צוטרוי בײַ אַ גאַנצן קאָלעקטיוו מעדיקער, דאַרף מען ווידמענען דאָס אייגענע לעבן דעם אידעאַל צו ראַטעווען קראַנקע מענטשן.

מאַרק זאַלמאַנאָוויטש האָט אַליין געהיילט און אָפּערירט אָנצאָליקע כאָלאָיִם. דער קאָ־לעקטיוו, מיט וועלכן ער פֿירט אָן, האָט אָפּערירט און אויסגעהיילט טויזנטער קראַנקע, וועלכע האָבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן, אַז זיי זײַנען אַמאָל געפֿערלעך געווען פֿאַר זייערע קינדער.

אָבער צי קאָן מאַרק זאַלמאַנאָוויטש פֿאַרגעסן אין זײַן אייגענער קרענק, קעגן וועלכער עס זײַנען נאָך ניט באַוווּסט קיין היילונגס־מיטלען? די געפֿערלעכע שלאָפֿקײַט, בלוט־קאַנ־צער, פּראָגרעסירט שוין אַכט יאָר אין מאַרק זאַלמאַנאָוויטשעס בלוט...

וויסנדיק גוט, אַז ער האַלט זיך בלויז אויף זײַן ענטוזיאַזם, זעצט ער פֿאָר צו ראַטעווען קראַנקע. ווי שטאַרק דאַרף אַ מענטש פֿאַראַכטן דעם טויט, קעדיי, זײַענדיק אַליין שטערבן־לעך קראַנק, פֿאַרזעצן צו היילן אַנדערע!

אין פּאָדערצימער פֿון סאָרקינס קאַבינעט איז צווישן אַנדערע באַזוכער געזעסן אַ פֿרוי מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען אין די הענט.

— מיט צוועלף יאָר צוריק, — דערציילט זי, — האָט מאַרק זאַלמאַנאָוויטש אָפּערירט אַ געשווילעכץ אין מײַן לונג. אַלע יאָר, אין טאָג פֿון דער אָפּעראַציע, ברענג איך אים בלומען...

ווען כ׳בין שפּעטער אַרײַנגעקומען צו מאַרק זאַלמאַנאָוויטשן, האָב איך באַמערקט, אַז ער זעט אויס זייער שלעכט. שמייכלענדיק צום בוקעט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווי וויל עס קלינגען די ווערטער: געוועזענע קראַנקע...

ער האָט אַרופֿגעלייגט די לינקע האַנט אויף מײַן אַקסל, מיט דער רעכטער אַ דריק געטאָן מײַן האַנט און געזאָגט מיט אַ טאָן, וועלכער האָט ניט אויסגעגעבן זײַנע געפֿילן: זײַט געזונט!

מארק זאַלמאַנאָוויטש איז אינגיכן שטאַרק קראַנק געוואָרן. דאָס מאָל אַף לאַנג. אין צוויי כאַדאָשים אַרום בין איך געקומען אין קאָנפּערענץ־זאַל פון שפּיטאָל, ווו ער איז געלעגן אין דער טרונע.

א בריוו

איך האָב געוווּסט, אַז דובראַוואָסקי באַקומט אַ סאַך בריוו פון געוועזענע קראַנקע, וועלכע ער האָט אָפּעריִרט און אויסגעהיילט.

— וואָס שרייַבן אייַערע פּאַציענטן?

דער דאָקטער עפענט אויף אַ טיש־קעסטל, נעמט אַרויס דעם אייבערשטן בריוו, טוט אַף אים אַ קוק...

„טייַערער, אומפאַרגעסלעכער אַרקאַדי וועניאַמינאָוויטש! דאָס שרייַבט אייַך אירינע אַר־לאָוואַ. איך שיק אייַך אַ פאָטאָ פון מייַן פּופּצניאַריקן זון סאַשענקע. זעט, וואָס פאַר אַ פּראַכט עס קאָן בריינגען אַף דער וועלט אַ מוטער, וועלכע אָטעמט מיט איין לונג.

מיט זיבעצן יאָר צוריק האָט איר אַמפּוטירט מייַן צעשעדיקטע רעכטע לונג. אַף דער וועלט לעבן ניט ווייניק אינוואַלידן: אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס, בלינדע. זייער אומגליק זעען אַלע. מייַן טיפע טראַוומע זעט קיינער ניט.

אַפילו מייַן זון ווייסט ניט, אַז זייַן מאַמען איז שווער צו כאַפּן לופט דורך איין לונג. אָבער צי בין איך אַ פאַרטרויערטע? ניין! איר, טייַערער אַרקאַדי וועניאַמינאָוויטש, האָט מיר אומגעקערט דאָס לעבן, וואָס עס וועט פאַרזעצן מייַן זון! עס פרייט זיך מייַן האַרץ, וואָס אַף דער וועלט זייַנען דאָ אַזעלכע מענטשן ווי איר, טייַערער אַרקאַדי וועניאַמינאָוויטש!

גלייבט מיר, אַז מייַנע ווערטער, וועלכע איך שרייַב דאָ, זייַנען בלויז אַ שוואַכער אָפּ־קלאַנג פון די געפילן, וואָס צאַפּלען באַ מיר אין האַרצן.

איך ווייס, אַז מייַן אָפּעראַציע האָט אייַך געקאָסט אַ סאַך געזונט. איר זייַנט איינער פון די דאָקטוירים, פאַר וועמען דעם קראַנקנס גורל איז זייער אייגענער גורל”...

כ'האָב זיך געזעגנט מיט די דאָקטוירים און פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל.

אין דרויסן האָט געוויכערט אַ טרוקענער פראָסטיקער שניי. די ביימער אַרום זייַנען גע־שטאַנען פאַרגליווערטע פון קעלט.

דער ווינט האָט געהויבן דעם טרוקענעם שניי, געשלייַדערט אים אין פּאָנעם אַריין. צו־קומענדיק צום טויער, האָב איך זיך אומגעקוקט צו די פענצטער פונעם שפּיטאָל.

אלעקסאנדער ליזען

די צווייטע זון

און די ערשטע?

די ערשטע איז אין הימל. די ערשטע, זאָגט מען, האָט באַשאַפן גאָט. די צווייטע, ווידער, איז אַן ערדיקע. און געשאַפן האָבן זי מענטשן. זי האָט א קורצן נאָמען — אַף רוסיש „גרעס", אַף ייִדיש „העס".

פאַרמאָגט אזיאַרום ענערגאָדאַר צוויי זונען: א הימלשע, א דאָרעמדיקע, א הייסע, און אַן ערדישע, וואָס הייסט זאַפּאָראָזשיער גרעס.

און וואָס איז ענערגאָדאַר?

לעסאַטע איז דאָס א שטעטל מיט אזא אויסטערלישן נאָמען, וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן: א פּולשטענדיק הײַנטצײַטיק־טעכנישן — „ענערגאָ" און אַן אַמאָליקן, א פאַלקסטימ־לעכן — „דאר", וואָס עס באַטײַט א מאַטאָנע, א גאָב. און אזוי איז דאָס ניט נאָר בענעגייע דעם נאָמען, נאָר בענעגייע דעם גאַנצן אויסזען פונעם יישעוו, וואָס איז אַנטשטאַנען און געוואַקסן צוזאַמען מיט דער עלעקטראָסטאַנציע, אַף די ראַכוועסן פון די דאָרעמדיקע סטעפּעס, איבער וועלכע עס האָבן אַמאָל געוואַנדערט די אוראַלטע סקיפן.

יעווגעני טשובאַקאָוו, דער אָנפירער פון דער קאָמפּלעקס־בריגאַדע פון די נאַלאַדטשי־קעס, דערציילט:

— איך אַרבעט דאָ פון דעם 1971 יאָר, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בויונג פון דער זאַפּאָראָזשיער גרעס. דעמלט זײַנען אין ענערגאָדאַר געווען נאָר צוויי שטיבער. איצט איז דאָס א שטעטל...

פּייסעך פּערלאָווסקי, דער אָנפירער פון דער אויטאָמאַטלער־בריגאַדע, דערווידערט. א שטעטל? ניין. וואָרעם לויט דעם, וואָס זײַן זיידע יאַנקעוו פלעגט אים דערציילן, האָט אין זײַן דימיען זיך פאַרקריצט א הײַפל קליינע שטיבלעך אָןביימער, אָן גרינס — אָט דאָס הייסט א שטעטל. כאָטש ענערגאָדאַר איז קליין אין שטעטל, איז ער אָבער הויך, ציט זיך צום הימל. הײַזער — פינפשטאָקיקע און אפילו נײַנשטאָקיקע. און ווו האָסטו געזען אין א שטעטל אזא קאָמפּאָרטאַבעלן האָטעל?

ווען מע פאָרט אפּדערנאַכט מיטן אויטאָבוס — פון זאַפּאָראָזשיע אהער, זעט מען נאָך פונדערווײַטן גרויסע ניין שײַנענדיקע אויסיעס — ענערגאָדאַר. עס ווײַזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע ברענענדיקע אויסיעס האַלטן זיך אין דער לופט. ערשט נאָכדעם, ווען מע פאָרט צו נעענטער, זעט מען, אַז די אויסיעס שײַנען אַפן פּראָנטאָן פון א ריזיקער, נאָר לײַכטער גע־בײַדע. און דאָס איז טאַקע דער האָטעל, וועלכער איז באַקרוינט מיט דעם זעלבן נאָמען, וואָס די שטאָט: ענערגאָדאַר.

און ווען איר לאָזט זיך שפּאַצירן איבער דער הויפּט־גאַס, וועלכע איז דערווײַל קימאַט די איינציקע אין שטאָט, און אומבאַמערקט גייט זי איבער אין א ברייטער אַלייע מיט צוויי שורעס שלאַנקע ביימער פון ביידע זײַטן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אײַערע אויגן א ווונדערלעך בילד — א זילבערנער אויסגוס פון העלע פײַערן באַם סאַמע הימל. אָט דאָס איז טאַקע די זאַפּאָראָזשיער גרעס.

צום באַדויערן, גייט דאָס לעבן ניט אזוי גלאַט, ווי עס ווילט זיך.

אַף צו פליִען פון לוואָוו קיין זאַפּאָראָזשיע, א מעהאַלעך פון טויזנט קילאָמעטער, קומט אויס צו פאַטערן וויניקער צײַט, איידער אַף די אַכציק קילאָמעטער פון זאַפּאָראָזשיע ביז ענערגאָדאַר. פון אָנפאַנג דאַרף מען זיך דערקלײַבן צו דער אויטאָבוס־סטאַנציע, און ערשט נאָכדעם הייבט זיך אָן א וואַרטעניש אַפן איקאַרוס. דאָ דערמאָנסטו זיך, אַז פון דער היים ביסטו אַרויסגעפליגן אָן פרישטיק, און גיין זוכן א גאָרקיך איז ניט אזוי פּראָסט.

סאשע ליסאָווסקי — א מילדער שמייכל שוועבט טאָמיד צווישן זײַנע קורצע שווארצע וואָנצעס — באמערקט:

— בא אונדז איז דאָס קיין פּראָבלעם ניט. קלײַבט זיך אויס וואָס איר ווילט: א רעסטאָראַן, צי א קאפע, צי א פּאַשעטע גאָרקיך.

און ווידער — אויסטערלישע נעמען. די גאָרקיך הייסט ליב און צארט „אָלעסיע”. דער רעסטאָראַן — אלטפרענקיש „סקיף”. די קאפע — אולטרא־מאָדערן — „עלעקטראָן”.

סקיף און עלעקטראָן! אוראלט און צאפּלדיקע הײַנטצײַטיקײַט! א טונקעלער קורגאַן, אונטער וועלכן ס'איז באגראָבן עפּעס א מעיוכעסדיקער סקיף אינעם סטעפּ, און צוויי זייער הויכע, 320־מעטערדיקע קוימענס פון אַן עלעקטראָסטאנציע, וועלכע ארבעט אויס דרײַ מיליאָן זעקס הונדערט טויזנט קילאָוואט. צי איז ניט פארבאָרגן אין דעם א דורכויסיקע לאנגע קייט פון דורעס?

באזונדערס האָט אָפּגעגליקט אין ענערגאָדאר די סקיפן. ערשטנס — א רעסטאָראַן „סקיף”. צווייטנס, טאקע דאָרטן, אין רעסטאָראַן, קאָנט איר זיך פארקוקן אַף דעם בילד, וואָס פארנעמט א גאנצע וואנט און ווו ס'איז געשילדערט א יאגד בא די סקיפן. ווײַטער, אינעם הויף פונעם האָטעל שטייט א נאטירלעכע „באבע”, וואָס מע האָט געבראכט פון א סקיפישן קורגאַן — א פאָרמלאָזע הליבע פון דער פארגליווערטער צײַט. און אין האָטעל זעלבסט, אינעם האָל איז אויסגעגראווירט אַף דער וואנט די מאפּע פון סקיפיע און פון די פיל פעלקערשאפטן און שוואָטים, וואָס האָבן זי ארומגערינגלט. די מאפּע איז צונויפגעשטעלט לויט דער באשרײַבונג פון דעם בארימטן גריכישן היסטאָריקער העראָדאָט, וועלכער האָט באזוכט סקיפיע אין 346 יאָר ביז אונדזער צײַט. לינקס איז אָנגעמאָלט אליין העראָדאָט מיט א שטעקעלע, וואָס הייסט „סטיל”. פון דעם שטאמען טאקע אלע סטילן פון קונסט, ליטעראטור און דאָסגלײַכן, און ווײַטער זײַנען פאָרגעשטעלט כאראקטערישע פאָרשטייער פון פילצאָליקע פעלקערשאפטן: סקיפן, נעוורן, אָראטשן, טיראסן, איסטרען... און אויך פון מעלוכעס: אָלוויִע, פּאָנט, הילייע, טאווריִע, כערסאָנעס, באָריספען... מיר שטייען אנטקעגן העראדאָטן, און סאשע זאָגט:

— מינאסטאם איז פאראן עפּעס געמיינזאמס צווישן אונדז מיט די סקיפן.

„אונדז” — מיינט ער די גרופּע אינזשעניערן — א גאנץ היפּשע גרופּע — פון דער אָרגאַניזאציע „יוזשטעכענערגאָ”, וועלכע פארנעמט זיך מיט אײַנריכטונגען, אויספּרווון און פארפולקומונגען פון עלעקטראָסטאנציעס. דאָס געמיינזאמע צווישן „אונדז” און די סקיפן באשטייט אין דעם, וואָס מיר זײַנען אויך נאווענאדניקעס, ווי זיי.

וואָס עמעס, איז עמעס. יוזשטעכענערגאָ געפינט זיך אין לוואָוו. נאָר די זאָנע פון זײַן טעטיקײַט איז, ווי דער דירעקטאָר ארטעם גריגאָריעוויטש פּראָקאָפּענקאָ האָט זיך אויסגעדריקט, — „פונעם באלטישן ביזן שווארצן”. דעריבער איז גאנץ נאטירלעך, וואָס די טוער פון דער אונטערנעמונג פאָרן די גאנצע צײַט ארום. זייער אָפט שיקט מען זיי אין קאָמאנדירונגען און דערצו אין לאנגדויערנדיקע, אין פארשיידענע עלעקטראָסטאנציעס פון דער ראכוועסדיקער זאָנע. יורי פלאק, אַן אינזשעניער פון דער גרופּע, וועלכער פּרווט אויס די טורבין־אויסשטאטונג, באהויפּטעט, אז אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ יאָר געפינט ער זיך דורכשניטלעך יעדעס יאָר 8־9 כאדאָשים אין קאָמאנדירונגען, און אין דער היים האָט ער א פרוי מיט צוויי קינדערלעך פון צוויי און פון פינף יאָר. אזוי רעדט ער זיך אויס דאָס האַרץ, נאָר פארענדיקן פארענדיקט ער אויך מיט א שפּאַס:

— א סוואָרע, אז באגלײַך מיט דער פּראָבלעם פון דיסטאנץ־אָנפירונג מיט דער רעגולירונג־אפּאראטור, וועט מען מוזן זיך פארטיפן אין דער פּראָבלעם פון אָנפירן מיט דער אייגענער מישפּאָכע אַף א דיסטאנץ פון טויזנט קילאָמעטער...

וואָלטן זיי דען ניט געקאָנט — פלאק, טשובאקאָוו, פּערלאָווסקי, ליסאָווסקי און אנדערע — אײַנאָרדענען זיך אַף א מער רויִקער, „אײַנגעזעסענער” ארבעט? געקאָנט, אוודאי געקאָנט. אָבער עפּעס ציט זיי, ווי א מאגניט, צו ענערגאָדאר. ווײַזט אויס, דאָס זעלבע, וואָס באגײַסטערט, אשטייגער, געאָלאָגן. ראָמאנטיק. נו, און די ארבעט אליין איז אַן אינטערעסאנטע, צווישן פּראָדוצירונג און וויסנשאפט...

— מיט וואָס מיר פארנעמען זיך? — פרעגט איבער טשובאקאָוו. — מיר זײַנען נאלאדטשיקעס. נאָר ניט דאָס אליין. כוץ דעם, זײַנען מיר אויך עקספּערימענטאטאָרן.

פּערלאָווסקי פארטײַטשט עס:

— אונדזער ארבעט הייבט זיך אָן א סאך פריִער, איידער מע גיט איבער די עלעקטראָסטאנציע אין עקספּלואטאציע, און זי פארענדיקט זיך א סאך שפּעטער נאָך דעם. אָט דאָ,

אין ענערגאָדאַר, פאַרנעמען מיר זיך מיטן פינפטן בלאָק, דעם אַזויגערופענעם הויפּטבלאָק. זײַן פּראָדוקטיווקײַט איז אַכט הונדערט טויזנט קילאָוואַט. נאָכדעם ווענדן מיר אָן די רעזולטאַטן פון די אויספּרוּוון צו אַנדערע בלאָקן.

באָריס סימקין — ער איז הויך און שלאַנק, ווי ביכלאַל הײַנטיקע יונגעלײַט, און נאָך זייער יונג, פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, אָבער ניט „גרין“, ער האָט שוין צוויי דערפאַרונ־גען:

— און ניט נאָר צו אײַנצלנע בלאָקן, — פּאַרפּינקטלעכט ער, — נאָר צו דער גאַנצער עלעקטראָסטאַנציע. און ניט בלויז צו אָט דער דאָזיקער. אונדזערע אינזשעניערן זײַנען גע־ווען און האָבן געאַרבעט אויף פיל עלעקטראָסטאַנציעס. אָט, אַשטייגער, זשעניע טשובאַקאָוו האָט געאַרבעט אויף דער ליטווישער און טריפּאָליער גרעס. יורי פלאַק — אויף דער עסטאָני־שער און ברושטינער. פּעטיע פּערלאָווסקי — אויף דער לאַדיזשינער, קריוואָראָזשיער, לוקאָמ־לישער...

— נו, און איר?

באָריס שווײַגט. אָנשטאָט אים ענטפערט ליסאָווסקי:

— באָריע איז נאָך אַ יונגער. ער אַרבעט בײַ אונדז קוים צוויי יאָר. פונדעסטוועגן האָט ער שוין באַוויזן צו זײַן סײַ אין לאַדיזשין, סײַ אין טריפּאָליע.

דערנאָך פרעגט ער צוטרויליך:

— ווילט איר מיסטאָמע וויסן, וואָס עס קומט אַרויס פון דעם „זײַן“, איאָ?

— יאָ, פאַרשטייט זיך.

— וועל איך אײַך פּרוּוון פאַרטײַטשן. מיר זײַנען ווי בינען. מיר קלײַבן זיך צונויף, אַקומולירן די אַרבעט־דערפאַרונג פון אַלערליי סטאַנציעס, און נאָכדעם פאַרוואַנדלען מיר דאָס אין „האָניק“, אין גענייטיקײַט, וועלכע מיר ווענדן אָן מיט דערפאָלג צוליב פּראַקטישער פאַר־פולקומונג און עקספּלואַטאַציע פון די עלעקטראָסטאַנציעס.

הינטערוויילעכס האָט טשובאַקאָוו, נאָכן באַקלערן דעם איניען גרינטלעך, פאָרגעזעצט:

— אונדזער אַרבעט הייבט זיך אָן פון אַן אויסשעפּלעכן אַנאַליז פון דעם פּראָיעקט פון יע־נעם בלאָק. מיר דעקן אויף זײַנע כעסרוינעס, קעדיי צו באַזײַטיקן זיי און מיט דעם פאַרפול־קומען דעם פּראָיעקט אײַנגאַנצן גענומען. מיר קאָנטראָלירן דערנאָך, וויאַזוי מע מאָנטירט די אויסשטאַטונג, איבערהויפּט אויף דער שלוס־סטאַדיע פונעם מאָנטאַזש. מיר פירן דורך סיסטעמאַטיש אַלערליי אויספּרוּוון פון דער אויסשטאַטונג. באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך זײַ־נען די אויספּרוּוון — אַלזײַטיקע, דורכויסיקע, וואָס מיר פירן דורך פאַרן אָפּגעבן עפּעס אין עקספּלואַטאַציע. מע מוז דעמלט ביז גאָר שטרענג אויספּרוּוון דעם קעסל, די דאַמפּליײטונגען, די טורבינעס, דעם צושטאַנד פונעם גאַנצן בלאָק.

איצטער בעט איך טשובאַקאָוון:

— דערציילט עפּעס וועגן דער בריגאַדע גופע, וועגן אײַערע מענטשן.

יעווגעני איוואַנאָוויטש פאַרקלערט זיך ווידער.

— כ'האָב מוירע, אַז דאָס איז אַ צו לאַנגע געשיכטע. ווײַל סײַ די צאָל, סײַ דער באַ־שטאַנד פון דער בריגאַדע בײַט זיך, אָפּהענגיק פון דעם פאַרנעם און אינהאַלט פון דער אַרבעט. צו דעם פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט, ווען דער הויפּט־בלאָק האָט געדאַרפט אָנהייבן פונקציאָנירן, איז אונדזער קאָמפּלעקס־בריגאַדע באַשטאַנען פון איבער הונדערט מענטשן, פאַנאַנדערגעטיילטע צווישן פינף און צוואַנציק ספּעציאַליזירטע גרופּעס. איבעריקנס, וועל איך אַ פּרוּוו טאָן ענטפערן אויף אײַער פראַגע. אין אונדזער בריגאַדע פּרעוואַלירט יוגנט. איי־ניקע כעוורע קומען נאָרוואָס פונעם אינסטיטוט. אַשטייגער, לענע קירעוויטש, וואַלערי וואָר־גיליס, טאַטיאַנע סיאָמינאַ, אַנאַטאָלי סקיביצקי...

לענע קירעוויטש איז אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר. די שול האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ גאָלדענער מעדאַל. נאָכדעם האָט זי פאַרענדיקט דעם אָדעסער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אויך אויף אויסגעצייכנט, און זי האָט אַליין אויסגעקליבן יוזשנאָענערגאָ פאַר איר קינפטיקער אַרבעט. פאַרוואָס? מיסטאָמע האָבן געווירקט געוויסע מישפּאָכע־טראַדיציעס: סײַ דער פאָטער לענעס, סײַ דער זיידע האָבן געאַרבעט אין דער ענערגאָ־סיסטעם.

סע וועט ניט זײַן איבעריק אָפּצומערקן, אַז אַזעלכע יערושע־טראַדיציעס טרעפן מיר אָפט בײַ אונדזערע מיטאַרבעטער.

וועלן מיר אָנהייבן פון טשובאַקאָוון אַליין. זײַן פאָטער איז אויך געווען אַן אינזשע־ניער־ענערגעטיקער.

און כאַטש יוזשטשענערגאָ איז אַ פּאַרהעלטניסמעסיק יונגע אָרגאַניזאַציע — זי עקזיס־טירט 27 יאָר — לאָזן זיך אויסטיילן אַפּילע געוויסע „דינאַסטיעס". אָט איז אַ ביישפּיל: יעפים לוואָוויטש סימקין האָט געאַרבעט אין דער דאַזיקער אונטערנעמונג זינט איר אַנטשטיין, און דער זון זיינער, דער איבערדערמאָנטער באַריס, האָט נאָכגעפּאָלגט דעם טאַטן, און ער אַרבעט אויך דאָרטן. באַריס איז נאָך זייער יונג, נאָר ער האָט שוין אַ מישפּאָכע — אַ פרוי און אַ קינד. די פרוי האָט געבוירן דאָס קינד, ווען באַריס איז געווען אין אָרדנטלעכער ווײַטער קאָמאַנדירונג. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, נאָר אַ נאָמען האָט מען דעם געגעבן לויטן זיידן. פאַר באַריסן איז יעפים לוואָוויטש געווען ניט נאָר אַ טאַטע, נאָר אַ גרויסער פּריינט. ער באַהויפּטעט, באַריס, אַז דער פּאָטער איז זיין צווייטער אינסטיטוט. דער באַשיידענער יעפים לוואָוויטש, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נאָך ווייניק איבערגעגעבן דעם זון דערפאַרונג און געניטקייט. אין מעשעך פונעם גאַנצן לעבן קלעקט ניט קיין צייט! נאָר ער איז אַלט געווען נײַן און פופציק יאָר, געגרייט זיך זאָרגזאַם צו דער פּענסיע, און איז פּלוצעם געשטאָרבן, ניט דערוואַרט זיך...

איך פּרוּוו לינדער מאַכן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער:

— כ'וואָלט געוואָלט וויסן אײַערע אײַנדרוקן פון אײַער ערשטער אַרבעט, — ווענדע איך זיך צו לענע כירעוויטש.

— אײַנדרוקן? גוטע. — ענטפערט דאָס מיידל געלאַסן, און כאַזוערט איבער, — זייער גוטע. די באַציִונגען זײַנען כאַווערישע, וואַרעמע. די גאַנצע בריגאַדע איז ווי איין גרויסע מישפּאָכע.

איז עפּשער זײַנען דאָס בלויז שיינע ווערטער אַף יויצע זײַן? כ'מיין, אַז ניין. אַפּילע אויסערלעך זעט אויס דער אַכטער שטאָק פונעם האָטעל, ווו די בריגאַדע וווינט, ווי עפּעס אַ הויז מיט פּילצאָליקע טירן פון איין גרויס הויזגעזינד.

ווירקלעך, אין אַן אַנדער אונטערנעמונג אַרבעט אַפּ אַ מענטש אַכט שאַ, נאָכדעם גייט ער, אָדער פּאָרט צו זיך אַהיים, צו זײַן געזינד. דאָ — ניין. דאָ אַרבעט מען אַפּ אַ גאַנצן טאָג אַף דער עלעקטראָסטאַנציע, און ווען מע קומט אָפּדערנאָכט „אַהיים", ס'הייסט אַפן אַכטן שטאָק פונעם האָטעל, טרעפט מען זיך ווידער מיט די זעלבע מענטשן, מיט די זעלבע כאַווי־רים, פּריינט, מיט וועלכע מע האָט צוזאַמען געאַרבעט באַטאָג אַף דער סטאַנציע, מיט כאַווי־רים, וואָס דוצן איינער דעם אַנדערן, ווי אייגענע ברידער און שוועסטער, און רופן איינער דעם צווייטן ניט לויט דער פאַמיליע, אָדער פּאָטערנאָמען, נאָר אָט אַזוי: סאַשע, פּעטיע, לענע, באַריע, ליוסיע, יורע, טאַניע, זשאַרע. און אַליין דער אָנפירער פון דער קאָמפּלעקס־בריגאַדע יעווגעני איוואַנאָוויטש ווערט פּאַרוואַנדלט אַפן אַכטן שטאָק פּאָשעט אין זשעניע.

— ס'איז, הייסט עס, אַ סוויווע פון זאָרגלאָזער און אָפנהאַרציקער יוגנט?

סאַשע ליסאָווסקי איז מאַסקים.

— יאָ, געוויס.

דערנאָך גיט ער צו:

— יאָ, גוט, וואָס דאָס איז יוגנט.

און נאָכדעם דערגאַנצט ער, איצטער שוין מיט אַ שמייכל:

— ניט אַלעמאָל אָבער איז גוט.

— וואָס הייסט?

— פאַראַן אַזעלכע צווישן דעם פּערסאָנאַל פון דער עלעקטראָסטאַנציע, וואָס קוקן אַף אונדז פון אויבן אַראָפּ. און דער דאָזיקער קוק באַטײַט: „מיר האָבן געמיינט, אַז מע וועט אונדז צושיקן אַלטע דערפאַרענע אינזשעניערן, באַ וועלכע מע קען עפּעס נאַשן, און דאָ..."

— און אינדערעמעסן? איבּ ריידן אופריכטיק?

— עפּשער זײַנען זיי טאַקע ניט אינגאַנצן אומגערעכט. פונדעסטוועגן...

— פונדעסטוועגן, — כאַפּט איבער באַריע סימקין, און זײַן מיינונג איז בעפּיירעש איבער־צײַגעוודיק: ער איז דאָך דאָ ניט לאַנג צוריק אַליין דורכגעגאַנגען דורך דעם דאָזיקן אומ־צוטרוי צו „יונגע און גרינע", און איצטער שאַרט ער זיך שוין צו די „אַלטע און דערפאַ־רענע". — פונדעסטוועגן מיין איך, אַז נאָכן פּאַרענדיקן דעם אינסטיטוט דאַרף מען גאָר ווײַ־ניק צײַט, אַ צוויי־דרײַ כאַדאָשים, ניט מערער, קעדיי צו אַרבעטן זיכער און באַהאַוונט.

נו, און לענע כירעוויטש, וואָס איז נאָך אַי יונג, אַי „גרין"?

ניט שרעקלעך. זי אַרבעט אַצינד מיט דערפאָלג איבער אַ פּראָיעקט פון אַ לאָגישן אויו־טאָמאַט. ער, דער דאָזיקער „ראָבאָט", וועט אַליין, אָן דעם מענטשנס אַרײַנמישונג, אָנפירן און רעגולירן מיט די קאָנדענסאַט־פּלומפּן און צוגרייטן דעם טראַקט פאַר וואַסער־צירקוליאַ־

ציע. דערווײַל זעט ער אויס
אַף פּאַפּיר, ווי אַ קייטעלע פון
רעדלעך, ראָמבעלעך, גלײַכ־
עקן. נאָר סע וועט דורך אַ
געוויסע צײַט, און די דאָזיקע
פּאַפּירענע קייט פון געאָמעט־
רישע צייכנס וועט פאַר־
וואַנדלט ווערן אין אַ טעטי־
קער עלעקטרישער סכעמע
מיט דראָטן, דיאָדן, קאָנדענ־
סאַטאָרן, לאָגישע עלעמענטן.

פּייסעך פּערלאָווסקי (שטייט) און באָריס סימקין

און איצטער אַ פּאָר ווער־
טער וועגן דעם קלימאַט אין אָט
דעם קליינעם וועלטעלע און
וועגן סטיל פון דער אַרבעט.

אַלעקסאַנדער ליסאָווסקי, קורץ:

— מע קען זאָגן, אַז דער קלימאַט איז בײַ אונדז אַ גינסטיקער.

סאַשע איז זייער אָנגעלייגנט און אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי אידייען. זײַן ערודיציע איז ברייט און טיף. און ניט נאָר אין ריין־טעכנישן אָדער וויסנשאַפטלעכן געביט. ער איז גרינטלעך באַהאַוונט אין הילכעס ליטעראַטור, קונסט, סאָציאַלע פראַגן. זײַנע באַמערקונגען איבעראַשן מיט זייער ניט געוויינלעכקײַט, אָפּאָריסטישקײַט. אָט דאָס לעפּיש אויסגעדראָשנס: „מע קען זאָגן, אַז דער קלימאַט איז בײַ אונדז אַ גינסטיקער", איז ניט מער ווי אַן אומיסטנ־דיקער באַווײַז פון קלוימערשטער אומבאַהאָלפנקייט. די סאַמע געוויינטשענע קלערענישן זײַ־נע גיט ער אַרויס אין אַ לאַכערלעכן לעוווש, קעדיי מע זאָל אים, כאָלילע, ניט כוישעד זײַן אין אינפאַנטילער טרוימערײַ.

— ס'קען דען זײַן אַ טריבער קלימאַט אין אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט צוויי זונען און לענע כירעוויטש?

פּערלאָווסקי איז באַאַריכעסדיקער און פּאַשעטער. ער איז געזעצט און ברייטפּלייציק און טיף אײַנגעוואָרצלט אין אַרומיקן לעבן, צום אונטערשייד פון זײַן זיידן יאַנקעוו פּערלאָוו־סקי, וואָס אָט אַנטלויפן ער קיין אַמעריקע פון די צאַרישע פּאָראַנדקעס, און אָט קערט ער זיך אום צוריק, וואָרעם די בענקשאַפט נאָך דער היים איז שטאַרקער פון די איליוזאָרישע „אַמעריקאַנער גליקן". פּייסעך פּערלאָווסקי איז שוין צווישן די „אַלטיטשקע". ער איז אַלט גאַנצע דרײַסיק יאָר און האָט שוין אַ סאָלידן אַרבעט־סטאַזש. צו דער וויסנשאַפט איז אים אויסגעקומען שווערלעך זיך דורכשלאָגן. ער האָט געאַרבעט אַלס שאָפער, טעכנישער קאָנט־ראָליאָר, נאַלאַדטשיק, און אײַנצײַטיק שטודירט ער אָפּן אָוונטיקן פאַקולטעט פונעם פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט, שוין אַ כאַסענע־געהאַטער און אַ טאַטע פון אַ מיידעלע — וויקטאָריע. מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען באַקרוינט דאָס קינד, ווײַל עס איז געבוירן געוואָרן דעם נײַנטן מײַ, און „וויקטאָריע" הייסט זיג.

פּערלאָווסקי גלעט צו זײַנע קופּערנע קודלעס, רעדט אויס זיכער, האַפּערדיק:

— אונדזער קאָלעקטיוו איז אַ כאַווערישער, אַ צונויפגעשמאָלצענער. מיר סטאַרען זיך פאַרשטיין איינער דעם צווייטן.

— נאָר...

— איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. פאַראַן פאַרשידענע מענטשן. בעסערע און ערגערע, קליגערע און נארישערע... אַ קאָלעקטיוו אָבער באַזיצט געוויסע מיטלען, וועלכע ווירקן, בעדערעך־קלאַל, ריכטיק און צוועקמעסיק. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז צווישן אונדז קען זיך געוויס אַרײַנדרייען עפּעס אַ פאַרשוין מיט... נו, ווי מע זאָגט, מיט ניט קיין גאָר איידעלע מידעס. איז דעמלט איינס פון די ביידע: אָדער ער וועט זיך איבערקאָכן אין אונדזער קעסל, דעמלט וועלן מיר אים אײַנשליסן אין אונדזערע צעשפּרייטע אָרעמס, אויב ניט — וועט ער מוזן אונדז פאַרלאָזן.

די בלייכקײַט אַף באָריס סימקינס פּאָנעם ווערט ראָזעווע. ער שלאָגט איבער פּער־לאָווסקין.

— אונדזער לעבן איז אָפן פאַר אַלעמען, סײַ באַטאָג אַף דער עלעקטראָסטאַנציע, סײַ אָפדערנאַכט אינעם האָטעל. עס מוז זײַן ריין וואָס ריין הייסט. פאַרגעסט ניט, אַז מיר פאַרמאָגן דאָ צוויי זונען. זייער שײַן איז אַזוי העל, אַז דאָס מינדסטע פּגימעלע זעט מען באַלד...

דער סטיל איז צוגעפּאַסט צום קלימאַט. אַן אומגעצוווּנגענער. אַ טאַקטישער. מע פּרוווט זיך באַגיין אָן באַזונדערער רעגלאַמענטאַציע, איבערהויפּט אָן קליינלעכער. די באַהאַרצטע יונגעלײַט פּרוּוון זיך דורכרײַסן אין דער צוקונפט, ניט נאָר אין געביט פון וויסנשאַפט און טעכניק, נאָר אויך אין דער סאָציאַלער ספער. דאָס אַלגעמיין באַוווּסטע „אַרבעטן מיט געוויסן" באַנעמען זיי גאַנץ קאָנקרעט, מאַמאַשעסדיק, ווי אַ לעבן־באַדערפעניש, און ניט ווי אַ שיינעם לאָזונג. דעם פאָרמעלן טאַבעל־צוגאַנג, מיט זײַן ניט זעלטענער האַרטקײַט, אומביישייגעוודיקײַט, צומאָל אַפילע צײַט־פאַרשווענדערישקײַט פאַרבײַטן זיי מיט אַ וויסנשאַפטלעכן פּרינציפּ פון נוצלעכן צײַט־אויסברענג. און פּונקט אַזוי, ווי דער אַכטער שטאָק פונעם האָטעל איז אין אַ געוויסער מאָס אַ „פאַרלענגערונג" פון דער עלעקטראָסטאַנציע, אַזוי קען מען אויך ניט דורכפירן קיין גענויע גרענעץ צווישן זייער אַרבעט־צײַט און פּערזענלעכער צײַט. אָפדערנאַכט, אין האָטעל, טרינקענדיק שטאַרקע טיי אָן צוקער, זעצן זיי פאָר די וויסנשאַפטלעכע באַראַטונגען אָדער די פּראָדוציר־שמועסן, וועלכע מע האָט אָנגעהויבן באַטאָג אַף דער אַרבעט.

און אין דעם פײַערלעכן און אַכרײַעספּולן מאָמענט, ווען מע האָט געלאָזט דעם בלאָק אין עקספּלואַטאַציע, און דאָס האָט גראָד געטראָפן אין דער צווישנצײַט פונעם אַלטן און נײַעם יאָר, האָט די בריגאַדע באַגעגנט דאָס נײַע יאָר ניט בײַ אַ גרינער יאָלקע מיט שמעקנדיקע שפּילכלעך, נאָר באַם הויפּט־פּולט פונעם בלאָק.

יורי פּלאַקס צימער אין האָטעל האָט אין יענעם אָפדערנאַכט, ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אים, אויסגעזען ווי אַ קליינינקע ביוראָ. אומעטום, אָפן טישל, אַף די בענקלעך, אַף די צוויי בעטלעך זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט שמאָלע פּאַפּירענע לענטעס מיט לאַנגע קאָלאָנקעס ציפערן, און יורי פּלאַק האָט פאַרדײַגעט „איבערגעזעצט" אַף אַ רעכן־מאַשינקע די באַדינגלעכע אָנגאַבן.

— דאָס אַרבעט איר אין אַ צווייטן אומבײַט?

— עס, — טוט אַ מאַך מיט דער האַנט פּלאַק. — ניט שרעקלעך. איר זעט דאָך, אַז מיר אַרבעטן אין גאָר ניט קיין שלעכטע באַדינגונגען. אַ באַזונדערער צימער, וואַרעם, געמיטלעך. און ס'איז געווען אַ צײַט, ווען דער דאָזיקער גרויסער באַקוועמער האָטעל איז געווען נאָר אַף פּאַפּיר, און געלעבט האָט מען אין צוזאַמענגווינונגען. און נישקאָשע. מע האָט יאַקאָס געלעבט, געאַרבעט און אַפילע געפירט דיספּוטן: „וואָזוי פאַרשטייסטו די הײַנטצײַטיקע ראָמאַנטיק?" אָדער „אויב ניט איך, איז ווער?"

אין סאַשע ליסאָווסקיס אויגן צעשײַנט זיך אַ שמייכעלע. ער כאַזערט איבער פאַרקלערט צוויי מאָל:

— אויב ניט איך, איז ווער? אויב ניט איך, איז ווער?

נאָכדעם כאַפּט ער זיך אַרויס:

— עפּעס מעשונעדיקע אַסאָציאַציעס!

פאַרקלערט זיך ווידער און זאָגט:

— מײַן טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז דער זיידע פלעגט פּערזענלעך קנעלן מיט אים קאַפּיטלעך פון לערליי הייליקע ספאָרים. דאָס לינקע אויג איז באַם זיידן געווען שוין קימאַט בלינד פון אַלטקײַט און פונעם לייענען די קליינע אויסיעלעך פון די פּילצאַליקע קאָמענטאַרן. פלעגט זיך דער טאַטע זעצן בײַ דער לינקער זײַט, מיט איין אויער הערן, וואָס דער זיידע טײַטשט אים אויס, און מיט ביידע אויגן לייענען בעשאַסמייסע ביגניוווע זשול ווערנען. עפּעס איז פונדעסטוועגן בײַ אים פאַרבליבן...

און סאַשע ברענגט אַרויס מיט צאָרעס און מיט גרײַזן, און פאַרטײַטשט אָן אַלטן פּאָסעק: ניט איך וועל דײַגענען פאַר זיך, איז ווער וועט?

סימקין שלאָגט איבער:

— ס'איז ניט דאָס זעלבע.

ליסאָווסקי באַשטעטיקט.

— אַוודע. דאָרטן איז פאַר „זיך". און דאָ, בײַ אונדז, אינעם דעוויז „אויב ניט איך, איז ווער?" מיינט מען דעם קאָלעקטיוו, פאַר זײַן ווילשטאַנד.

פאַראַן קאָלערליי יובילייען און קאָלערליי יובילאַרן. מעלוכעס, שטעט, מענטשן, געשעענישן... וויפל דויערט אַ יויוול? געווייינלעך, אַ טאָג. עס קאָן זײַן — מערער. אָבער ווינציקער

קער, זאָגט איר, קען אויך ניט זײַן? האָט איר א טאָעס. כ׳וועל אײַך דערציילן וועגן א יויוול, וואָס האָט געדויערט איין סעקונדע.

אין א שיינעם טאָג, בא עלף אזייגער אפדערנאכט, האָט זיך אפן עלעקטראָציילער פון דער זאפּאַראָזשיער גרעס, וואָס איז באַקרוינט מיטן בעקאַוועדיקן נאָמען XXV צוזאמענפאָר פון דער קפּסס, אף א סעקונדע באַוויזן א לאַנגע צאָל פון עלף פּיערדיקע ציפערן — 50.000.000.000. די מענטשן האָבן זיך געפרייט און, פארשטייט זיך, איינצײַטיק געכאָכמעט זיך דערבײַ, ווי זייער שטייגער.

ליסאָוווסקי פרעגט:

— אַנו, ווער איז דער סאמע ערודירטער צווישן אײַך? איז זאָל ער אויסדריקן די דאָזי־קע קאָפּשווינדלדיקע ציפער מיט פּרימיטיווע ווערטער.

און טאקע גלײַך האָבן דורכגעשאַלט אויסרופן מיט א געמיש פון געלעכטער.

— וואָס זאָגסטו, אמהאָרעץ? פינף מיט נאָלן?

— עהע! דו ביסט אויך אן אָפּגעשטאָנענער. פינף מיליארדן!

ליסאָוווסקי מאכט זיך לוסטיק.

— איר זײַט אלע שוואכלינגען! א שאָד, וואָס מע האָט אײַך געמאכט פאַר אינזשעניערן מיט הויכבילדונג!

— ס׳איז דען פאראן אינזשעניערן מיט נידעריקער בילדונג?

— וואָדען, ניט פאראן? אָט זע איך דאָך זיי.

סימקין טרעט ארויס פאָרויס. באַהאַלט אויס דעם שמייכל אין די ווינקלען פונעם מויל און דערקלערט ערנסט און פּײַערלעך:

— פּופציק מיליארד!

ליסאָוווסקי ווערט גנעדיקער.

— א פינף מיט א מינוס.

— פאַרוואָס עפּעס „מיט א מינוס"? — פרעגט באָריע קלוימערשט אופגעבראכט.

— ווײַל דו האָסט צו לאַנג געקלערט.

לענע פרעגט אונטערגעשטראָכן טאַמעוואַטע:

— אָבער וואָס באטײַט דאָס?

און פּערלאָווסקי, וואָס איז שוין אלט גאַנצע דרײַסיק יאָר, פארטײַטשט סטאַטעטשנע און איינצײַטיק פּײַערלעך:

— דאָס באַטײַט, אז די זאפּאַראָזשיער גרעס האָט אויסגעארבעט פאַר איר צווייענדיקער עקזיסטענץ פופציק מיליארד קילאָוואט־שאָען עלעקטראָענערגיע.

— וואָס הייסט „צווייענדיקע עקזיסטענץ"? — פרעגט א יונגיטשקע לאַבאָראַנטקע, וואָס ארבעט קוים א כּוידעש צײַט.

— ס׳הייסט, אז די גרעס האָט זיך סײַ געבויט און סײַ אויסגעארבעט עלעקטראָענערגיע. צוערשט האָט מען געלאָזט דעם ערשטן בלאָק, דערנאָך — דעם צווייטן, דעם דריטן... אזש ביזן אכטן.

— נו, און ווי גרויס איז אונדזער צושטײַער אין דער־אָ צאָל?

אף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערט פּערזענלעך טשובאַקאָוו.

— אונדזער צושטײַער? אין קילאָוואטן קען מען דאָס ניט אויסדריקן. אוממעגלעך. נאָר וואָדען, עקאָנאָמיש קען מען באַשטימען. און, ערנוואָרט, די צאָל איז אויך ניט קיין קליינע — 1.600.000. ס׳הייסט, א מיליאָן און זעקס הונדערט טויזנט רובל עקאָנאָמישן עפעקט האָבן געגעבן אונדזערע דערפינדונגען, ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן און פאַרפּולקומונגען.

געוויס האָט יוזשטעכנענערגאָ דורכגעפירט א מערקבארע ארבעט אין ענערגאָדאָר און ניט נאָר דאָרטן. אף אנדערע עלעקטראָסטאנציעס אויך.

כ׳מיין, אז די דאָזיקע דערפּאָלגן האָט די אונטערנעמונג דערגרייכט אדאַנק דעם, וואָס די וויסנשאַפט איז דאָרט ענג פארבונדן מיט דער פּראָדוציררונג, מיטן לעבן, זי דיסקאָנטירט רעכטצײַטיק זייערע אקטועלע פּאָדערונגען. אין דער הינזיכט איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס צווישן די שעפערישע סאָציאַליסטישע פארפליכטונגען, וועלכע דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט אָנגענומען, איז פאראן אויך אזא וויכטיקע און הומאַנישע פארפליכטונג: דורכפירן א קאָמפּלעקס מאָסמיטלען אף צו פאַרהיטן די ארומיקע נאַטור, וואָס עס וועט פארקלענערן דאָס ארויסוואַרפן פון אש אין דער לופט אף 250.000 טאָן און פון נאַפט־אָפּפאַלן אין דעם וואַסער — אף 150 טאָן.

...אַלעקסאַנדער ליסאָווסקי טראַכט אַף אַ קאָל. אַפֿילע אין זײַנע מאַכשאָווועס וויל ער ניט אויסזען ווי עפּעס אַ פּוסטער טרוימער. דעריבער שמייכלט ער געדאַנקלעך צו. און דאָס איז שוין אײַער זאַך, — פֿאַרשטייט ווי איר ווילט.

„די שטאָט פֿון דער זון“ האָט קאַמפּאַנעלאַ געשריבן אין דער טפּיסע. די זון האָט אין טפּיסע ניט אַרײַנגעשײַנט. האָט די שטאָט אויסגעזען אין זײַנע אויגן דאָפּלט פּרעכטיק.

אַז „די שטאָט פֿון דער זון“ איז אַן אוטאָפּיע, ווייסן אַלע נאָך פֿון דער סטודענטישער באַנק, און מע דאַרף קיינעם ניט איבערצײַגן אין דעם. עס שײַנט, אַז איבערצײַגן דאַרף מען אין עפּעס פּונקט קאַפּוירס: אין דער מעגלעכקײַט און עפּשער אַפֿילע אין דער נויטווענדיקײַט פֿון אַ הײַנטצײַטיקן וואַריִאַנט פֿון אַזאַ מין שטאָט. וואָס הייסט „הײַנטצײַטיקער וואַריִאַנט“? מינוס קאַמפּאַנעלאַס אָבערגלויבעכצן און פּליוס טעכניש־וויסנשאַפֿטלעכע און סאָציִאַלע איצטערדיקײַט.

פֿאָטענצן? ביז גאָר גרויסע! דעמלט האָט די מענטשהײַט געהאַט נאָר איין זון — די הימלשע. איצטער — צוויי. די הימלשע און די ערדישע (עלעקטרישע), און דעריקער — די מענטשהײַט האָט איצט סאָציִאַליסטישן ראַכוועס און פּאַרנעם.

אָנהייבן פֿון אַן עקספּערימענט. אַוודע. אַ שטאָט — אַ סאָציִאַלע לאַבאָראַטאָריע. אַרײַנגאַנג — ווי אין צענטראַלן פּולט: אַראָפּנעמען די אַלטע שיך מיט דער אָנגעקלעפּטער בלאָטע און אָנטאָן נײַע, ריינע.

אין דער נײַער שטאָט דאַרף אַלץ זײַן אַף אַ נײַעם אויפֿן. נײַע מינהאָגים, נײַע קונסט, נײַע פֿאַרווײַלונגען. קיין שום אײַנאַרטיקײַט. קיין שום אויסגעדראָשנקײַט. זיי רופֿן אַרויס נאָר לאַנגווײַל און פֿאַרדראָס. און דער פּאָן פֿון גליק איז — אַ גוטע שטימונג.

דאָס באַטײַט בעשום־אויפֿן ניט אָוועקמאַכערײַ פֿון פּערזענלעכע אָנשטרענגונגען: גיט מיר אַ גוטע סוויווע, וועל איך אויך זײַן אַ גוטינקער. פֿאַרקערט. אַלץ הייבט זיך אָן פֿון „זעלבסט“. זעלבסטדיסציפּלין. זעלבסטדערציִונג. זעלבסטפּערפֿולקומונג. און איר זאָלט קיינמאָל זיך ניט מעיאַעש זײַן, אויב איר וועט צען מאָל פּרווון דערהייבן זיך העכער פֿון זיך און איר וועט צען מאָל ווידער אַראָפּנידערן צום פֿריִערדיקן ניוואָ. פּרווט דאָס עלפֿטע מאָל. פּרווט נאָך צען מאָל. צוואַנציק מאָל. הונדערט מאָל. אַליין דער פּרווו דערהייבן זיך איז שוין אַ דערהייבונג.

פון די מאָסקווער קונסט־אויסשטעלונגען

יו. טשערנאָוו. אַן ארבעטער

ל. טשאַרבאַדזע. באַם טיומענער נאַפט

וו. טשולאָוויטש. א דאָרף הינטער מאָסקווע

וו. סיגאָרסקי. נײַער ארבאט

ג. טשעריאָמושקין. א יִישעוו אף דער טראַסע

מ. פינאָגענאָווא. ווינטער





ו. טשולאָוויטש. קאַמטשאַטקער פישער

א. און ס. טקאַטשאָוו. אַף די פרידלעכע פעלדער

רעוון פוסטילניקאָוו

זאפטיקע גראָז

דער ליובערצער זאוואָד ארבעט אויס מאשינעס פאר דער לאנדווירטשאפט, שנײַד־מאשינעס, וועלכע פארבײַטן טויזנטער מענטשישע הענט, מאשינעס אַף אראָפּצושנײַדן גראָז, מיט וועלכע מע האָדעוועט אויס פי.

ביז הײַנט דערציילט מען דאָ אזא געשיכטע.

דאָס איז געווען אין 1924 יאָר, ווען עטלעכע הילצערנע זאוואָדישע קאָרפוסן זײַנען איבערגעגאנגען פון אן אויסלענדישער אקציאָנער־קאָמפּאניע אין אייגנטום פון דער סאָוועטישער מעלוכע. מע האָט די אונטערנעמונג אָנגערופן מיטן נאָמען „אוכטאָמסקי״ — לעקאָוועד דעם באוווסטן העלד פון דער רעוואָליוציע אין די יאָרן 1905—1907, און דער זאוואָדישער ארבעטער־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זוכן און קלערן, מיט וואָס דארף זיך די אונטערנעמונג פארנעמען, וואָס פאר א פּראָדוקציע אויסארבעטן פארן לאנד. און גראָד דעמלט איז געקומען א גאָר יונגער פּויער — איוואן דעמידאָוויטש זשירקאָוו. אַף איינער פון די זאוואָדישע ארבעטער־פארזאמלונגען, ווען ס׳איז געגאנגען נאָך א שטרײַט, האָט ער געזאָגט:

— אלע קלערן באָר וועגן דעם, וויאַזוי עס זאָל וואקסן אַף דער ערד עסנווארג פאר מענטשן, און קיינער קלערט ניט, מיט וואָס צו האָדעווען די בעהיימעס. פארן פי איז גראָז, ווי ברויט פאר מענטשן. גראָז — דאָס איז מילך און פלייש. און אויב איר ווילט, אז די געראטעוועטע בעהיימעס און פערד, וועלכע זײַנען פארבליבן נאָך די ווײַסע באנדעס, זאָלן ניט פאלן, איז העלפט אונדז. קוידעמקאָל דארף מען האָבן, מיט וואָס צו שנײַדן דאָס גראָז פון די גערדיכטע וועלדער, וועלכע האָבן פריִער געהערט די גוטבאזיצערס און איצט זײַנען די באלעבאטים מיר אליין. שנײַדן דאָס גראָז מיט קאָסעס איז א געפאר פאר די געדיכטע יונגעביימער. מיר דארפן האָבן שארפע סערפּן.

דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט האָבן די ארבעטער פון דעם אוכטאָמסקער זאוואָד געקאָוועט סערפּן. און דערנאָך האָבן דרײַסיק ארבעטער זיך א לאָז געטאָן אין די דערפער, געהאָלפן די פּויערים פארגרייטן אַף ווינטער גראָז פאר די בעהיימעס און פערד. די סערפּן האָבן זיי איבערגעלאָזט אלס מאַטאָנעס פאר די פּויערים. איינער פון אָט די ערשטע סערפּן איז פארבליבן בא איוואן זשירקאָוון.

אינעם זאווקאָם פון דעם ליובערצער זאוואָד האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די לעבעדיקע איידעס פון יענער געשיכטע. צווישן זיי האָט מען מיר אָנגערופן אראָן ליבמאנען. זײַן טאטע איז געווען איינער פון די ערשטע ארבעטער פון אוכטאָמסקער זאוואָד, וועלכע האָבן אויסגעקאָוועט די סערפּן, געשניטן מיט זיי דאָס גראָז.

ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אז דער אוכטאָמסקער זאוואָד האָט באשטימט אויסארבעטן שנײַד־מאשינעס פאר גראָז, זײַנען פון פיל דערפער אָנגעקומען אהער ווינטשעוואניעס.

צווישן די ארכיוו־דאָקומענטן, וואָס ווערן אָפּגעהיט אפן זאוואָד, איז פאראן איינער וועגן דעם, ווי וו. אי. לענין האָט אין 1924 זיך געווענדט מיט א בריוו צו די מיטגלידער פון דער קאָלעגיע פונעם „נארקאָמפּראָד״, אין וועלכן ער האָט געשריבן: „זייער וויכטיק איז איצטער העלפן מיט וואָס נאָר מע קאָן דעם אוכטאָמסקער זאוואָד. די ארבעטער פונעם זאוואָד האָבן א סאך געהאָלפן אײַנשטעלן אין אונדזער לאנד די ראטנמאכט...״.

ביז דער רעוואָליוציע, ווען אפן זאוואָד זײַנען די באלעבאטים געווען די אמעריקאנער, האָבן זיי קיין ייִדן אַף ארבעט ניט גענומען. ווען אין 1905 יאָר האָט אויסגעבראָכן דער רעוואָליוציאָנערער אופשטאנד, זײַנען אויך די ארבעטער פון דעם זאוואָד ארויסגעטראָטן מיט געווער אין די הענט. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, זײַנען צווישן די ארבעטער געווען אויך צוויי ייִדן מיט פאלשע פּאספּאָרטן, איינער פון זיי האָט געטראָגן דעם צוגעטראכטן נאָמען כאריטאָן גוילקאָ. ער האָט געארבעט אלס טרעגער. אָפּטמאָל האָט מען אים אויסגע־

נוצט אין קוזניע — ער פלעגט מיט א שווערן האמער העלפן אויסקאָוועם אײַזערנע דעטאַלן, געשטאַנען בײַ דעם בלאָזזאַק. דאָס איז געווען א גוואַר מיט קרעפטיקע מוסקולן: ער האָט געקענט נעמען א פּידקאָווע און זי אויסגלײַכן מיט די הענט, אָן א האַמער פּאַרקלאַפּן אין א ברעט א טשוואַק.

קײנער אָפּן זאַוואָד האָט ניט געוווּסט די טרויעריקע געשיכטע פון זײַן לעבן ביז דער רעוואָליוציע.

איך האָב געהאַט א שמועס מיט גוילקאָס אײניקל, א באַשײדענער פרוי, זי וווינט אין א דירע, וועלכע דער זאַוואָד האָט איר אויסגעטײלט אין א נײַעם מיקראָ־ראַיאָן, אָף דער גאַס, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פונעם ערשטן זאַוואָדישן דירעקטאָר פּאַנאָוו. די פאַמיליע פונעם איצטיקן דירעקטאָר איז לעוויצקי. אַלע האָבן מיר גערעדט זיך דורכשמועסן מיט דער מישפּאָכע פונעם פאַרשטאָרבענעם געדאַליע ליבמאַן (דעם געוועזענעם כאַריטאָן גוילקאָ), ווײַל ער איז געווען פון די „דרײַסיקער״, — אַזוי האָט מען גערופן די, וועלכע האָבן מיט דרײַסיק סערפּן די ערשטע זיך געלאָזט אין די דערפער שנײַדן גראָז.

כאַריטאָן גוילקאָס אײניקל האָט מיך זײער פרײַנטלעך אופגענומען. זי האָט זיך טאַקע דערפרײט, ווען איך האָב איר געוויזן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד״:

— מיט אײַן באַזוך צו אונדז וועט איר ניט אָפּקומען. איך האָב אײַך א סאַך וואָס צו דערציילן וועגן מײַן זיידן, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געטראָגן א פרעמדע פאַמיליע און האָט זיך אומגעקערט צו זײַן עמעסער נאָך דער רעוואָליוציע. שטעלט זיך פאָר, ווען מײַן זיידע זאָל געווען דערלעבן צו זען אָט די קראַסאָוויצעס, די נײַע שנײַד־מאַשינעס, וועלכע עס אַר־בעט איצט אויס מײַן זאַוואָד... יאָ, יאָ... כידעשט זיך ניט, וואָס איך זאָג — מײַן זאַוואָד. דאָ האָט געאַרבעט מײַן זיידע, מײַן טאַטע ביז דער פּענסיע, און אויך איך. און מײַן זון, ווען ער וועט פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, וועט דאָ אויך אַרבעטן.

די פרוי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן. זי האָט מיר אויסגערעכנט אַלע נײַע קאָנסט־רוקציעס פון די שנײַד־מאַשינעס, פון די נײַע קאָמבײַנען, פון דער נײַער טעכניק.

איך האָב זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און זי איבערגעשלאָגן:

— וועגן די נײַע מאַשינעס דערנאָך, איך וויל זיך נעענטער באַקאָנען מיט די מענטשן פון אײַער זאַוואָד, און דאָס האָט מיך געבראַכט צו אײַך.

די פרוי איז געבליבן שטײן שוויַיגנדיק, א קוק געטאָן מיט אירע פרײַנטלעכע אויגן פריִער אָף מיר, דערנאָך אָפן זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד״.

— נו, גוט, — האָט זי געזאָגט, — אָט וועל איך צוגרײטן טײ, וועלן מיר אײַך ענטפערן אָף אַלע אײַערע פראַגן.

זי איז צוגעגאַן צום אָפענעם פענצטער. פון צווייטן שטאָק האָט זי אַרויסגעשריִען אָף דער גאַס:

— טאַטע! קום אַרײַן, איך דאַרף דיך האָבן. — און צו מיר: — אָט וועט מײַן טאַטע אויך עפּעס דערציילן.

זי איז אוועקגעלאָפן אין דער קיך. איך האָב אַרויסגעקוקט אין פענצטער. ס'איז געווען זונטיק, א שײנער פרילינגדיקער טאָג. דער אַרום איז שוין געווען באַקרוינט מיט גרינעם. אונטער געדיכטע אַקאַציע־בײמער זײַנען געזעסן מאַנצבילען בײַ ברײטע טישן און געשפּילט אין דאָמינאָ. איך האָב באַמערקט, ווי אײנער פון זײ האָט זיך אופגעהויבן פונעם שפּיל־טיש, זיך געלאָזט גײן, און כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז דער פאָטער פון דער פרוי.

אין שטוב איז אַרײַנגעקומען א ייִד אין די זעכציקער מיט א שײנער צעקעמטער באָרד. אָף זײַן פריש־אויסגעפּרעסטן פּידזשאַק זײַנען געהאַנגען צוויי ערן־צײכנס: פון א וועטעראַן פון דער מילכאָמע און פון א וועטעראַן פון מי.

— איר דאַרפט צו מיר?

איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָט ער אויסגעצויגן די האַנט מיט א ברײטן שאַ־לעם־אַלײכעם, אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א קעמעלע, פאַרקעמט די באָרד און גלײַך גענומען אין האַנט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד״, אים א בלעטער געטאָן:

— אָט דעם באָכער באַקום איך אַלע כוידעש, און פונדעסטוועגן טראָג איך אָף אײַך א פּאַרדראָס. סטײַטש, אַזא מײַסע... דעם מאַלאַכאָוקער זאַוואָד האָט איר באַשריבן, איז מיט וואָס איז ער א גרעסערער מעיוכעס פון אונדזער זאַוואָד, האַ? צי עפּשער איז פאַר אײַך גראָז פאַר די בעהײמעס א קלענערער אויצער, אײדער קוילן? נאַטירלעך, באַם טיש קאָנט איר ניט פילן דעם טאַם פון די זאַפטיקע גראָזן. אין ברײטן פעלד... ס'איז דאָך פּאַשעט א גאַנײדן! און ווען איר זאָלט זען, ווי אונדזער נײַער קאָמבײַן שפּאַנט און שלינגט אָט די מאָלעטאַמעדיקע גראָזן. נאָך אים שפּרײט זיך אויס פאַר אײַערע אויגן א ברײטער סטעפּ מיט

גרינגע טעפּיכער. איך האָב געהאַט דעם קאָוועד צו פירן אזא קאָמבייַן. און נאָך מער פרייט די נעשאָמע, ווען מע זעט, אז די בעהיימעס קוויקן זיך מיטן גראָז. גיט מיר אָבער צו פאַרשטיין איין זאַך: מע שרייַבט זייער פיל וועגן ברויט, מע זינגט וועגן אים לידער, איז נעכייַ וואָלט מען וועגן אונדזער מי אויך עפּעס צוגעטראַכט א מין געזאַנג. אונדזערע שנייַד־מאַשינעס האָבן דאָך א שעם אין דער גאַנצער וועלט!

זאָג איך אים, אז איך בין טאַקע געקומען עפּעס וועגן דעם אָנשרייַבן, בעסויכעם וועגן אים.

טוט ער א שמייכל:

— וואָס זשע, איך בין דען איינער? טויזנטער מענטשן אַרבעטן אַף אונדזער זאַוואָד.

די פרוי האָט אַרייַנגעטראָגן פון דער קיך טיי מיט היימיש געבעקס. און באַם פרייַנטלעכן טיש האָב איך זיך דערוווּסט, אז דעם ייִדן רופט מען אַראָן געדאַליעוויטש, ער איז אַן אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אַפן זאַוואָד „אוכטאָמסק” אַרבעט ער אַן ערעך דרייַסיק יאָר אלס מעכאַניקער און אויספּרוּווער פון די שנייַד־מאַשינעס.

— איך באַקלאָג זיך איצט אויך ניט אַף מייַן גוירל, כאָטש איך זיץ מער אין שטוב, ווי אַפן זאַוואָד, — זאָגט ער. — ווייַל איך בין אַן אינוואַליד, — דערקלערט ער מיר, — האָט מען מיך באַגלייט אַף פּענסיע אין עלטער פון פינף און פופציק. נאָר סייַווי האָב איך זיך ניט אָפּגעזעגנט מיטן זאַוואָד. אָט האָט מען מיר איצט פאַרטרויט העלפן אָרגאַניזירן אונדזער מוזיי. דאָס איז ניט קיין גרינגע אַרבעט. מע דאַרף זוכן און זוכן פאַרשיידענע כפייצים, דעטאַלן, דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס. נעמט, לעמאָשל, אזא זאַך: מיר זוכן דעם ערשטן סערפּ, וועלכן אונדזער זאַוואָד האָט אויסגעאַרבעט. א נעכטיקער טאָג... דוכט זיך, א קלייניקייַט, א שטיקל אייַזן אין געשטאַלט פון א סערפּ... איז דאַפקע ער, אָט דער ערשטער סערפּ, האָט פאַרדינט דעם גרויסן קאָוועד, מע זאָל אים אופהענגען אַף דער מיזרעך־וואַנט. אָבער דערווייַל איז אים שווער צו געפינען...

— „דער ערשטער סערפּ”, ווי איך האָב זיך דערוווּסט, איז אויך פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אייַער טאַטן כאַריטאָן גוילקאָ, — האָב איך איבערגעפירט דעם געשפּרעך.

— איר ווילט זאָגן, מיט מייַן טאַטן גערדאַליע ליבמאַן? — ענטפערט ער מיר.

— יאָ, — זאָג איך. — גערדאַליע ליבמאַן.

אַרן ליבמאַן טוט עטלעכע זופּ טיי פון דעם פאָרצעלייַענעם קווערטל, אַף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן זייַן נאָמען, הייבט זיך אוף פון בענקל און נעמט דערציילן:

— מייַן טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין א ייִדיש שטעטל אַף אוקראַיִנע. נאָך ייִנגלווייַז האָט ער געהאָלפן זייַן טאַטן דעם שמיד — א קרעפּטיק ייִנגל געווען. איינמאָל איז אין שטעטל אַרייַנגעפאָרן א וואַנדער־ציִרק, און דער באַלעבאָס פונעם ציִרק האָט אים פאַרנאַרט צו זיך. אזוי האָט ער גענומען וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. ווען דער ציִרק איז אָנגעקומען קיין ליובערצי, ס'איז געווען אין 1904, האָט מייַן טאַטע שוין געהאַט א פאַלשן פּאַספּאָרט. ער האָט פאַרקלערט אָפּזוכן אַן אַנדער אַרבעט. א וואָך צייַט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן, אז דער באַלעבאָס זאָל אים ניט געפינען. ווען דער וואַנדער־ציִרק איז פון ליובערצי אָפּגעפאָרן, האָט זיך מייַן טאַטע באַקאַנט מיט איינעם אַן אַרבעטער, און יענער האָט געבעטן, מע זאָל מייַן טאַטן נעמען אַף אַרבעט אין דעם זאַוואָד. אין די רעוואָליוציאָנערע טעג האָט מען אים אַרעסטירט. מע האָט זיך דערוווּסט, אז ער איז א ייִד, און אים פאַרשיקט קיין סיביר. אומגעקערט האָט ער זיך אין 1918 און ווידער געאַרבעט אַף דעם זאַוואָד. אין צען יאָר אַרום איז ער פון א שווערער קרענק געשטאָרבן.

איך בעט, ער זאָל עפּעס דערציילן וועגן זיך. זאָגט ער:

— אָט ווי איר זעט, לעב איך ניט שלעכט. צום זאַוואָד איז „צען שפּאַן”, נאָר וואַנדערן איז מיר אויסגעקומען א סאַך פון איין צעך אין צווייטן. ניטאָ קיין איין דעטאַל, וואָס זאָל ניט געווען דורכגיין דורך מייַנע הענט. ניט געווען קיין איין נאַטשאַלניק, וואָס זאָל מיך ניט קלאָפּן איבער דער פּלייצע: „מאָלאָדיעץ”. לעמייַ זאָל איך לייקענען, איך האָב געיאַרשנט מייַן טאַטנס אויטאָריטעט. ער איז דאָך געווען פון די ערשטלינגען. פיר פאַרסמאַליעטע צעכן, טעכניק — אַפן שפּיץ פינגער, אַלץ מיט די הענט: שלייַפן, שאַרפן, שנייַדן, קאָוועז. דעם גאַנצן זאַוואָד האָט מען געקאָנט אַדורכשפּאַנען פאַר עטלעכע מינוט. איצט האָט ער זיך צעשפּרייט אַף ווי־אַרסטן, אין דער לענג און אין דער ברייט. צווישן די ריזיקע קאָרפּוסן קאָן מען פאַרבלאָנדזשען. אַלע שווערע זאַכן טוען פאַר דיר די מאַשינעס. דער קאָנווייער ברענגט דיר די דעטאַל און דער קאָנווייער פירט זי אָפּ פון דיר צו א צווייטן. דאָס רופט זיך אַן פּראָצעס. און אַלץ אַרום־און־אַרום, וואָס איר וועט שוין אַליין זען, רופט זיך אַן פּראָגרעס. נאָר איין זאַך וויל איך אייַך בעטן. ווען איר וועט גיין איבער דער זאַוואָדישער טעריטאָריע, כאָפּט

זיך אַרײַן אין אַט דעם צעך, — אַרן ליבערמאַן באַווײַזט מיר אַ בילד פון אײנעם אַ צעך. — בעט איך אײַך, קוקט זיך גוט צו צו דעם סטאַנאַק נומער זעקס. דאָרט װערן אױסגעקװעטשט קלײנינקע דעטאַלן. אַט לעבן די דאָזיקע קלײנינקע דעטאַלן האָב איך געפֿונען מײַן גרױס גליק. איך בין שױן דעמלט אַלט געװען זעקס און צװאַנציק יאָר, און זי, מײַן עטעלע, צװאַנציק צװײ. זי איז גלײַך פֿון טעכניקום אַרײַן אין צעך, און מיר האָט אָפּגעשפּילט דאָס מזל, װאָס איך האָב זי דאָ, לעבן דעם סטאַנאַק, דערזען. לעכאַטכילע האָב איך געמײנט, אַז דאָס איז אײנע פֿון די סטודענטקעס, װאָס גײען דורך אױף אונדזער זאַװאָד די פּראַקטיק. בין איך ניט פֿױל און פֿרעג, װי מע רופֿט זי. און זי שװײַגט. איך פֿרעג אײן מאָל, צװײ מאָל, זי שװײַגט. קלער איך, אַז זי איז פֿון אַן אױסלענדישן אינסטיטוט, װײַ כאַפּן זיך אױך אַרײַן צו אונדז אױף פּראַקטיק. איך פֿרעג: „שפּרעכן זי דױטש?“ זי שװײַגט. פֿרעג איך אױף אַן אַנדער לשון: „יו ספּיק אינגלישׁ?“ שטעלט זי אָפּ דעם סטאַנאַק, דרײט אױס איר שװאַרצכײנעװדיק פּאָנעם צו מיר און ענטפֿערט: „איך ספּיק ייִדיש“. מיר האָבן זיך בײדע אַזױ הילכיק צעלאַכט, אַז אַלע שטאַמפּירער זײַנען זיך צונױפֿגעלאָפֿן.

ער באַקוקט מיך, צי עס געפֿעלט מיר די מײַסע, און זעצט פֿאָר:

— אױף אונדזער כאַסענע האָט דער גאַנצער זאַװאָד געטאַנצט. די טאָטערס האָבן געטאַנצט אַ טאַטאַרניק, די אוקראַיִנער — אַ האָפּאַק, די ייִדן — אַ שער... איצט פֿאַרשטײט איר שױן, פֿאַרװאָס דער זאַװאָד איז אַזױ מיר טײַער? פֿאַר אײַער זשורנאַל װעט זײַן װאָס צו באַשרײַבן אױף אַ גאַנץ יאָר.

איך טו אַ פֿרעג:

— װו זשע איז עטל, אײַער פֿרױ?

— אװעקגעפֿאָרן מיטן אײניקל אָפּרוען אין דאָרף לאַפּוכאָװוקע.

— װאָס עפּעס קײן לאַפּוכאָװוקע?

— װעגן דעם זאָל אײַך שױן מײַן טאָכטער גאָלדע דערצײלן.

זאָג איך איר:

— איר האָט די גאַנצע צײַט געשװיגן. עפּשער װעט איר אױך עפּעס דערצײלן?

— פֿאַרװאָס שרײַבן נאָר װעגן אונדז? לאָזט איבער אָן אָרט פֿאַר אַנדערע. בײַ אונדז אױפֿן זאַװאָד זײַנען פֿאַראַן עטלעכע צענדליק ייִדישע פֿאַמיליעס, װאָס זײַנען פֿאַרליבט אין זאַװאָד ניט װײניקער פֿון אונדז, — האָט זי געענטפֿערט.

— יאָ, אָבער װעגן לאַפּוכאָװוקע... דאָס איז דאָך ניט קײן זאַװאָד. מיט װאָס האָט דאָס דאָרף באַקומען בײַ אײַך כײן, אַז אײַער קינד מיט דער באָבען זאָלן פֿאָרן אַהין רוען?

ענטפֿערט זי:

— אין אונדזער לאַנד זײַנען פֿאַראַן זײער פֿיל בערג, װאָס אױף זײ װאַקסן געדיכטע גראָזן. מיט די הענט שנײַדן דאָס גראָז איז זײער שװער. האָב איך קאָנסטרויִרט אַ שנײַד־מאַשין, װאָס פֿאַרקלײַבט זיך אױף די בערג. װען איך האָב געדאַרפֿט אױספּרוּװן די קאָנסטרוקציע, האָב איך אָפּגעזוכט אַזאַ גראָזיקן באַרג אין לאַפּוכאָװוקע. דאָרט האָב איך אױסגעפּרוּװט מײַן ערשטע מאַשין... און דאָרט טאַקע האָב איך מײַן ליבע געפֿונען. װײַטער דאַרף שױן זײַן פֿאַר אײַך אַלץ קלאָר.

— און פֿאַר מיר, — מישט זיך אַרײַן דער טאַטע, — איז נאָך ניט קלאָר, װו עס געפֿינט זיך מײַן טאַטנס ערשטער סערפּ. זוך איך אים אין אַלע דערפֿער.

גאָלדע שמײכלט:

— איר מײנט, אַז מײַן טאַטע פֿאָרט זוכן נאָר די סערפּן? ער איז אײנמאָל פֿאַרפֿאַלן געװאָרן אױף גאַנצע צװײ װאָכן. איך האָב אים געפֿונען אין אײנעם אַ קאָלװירט באַם רעמאָנטירן אונדזערע שנײַד־מאַשינעס. און דאָס איז שױן ניט דאָס ערשטע מאָל. ביז ער װעט אָפּזוכן אײן סערפּ, װעט ער אָפּרעמאָנטירן הונדערט מאַשינעס.

— װאָס איז דאָס פֿאַר אַ כעס? האַ? — זאָגט ליבמאַן. — ס׳איז דאָך די פּראָדוקציע פֿון מײַן זאַװאָד, ס׳איז אַ טײל פֿון מײַן לײַב און לעבן. איך מײנט, אַז נאָר בײַ אונדז אין זאַװאָד איז אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט? אין דאָרף איז אױך דאָס זעלבע. װי זשע קומט מען ניט צוהילף? די קאָלװירטניקעס, פֿון דער אַנדערער זײַט, העלפֿן מיר זוכן די סערפּן... װען איך װעל דעם ערשטן סערפּ געפֿינען, װעל איך אײַך אױך אָנזאָגן די בשׂורה...

אין פּאַרטײ־קאָמיטעט פֿון דעם זאַװאָד „אוכטאָמסקי“ האָב איך געהאַט אַ שמועס מיטן פּאַרטײ־טעטער פֿונעם סעקרעטאַר. ער האָט מיר אָנגערופֿן פֿיל אַרבעטער־דינאַסטיעס, און צװישן אַנדערע — די מישפּאָכעס לאַנצמאַן, בײגעלמאַן, ראַבינאָװיטש, אַלטשול, פּיקוס, קאַץ, קליעצ־



איינע פון די זאוואָדישע אווטאָמאַטישע ליניעס

קאָוו. איך שרײַב אויס א פראָפּוסק און קום אַרײַן אין הויף פונעם זאוואָד. דאָרט עפנט זיך פאר מיר א פּאַנאָראַם פון צוועלף ריזיקע צווייגאָרנדיקע קאָרפּוסן, און פון יעדן קאָרפּוס טראָגן זיך קלאַנגען פון אײַזן, שטאָל און טשוהון. זיי מישן זיך אויס מיט א פּײַפערײַ פון עלעקטראָוואָזן, וועלכע שרײַען: „גיכער, גיכער, ליידיקט אויס פון די פּלאַטפאָרמעס די שווערע טשוהונענע באָלוואַנקעס, וואָס מיר האָבן אײַך געבראַכט!". אַנדערע עלעקטראָוואָזן רױשן: „גיכער! גיכער! פּילט אָן אונדזערע פּלאַטפאָרמעס מיט שנײַד־מאַשינעס!"

צו די הילכיקע קלאַנגען מישן זיך אַרײַן גלעקלעך פון וואַגאָנעטקעס, וועלכע פירן דעטאַלן פון איין צעך אין צווייטן. די אַלע קלאַנגען זײַנען דערווײַל אַן אוווערטיורע צו דער סימפאָניע פון אַרבעט, וואָס איך וועל זי הערן באַלד אין די צעכן.

איך גיי אַרײַן אין איינעם אַזא צעך און ווער פאַרקישעפט. עס שלאָגן אַרויס גרויסע צינגער פײַער פון די טשוהונענע אויוונס, שווערע האַמערס האַלטן אין איין קלאַפּן איבער די צעגליטע באָלוואַנקעס. מע גיסט אָן פליסיקן שטאָל אין די פאָרמעס. אין צעך איז הייס און רויכיק. איינע שלעפּן אַרויס פונעם פײַערדיקן אויוון מיט לאַנגע צוואַנגען צעגליטע דעטאַלן. איך קוק אויף די פאַרברוינטע פּנעמער. ס'פאַרכאַפּט מיך דער ריטמישער גערויש פון די פּרעס־האַמערס, דאָס קלינגערײַ פון די דעטאַלן, וועלכע פאַלן פונעם אויוון אויפן בעטאָנענעם דיל. די סנאָפּעס פונקען, ווי בא א פײַערווערק, שאַפן א מעכטיקע האַרמאָניע פון מענטשלעכער מי. מע ווײַזט מיר אויפן טעכנאָלאָג, וועלכער אַנאַליזירט אייניקע ערשט צעשמאָלצענע, שוין אָפּגעקילטע דעטאַלן. שוואַרצע ברילן, אויפן קאָפּ א מעשענע קאַסקע. איך וואַרט, ביז ער וועט אויפהערן זשעסטיקולירן מיט די פינגער, אָנווײַזנדיק אויף די דעטאַלן. ווען ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א טיכל און אָפּגעווישט פונעם פאַרברוינטן פּנים דעם שווייס, בין איך צוגעגאַנגען צו אים:

— אויב איר זײַנט שוין פרײַ, האָב איך צו אײַך א פּאָר ווערטער.

— צו מיר? — האָט ער אַראָפּגענומען פון דער נאָז די שוואַרצע ברילן.

לאַנצמאַן פירט מיך אַרײַן אין זײַן קאַבינעט, וועלכער געפינט זיך טאַקע דאָ אין צעך אויפן צווייטן שטאָק. ער בעט זיך זעצן, און אַליין פאַלט ער שווער צו צום בענקל.

לאַנצמאַן נעמט פון מײַנע הענט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", טוט אים א בלעטער. איך באַמערק, ווי זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, די אויגן לויפן איבער פון איין שורע צו דער צווייטער. איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז ער שטרענגט אָן דעם זיקאָרן — וואַרט איך שוין מיט גרויס נײַגעריקײַט: וואָס וועט ער זאָגן. פּלוצעם טוט ער זיך א הייב פונעם אָרט און נעמט לייענען פונעם זשורנאַל אויף א קאָל מאָטל גרוביאַנס א ליד:

אויב דו קאָנסט א העמערל
אין די הענט האַלטן,
קלאַפּ אָן רייפן אַף דער ערד,
זי זאָל ווי קיין פאַס
זיך ניט צעשפּאַלטן...

איבערגעלייענט די ליד, ווענדט ער זיך צו מיר:

— מיסטאַמע קלערט איר, אז איך קאָן נאָר אָפּשאַצן די קוואַליטעט פון שטאָל און פון אײַזן. יעדע דעטאַל פון אונדזער שנײַד־מאַשין פּאַרלירט מיט דער צײַט איר ווערט. מיר דאַרפן די דעטאַלן בײַטן. און א גוטע ליד — זי וועט אייביק ניט אָנווערן איר כּיין...

איך טו א פרעג:

— איר לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד"?

— מײַן פרײַנט, — מאַכט ער צו מיר, — ווען איר זאָלט וויסן, וואָס איך דאַרף טאָגטעג־לעך לייענען! — און ווײַזט אָן אַף א היפּש פּעקל טעכנישע זשורנאַלן, וועלכע ליגן אַף זײַן טיש. — אָן אָט דער טוירע קאָן מען ניט מאַכן קיין שפּאַן פּאָרויס. איך קלער איצט שוין ווידער וועגן פאַרבעסערן די טעכנאָלאָגיע פון אייניקע דעטאַלן.

און גלײַך כאַזערט ער איבער די ווערטער, וועלכע איך האָב שוין געהערט:

— גראַז — דאָס איז מילך, דאָס איז פלייש. אָט וועל איך אײַך געבן צו פאַרשטיין: ווען מע שנײַדט דאָס גראָז, בלײַבט אַפן וואָרצל אַן ערעך פינף סאַנטימעטער ניט דערשניטן. קלער איך איצטער, אז די מעסערס פון דער מאַשין דאַרף מען מאָנטירן נידעריקער צו דער ערד, זיי זאָלן קאָנען פאַרכאַפּן אויך אָט די פינף סאַנטימעטער. לויט מײַן כעזשבן וועט מען דער־מיט באַרײַכערן די צוגרייטונג פון גראָז אַף טויזנטער טאָן.

אַשער לאַנצמאַן באַווײַזט מיר פאַרשיידענע לויט דער פאָרם מעסערס, וועלכע הענגען אין זײַן קאַבינעט:

— אָט דאָס איז מײַן מי פון פאַרגאַנגענע צײַטן. פריִער האָבן מענטשן געשניטן דאָס גראָז מיט די הענט, נאָכדעם האָט מען געשפּאַנט פערד, איצט טוען עס מאַשינעס. די מאַשי־נעס גייען שוין אַליין. נאַטירלעך, א מענטש דאַרף זיצן באַם רודער. אָפּטמאָל, שניט־צײַט, פאָר איך אוועק מיט אַנדערע אַרבעטער פונעם זאַוואָד אין פעלד, מיר העלפן וואָס גיכער פאַרגרייטן פיטער פאַר די בעהיימעס. ווען מיר האָבן אויסגעאַרבעט פאַר קובע שנײַד־מאַשי־נעס אַף אַראָפּצונעמען צוקער־טראָסטניק, בין איך געפאָרן לערנען די קובינער, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט דער מאַשין. פידעל קאַסטראָ האָט מיר געדריקט די האַנט.

ס'קלינגט דער טעלעפאָן, לאַנצמאַן נעמט דאָס טרײַבל.

— איך הער! נו, גוט!.. האָט א מאַזלדיקן וועג.

און צו מיר:

— דאָס האָט געקלונגען זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש פאַר אײַך — אַראָן ליבמאַן. ער וועט פינף טעג ניט קומען אַפן זאַוואָד און ניט העלפן שאַרפן די מעסערס. א מענטש זאָל ניט קאָנען קיין מינוט אָפּרוען. זיך אײַנגעאַקשנט: נאָר פאָרן איבער די אַרומיקע דער־פער, קעדיי אָפּזוכן די ערשטע סערפּן, וואָס אונדזער זאַוואָד האָט אויסגעאַרבעט!

אַפן צווייטן טאָג אין אָוונט בין איך שוין בא לאַנצמאַנען אין שטוב.

בא דעם יאָמטעוודיק געגרייטן טיש האָב איך זיך דערוווּסט, אז אַשערס פרוי סאָפיע האָט דרײַסיק יאָר געאַרבעט אין א קליניק, זי איז א פיזיאָטעראַפּעווט. אין די סטודענטישע יאָרן, וועלכע זײַנען צונויפגעפאַלן מיט דער מילכאָמע, האָט זי אַלס מעדיצינישע שוועסטער באַ־דינט די פאַרוווּנדעטע שלאַכטלײַט אין די שפּיטאָלן. איצט איז זי שוין אַף פענסיע, נאָר דרײַ טעג אין וואָך גיט זי פאַר די יונגע פּראַקטיקאַנטן קאָנסולטאַציעס. די טאָכטער ליזע מיט איר מאַן וואָלערי זײַנען אינזשעניערן, דאָס אייניקל סאַשע לערנט זיך אין א מוזיקאַלער שול.

אַשער לאַנצמאַן האָט מיר דערציילט וועגן זיך.

אין 1942 האָט מען דעם יונגן טעכנאָלאָג, וועלכער איז שוין דרײַ יאָר געווען א מיטגליד פון פּאַרטיי, אַרויסגערופן אין זאַוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און געגעבן אים אַן אויפגאַבע אָר־גאַניזירן א צעך אַף אויסאַרבעטן סנאַריאַדן פאַר „קאַטיושעס". אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין לאַנצמאַן געווען אין טשעליאַבינסק. אין מעשעך פון צוויי שווערע כאָדאָשים פלעגט זיך אים צײַטנווײַז אויסווײַזן, אז ער וועט ניט אויסהאַלטן אָט די אָנשטרענגונג — שוין גרינ־גער וואָלט געווען אַפן פראָנט...

שטייענדיק בא דער שלײַף־מאַשין אָדער לעבן דעם פרעס, פלעגט ער פילן, אז פונקט

ווי מיט צוואנגען פאַרמאַכן זיך זײַנע אויגן, די עסעריקע רייכעס פונעם צעגליטן מעטאַל פאַרקלײַבן זיך אין די לונגען. אָפּגעפּרישט זיך מיט קאַלטער וואַסער, דערזעט ער מיט קלאָרע אויגן, אַז ער איז דאָ ניט איינער. אָט־אָט וועט זיך אויספּאַרמירן דער סנאַריאַד...

— שטעלט אײַך פאָר, — זאָגט לאַנצמאַן, — ווען עס איז דערגאַנגען צו אונדז דערגאַנגען די ערשטע פריידיקע ידיעה, אַז די „קאַטיושעס" שיסן שוין טרעפלעך מיט אונדזערע סנאַריאַדן און גיסן אָפּ דעם סוינע מיט אַ פאַרניכטנדיקן פײַער, זײַנען מיר געווען אָפן זיבעטן הימל. גאָר פלוצעם האָט לאַנצמאַנס אייניקל אופגעעפנט פאַר מיר אַ פּליושן פּודעלע און באַוויזן אַן אָרדען פון רויטן שטערן.

— אָט, איר זעט, דאָס האָט מען מײַן זיידן באַלוינט פאַר די סנאַריאַדן.

אָשער לאַנצמאַן איז איצט אַלט זעקס און זעכציק יאָר, נאָר די אַרבעט פאַרלאָזט ער ניט.

— דער זאַוואָד, — זאָגט ער, — איז אַ טייל פון מײַן לעבן, מײַן גאַנצע נעשאָמע איז פאַרבונדן מיט אים.

און נאָך האָב איך זיך דערוווּסט: געבוירן איז אָשער לאַנצמאַן אין אַ קליין יידיש שטעטל אָף סמאָלענשטשינע. דער טאַטע זײַנער, מוישע, אַ סטאָליער, האָט געבויט די נעסט אין דער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי". זײַן כאַיונע האָט ער קוים־קוים געצויגן פון אויסאַרבעטן קינדערוויגעלעך. אָשערס מאַמע האָט באַם ליכט־בענטשן זיך געוווּנטשן, אַז איר זון זאָל אויך אויסוואַקסן אַ סטאָליער. ווען אָשער איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט ער מיט זײַנע הענט אויסגעשניצט פיר הילצערנע רעדעלעך, זיי צוגעפּעסטיקט אָף צוויי אַקסן צו די פּיסלעך פון די וויגעלעך, מע זאָל די קינדער קאָנען פירן אָף אַ שפּאַציר. דאָס איז אין שטעטל אופגענומען געוואָרן ווי אַ וווּנדער, מע האָט שוין דעמלט אָשערן געקרויינט מיטן נאָמען „אינזשעניער"... ...ליובערצי איז ניט קיין גרויסע שטאָט, אָבער איר נאָמען איז באַוווּסט איבערן גאַנצן לאַנד און אויך אין אויסלאַנד. די פּראָדוקציע פון דעם ליובערצער זאַוואָד ווערט עקספּאָרטירט אין 18 לענדער. עס נייטיקן זיך אין שנײַד־מאַשינעס די געגנטן אַרום דער בוויונג פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל און די צעלינע.

אויב פאַר דער רעוואָלוציע האָבן אָפן זאַוואָד געאַרבעט בלויז צוויי יידן, וועלכע זײַנען געווען געצוווּנגען אויסבאַהאַלטן זייער אָפּשטאַם, רופט איצט באַ קיינעם ניט אַרויס קיין כידעש, וואָס אין דער געשיכטע פון דעם אָוכטאָמסקער זאַוואָד האָבן אויך יידישע אַרבעטער אַרײַנגעשריבן זייער קאַפּיטל.

ווען איך בין געזעסן און געקלערט, וויאַזוי זאָל איך פאַרענדיקן די פאַרצייכענונג, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. איך האָב גענומען דאָס טרײַבל און דערהערט אַ באַקאַנט קאָל:

— דאָס בין איך, אַרן ליבמאַן. קומט גיכער צו מיר, איך האָב געפונען.

איך פאָר קיין ליובערצי. איך עפן די טיר, און אַרן ליבמאַן לויפט מיר אַנטקעגן, האַלטנדיק אַ סערפּ אין האַנט.

— אָט, איר זעט?

איך נעם דעם סערפּ. אָפן הילצערנעם הענטל איז אויסגעקריצט די פאַמיליע: „ליבמאַן". ליבמאַן דערציילט:

— אײַך איז דאָך שוין באַוווּסט, אַז מיר האָבן ערשט אַרויסגעלאָזט אַ נײַעם קאָמבײַן. איך שטיי און שפּיגל זיך אין דער שיינער מאַשין, גייט צו מיר צו אַן אומבאַקאַנטער און פרעגט: „דאָס זײַנט איר אַרן ליבמאַן?". „יאָ, איך בין אַרן ליבמאַן", — ענטפער איך. זאָגט ער: „איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איר פאָרט אַרום אין די דערפער זוכן די ערשטע סערפּן, וואָס אײַער זאַוואָד האָט אַרויסגעלאָזט". „יאָ, איך דאַרף זיי פאַר אונדזער זאַוואָדישן מוזיי". „און איך דאַרף אָט דעם נײַעם קאָמבײַן פאַר מײַן קאָלווירט, — זאָגט ער. — אויב איר וועט מיר העלפן, אַז אײַער זאַוואָד זאָל דעם קאָמבײַן איבערשיקן אין מײַן קאָלווירט, וועל איך אײַך אויך איבערגעבן אַ וויכטיקן עקספּאָנאַט". און ער צעוויקלט אַ זײַדן טיכל, פאַר מײַנע אויגן באַווײַזט זיך אָט דער סערפּ. איך כאַפּ אָן דעם אומבאַקאַנטן מאַלעך מײַנעם פאַר די הענט און לויף מיט אים גלײַך צום דירעקטאָר. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז דער נײַער קאָמבײַן איז שוין פאַרבראַנירט פאַר קובאַן. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס'האָט מיך געקאָסט פיל לויפעניש. זיך דערשלאָגן צום מיניסטער פון מאַשין־בוויונג. קורץ, דער סערפּ איז אין מײַן רעשוס...

— עפּשער וואָלט געווען גוט, — אײַלט איך, — אַז אָף דער וואַנט פונעם מוזיי זאָל אָט דער סערפּ זײַן אַרומגערינגלט מיט זאַפטיק גראָז?

כאַים גורעוויטש

צוויי טשעמפּיאָנען

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין דער אָוונט־צײַטונג, אַז דער מענערשער שאָך־טורניר, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען דרײַצן קאַנדידאַטן פאַר מײַסטערס, האָט זיך פאַרענדיקט סענסאַציאָנעל — געזיגט האָט א שילער פונעם 8־טן קלאַס פון דער 63־טער שול, דער פּופּצניאָריקער סאַשע גאָלדין, און אַז אַף דעם פרויען־טשעמפּיאָנאַט, אין וועלכן עס האָבן זיך געראַנגלט עלף ערשטע ראַזריאַדניצעס, האָט געוווּנען די שוועסטער פון דעם נײַעם נאָוואָסיבירסקער טשעמפּיאָן, א סטודענטקע פון דעם עלעקטראָ־טעכנישן אינסטיטוט, ריטע גאָלדינע, — האָט זיך אין מיר צעשפּילט דער אַזאַרט פון א רעפּאָרטיאָר.

איך האָב דערפילט, אַז אויב כ׳וועל זיך ניט באַגעגענען מיט סאַשען און מיט ריטען, וועט דאָס זײַן פאַר מיר א גרויסער פאַרלוסט און ס׳וועט מיך לאַנג־לאַנג פאַרדריסן.

דעריבער האָב איך טאַקע גלײַך אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן מײַן טרוים: צוערשט גענומען דעם טעלעפאָן־בוך און געוואָלט קלינגען צו אַלע גאָלדינס, ביז איך וועל זיך אָנשטויסן אַף דעם אַבאָנענט, וועלכן איך דאַרף, נאָר טייקעף זיך געכאַפּט, אַז אָט דער וואַריאַנט איז ניט פון די בעסטע, ווײַל כאָטש גאָלדינס אין נאָוואָסיבירסק איז א ביסל ווייניקער, איידער אַנדערסאָנס אין שטאָקהאָלם, אָבער דאָך, קיין אײַנהאָרע, גאַנץ היפּשלעך... און כ׳האָב באַשטימט, אַז ס׳וועט זײַן גלײַכער א פרעג טאָן אין שאָךקלוב.

און ווירקלעך: דאָרט האָט מען מיר גלײַך געגעבן סײַ דעם אַדרעס, סײַ דעם טעלעפאָן. איך האָב אָנגענומען דעם נייטיקן נומער, און ס׳האָט זיך אָפּגערופן א פרויִשע שטים:

— אַנטשולדיקט, ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר די מאַמע פון די צוויי טשעמפּיאָנען.

— איר פאַרשטייט ריכטיק, דאָס בין איך טאַקע.

— מיר איז זייער אָנגענעם צו באַגריסן אײַך מיט אַזעלכע באַגאַבטע קינדער. איך וואָלט וועלן, אויב דאָס איז מעגלעך, זיך מיט זיי באַקענען.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן... אָבער גרינגער זיך יאָגן אין פעלד נאָך א צענדליק האָזן און אײַפקלײַבן זיי אין איין זעקל, איידער פּאַקן צוזאַמען אַרכאַראָווצעס... פונדעסטוועגן, קומט צו גיין זונטיק, עפּשער וועט אַף אײַער מאַזל „עפּעס־וואָס״ יאָ זײַן אין דער היים.

ווײַזט אויס, איך האָב נאָך יאָ א ביסל מאַזל, ווײַל ווען איך בין געקומען צו די גאָלדינס, איז דאָרט געווען ריטע, עמעס, זי איז שוין געשטאַנען אינעם ספּאָרט־קאָסטיום לעבן מיר און פאַריכט דאָס רימענדל פון א ליזשע.

— ווען איר קומט אַף עטלעכע מינוט שפּעטער, וואָלט איר זי שוין ניט געטראָפן, — האָט געזאָגט די מאַמע.

ריטע הערט ניט אויף צו אײַסעקן זיך מיט די שניי־שיך.

— איך וויל גלייבן, — זאָגט זי, און איר מילד פּענעמל טוט שמייכלענדיק א בליץ אין מײַן זײַט, — אַז אונדזער אינטערוויו וועט דויערן ניט לאַנג. מיר וועלן עס דורכפירן לויט דער סיסטעם „בעקיצער״: איך וועל דערציילן, און איר וועט שרײַבן...

— נו, אויב אַזוי, — באַשטעטיק איך, — וועט דאָס אוואַדע אָפּנעמען ווייניק צײַט.

זי האָט אוועקגעשטעלט אין ווינקל די ליזשעס, פאַרבעטן מיך צום טיש און פלײַסיק אָנגעהויבן דיקטירן:

— קוידעמקאָל א פּאָר ווערטער וועגן אונדזערע עלטערן. די מאַמע סאָפיע איסאַקאָוונע איז אַן אינזשעניער־טעכנאָלאָג. זי האָט פאַרענדיקט דעם נאָוואָקוזנעצקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט אין 1953, און פון דעמלט אָן האָט זי פאַרבונדן איר גורל מיט דעם זאַוואָד „טיאַזשסטאַנקאָגידראָפּרעס״ אַף יעפרעמאָווס נאָמען. דאָס, וואָס דער זאַוואָד איז דאָ אײַנער פון די גרעסטע, איז אײַך באַוווּסט. דאָס, וואָס ער לאָזט אַרויס אוניקאַלע וואַרשטאַטן און פּרעסן, איז אײַך אויך באַוווּסט. דאָס, וואָס אָט די פּראָדוקציע האָט א גוטן שעם ניט נאָר אין אונדזער לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, דערונטער אין אַזעלכע אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, יאַפּאָניע

און ענגלאַנד, דאָס איז אײַך אוואַדע באַוווּסט. נו, און אָט דאָס, וואָס אין דעם אַלץ איז פאַראַן אויך מײַן מאַמעס אַ באַשיידענער כיילעק, וועט אײַך שוין זײַן באַוווּסט פון איצט אָן. דער טאַטע וולאַדימיר איסאַקאָוויטש אַרבעט אין אַ פּראָיעקטנעם אינסטיטוט, ער איז אַ מאָדעלשטשיק. איך מיין, אַז אַזוינע ספּעציאַליסטן, ווי ער, וועלכע קענען אַרײַנבלאָזן אין יעדן שטיקל האָלץ אַ לעבעדיקע נעשאָמע, איז שוין גאָרניט אַזוי פּראָסט צו געפינען. אָט טוט נאָר אַ קוק אויף יענעם טישל, ווו עס שטייען אַלע 32 שאָך־פיגורן, דאָס האָט ער זיי אויסגעשניצט. זיי זײַנען דאָך אַזוי ווי לעבעדיקע. גיט אָפּ אַ קאָמאַנדע, וועט יעדע איינע אוועקגיין איר גאַנג...

דאָ שטעלט אַוועק אַ פּינטל און הייבט אָן פון אַ נײַער שורע. ווען אויף יעדער טיר זאָל אָנשטאָט דעם נומער הענגען אַ פאַמיליעהערב, וואָלט אונדזער סימבאָל געווען אַ שאָך־פיגור, ווײַל דאָס געזינדל פון פינף פּאַרשוין פאַרמאָגט פיר שאַכמאַטיסטן. דער טאַטע, ראָמקע און איך האָבן דעם ערשטן ראַזריאַד, סאַשע איז אַ קאַנדידאַט אין מײַסטערס. די קלוגע שאָך־געטין קאַסיע איז ניט געווען בעקוויעך צו פאַרהיפּנאָטיזירן בלויז אונדזער מאַמען. אָבער מיינט ניט, אַז זי קען אין גאָרנישט ניט שפּילן... — ריטע טוט מאַמזעריש אַ פּינטל מיט די אויגן און אַ ווונק אויף סאָפיע איסאַקאָוונען, וועלכע זיצט אויפן דיוואַן און בלעטערט אַ זשורנאַל. — ערשטנס, איז זי אַ וואָלייבאָליסטקע און, צווייטנס, שפּילט זי אויף אַ גיטאַרע. יאָ, געוויס האָט אײַך פאַרינטערעסירט דער נײַער פּערסאָנאַזש — ראָמקע. דאָס איז מײַן צווייטער ייִנגערער ברודער, ער איז מיט סאַשען אַ צווילינג. זיי זײַנען ענלעך איינער אויפן אַנדערן ווי צוויי יונגע קאַרשן... און איבערפּלאָנטערן זיי, ווי פּעטיען מיט סעריאָזשען פון סאַמויל מאַרשאַקס ליד, איז זייער גרינג. מיר אָבער אָריענטירן זיך אין זיי לויט די כאַראַקטערן: ראָמקע איז קוועקזילבער, אין אים רוט ניט די נעשאָמע, און סאַשע, דאַקעגן, זעט אויס ווי אַ פלעגמאַטיק. אָט אַזאַ ראַדיקאַלער אונטערשייד פון די נאַטורן איז מיסטאָמע די הויפּט־סיבע דערפון, וואָס קעסיידער האַרגענען זיי זיך... אויב מיר וואָלטן זיי צו דער צײַט ניט פאַנאַנדערגענומען, וואָלטן דער טשעמפּיאָן און דער פּערוואָראַזריאַדניק אַרומגיין מיט צעדראַפּעטע פּענעמער. מערער כאַפּט אַרײַן סאַשע, ווײַל כאָטש דעם, וואָס ראָמקע איז אַ זשוואַווער, ווי אַ וויון, איז ער נאָך אַ סאַמביסט אויך. עמעס, איצט זײַנען שוין אונדזערע קאַרשן אונטערגעוואַקסן, און די באַטאַליעס צווישן זיי קומען פאָר זעלטענער. דער לעצ־טער הענערשער טורניר איז געווען מיט אַ וואָכן צוויי צוריק...

און נעכטן זײַנען זיי מיט נאָך פינף יונגע שאַכמאַטיסטן אַוועקגעפלויגן קיין קראַסנאָיאַרסק אויף אַ זאָנאַלן טורניר. דער קאַפּיטאַן פון דער אײמפּאָזאַנטער דרוזשינע איז סאַשע. מע קען האָפן, אַז זיי וועלן אונדז דערפרייען מיט דעם ערשטן אָרט. פאַר סאַשען אָבער וועט די קאָמאַנדירונג זיך נאָך ניט ענדיקן, ווײַל קומענדיק אַהיים, וועט ער, ווי אַ טראַנזיטנער פּאַסאַזשיר, זיצן אויפן טשעמאָדאַנטשיקל און מיט גרויס אומגעדולד וואַרטן אויף אַ סיגנאַל פון זײַן דערציִער, מיט וועלכן ער וועט זיך אַוועקלאָזן קיין לענינגראַד. אַלס טשעמפּיאָן פון רעספּובליק צווישן די ייִנגלעך פאַר דעם 1977—1978 יאָר, האָט ער באַקומען אַ פּוטיאָווקע אויף זייער אַ וויכטיקער פאַרמעסטונג. פאַר דעם, וואָס וועט דאָרט זיגן, וועט זײַן אָפן דער וועג צום אַלוועלטלעכן טורניר פון שאַכמאַטיסטן, וועלכע זײַנען ניט עלטער פון זיבעצן יאָר...

זעענדיק, ווי פלײַסיק איך „סטענאָגראַפיר", הייבט זיך ריטע אָן אַנטשולדיקן:

— מיסטאָמע דערצייל איך זייער גיך, און איר זײַט שוין מיד, איז מיילע, רוט אַ ביסעלע אָפּ...

— ניין, — זאָג איך, — דאָס אַלץ איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז וועגן אײַנגעמאַטערטקײַט קען קיין רייד ניט זײַן.

— נו, אויב אַזוי, איז לאָמיר פאָרזעצן. איצט שוין וועגן זיך. איך לערן זיך אין עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט אויף דער אָוונטיקער אָפּטיילונג און אַרבעט אין אויסרעכענונגס־צענטער אַלס פּראָגראַמיסט. אייגנטלעך, איז דאָס מײַן קומענדיקע פּראָפעסיע. איך האָב זי שוין אַזוי גרינטלעך באַהערשט, אַז ווען כ'וועל באַקומען דעם דיפּלאָם, וועט די נויטווענדיקײַט אין סטאַזשירונג בעמיילע אָפּפאַלן...

וואָס איז שײַעך מײַן שאָך־בילדונג, איז זי אויסשליסלעך אַ היימישע: מײַן ערשטער לערער איז געווען דער טאַטע, און איצט איז מײַן לערער, טרעפט ווער? טאַקע מײַן ברודערל סאַשע. ס'געפעלט מיר, וויִאַזוי ער שפּילט. איך גלייב אים. זײַן דעוויז איז: „זיגן, און נאָר זיגן!" אונטערגעבן זיך איז ניט אין זײַן כאַראַקטער. אויך רעמי האָט ער ניט ליב. טיילן מיט דעם קעגנער אויף דער העלפט דאָס אייגל וויל ער ניט, און שוין! אָט אַזאַ מין אײַנגעשפּאַרטער נעפּעש איז דאָס... דערווײַל האָט אים דאָ קיינער פון די יונגע שאַכמאַטיסטן ניט באַזיגט...

באַ מיר איז אויך אַלץ באַ הײַנטיקן טאָג קעשורע. עמעס, מיך באַאומרויִקט אַ ביסל, וואָס די לעצטע שלאַכט האָב איך געוווּנען זייער גרינג, כאָטש געשפּילט האָבן קעגן מיר ניט

קיין שלעכטע שאַכמאַטיסטקעס. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט די צאָל פּרעטענדענטקעס אויסוואַקסן, אָבער איך פיל אין זיך קויעך און האָב ניט קיין כיישעק אָפּטרעטן עמעצן דעם טשעמפּיאָן־טיטל...

ווי איך פאַרשטיי, אינטערעסירט אייַך אויך מייַן האָבי... איז שטעלט אייַך פאָר, אַז מייַן האָבי איז רייַטן אַף פערד. דאָס איז טאַקע אַן עמעס, איך שפּאַס ניט. און אָנגעהויבן האָט זיך עס דעמלט, ווען מיר זייַנען געקומען אין סאָווירט „סיביר" העלפן אַראָפּנעמען די גערעטעניש. ביז יענעם טאָג האָב איך, אויסער די פּאָני אין זאָאָפּאַרק, נאָענט קיין לעבעדיק פערד צו זיך ניט צוגעלאָזט, און דאָ, אין סאָווירט „סיביר", ווי נאָר איך האָב זיך געזעצט, בין איך גלייַך אוועקגעפאָרן. קיין שום מיספאַרשטייעניש. פּונקט ווי כ'וואָלט געבוירן געוואָרן אין זאָטל. און איבערהויפּט — דאָס פערד האָט מיך גלייַך פאַרשטאַנען. מיסטאָמע איז אינעם לעבן וויכטיק זיך באַגעגענען ניט נאָר מיט אַ קלוגן מענטשן, נאָר מיט אַ קלוגן פערד אויך...

אינעם סאָווירט האָב איך פונעם ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן אויסגעפילט די פליכטן פון אַ פעלדיעגער. מע האָט מיך אַפילע ניט געוואָלט פון דאָרט אָפּלאָזן. ווייַזט אויס, אַז אָט דאָס מיטל פון פאַרבינדונג איז רענטאַבעלער, אייַדער אַרומטרייַבן אַ גאַנצן טאָג איבער די פּעלדער דעם „גאַזיק"...

אויב דאָס איז ווייניק, איז באַ מיר פאַראַן נאָך אַ האָבי — שפּילן אַף אַ גיטאַרע. דו טוסט אַ ריר אירע סטרונעס, און דער אַקאָרד רופט זיך אָפּ טיף־טיף אין האַרצן. שפּילן האָב איך ליב ראָמאַנסן...

דאָס איז אַלץ, וואָס אייַך איז נייטיק. עס וואָלט נאָך, פאַרשטייט זיך, זייַן ניט איבעריק אייַנשליסן אין דער „קאָמפּאָזיציע" אַ דראַמאַטישן צופאַל, אַ טשיקאַווו עפּיזאָדל, אַ רייַזעגעשיכטע. אָבער דאָס, וואָס ס'איז ניט געווען, איז ניט געווען, כאָטש קורסירן איבער די שטעט פון אונדזער לאַנד קומט אויס גאַנץ אָפּטלעך...

דאָ האָט זיך שוין אַרייַנגעמישט סאָפיע איסאַקאָוונע:

— אין אונדזער פולער מיט שאַכמאַטיסטן שטוב איז פּונקט ווי אין אַ האָטעל: סאַשע קומט צו פאָרן, ראָמקע פאָרט אוועק, ראָמקע קערט זיך אום, ריטע גרייט זיך אין וועג, אַזוי אַז עס איז, אַ דאַנק גאָט, פריילעך אָן די טשיקאַווע עפּיזאָדלעך... מייַן האַרץ באַרויִקט זיך דעמלט, ווען זיי זייַנען אַלע אין דער היים...

— ווען אונדזער מאַמעניו זאָל קאָנען, וואָלט זי אונדז געהאַלטן אונטער די פליגל, ווי אַ

די שאָך־טשעמפּיאָנען פון נאָוואָסיבירסק — דער ברודער און די שוועסטער גאָלדין

קוואָטשקע. נאָך גוט, וואָס אַלע טורנירן קומען פאָר אַף דער ערד. ווען מיר וועלן אָנהייבן שפּילן אין קאָסמאָס, וועט זי ניט אויסהאַלטן און קומען צו פליִען געוווירע ווערן....

ריטע טוט אַ זאָג „טשאַאָ", כאַפּט אין קאָרידאָר די ליזשעס און טראָגט זיך אוועק איבער די טרעפּ ווי אַ ווירבל־ווינט.

מיט סאַשען האָב איך זיך באַגעגנט פּונקט אין יענעם טאָג, ווען ער האָט געדאַרפט אוועקפליִען קיין לענינגראַד. די צייַט איז באַ דעם יאַטל געווען אַף אַ שטרענגן דיסקאָנט, און פאַרהאַלטן אים אַף איין איבעריקער מינוט וואָלט פון מייַן זייַט געווען ניט טאַקטיש. דעריבער האָב איך אים פאַרגעבן בלויז עטלעכע פראַגן, אַף וועלכע כ'האָב באַקומען אָן אויסשעפּלעכן ענטפער.

אין קראַסנאָיאַרסק האָט סאַשעס קאָמאַנדע פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. סאָף מייַ שטייט פאָר נאָך איין טורניר, וועלכער וועט גיכער פון אַלץ פאָרקומען אין אַרכאַנגעלסק. קיין לענינגראַד פאָרט מיט אים זייַן דערציִער — איוואַן איוואַנאָוויטש דוקאַרט, אַ דייַטש. ווי קומט דאָס צו אַ דייַטש אַזאַ עכט רוסישער נאָמען און פּאָטערנאָמען, ווייסט ער ניט. אָבער אַזוינס טרעפט. אָט האָט מען דאָך יאָהאַן שטראַוסן בעשאַס זייַנע פּעטערבורגער גאַסטראָלן גערופן ניט אַנדערש ווי איוואַן שטראַוס.

פון די וועלט־באַרימטע גראָסמייסטערס געפעלט אים מיכאַיל טאַל, דאָס איז פלאַם און פייַער. ניט אומזיסט רופט מען אים „דער שאַכמאַטנער פּאַגאַניני". פישער געפעלט אים אויך, אָבער יענער איז מיט אַ פליגעלע אין קאָפּ. אַפילע פאַרמאָגנדיק דעם גרעסטן טאַלאַנט, דאַרף מען קוידעמקאָל זייַן אַ מענטש, אַנדערש ווערט דער בליאַסק פונעם טאַלאַנט פאַרטונקלט. הייס פאַרליבט, און אַף שטענדיק,

איז סאשע אין מיכאיל באָטווינִיקן. אָט פּאַר וועמען ער איז גרייט אראָפּנעמען דאָס היטל! סאשע טרוימט זײַן, ווי באָטווינִיק, א געלערנטער. ער פארשטייט גאנץ גוט, אז בלויז מיט א טרוים וועסטו ווײַט ניט פארפאָרן, דער וועג איז א שווערער.

איך האָב געהערט סאשען מיט גרויס אינטערעס, געקוקט אין זײַנע ליכטיקע אויגן, פון וועלכע עס שפּראָצט סייכל, און געוואָלט זאָגן:

— דו וועסט דערגרייכן, מײַן טײַערינקער, אומבאדינגט וועסטו דערגרייכן דאָס, צו וואָס דו שטרעבסט...

נאָר פּלוצעם האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. סאָפיע איסאקאָוונע האָט געוואָרנט, אז בא איר אף דער ארבעט געפינט זיך אן אויסלענדישע דעלעגאציע, און קומען איצט אהיים קען זי ניט, איז זאָל ער שוין ווי־עס־איז אליין אײַנקאָמפּלעקטירן זײַן טשעמאָדאנטשיק... באַגלייטן אים וועט זי קומען אין אעראָפּאָרט, גלײַך פונעם זאוואָד. און נאָך האָט זי געזאָגט, ער זאָל אומבאדינגט נעמען דאָס וואָלענע קאָפּטל, ווײַל אין לענינגראד איז אפילו אין דער בעסטער צײַט א פײַכטער וועטער.

— נו, יאָ, אוודע, — האָט געענטפערט סאשע, — אין לענינגראד איז דאָך ווי אין דער ארקטיק, און איבער דעם נעווסקי פּראָספּעקט שפּאצירן ארום ווײַסע בערן. דו וואָלסט כאָטש אף אונדז, טײַערע מאמע, ראכמאָנעס געהאט אין דעם צווישנפעלקערלעכן יאָר פון קינד...

דערנאָך, ווען ער לייגט אוועק דאָס טרײַבל, טוט ער א ביסל א קלער און זאָגט צו מיר:

— פונדעסטוועגן וועט מיסטאמע זײַן גלײַכער נעמען דאָס קאָפּטל. א מאמע זאָגט דאָך שטענדיק נאָר דאָס, וואָס מע דארף. איז צוליב וואָס איר פארשאפן הארצווייטעק?

דער שפּאס, אז אין סיביר איז צוועלף כאַדאָשים אין יאָר ווינטער און די איבעריקע צײַט זומער, איז ניט זייער ווײַט פונעם עמעס. אָט לאָמיר נעמען כאָטשבי דעם הײַנטיקן ווינטער. ער האָט זיך פרי אָנגעהויבן און ציט זיך לאנגלאנג. מיר אָבער האָט אָפּגעגליקט באגעגענען גראָד אין די ווינטער־טעג צוויי מאָל דעם פרילינג. צוויי מאָל האָב איך געהאט אזא פרישן, זעלטענעם געפיל, ווי כ׳וואָלט זיך פּלוצעם אָנגעשטויסן אף ערשטע שניי־גלעקלעך...

צוויי מאָל — כ׳בין געגאנגען צו די יונגע גאָלדינס.

העשל ראבינקאָוו

דער וועג צום יאַם

ווען ס׳האָט זיך פארענדיקט דער לעצטער רעיס פון דער מאָטאָר־שיף „סעלענגא” קיין צינדאאָ — אהין האָט מען געפירט צעלולאָזע, און פון דאָרטן עפל און באנאנעס, — האָט דער „סטארפּאָם” איליא דאווידאָוויטש באקומען אורלויב. דער אורלויב איז בא אים, ווי בא אלע, וואָס ארבעטן שוין א לענגערע צײַט אפן צאָפן פונעם ווײַטן מיזרעך, א לאנגער: היפּשע עטלעכע כאַדאָשים. און ווי אלע מאָל, איז ער געקומען צו פארברענגען אים אין זײַן היימשטאָט — בירָאבידזשאן, ווו עס וווינען זײַן פרוי מיט צוויי קינדער און זײַן גאנצע מישפּאָכע.

— אונדזער בירָאבידזשאן, — האָט ער מיר געזאָגט, ווען מיר האָבן זיך באגעגנט, — איז שוין א שטאָט פון יאַם־לײַט...

און ער האָט מיר איבערגערעכנט: דער יונגער שטורמאן מארק נעמזער, דער מאטראָס יודאָווסקי, ער, איליא דאווידאָוויטש. ער רופט מיר אָן נאָך אנדערע נעמען פון לאנדסלײַט,

וואָס פאָרן מיט פאַרשיידענע שיפן איבערן שטילן אָקעאַן.

פאָרן אַפּפליִען פון כאַלמסק, אַף סאַכאַלין, ווו זײַן שיף איז צוגעשריבן, האָט מען אים אין דער שיף־פאַרוואַלטונג געזאָגט:

— רוט זיך אָפּ, איליא דאַווידאָוויטש, און גרייט זיך איבערנעמען די שיף „אַלעקסאַנדער באַראַנאָוו"...

קיין גרויסע נײַס איז עס פאַר אים, אײגנטלעך, ניט געווען. שוין א צײַט, ווי מע גיט אים דאָרט, אין דער שיף־פאַרוואַלטונג, אָנצוהערן, אַז ער איז „אריבערגעוואַקסן" דעם ראַנג פון אַן עלטסטן געהילף, און עס איז שוין צײַט... אויך אַף „סעלענגאַ" זײַנען לעצטנס אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מע קלײַבט זיך אים צו נעמען פון זיי.

אים איז שוין ניט אײַן מאָל אויסגעקומען זיך געזעגענען מיט שיפן, אַף וועלכע ער האָט געדינט, און שטענדיק איז אים אָנגעקומען זייער שווער.

„אַלעקסאַנדער באַראַנאָוו"... אַט א גרויסע שיף, וועלכע פירט אריבער פראַכטן קימאַט אין אַלע האַפנס פונעם ווײַטן מיזרעך, איז אים אויך געווען ניט פרעמד. מיט יאָרן צוריק האָט ער אַף איר געדינט אלס מאַטראָס און האָט אין איר מאַנשאַפט געהאַט א סאַך גוטע פרײַנט.

דער דראַנג צום יאַם, צו ווײַטע רײַזעס, איז בא אים אופגעקומען, ווען ער האָט נאָך קינדווײַז געלעבט מיט די עלטערן אין אָדעס. געוווינט האָבן זיי ניט ווײַט פונעם האַפן, און עלעקן איז, זינט ער געדענקט זיך, אויסגעקומען צו זען דורך די פענצטער פון זייער דירע די ברעגלאָזע יאַם־ראַכוועסן, אַזש ביזן ראַנד, ווו עס לאָזט זיך אַראָפּ דער ווײַטער הימל צום וואַסער, ריזיקע פילפאַרביקע שיפן, אָנקומענדיקע, אָפּשווימענדיקע, אָדער שטייענדיקע אַפן רעיד. די ביכער, וועלכע האָבן אים דעמלט פאַרכאַפּט, זײַנען געווען וועגן יאַם, וועגן שיפן, וועגן ווײַטע לענדער.

דעם טרוים צו ווערן א מאַטראָס האָט ער ניט פאַרלאָזט אויך דאַן, ווען ער איז מיט די עלטערן אריבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן. נאָכן פאַרענדיקן דעם צענטן קלאַס איז ער אָנגעקומען אין דער כאַלמסקער יאַם־שול.

כאַלמסק איז א היפּשע שטאָט מיט א גרויסן יאַם־האַפן, מיט א באַזונדערן פישער־פּאָרט. אַף סאַכאַלין ווייסט מען די כאַלמסקער צעלולאָז־ און פּאַפּיר־פאַבריק. נאָר באַרימט איז די שטאָט מיט איר „מאַרעכאָדקע". ביז הײַנטיקן טאָג דערמאָנט זי איליא דאַווידאָוויטש מיט דאַנקבאַרקײַט. דאָס איז א שול מיט גוטע טראַדיציעס, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט גאַנצע דורות שיף־פירער. געלערנט האָט זיך דאַווידאָוויטש מיט גרויס פלײַס. באַזונדערס פאַרכאַפּט האָבן דעם קומענדיקן יאַם־מאַן אַזעלכע יאַמישע לערן־דיסציפּלינען, ווי די טעאָריע פון שיף־אײַנריכטונגען, לאָציע, אַסטראָנאָמיע, ספערישע טריגאָנאָמעטריע, מעטעאָראָלאָגיע.

פרילינג און זומער האָבן די קורסאַנטן געאַרבעט אַף א שיף אלס מאַטראָסן. טאַקע בײַם אַט דער פּראַקטיק פלעגן אָפּפאַלן די, וואָס זײַנען ניט צוגעפּאַסט געווען פאַר דער האַרבער יאַם־דינסט...

אין פלאָט זאָגט מען: דעם וועג צום קאַפּיטאַן־בריקל הייבט מען אָן מערסטנטייל ווי פּאָשעטע מאַטראָסן. טאַקע אַזוי האָט איליא אָנגעהויבן זײַן יאַם־לעבן — פון א מאַטראָס אַף די שיפן „קרילאָן", „יעניסייסק" און „אַלעקסאַנדער באַראַנאָוו", וועלכע האָבן געפירט פראַכטן פון סאַכאַלינער האַפן קיין יאַפּאַניע, קאָרייע און אַנדערע לענדער.

א שטורמאַן ווערט מען אויך ניט גלײַך. קעדיי באַקומען אַן אַטעסטאַט פון א שטורמאַן פון קליינע יאַם־רעיסן, דאַרף מען צוערשט אָפּאַרבעטן אַף א שיף אַכט און צוואַנציק כאָדאָשים אלס מאַטראָס. נאָכדעם אין פאַרלויף פון אַכצן כאָדאָשים דורכמאַכן שטורמאַן־פּראַקטיק און נאָך א צוגאָב־קורס פון זעקס כאָדאָשים, און ערשט נאָכדעם באַקומט מען די אַטעסטאַציע פון א שטורמאַן פון ווײַטע רעיסן.

איליא איז אײנער פון די ערשטע אַף זײַן קורס דורכגעגאַנגען די אַטעסטאַציע און איז באַשטימט געוואָרן פאַרן דריטן געהילף פון קאַפּיטאַן אַף דער שיף „אַרמאַוויר". גראָד דעמלט איז זי אַף א שטיק צײַט אָפּגעגעבן געוואָרן דעם „סעוומאָרפּוט" אַף צו פירן פּראָדוקטן און בוי־מאַטעריאַלן קיין מאַגאַדאַן און אין אַנדערע צאָפנדיקע האַפנס.

אַף לאַנג האָט זיך דאַווידאָוויטשן פאַרגעדענקט יענער ערשטער רעיס, וואָס האָט געדויערט גאַנצע זיבן כאָדאָשים. וולאַדיוואָסטאָק, בוכטאַ פּראָווידעניאַ, קאָלימסקאַיע, טיקסי. גענומען אַף דער שיף אין דער מאַנשאַפט האָט מען נאָר פרײַוויליקע, ווײַל שווימען איז אויסגעקומען אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען, אָן אַן אײַז־שפּאַלטער, פאַרבײַ דורכויסיקע אײַז־פעלדער. עס האָבן געווילדעוועט שטורעם־ווינטן. יעדע ווײַלע פלעגט אָנלויפן א צאָרנפולע ריזיקע כוואַליע, א זעץ טאָן מיט א משוגענער קראַפט איבער דער פּאַלובע, אַראָפּשווענקען אַלץ, וואָס איז ניט געווען גוט צוגעפעסטיקט. אונטן האָט צעיושעט ווילד געשטורעמט דער יאַם. דער מאַנשאַפט איז אויסגעקומען אַליין אָנלאָדן און אויסלאָדן די שיף, אַף אײגענע קונגאַסן צושטעלן דעם פראַכט צו די נידעריקע ברעגן, צו וועלכע עס איז אָפטמאָל זייער שווער צוגיין. די רעיסן זײַנען אָבער דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג, ווײַל די

שיף האָט געפירט א דערפאַרענער קאַפּיטאַן — יורי ניקאָלײַעוויטש וואַסיוקאָוו, בא וועמען דער יונגער שטורמאַן איליא דאַווידאָוויטש האָט א סאַך געלערנט. פאַר אָט דעם רעיס האָט איליא באַקומען פון דעם כאָלמסקער קאָמיוג אַן ערן־גראַמאָטע אַלס אויסגעצייכנטלער פון דער יאַם־דינסט.

איצגיכן איז איליא שליאָמאָוויטש געוואָרן „סטאַרפּאָם" און צוויי מיט א האַלבן יאָר געדינט אויף אַן אוואַריע־שיף פונעם עקספּעדיציע־אָטריאַד אויף צו ראַטעווען שיפן. פאַר דער דאָזיקער צײַט איז זײַן קאָמאַנדע אויסגעקומען אַרויסוויסן הילף א היפּשע צאָל שיפן, צווישן זיי א נאָרוועגישן טאַנקער מיט נאַפט, אויף וועלכן עס איז אויסגעבראָכן א סרייפע, און ס'האָט זיך געפאָדערט היפּשע געוואַגטקײַט קעדיי צו ראַטעווען די מענטשן און די טעכניק.

אויף א געוויסער צײַט איז ער צוליב פאַמיליען־אָנגעלעגנהײַטן געצוווּנגען געווען זיך צעשיידן מיטן יאַם און מיט זײַן באַליבטער אַרבעט. די צעשיידונג האָט זיך פאַרצויגן אויף גאַנצע זעקס יאָר. ער האָט זיך באַזעצט אין זײַן היימשטאָט ביראָבידזשאַן. א גוט באַהאַוונטער אין טעכניק, איז ער אָנגעקומען אויף דער טעקסטיל־ און ניי־פאַבריק אַלס מײַסטער פון א צעך. זײַן דערפאַרונג צו אַרבעטן מיט מענטשן אויף דער שיף איז אים גוט צוניץ געקומען אויך דאָ. דער צעך האָט דער ערשטער אויף דער פאַבריק באַקומען דעם ערן־טיטל „קאָלעקטיוו פון קאָמוניסטישער מי". דאָ איז איליא דאַווידאָוויטש אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי.

אָבער א געבוירענער יאַם־מאַן — אַזוי האָט מען זיך וועגן אים אָפּגערופן אויף אַלע שיפן, וווּ ער האָט געדינט, — האָט ער די גאַנצע צײַט ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָכן יאַם. ער האָט זיך ווידער אומגעקערט קיין סאַכאַלין, אין דער שטאָט כאָלמסק, וועלכע איז שוין געוואָרן זײַן צווייטע היים.

און ווידער — אַלץ פון אָנהייב, ווידער גייט ער דורך די אַטעסטאַציע אויף א דריטן געהילף פונעם קאַפּיטאַן און קומט אָן אויף דער שיף „לעאָניד קראַסין", וווּ ער נעמט אָן אָנטייל אינעם באַרימטן „אַריבערטרײַבן" פונעם שוואַרצן יאַם אין שטילן אָקעאַן די שיף „קאַטאַנגלי", וועלכע איז אַזוי אָנגערופן לעקאָוועד א סאַכאַלינער שטאָט. די דאָזיקע רײַזע האָט זיך אים פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן.

— וועלכע ווינטן האָבן נאָר ניט געבלאָזן אינעם ראַנגאָוט פון אונדזער שיף! — זאָגט איליא שליאָמאָוויטש, — פיל יאַמען זײַנען מיר דורכגעגאַנגען: דעם שוואַרצן, דעם מיטללענדישן, דעם עגעיִשן, דעם מירמלנעם און לעסאָף — דעם אַטלאַנטישן און אינדישן אָקעאַן!

און דאָך, — גייט ער צו מיט א שמייכל, — שענער און גרויסאַרטיקער פון אונדזער „גרויסן" אָדער „שטילן" איז ניטאָ!..

פאַראַן יאַם־לײַט, בא וועמען, ווי מע זאָגט אין פלאָט, די ליבע מיטן יאַם איז א קעגנזײַטיקע. איליא שליאָמאָוויטש איז איינער פון אַזעלכע. זײַן יאַם־לעבן איז ביז גאָר א גינסטיקס. אָבער פאַר די צוואַנציק יאָר שווימען אויף פאַרשיידענע שיפן איבער די יאַם־ראַכוועסן זײַנען בא אים געווען אויך דראַמאַטישע עפּיזאָדן. עס האָט זיך פאַרגעדענקט די סרייפע אויף דער שיף „סאַקאָ און וואַנצעטי", וווּ ער האָט געדינט אַלס צווייטער געהילף. די שיף „אַלדאַן", וועלכע האָט געפירט געהילץ פון נאַכאָדקע, איז אַרײַנגעפאַלן אין א זאָנע פון שטורעמווינטן. עטלעכע מעסלעסן האָבן זיי געווילדעוועט נאָכאַנאַנד באַטאָג און באַנאַכט. די שיף האָט זיך אָנגעבויגן אויף 40 גראַד, און עס איז אויסגעקומען האַקן די שטיץ־קלעצער און אָפּוואַלגערן אויף דער צווייטער זײַט דאָס געהילץ, אַניט וואָלט די שיף צום גרונט געגאַנגען...

אין 1970 יאָר האָט איליא דאַווידאָוויטש פאַרענדיקט ספּעציִעלע קורסן און דורכגעגאַנגען די אַטעסטאַציע אויף „סטאַרפּאָם". זינט דעמלט האָט ער אויף די שיפן „סאָזש" און „סעלענגאַ" דורכגעמאַכט פיל רעיסן אין פאַרשיידענע האַפנס פון יאַפּאָניע, קאָרייע, איטאַליע, אויפן אינדזל מאַוריקי און היבראַלטאַר. טשיקאַווע, אַז נאָך אַלע זײַנע רײַזעס האָט ער נאָך ביז הײַנטיקן טאָג פאַרהיט א יוגנטלעכן אינטערעס צו נײַע לענדער, שטעט, האַפנס.

איצט איז ער דער קאַפּיטאַן־געהילף, די צווייטע פּערזאָן אויף דער שיף. ער שטייט אויף דער וואַכטע אַכט שאָ. צוזאַמען מיט צוויי שטורמאַנס לייגט ער דורך דעם קורס און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טעכנישן צושטאַנד פון די מעכאַניזמען אויף דער שיף, פאַר די קעגנסרייפע־מיטלען. אין זײַן רעשוס געפינט זיך דער לאָקאַטאָר. איליא שליאָמאָוויטש ספּראַוועט זיך מיט אָט די אַלע פליכטן. וועגן דעם ריידן די פילצאָליקע ערן־צייכנס, גראַמאָטעס און דאַנקבאַרקײַטן פון דער שיף־פאַרוואַלטונג, מיט וועלכע זײַן אַרבעט איז אָפּגעמערקט.

דאַווידאָוויטש איז א מענטש מיט ברייטע אינטערעסן — א ליבהאָבער פון ליטעראַטור און פון קונסט־ווערק, ער איז א שאַכמאַטיסט, א שטאַנגיסט, פאַרנעמט זיך מיט קלאַסישן געראַנגל, מיט באָקס, מיט פוטבאָל, מיט רודערספּאָרט.

עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס, א ברייטפּלייציקער, א יאָדערדיק פעסטער, אַן אָנגעלאָדענער מיט רויִקער ענערגיע, זעט ער אויס היפּש ייִנגער פון זײַנע צוויי און פערציק יאָר,

וואָס א העלפט פון זיי זײַנען אָפגעגעבן דעם יאַם.

די קינדער זײַנע ציט אויך צום יאַם. די טאָכטער ליערע, וועלכע האָט ניט לאנג צוריק געענדיקט דעם צענטן קלאס, טרוימט אָנקומען אין א יאם־שול און ווערן א קאפיטאן פון ווײַטע רעיסן. פונעם פערצניאָריקן סלאוויק איז שוין אָפגערעדט. ער טראָגט פון לאנג א מאטראָסישע „טעלניאשקע” און ווייסט אף אויסווייניק אלע שיף־קאָנסטרוקציעס און די בי:אָגראפיעס פון בארימטע קאפיטאנען און רײַזנדער. ער קלײַבט זיך, נאָכן ענדיקן די שול, אוועקגיין אין דער „מאָרעכאָדקע”, ווו עס האָט זיך געלערנט דער פאָטער. עמעס, סלאוויק האָט אויך שטארק ליב מוזיק. ער האָט מיט דערפאָלג פארענדיקט די מוזיק־שול, שפילט קלאוויר און וויל זײַן א מוזיקער, א קאָמפאָזיטאָר. קיין שום ווידערשפרוך מיטן הויפט־ציל זעט סלאוויק אין דעם ניט אײַן.

— רימסקי־קאָרסאקאָוו, — זאָגט ער, — איז אויך געווען א יאם־מאן, און דאָס האָט אים ניט געשטערט צו שרײַבן מוזיק...

נאָכן אָפרו שטייט פאָר איליא דאווידאָוויטשן זיך אוועקלאָזן אין נײַע ווײַטע רעיסן, שוין אפן קאפיטאן־בריקל פון דער שיף „אלעקסאנדער באראנאָוו”.

א גליקלעכן וועג אײַך!

ערד=ארבעט איז זייער פראָפעסיע

פ י נ י ע   פ ל אָ ט ק י ן

ד ע ר   ה ו י פ ט ־ ז אָ ט ע כ נ י ק ע ר

איסאק זעליקמאן איז העכער א פערטל יאָרהונדערט דער הויפט־זאָטעכניקער פונעם באָברויסקער ראיאָן.

און אָט זיץ איך לעבן זײַן שרײַבטיש אין א ליכטיקן צימער און שמועס מיט אים. זײַן שטוב, וועלכע שטייט אין א זײַט, ווײַט פון דעם שטאָטישן טומל, איז ארומגערינגלט פון אלע זײַטן מיט פרוכט־ביימער. ס'איז מײַ כוידעש. די ביימער האָבן שוין אָפגעבליט און צעלאָזן זיך. א ווארעם ווינטל הוידעט זייערע גרינע צווײַגן. פון איינעם אן עפלבוים, וועלכער האָט זיך נאָענט צוגעשפארט צו דער שטוב, קוקן די צווײַגן גלײַך אין אָפענעם פענצטער און שפיגלען זיך אָפ אין דעם שפיגל, וועלכער שטייט פונקט אנטקעגן.

נאָך איידער כ'האָב זיך מיט זעליקמאנען באקענט פערזענלעך, האָב איך שוין געוווסט, אז ס'איז ניטאָ אין דער גאנצער אומגעגנט קיין איין לאנדווירטשאפטלעכער ספעצי:אליסט, וועלכער זאָל ניט זאָגן וועגן אים א גוט וואָרט. זייער פיל האָט ער אופגעטאָן, דער דאָזיקער מענטש, אין געביט פון אופהייבן די פראָדוקטיווקײַט פון דער פיצוכט אין ראיאָן.

איבערהויפט איז שווער געווען אים אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן. די קאָלווירטן זײַנען קימאט אינגאנצן געווען רוי:נירט. ס'זײַנען אין די ארומיקע דערפער ניט געבליבן קיין פערד, קיין בעהיימעס. מע האָט געדארפט, ווי מע זאָגט, אָנהייבן פון אָנהייב. נאָר איסאק זעליקמאן האָט זיך ניט דערשראָקן פאר די שוועריקײַטן. ער איז טאָג און נאכט געווען אין די קאָלווירטן. צו זײַנע אָנווײַזונגען און פאָרשלאָגן פלעגט מען זיך צוהערן.

זעליקמאן האָט אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. צוויי מאָל פארווונדעט. ער דערציילט:

— געבוירן בין איך אין שטעטל שטשעדרין, איר האָט געוויס ביז דער מילכאָמע געמוזט הערן וועגן דעם באוווסטן אין ווײַסרוסלאנד שטשעדרינער קאָלווירט „סאָצי:אליסטישער וועג”. אונדזערע טאטעס, זיידעס און אורזיידעס האָבן זיך פארנומען דאָ מיט ערד־ארבעט, געווען באשעפטיקט אין דער לאנדווירטשאפט,

געוווּסט און ליב געהאַט די אַרבעט, געווען איר איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן.

איסאַק יוריעוויטש באַווײַזט מיר עטלעכע אַלטע פאָטאָס.

— ניט אַלע מענטשן, וועלכע זײַנען דאָ אויף די פאָטאָגראַפיעס, דערקען איך, — דערציילט ער מיר, האַלטנדיק אין די הענט די טײַערע רעליקוויעס, — נאָר אייניקע פון זיי זײַנען מיר באַוווּסט. אָט איז, לעמאָשל, מוישע קורצער, דער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גערטנער־בריגאַדע. די קאָלווירטניקעס האָבן אים ליב געהאַט. ער איז שטענדיק געווען אופגעלייגט. ליב געהאַט און געוווּסט אַלץ וועגן גערטנערײַ. און אָט זע איך אויף דער פאָטאָ דעם בריגאַדיר פון דער דריטער פעלד־בריגאַדע לייב קורץ. צווישן זיי, דאַכט זיך, איז אויך כײַע אָסאָאַסקאַיאַ, איינע פון די אַגראָנאָמען פונעם קאָלווירט. די קאָלווירטניקעס האָבן זי געשעצט פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער לאַנדווירטשאַפט. און דער, וואָס שטייט אָן אַ זײַט, איז יעכעזקל שאַפּיראָ. אַ האָרעפּאַשנער ייִד געווען. געאַרבעט פאַר צוויי, זיך קיינמאָל ניט גערעכנט מיט דער צײַט. און דאָס איז באָריס פּאָרטאָן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ פעלד־בריגאַדע.

זעליקמאַן האָט זיך עטוואָס פאַרטראַכט, אַוועקגעלייגט צוריק אין שאַפע די פאָטאָס און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— ניט אַלע האָבן דערלעבט דעם טאָג פון ניצאָכן. נאָר מיר, לעבעדיקע, וועלן זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

וועגן זיך דערציילט ער ווייניק:

— ביז דער מילכאָמע פאַרענדיקט די ווײַסרוסישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַקאַדעמיע. לאַנג אַרבעטן אין קאָלווירט איז מיר ניט אויסגעקומען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. ווי ס'דאַרף צו זײַן האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט נאָך דער מילכאָמע. פינף און צוואַנציק יאָר אַרבעט איך אויף איינער און דער זעלבער שטעלע...

און קעדיי ענדיקן דעם געשפּרעך וועגן זיך, „וועלכער האָט זיך שוין פאַרצויגן“, זאָגט ער פּלוצעם:

— מאָרגן דאַרף איך זײַן אין קאָלווירט אויף מיטשורינס נאָמען. איך האָב דאָרט אַ שטיקל אַרבעט אויף דער פערמע. אויב איר האָט כיישעק, קאָן איך אײַך נעמען מיט זיך. איר וועט זיך דאָרט עפשער דורכריידן מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטשן — מיטן פאָרזיצער פון קאָלווירט, נאָר צי וועט אײַך געלינגען טאַקע מאָרגן מיט אים זיך זען, איז שווער צו זאָגן. עס גייט דער פאַרזיי, און מיכאַיל אַראָנאָוויטש איז אַזאַ מענטש, וואָס וועט אויף איין אָרט ניט אײַנזיצן.

דערווײַל דערוויס איך זיך, אַז דער פאָרזיצער פון קאָלווירט האָט אויך פאַרענדיקט די ווײַסרוסישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, געווען איינער פון די אָנפירער פון דער ראַיאָנער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג. שפּעטער האָבן אים די קאָלווירטניקעס פון קאָלווירט אויף אַלעקסאַנדער נעווסקיס נאָמען אויסגעוויילט פאַר זייער פאָרזיצער. דער יונגער קאָלווירט־פאָרזיצער האָט מיט לײַב און לעבן גענומען זיך צו דער אַרבעט. די ווירטשאַפט איז געווען ניט פון די בעסטע אין ראַיאָן. נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אין דער שפּיץ פון דער פאַרוואַלטונג האָט זיך געשטעלט אַ מענטש אַן ענערגישער, אַ פײַקער און דערצו נאָך מיט הויכער לאַנדווירטשאַפטלעכער בילדונג, איז דער קאָלווירט פאַר צוויי־דרײַ יאָר געוואָרן איינער פון די בעסטע אין ראַיאָן. די קאָלווירטניקעס האָבן בעשום־אויפן ניט געוואָלט אָפּלאָזן זייער פאָרזיצער אין דער שכיינעסדיקער ווירטשאַפט. נאָר דעם פּאַרשטייער פון פּאַרטייקאָמיטעט איז געלונגען אײַנריידן זיי. ער האָט געזאָגט, אַז מיכאַיל אַראָנאָוויטש מאָרטשיקן רעקאָמענדירט מען פאַר פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט אויף מיטשורינס נאָמען טאַקע דערפאַר, וואָס די ווירטשאַפט שטייט דאָרט אָפּ.

און אָט בין איך אין דעם ייִשעוו טיעלושאַ — אין צענטער פונעם קאָלווירט אויף מיטשורינס נאָמען. זעליקמאַן איז געווען גערעכט. אין דער געבײַדע פון דער פאַרוואַלטונג האָב איך מאָרטשיקן ניט געפונען. ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער פערטער בריגאַדע, — האָט מען מיר געזאָגט, — מאָרגן הייבט מען דאָרטן אָן זייען.

איך גיי אַרום איבער די גאַסן פון קאָלווירטישן ייִשעוו. אויך דאָ וווינען די קאָלווירטניקעס אין גוטע הײַזער. פאַראַן דאָ מאַגאַזינען, וווּ מע קאָן קויפן אַלץ, און וואָס נאָר עס ניי־טיקט זיך אַ הײַנטצײַטיקער דאָרפישער אײַנוווינער.

לעבן דער געבײַדע פונעם קאָלווירטישן קולטור־הויז, וואָס שטייט אויף אַ בערגל צווישן אַלטע טאָפּאָלן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. אַן אַפישע דערציילט, וועלכע קינאָ־פילמען עס וועלן דאָ דעמאָנסטרירט ווערן אין דער וואָך. אויף אַ סטענד איז מיט שיין אָנגעמאָלטע אויסיעס אָנגעשריבן, וואָס די ווירטשאַפט וועט דערגרייכן אין מעשעך פון דעם צענטן פינפיאָר. און אָט זײַנען שוין אייניקע רעזולטאַטן. וועגן זיי דערציילט דער סטענד.

פון טאָג צו טאָג וואַקסט דער וווילשטאַנד פון די קאָלווירטניקעס. אין יעדער שטוב זײַנען אײַנגעשטעלט גאַז־פּליטעס. פאַראַן טעלעוויזאָרן און ראַדיאָ־אויפנעמער. פיל קאָלווירטניקעס פאַרמאָגן מאָטאָציקלען, אוטאָמאָבילן.

זעליקמאַן האָט זיך ביז שפעט פאַרהאַלטן אַף דער פיצוכט־פערמע. איך האָב זיך געקליבן אַהיים. ס'האָט שוין גענומען פינצטער ווערן. דער אווטאָבוס האָט מיט אַ האַלבער שאָ צוריק געמאַכט זײַן לעצטן רעיס אין שטאָט, און מיר איז קיין אַנדער ברירע ניט געבליבן ווי דערוואַרטן זיך אַף אַ צופעליקער מאַשין.

כ'האָב ניט באַמערקט, ווי לעבן מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ „זשיגולי".

— אין שטאָט? — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער באַזיצער פונעם אווטאָמאָביל. — ביטע, זעצט זיך.

כ'האָב זיך געזעצט לעבן אים. אין וועג האָט ער מיר דערציילט, אַז ער הייסט איוואַן פעטראָוויטש און איז אַ טראַקטאָריסט אין היגן קאָלווירט. אין שטאָט פאָרט ער צו זײַנער אַ טאָכטער, וועלכע אַרבעט אין אַ ניי־פאַבריק. זי האָט אים אַרויסגערופן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „פּאָ דיעלו". ער האָט מיר דערציילט, אַז הײַנט איז ער געווען אַף אַ באַראַטונג פון די מעכאַניזאַטאָרן פון קאָלווירט, און אַז די באַראַטונג האָט דורכגעפירט דער פאָרזיצער מיכאַיִל אַראָנאָוויטש. דער שמועס אַף דער באַראַטונג האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע, וויאַזוי בעסער און אין קורצע אַגראָטעכנישע טערמינען דורכפירן דעם פאַרזיי.

אין אַ צײַט אַרום, שוין אין קאָלווירט אַף אָרדזשאָניקידזעס נאָמען, האָב איך ווידער באַגעגנט זעליקמאַנען. ער האָט דאָרט אַרומגעקוקט די נײַע געבײַדעס פון דער פיצוכט־פערמע, וווּ ס'געפינען זיך עטלעכע טויזנט קי. דאָ איז געווען אַלץ מעכאַניזירט. דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט, ווען איך האָב געזען, ווי ס'האָט זיך געביטן די אַרבעט פון די מעלקערנס. אַלע פראָצעסן האָבן אויסגעפילט מאַשינעס.

— איר ווייסט, — האָט זעליקמאַן זיך געווענדעט צו מיר, — שוין אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען מיר זײַנען צוגעטראָטן אופצושטעלן דאָס, וואָס דער דײַטש האָט פאַרניכטעט און פאַרברענט, האָב איך שוין געטרוימט וועגן אַזוינע פערמעס, און כ'בין גליקלעך אַצינד, וואָס מײַן טרוים ווערט פאַרווירקלעכט. אין ראַיאָן זײַנען שוין אַזוינע פערמעס ניט קיין נײַס. אין צענטן פינפיאָר וועט, לויטן פלאַן, די מעכאַניזאַציע אין דעם געביט דערגרייכן נאָך אַ גרעסערע מאַדרייגע.

אין סאָף יאָר איז איסאַק יוריעוויטש געוואָרן אַ פענסיאָנער. ער האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אַפן אָוונט, וווּ ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט זײַנע פרײַנט און כאַווײרים. מיר האָבן האַרציק באַגריסט דעם וועטעראַן פון דער מילכאָמע, איינעם פון די ערשטע, וועלכע האָבן מיט לײַב און לעבן געהאָלפן אופהייבן די לאַנדווירטשאַפט אין ראַיאָן.

זעליקמאַן האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט אַלע אונדזערע ווינטשעוואַניעס, אָפּגעדאַנקט אונדז פאַר זיי פון פולן האַרצן און דערנאָך געזאָגט:

— אַ ביסל אומעטיקלעך וועט מיר זײַן אָן אַרבעט. נאָר כ'האָף, אַז דער איבעררײַס וועט זײַן ניט קיין גרויסער.

איך בין אויך געווען איבערצײַגט, אַז אַזאַ מענטש, ווי זעליקמאַן, וועט אָן אַרבעט לאַנג ניט זײַן.

דאַרף אַזוי געשען, אַז אַנומלטן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט צײַטווײַליק אין קאָלווירט „22־טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר". צום קאָלווירטישן הויף, וווּ כ'בין געשטאַנען און געוואַרט אַף אַן אווטאָבוס, איז צוגעגאַנגען ניט קיין הויכער מענטש. ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און מיך באַגריסט:

— שאָלעם אַלייכעם!

ערשט איצט האָב איך אינדערפינצטער דערזען זײַן געזיכט און געענטפערט:

— אַלייכעם שאָלעם!

ניט וואַרטנדיק, ביז איך וועל אים פאַרגעבן אַ פראַגע, האָט ער, איסאַק זעליקמאַן, מיר דערציילט, אַז ניט לאַנג צוריק האָט מען אים באַשטעטיקט אַלס הויפט־זאָאָטעכניקער פון אַ קאָלווירט, און אַז ער איז צופרידן, וואָס ער האָט ווידער געפונען זײַן אָרט.

— און איר? איר זוכט אַלץ מאָרטשיקן? ערגערט זיך ניט, — האָט ער שמייכלענדיק פאָרגעזעצט, — ווי נאָר די פאַרזיי־קאַמפאַניע וועט זיך פאַרענדיקן, וועט איר אים אומבאַדינגט געפינען. כ'בין זיכער.

אַן ערן־קאָלווירטניק

פונעם ייִשעוו קיראָווסקאַיאַ ביז דעם רײַצענטער הלוסק איז עטוואָס מער פון צען קילאָמעטער. קיראָווסקאַיאַ איז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט געדיכטע סאָסנע־וועלדער. פאַרבײַ גייט דורך אַ וועג, וועלכער ציט זיך ווײַט אין דער טיף פאָלעסיע.

אינעם ייִשעוו, וווּ די מערהײַט אײַנוווינער זײַנען באַשעפטיקט אַפן היגן טאָרף־זאַוואָד, האָט מען אויסגעבויט אַ נײַע אַכטיאָריקע שול. דאָרט לערנען זיך אויך קינדער פון די אַרומיקע דערפער. ביז איצט בענק איך נאָך יענער צײַט, ווען כ'בין געווען אַ לערער אין דער זעלבער שול, און ס'פרייט מיך זייער, ווען מײַנע שילער, וווּ זיי זאָלן ניט באַגעגענען מיך, שטעלן זיך אָפּ, באַגריסן מיך האַרציק.

דאָ, אין קיראָווסקאַיאַ, האָב איך זיך צוערשט דערוווּסט וועגן דעם קאָלווירט „ראָדינאַ", איי־

נעם פון די בעסטע אין הלוסקער ראַיאָן, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט באָריס געלער. זייער אָפט פלעגט ער דערמאָנט ווערן ניט נאָר אין דער ראַיאָנער, נאָר אויך אין דער געגנטלעכער צײַטונג, און אפילו אין די רעפובליקאַנישע. פערזענלעך באַקענען זיך מיט דעם קאָלווירט-פאַרזיצער איז מיר אַלץ ניט אויסגעקומען. ערשט אין עטלעכע יאָר ארום האָב איך זיך באַגעגנט — שוין מיטן ערן-קאָלווירטניק פון „ראַדינאַ", דעם פערסאָנעלן פענסיאָנער פון רעפובליקאַנישן גראַד.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין זײַן וווינונג. אָן שום צערעמאָניעס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער שמועס. באָריס געלער האָט גערעדט שטיל, דײַטלעך, ניט געײַלט. איך האָב אופמערקזאַם געהערט, ניט איבערגעריסן אים, אַרײַנגעשטעלט א פראַגע נאָר דעמלט, ווען ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן, אָדער אַרײַנקוקן אין אַן אַלטן בלאָקנאָט.

נאָך דער דעמאָביליזאַציע פון דער אַרמיי האָט דער הלוסקער רײַקאָם פון דער פאַרטיי אָנגעטרויט דעם געוועזענעם מאַיאָר-אַרטילעריסט, דעם קאָמוניסט באָריס געלערן זייער א וויכטיקע אַרבעט — געשטעלט אים אין דער שפיץ פון דער הלוסקער מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע. ווי ס'איז באַוווּסט האָבן די מ.ט.ס. געשפילט נאָך דער מילכאָמע א וויכטיקע ראָליע אין אופשטעלן די קאָלווירטן. געלער האָט זיך ערנסט גענומען פאַר דער אַרבעט. די הלוסקער מ.ט.ס. איז אין א קורצער צײַט געוואָרן איינע פון די בעסטע אין געגנט.

שפעטער האָבן די קאָלווירטניקעס פונעם קאָלווירט „ראַדינאַ" אף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געלערן פאַר זייער פאַרזיצער.

באָריס האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַן אָפגעשטאַנענע ווירטשאַפט און ס'איז נייטיק, ווי מע זאָגט, אוועקשטעלן זי אף דער געהעריקער מאַדרייגע.

אין דער צײַט פון דער מילכאָמע האָבן זיך אין די וועלדער ארום יישעוו קיראָווסקאַיאַ דיסלאָצירט פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. פאַר די אָקופאַנטן זײַנען דאָס געווען ניט קיין צוטריטלעכע ערטער. דערפאַר אָבער פלעגן די פאַרטיזאַנער ניט איין מאָל אָנגרײַפן אף די פאַשיסטישע כאַיאָלעס און שטענדיק אַרויסגיין זיגער פון די שלאַכטן. די דײַטשן האָבן ניט געוואָגט רוקן זיך ווײַט אין די וועלדער, וועלכע זײַנען דערצו נאָך ערטערווײַז זייער פאַרזומפיקט. באָריס געלער דערציילט:

— קודעמקאָל האָבן מיר זיך א נעם געטאָן פאַר מעליאָראַציע. אף די ערדן, וואָס מיר האָבן אָפגעקעמפט באַם זומפ, איז די גערעטעניש פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן געווען גרעסער, איידער אף די קולטיווירטע פעלדער. מיר האָבן גענומען אַרײַנפירן אין באָדן אָרגאַנישע און מינעראַלע באַגיטיקונגען. ס'איז גיך געוואַקסן די צאָל פי אין די פי-צוכט-פערמעס.

געלער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און באַלד זיך אומגעקערט צוריק מיט א פעקל גראָבע העפטן און בלאָקנאָטן, אין וועלכע עס איז טאָגטעגלעך פאַרשריבן געוואָרן די אָפגעטאָנענע אַרבעט.

ער האָט לאַנגזאַם געבלעטערט די העפטן און אין דער זעלבער צײַט דערציילט אַלץ נײַע פראַטים, ווי ס'האָט זיך איבערגעאַנדערשט דאָס לעבן אין קאָלווירט אין מעשעך פון עטלעכע יאָר.

איך האָב אויך דורכגעקוקט צײַטונגען, וווּ ס'זײַנען פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן דעם פאַרזיצער פון „ראַדינאַ", וועגן די בעסטע מעכאַניזאַטאָרן און מעלקערנס, וועגן דער פאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פונעם קאָלווירט. קימאַט אין יעדן אַרטיקל איז אָפגעמערקט געווען געלערס דערפאַרונג אַלס אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר. ער איז געווען איינער פון די דרײַסיק טויזנט, וועמען די פאַרטיי האָט דאַן רעקאָמענדירט אין דאָרף אף אַרבעט.

אין מעשעך פון צוועלף יאָרן האָט דער קאָלווירט אָפגעקעמפט בא די זומפן מער ווי דרײַ טויזנט העקטאַר פרוכטבאַרע ערד. אין עטלעכע מאָל איז געוואָרן העכער די גערעטעניש פון די קערנער-קולטורן.

ס'איז גיך געוואַקסן דער וווילשטאַנד פון די קאָלווירטניקעס. אין אַלע אַכט פעלדער-בריגאַדעס, וועלכע פאַרייניקן דרײַצן דערפער, זײַנען אויסגעבויט קלובן און אין אײנעם דאָרף קליעטנאָיע — א גרויסע צעניאָריקע שול, וווּ ס'לערנען זיך מער ווי 300 קינדער.

צו די שלאַכט-אָרדענס און מעדאַלן, וואָס געלער האָט באַקומען אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, זײַנען אײַנגיכן צוגעקומען מעלוכע-באַלוינונגען פאַר זײַן אַרבעט אין קאָלווירט „ראַדינאַ". ער איז איצט א קאַוואַליער פון די אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן און פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. אַכוץ דעם, האָט דער פרעזידיום פון אויבערסאָוועט פון דער ווײַסרוסישער רעפובליק באַלוינט געלערן מיט אַן ערן-גראַמאָטע און מיט א גראַמאָטע פונעם אויבערסאָוועט פון דער ווײַסרוסישער רעפובליק.

געדאליע קאַסאָי

הונדערט און איינס

— נײַן, איך בין ניט מאסקים מיט יענע, וואָס זאָגן, אז „הונדערט און איינס איז אלציינס”, אזעלכס קאָנען נאָר זאָגן מענטשן אנטוישטע, וועלכע האָבן אָפּגעלײַדאקעוועט זייער לעבן, גאָרניט אופגעטאָן, אז מע זאָל זיי קאָנען דערמאָנען צו גוטן. אָבער מיך, בעט איך אײַך, זוכט ניט אין אָט דעם צעטל. פון מײַנע הונדערט יאָר לעבן אף דעם וועלטל האָב איך פינף און זיבעציק אָפּגעהאָרעוועט, פון זיי — פופציק שוין בייס דער ראטנמאכט. עמעס, קיין אייפעל־טורעמס און ברוקלין־בריקן, וואָס זאָלן האָבן א שעם אף דער וועלט, האָב איך ניט געבויט, איך בין ניט מער ווי אן אָבאָישטשיק און דראפּיראָווטשיק, אָבער דאָס, וואָס איך האָב אופגעטאָן אין וויניצע, וועט מען לאנג געדענקען, — אזוי זאָגט דער בעקאָוועדיקער זאָקן, דער הונדערטיאָריקער יובילאר און שטענדיקער לייענער פון אונדזער זשורנאל, אווראָם גיטלמאן.

שוין א סאך יאָרן, ווי איך, אלס געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד”, געפין זיך אין סאמע געדיכטעניש פונעם פאָלק: צווישן ארבעטער, טעכניקער, אינזשעניערן, לערער, דאָקטוירים, אָנגעשטעלטע. יעדער פון זיי פארמאָגט זײַן ארט דענקען און וועלט־אופאסונג. מיט יעדן פון זיי איז אינטערעסאנט צו שמועסן. קומסט ארײַן אין א שטוב, באזעצט מען דיך אויבנאָן, ווי א געוווּנטשענעם גאסט, און עס גייט אוועק א סעדרע וועגן ליטעראטור, פּאָליטיק און, צום באַדויערן, וועגן די יעניקע, וואָס לאָזן זיך פארפירן, פארלאָזן דאָס היימלאנד און פאָרן אינדערפרעמד זוכן גליקן.

פיל מײַנע אבאָנענטן זײַנען שוין אין פענסיאָנע עלטער, נאָר אווראָם גיטלמאן האָט אלעמען אריבערגעשטיגן. אין דעקאבער הײַנטיקס יאָר ווערט ער אלט, צו מאזל, הונדערט יאָר. אזוינס קאָן טרעפן איין מאָל אין הונדערט יאָר.

אווראָם גיטלמאן וווינט אין א גוטער דירע פונעם נײַעם ראיאָן „ווישענקע” אינײינעם מיט זײַן טאָכטער כאנע און דעם איידעם, מאנויל לעכטער. די טאָכטער האָט צוריק מיט יאָרן געענדיקט די קאָנסערוואטאָריע און איז געווען א לערערן פון פיאנע אין דער היגער מוזיקאלער שול. דער איידעם, א געוועזענער אָפיצער, וואָס האָט פארדינט אף דער מילכאָמע אָנדערהאלבן צענדליק באלוינונגען, איז אן עקאָנאָמיסט און ארבעט ביז איצט. ביידע זײַנען זיי סימפאטישע און הארציקע מענטשן, היטן אָפּ דעם פאָטער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

אפן קלונג האָט מיר די טיר געעפנט טאקע אווראָם גיטלמאן. די קינדער זײַנען אין דער היים ניט געווען. ער האָט מיט מיר זיך שטארק דערפרייט, פונקט ווי איך מיט אים.

נאָכן פרײַנטלעכן „שאָלעם־אלייכעם” האָט ער מיך אוועקגעזעצט לעבן זיך אף א שטול, און איך האָב געהאט א מעגלעכקײַט אים באטראכטן און טאקע צוביסלעך מאכן אן עקסקורס אין זײַן פארגאנגענהײַט.

ער איז ניט קיין הויכער, אן איידעלער, מיט נאָך גאנץ רירעוודיקע אייוורים און לויטערע קלוגע אויגן. ער האָט ניט קיין פּאטריארכאלע גראָווע באָרד, ווי דער שטייגער איז בא זקיינים. פארקערט, ער איז ריין אויסגעגאָלט. דערציילט און ענטפערט אף פראגן בענימעסדיק, שטיל. לייענט אָן ברילן. האקלאל, איר וועט אים ניט געבן זײַנע הונדערט יאָר.

געבוירן איז ער אין וויניצע אין דעקאבער 1879. זײַן פאָטער זעליק, א קירזשנער, האָט גענייט פעלצן און סוויטקעס און איז שטענדיק געווען אין דער מוירע, אז עס וועט זײַן א וואָרעמער ווינטער און מע וועט ניט אָפּלייזן פאר דער סכוירע, וואָס איז ביז־וואָס־ווען געווען פארזעצט בא די פראָצענטניקעס. די מאמע, פייגע, כוץ דעם, וואָס איר איז געווען שווער צונויפשלעפּן א וואָרמעס, האָט נאָך געהאט אן ארבעט — קינדלען. פיר זין און פיר טעכטער האָט זי געבוירן, און אָט די גאנצע קאפּעלע האָט זעליק באדארפט „מיט דער נאָדל” אָנהאָדעווען.

צו צען יאָר, זאָגט דער באל־יויוול, האָט מען אים אָפּגעגעבן צו א באלעבאָס, יאנקל זאקס, זיך לערנען זײַן אן אָבאָישטשיק, און ווי דער שטייגער איז געווען, האָט ער ניט געלעקט קיין האָניק...

אַזוי ווי מיר ריידן, זײַנען אַרײַנגעקומען די טאָכטער מיטן איידעם. זיי זײַנען געווען צו־גאַסט בא זייערע קינדער. זייער זון, עדוואַרד, איז אַן אָנפירנדיקער אינזשעניער־קאָנסטרוק־טאָר אַף א גרויסער אונטערנעמונג, די שנור, סאָפיע — א קינדער־דאָקטער.

אַנע אַבראַמאָוונאַ, ווי נאָר זי איז אַרײַן אין שטוב, האָט זי זיך גלײַך א וואָרף געטאָן צום פאָטער און גענומען טאַפּן דעם קאָפּ, צי האָט ער ניט קיין היץ. געפרעגט, צי ער האָט עפּעס געהאַט אין מויל, און וואָס. דער פאָטער האָט גוטמוטיק זיך געבייזערט:

— זי באַגייט זיך מיט מיר, ווי גלײַך איך בין איין יאָר אַלט. מיר איז שוין באָרעך־האַ־שעם א גאַנצע מייע, נאָר ווען מע רופט מיך איצט אויסזיצן א זאַל, וואָלט איך זיך ניט אָפּגעזאָגט. די צאָרע איז, וואָס קיין הונדערט־יאָריקע לאַדט מען ניט אײַן אַף אַרבעט. א שאָד, א שאָד...

— כאָווער גיטלמאַן, — גיב איך אים א בעט, — ווען עס האָט זיך געענדיקט דאָס לעצ־טע יאָרהונדערט, זײַנט איר שוין געווען א דערוואַקסענער מענטש. דערציילט עפּעס, טשי־קאַווע, פון יענער צײַט...

— וועגן וואָס זאָל איך דערציילן? — טוט ער אַף מיר א טרויעריקן קוק, — וועגן אַלעקסאַנ־דער דעם דריטן, וועגן פּורישקעוויטשן, — צי וועגן סטאָליפּינען, יִמאַך שמוי וועזיכרוי? ס'איז יעדן באַוווּסט זייערע מײַסים טויווים. ווי זיי האָבן געשטיקט דאָס פּאָשעטע פאָלק, גע־האַנגען, געשאָסן, פאַרשיקט אַף קאַטאָרגע, און איבערהויפּט האָבן דאָס געפילט אַכיינו בנײ ייִסראָעל, מע האָט זיי געטריבן פון די דער־פער, געמאַכט אַף זיי פּאָגראָמען.

— טאַטע, דערצייל די מײַסע מיטן זשאַנ־דאַרם, — מישט זיך אַרײַן די טאָכטער.

— מע קאָן וועגן דעם זשאַנדאַרם, — זאָגט ער. — די מײַסע איז פאָרגעקומען אין פינפטן יאָר בײַס א דעמאָנסטראַציע, און איך בין אויך געווען צווישן די דעמאָנסטראַנטן, געוויינלעך. טרעפט זיך, אַז מע לייגט אוועק „אַף נאַס" א זשאַנדאַרם. איז געוואָרן א בעהאָלע, אַלע זײַ־נען זיך צעלאָפן. איך בין אַרײַן אין וואַר־שטאַט, ווו כ'האָב געאַרבעט, געכאַפּט אַף זיך דעם פאַרטעך און זיך געשטעלט הובליעווען א ברעט. פּלוצעם לויפט אַרײַן א באָכער, ניט קיין היגער. „באַהאַלט, ברודערקע, — שרײַט ער אויס, — מע יאָגט זיך נאָך מיר!". אַזויווי עס איז געשטאַנען אַן אַלט באַנק־בעטל, האָב איך אופגעהויבן די דעק, אים אַרײַנגעקוועטשט אַהין, אים צוגעדעקט און זיך געשטעלט הובליעווען, ווי גלײַך עס איז גאָרניט געשען. אין א מינוט אַרום האָט זיך געיאַוועט א טשאַ־טע זשאַנדאַרמען און זיך נאָכגעפרעגט אַפּן באָ־

אוורהאָם גיטלמאַן

כער. „יאָ, זאָג איך, נאָרוואָס איז עמעצער פאַר־בײַגעלאָפן דעם פענצטער". האָט די טשאַטע אוועקגעיאָגט אים זוכן. אַזויאַרום האָב איך גע־ראַטעוועט פון א זיכערן טויט איינעם אַן אַקי־וועס — פון די באַוווּסטע ליטינער אַקיוועסעס־רעוואָליוציאָנערן, וועלכער האָט צוגעלייגט א האַנט צום געקאַצעטן זשאַנדאַרם...

דער זאָקן מאַכט א פּאַוזע, שטעלט אָן אַף מיר זײַנע קלוגע אויגן, טוט א מעכײַעדיקן שמייכל:

— אַלע גאָרן צו וויסן, וואָס איך האָב אופּ־געטאָן פאַר מײַן לאַנג לעבן. וויל איך אײַך קוידעמקאָל דערציילן א מײַסע בעלאָשן סאַ־גינאָהער. צי איך האָב עס געלייענט, צי גע־הערט פון עמעצן, אַז א מענטש האָט זיך אַמאָל אָפּדערנאַכט געלייגט שלאָפן, און ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט און איז אַרויס אַף דער גאַס, איז ער נישטוימעם געוואָרן, זיך גענומען רײַבן די אויגן: וואָס טוט זיך עס? עס לויפן אַרום וועגענער אָן פערד, אין הימל פליִען מאַשינעס, מויערן — צו צוואַנציק־דרײַסיק עטאַזשן. ווו מע טוט א וואָרף מיט אַן אויג — רעסטאָראַ־נען מיט עסנוואַרג און טרינקעכץ. די גאַסן — אויסגעוואַשן און גלאַנצן, ווי מע וואָלט זיי געשײַערט. עס שפּילט מוזיק, אַלע פרייען זיך און טאַנצן. וואָס קומט דאָ פאָר? ווען דער מענטש האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז אַף דער גאַס געווען א כוישעך, א בלאָטע, פערד האָבן קוים דעם וואָגן געשלעפּט, די הײַזער — אונ־

טער שטרוי און פוילן שינדל. עפשער כאַלעמט זיך דאָס אַלץ? ער הייבט זיך אָן קנײַפּן. ניין, ער שלאָפט ניט. פרעגט ער זיך נאָך בא א מענטשן, ווו איז ער, זאָגט מען אים, אז ער איז אין דעם און אין דעם לאַנד, אין דער און אין דער שטאָט. יאָ, ריכטיק, נאָר וואָסער כוידעש און וואָסער יאָר איז איצט? און ווען ער דערוויסט זיך, כאַפּט ער זיך אָן באַם קאָפּ: ער איז אָפּגעשלאָפן גאַנצע הונדערט יאָר. אָט דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן אָן אים, און ער איז אופגעשטאַנען צום גרייטן.

— יאָ, עמעס, — רוף איך זיך אָן, — אָט די מײַסע, נאָר א ביסל אַנדערש געשלייערט, האָט אָנגעשריבן דער אַמעריקאַנער שרײַבער עדוואַרד בעללאַמי נאָך אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, נאָר קעגן וואָס דערציילט איר עס, כאַווער גיטלמאַן?

— קעגן דעם, מײַן ליבער פרײַנט, — ענטפערט דער זאָקן, — וואָס איך בין מײַנע הונדערט יאָר ניט אָפּגעשלאָפן, ניט געקומען צום גרייטן צו אָט דעם ראַכוועס, און אין אַלץ, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן און אויסגעבויט געוואָרן, האָב איך א כיילעק. אין זיבן פּיאַטילעטקעס האָב איך גענומען אָן אָנטייל... אַנו, מאַנויל, — ווענדעט ער זיך צום אײדעם, — טראָג נאָר אַרײַן מײַנע דיפּלאָמען און גראַמאָטעס, זאָל דער כאַווער קאָרעספּאָנדענט זיך איבערצײַגן, אז איך האָב ניט אָפּגעלײַדאָקעוועט מײַן וועלט, אז איך לאָז איבער מאַמאַשעסדיקס, דעריקער טאַלמידים, וואָס זעצן פאָר מײַן אַרבעט. עמעס, איצט איז א מאָדע צו ריידן נאָר וועגן די, וואָס דרייען זיך נאָך אין קאָן, און אַזעלכע, ווי איך, פאַרגעסט מען צו ביסלעך. איז מיילע, זינדיקן וויל איך ניט. אין מײַן צײַט האָט מען וועגן מיר אויך גערעדט.

מאַנויל גריגאָריעוויטש האָט אַרײַנגעטראָגן אַן אַלבאָם מיט דיפּלאָמען, גראַמאָטעס און אַנדערע לויב־דאָקומענטן, וואָס מע האָט אָף פּיל אַרבעטן מיט זיי באַלוינט דעם הויכקוואַליפיצירטן אַרבעטער אוורעם גיטלמאַן.

אויסרעכענען זיי אַלע — וועט פאַרנעמען א סאַך אָרט און צײַט, נאָר צוויי באַלערעוודיקע דאָקומענטן, לויט מײַן מיינונג, פאַרדינען, מע זאָל זיי אָפּמערקן:

1. „דער וויניצער געגנט־אויספּירקאָם באַלוינט מיט א דיפּלאָם דעם הויכקוואַליפיצירטן אַבאַישטשיק און דראַפּיראָווסשיק פון דער אַטעליע „רעממעבל“ גיטלמאַן אבראַם זעליקאָוויטש פאַר אַרויסגעבן הויכסאָרטיקע פּראָדוקציע און אַלס אַזעלכן, וועלכער האָט אָפּגעאַרבעט לויט דער קוואַליפיקאַציע אַכט און פערציק יאָר.

14 דעקאַבער 1950“.

2. „פאַר לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער אַרבעט, פאַרן אַקטיוון אָנטיילנעמען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם קאָלעקטיוו און כאָווערישער באַציִונג צו די מיטאַרבעטער באַלוינען דעם כאַווער גיטלמאַן אבראַם זעליקאָוויטש מיט אַן ערן־גראַמאָטע.

25 פעווראַל 1964“.

איך כידעש זיך: אין 1964, אין עלטער פון פינף און אַכציק יאָר, איז דער דאָזיקער מענטש נאָך ניט אַוועק אָף פּענסיע, ווײַל מע האָט זיך אין אים גענייטיקט!

זאָגן דעם עמעס, בין איך, קוקנדיק אָף די דאָקומענטן, פּאַשעט מעקאַנע געווען דעם אַלטן, ווײַל יעדע באַלוינונג האָט באַוויזן, וואָס פאַר א נוצלעכע אַרבעט ער האָט געטאָן: אויסגעשטאַט פּיל קלובן, עטלעכע קינאָ־טעאַטערן, דאָס הויז פון דער רויטער אַרמיי און דעם שטאַטישן טעאַטער.

וועגן זײַן אָנטייל אין אויסשטאַטן דעם טעאַטער דערציילט אוורעם גיטלמאַן פאָלגנדיקס:

— בײַסן אַנטלויפן פון וויניצע האָבן די פאַשיסטן רויִנירט דעם טעאַטער ביזן פונדאַמענט, און נאָך דער מילכאָמע האָבן טאַקע די געפאַנגענע דײַטשן אים צוריק אופגעשטעלט. פאַרשטייט זיך, אז געטאָן האָבן זיי נאָר די בויאַרבעט. און אָט איז געקומען די צײַט פון קינסטלערישער אויסשטאַטונג: דראַפּירן דעם פאָרהאַנג, די בינע, די לאָזשעס, דאָס מעבל און אַלץ, וואָס עס האָט א שײַכעס צו טעאַטער. אין איינעם א שיינעם טאָג פאָרט צו צו מײַן שטוב א מאַשין מיט א קוריער פונעם געגנטקאָם: דער סעקרעטאַר לאַדט מיך אײַן אָף א שמועס. עס פאַרשטייט זיך, אז אָפּזאָגן זיך האָב איך ניט געקאָנט. דאָ זײַנען שוין געזעסן מענטשן, וואָס האָבן א שײַכעס צו בויונג און צו קונסט. און עס איז אַוועק א שמועס, אז איך, אבראַם זעליקאָוויטש, באַדאַרף נעמען אָף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַרבעט, ווײַל א טעאַטער איז ניט אַבי־וואָסער קלוב: העגנט מען ניט אַזוי אויף דעם פאָרהאַנג, דראַפּירט מען ניט אַזוי די ווענט און די לאָזשעס, וועט די אַקוסטיק זײַן ניט ווי געהעריק, און נאָך אָף מיר, אָף אבראַם זעליקאָוויטשן, פאַרלאָזט מען זיך. דערבײַ האָט ער מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געבעטן זיך באַלד נעמען פאַר דער אַרבעט. און דאָס, וואָס איר זעט איצט אין טעאַטער, איז אין דעם פאַראַן א סאַך פון מײַן מי...

אַנע אַבראַמאָוונאַ איז געזעסן אַ פאַרגאַפטע לעבן פאָטער, פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. עטלעכע מאָל האָט זי אים געבעטן זיך אָפּרוען, נאָר דער זאָקן האָט פאַרגעסן אין זײַן עלטער און אַלץ דערציילט, וואָס ער האָט אופגעטאָן פאַר זײַן לאַנג לעבן. נאָך איצט קומט מען צו אים נאָך אַן אייצע, ווען מע דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דראַפּיראָווקע. צום סאָף האָט ער צוגעגעבן: — ניין, הונדערט און איינס איז ניט אַלצײַנס!

א באַגעגעניש

יאשע רוביאַן

פונעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פון שטאָל, וווּ מיר האָבן זיך געטראָפן, זײַנען מיר אַרויס אינצווייען און זיך געלאָזט צום איזמײַלאָווער פּאַרק, וואָס איז גאָר נאָענט, אויף יענער זײַט אײַזנבאַן־ליניע. מיר זײַנען אַרײַן אין פּאַרק, זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק לעבן אַ זאַמדסטעזשקע.

— איך ווייס ניט, וויאַזוי אַנדערע, — האָט אָנגעהויבן דער אינזשעניער־מעטאַלורג, קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן וואַדים טאַרלינסקי, — נאָר איך פיל זיך ניט וואָזשנע, ווען מיר קומט אויס דערציילן וועגן מײַן אַרבעט. נאָר אַז איר בעט, קאָן איך אײַך ניט אָפּזאָגן.

פיל יאָרן האָט מײַן פאָטער דאָוויד טאַרלינסקי געאַרבעט אויפן מעטאַלורגישן זאַוואָד „סערפּ און האַמער” אַלס אינזשעניער־מעטאַלורג. ער איז געווען ניט נאָר אַ גוטער אינזשעניער, נאָר אויך אַן אַלזײַטיק אַנטוויקלטער, אינטערעסאַנטער מענטש. אויפן זאַוואָד געדענקט מען אים נאָך ביז איצט. געלעבט האָבן מיר אין אַ הילצערן שטיבל אויפן זאַוואָד־הויף. איצט איז דאָס שטיבל שוין ניטאָ. אויף דעם אָרט שטייט אַ גרויסער צעך.

טאַקע אין דעם הילצערן שטיבל בין איך געבוירן געוואָרן אין 1931 יאָר. דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס אין מײַן פריִער קינדהײַט האָב איך פונעם טאַטן געהערט די ווערטער: „מעטאַל”, „פּראָקאַט”, „מאַרטען”, „סטאַן”.

ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, פלעגט דער טאַטע מיך מיטנעמען צו זיך אין פּראָקאַטנע צעך, וווּ ער איז געווען דער שעף. דאָס גאַנצע לעבן וועל איך געדענקען, וויאַזוי איך האָב זיך דערשראָקן און גענומען לויפן, ווען איך האָב דערזען, ווי דער צעגליטער מעטאַל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיר אַנטקעגן, ניט אַנדערש — אַ פײַערדיקע שלאַנג. דער טאַטע האָט געלאַכט פון מיר. ליב געהאַט האָב איך אַרײַנקומען אין צעך, וווּ פונעם סטאַן ציט מען שטאָלענע סטענגעס. איך האָב אויך געזען, ווי מ׳ציט דראָט, די וווערטושקעס וויקלען דעם דראָט אין בוכטעס, נאָכדעם כאַפּט זיי אונטער אַ מאַשין און פאַרטראָגט זיי אין אַ צווייט אָרט. פון די זאַוואָדישע קוימענס שפּאַרט אַ געדיכטער רויך, און איך שטיי מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און קוק אויפן הייבקראַן, וואָס באַוועגט זיך הין און צוריק. און פונעם געגלעזלטן שטיבעלע קוקט אַראָפּ אַ פאַרמורזעט מיידל אין אַ רויטער פּאַטשיילקע.

ווען איך האָב געלערנט אין שול, האָבן מיך מער אינטערעסירט הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן: געשיכטע, ליטעראַטור. נאָכן ענדיקן די מיטלשול האָב איך אויסגעפילט דעם פאַרלאַנג פון מײַנע עלטערן און בין אָנגעקומען לערנען אין מאָסקווער אינסטיטוט „שטאָל” און איך בין געוואָרן, ווי מײַן טאַטע, אַן אינזשעניער־מעטאַלורג.

זאָרגט מיט וואָרעמקײַט ניט נאָר די שטאָט, נאָר אויך דעם זאַוואָד און דעם וועלט־באַרימטן קאָמבינאַט. די קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט א ציל וואָס גיכער באַזײַטיקן די אוואַריִע, און קעדיי דאָס דערגרייכן, איז אויסגעקומען אַר־בעטן אַלע 24 שעה אין מעסלעס. יעדע נאַכט זעץ איך זיך אַרײַן אין א ווערטאָליאָט און פלי צו דעם אָרט אין פעלד, ווו די אוואַריִע־ברי־גאַדע אַרבעט. אונדז איז אויסגעקומען ניט נאָר אַכטונג געבן, אַז מע זאָל וואָס גיכער צונויפ־שמעלצן די טרויבן, נאָר אויך לייגן אַכט אַף דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט. מיר האָבן דאָס דערגרייכט.

די גרויסע צאָפן־שטאָט האָט געלעבט מיט איר גרויסשטאָטישן טומל. מענטשן גייען אין טעאַטער, מע קוקט קינאָ, ס׳זײַנען אָפן די קאַ־פע, די רעסטאָראַנען, סטודענטן לערנען, דאָס קליינוואַרג געפינט זיך אין די פּרעכטיקע קינ־דערגערטנער, זיי עסן און שלאָפן, זינגען און טאַנצן, גייען שפּאַצירן. זיי גייט ווינציק אָן, וואָס די דערוואַקסענע שפּאָרן די וואָרעמקײַט, פירן א שטרענגן קאָנטראָל.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז די שלאָסער־ברי־גאַדע פון דער אוואַריִע־דינסט האָט געאַרבעט באַטאָג און באַנאַכט. באַנאַכט האָבן באַלויכטן דעם באַצירק גרויסע פּראָזשעקטאָרן. דער פּראָ־זשעקטאָר וואַרפט סנאָפּעס שײַן, נאָר די מענטשן ווערט פון דעם ניט וואָרעמער. דער פראָסט ברענט, און דער באַנאַכטיקער ווינט רײַסט שטיקער. וואָס הייסט פרעסט? שטאָל און אײַזן האָט געפּלאַצט פון דער קעלט! נאָר די מענטשן זײַנען ניט אָפּגעטראָטן. ווען די קאָמי־סיע האָט פאָרגעלייגט דעם נאַטשאַלניק פון דער אוואַריִע־בריגאַדע געבן א מעגלעכקײַט דער בריגאַדע אָפּרוען און טאָקע כאַפּן א דרעמל, האָט ניט נאָר ער, נאָר די גאַנצע בריגאַדע זיך קאַטעגאָריש דערפון אָפּגעזאָגט. אַזאַ איז דער ווילן און כאַראַקטער פון סאָוועטישע מענטשן. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָבן מיר ווידער באַזוכט דעם באַצירק, אַלץ איז געווען אין אָר־דענונג. מיר האָבן זיך פרײַנטלעך געזעגנט און זײַנען אַרויסגעפלויגן קיין מאָסקווע, אומגע־קערט זיך אַהיים.

בעשאַס דער בויונג פון דער גאַז־מאַגיסטראַל „סאָיוז" האָבן די מײַרעוו־דײַטשישע ספּעציאַ־ליסטן פון דער פירמע „מאַניסמאַן" אונדז צו־געשטעלט א פּראָיעקט אַף צונויפשמעלצן טרויבן, נאָר זייער טעכנאָלאָגיע האָט אונדז ניט אײַנגאַנצן באַפרידיקט. ס׳האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס. ס׳זײַנען אַראָפּגעבראַכט גע־וואָרן פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד גאָר גרויסע ספּעציאַליסטן, קעדיי פאַרטיידיקן זייער פּראָ־יעקט. נאָר ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט מיט דער טעכנאָלאָגיע פון אונדזער וואַריאַנט, האָבן זיי געמוזט אָנערקענען, אַז אונדזער טעכנאָלאָגיע איז פּאַסיקער, און די פאָרשטייער פון דער פיר־מע „מאַניסמאַן" האָבן אָנגענומען דעם סאָוועטישן פּראָיעקט.

אינגיכן וועלן אַף די בויונגען פון די נײַע גאַז־ און נאַפט־מאַגיסטראַלן זיך באַווײַזן נײַע מאַרקעס טרויבן, באַזונדערס פעסטע. גענוג צו זאָגן, אַז נאָר אין אָט דער מאַרקע טרויבן גייט אַרײַן קימאַט א העלפט פון מענדעלייעווס טאַ־בעלע פון מעטאַלן. די טרויבן לאָזן אַרויס אונדזערע זאַוואָדן.

מיר שטייט פאָר גרינטלעך אויספאָרשן, דער־לערנען די טרויבן, קעדיי געפינען נײַע מיטלען אַף זיי צונויפשמעלצן. צו דער אַרבעט בין איך שוין צוגעטראָטן, ווײַל דאָס איז איינע פון די אויפגאַבן, וואָס אונדזער אינסטיטוט פילט אויס אינעם צענטן פינפיאָר.

בא מיר אין לאַבאָראַטאָריע איז שטענדיק די אַטמאָספער א כאַווערישע. דאָס איז א קלימאַט פון פאָרשן, דערפינדן, פּרוּוון, עקספּערימענ־טירן און אַנטדעקן.

אין פּאַרק האָט א הילך געטאָן מוזיק. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום אָרקעסטער.

זאָרגט מיט וואָרעמקייַט ניט נאָר די שטאָט, נאָר אויך דעם זאוואָד און דעם וועלט־באַרימטן קאָמבינאַט. די קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט א ציל וואָס גיכער באַזייַטיקן די אוואַריע, און קעדיי דאָס דערגרייכן, איז אויסגעקומען אַר־בעטן אַלע 24 שעה אין מעסלעס. יעדע נאַכט זעץ איך זיך אַרייַן אין א ווערטאָליאָט און פלי צו דעם אָרט אין פעלד, ווו די אוואַריע־ברי־גאַדע אַרבעט. אונדז איז אויסגעקומען ניט נאָר אכטונג געבן, אז מע זאָל וואָס גיכער צונויפ־שמעלצן די טרויבן, נאָר אויך לייגן אכט אָף דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט. מיר האָבן דאָס דערגרייכט.

די גרויסע צאַפּן־שטאָט האָט געלעבט מיט איר גרויסשטאָטישן טומל. מענטשן גייען אין טעאַטער, מע קוקט קינאָ, ס'זייַנען אָפן די קאַ־פע, די רעסטאָראַנען, סטודענטן לערנען, דאָס קליינוואַרג געפינט זיך אין די פּרעכטיקע קינ־דערגערטנער, זיי עסן און שלאָפן, זינגען און טאַנצן, גייען שפּאַצירן. זיי גייט ווייניק אָן, וואָס די דערוואַקסענע שפּאָרן די וואָרעמקייַט, פירן א שטרענגען קאָנטראָל.

איך האָב שוין געזאָגט, אז די שלאָסער־ברי־גאַדע פון דער אוואַריע־דינסט האָט געאַרבעט באַטאָג און באַנאַכט. באַנאַכט האָבן באַלויכטן דעם באַצירק גרויסע פּראָזשעקטאָרן. דער פּראָ־זשעקטאָר וואַרפט סנאָפּעס שייַן, נאָר די מענטשן ווערט פון דעם ניט וואַרעמער. דער פראָסט ברענט, און דער באַנאַכטיקער ווינט רייַסט שטיקער. וואָס הייסט פראָסט? שטאָל און אייַזן האָט געפּלאַצט פון דער קעלט! נאָר די מענטשן זייַנען ניט אָפּגעטראָטן. ווען די קאָמי־סיע האָט פאָרגעלייגט דעם נאַטשאַלניק פון דער אוואַריע־בריגאַדע געבן א מעגלעכקייַט דער בריגאַדע אָפּרוען און טאַקע כאַפּן א דרעמל, האָט ניט נאָר ער, נאָר די גאַנצע בריגאַדע זיך קאַטעגאָריש דערפון אָפּגעזאָגט. אזא איז דער ווילן און כאַראַקטער פון סאָוועטישע מענטשן. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָבן מירווידער באַזוכט דעם באַצירק, אַלץ איז געווען אין אָר־דענונג. מיר האָבן זיך פרייַנטלעך געזעגנט און זייַנען אַרויסגעפלויגן קיין מאָסקווע, אומגע־קערט זיך אַהיים.

בעשאַס דער בויונג פון דער גאַז־מאַגיסטראַל „סאָיוז" האָבן די מייַרעוו־דייַטשישע ספּעציאַ־ליסטן פון דער פירמע „מאַניסמאַן" אונדז צו־געשטעלט א פּראָיעקט אָף צונויפשמעלצן טרויבן, נאָר זייער טעכנאָלאָגיע האָט אונדז ניט אינגאַנצן באַפרידיקט. ס'האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס. ס'זייַנען אַראָפּגעבראַכט גע־וואָרן פון מייַרעוו־דייַטשלאַנד גאָר גרויסע ספּעציאַליסטן, קעדיי פאַרטיידיקן זייער פּראָ־יעקט. נאָר ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט מיט דער טעכנאָלאָגיע פון אונדזער וואַריאַנט, האָבן זיי געמוזט אָנערקענען, אז אונדזער טעכנאָלאָגיע איז פּאַסיקער, און די פאָרשטייער פון דער פיר־מע „מאַניסמאַן" האָבן אָנגענומען דעם סאָווע־טישן פּראָיעקט.

איינגיכן וועלן אָף די בויונגען פון די נייַע גאַז־ און נאַפט־מאַגיסטראַלן זיך באַווייַזן נייַע מאַרקעס טרויבן, באַזונדערס פעסטע. גענוג צו זאָגן, אז נאָר אין אָט דער מאַרקע טרויבן גייט אַרייַן קימאַט א העלפט פון מענדעלייעווס טאַ־בעלע פון מעטאַלן. די טרויבן לאָזן אַרויס אונדזערע זאַוואָדן.

מיר שטייט פאָר גרינטלעך אויספאָרשן, דער־לערנען די טרויבן, קעדיי געפינען נייַע מיטלען אָף זיי צונויפשמעלצן. צו דער אַרבעט בין איך שוין צוגעטראָטן, וויַיל דאָס איז איינע פון די אופגאַבן, וואָס אונדזער אינסטיטוט פילט אויס אינעם צענטן פינפיאָר.

באַ מיר אין לאַבאָראַטאָריע איז שטענדיק די אַטמאָספער א כאַווערישע. דאָס איז א קלימאַט פון פאָרשן, דערפינדן, פּרוּוון, עקספּערימענ־טירן און אַנטדעקן.

אין פּאַרק האָט א הילך געטאָן מוזיק. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום אָרקעסטער.

הערשל באראַז

קאַמיוגישער כאַראַקטער

זאָלן מיר מוחל זײַן די אטאַממאשאָוצעס פאר מײַן „פאראט”: איך בין געקומען צו זיי, קעדיי בעפייִרעש וועגן זיי אָנשרײַבן אַן ארטיקל אָדער א פארצייכענונג, נאָר שוין אַף דער ערשטער באגעגעניש מיט דער יוגנט פונעם זאוואָד האָבן זיך מײַנע פּלענער עטוואָס געענדערט. און ניט, כאָלילע, דערפאר, ווײַל דאָ ארבעטן שלעכטע כעוורע, צי די ארבעט גייט בא זיי ניט ווויל. ניין, פארקערט, דאָ איז קימאט יעדער ארבעטער א העלד אַף דער קאָלאָסאלער בויונג פון דער היינטצײַטיקײַט. דאָ, אפן ברעג פונעם דאָן, ווי אין די דרײַסיקער יאָרן אפן ברעג פונעם אמור, ווערט געבוירן א נײַער קאָמסאָמאָלסק, וואָס זײַן נאָמען איז — וואָלגאָדאָנסק. פיל איך זיך א באַלכויוו בא די וואָלגאָדאָנסקער כעוורע און וועל אומבאדינגט וועגן זיי נאָך אָנשרײַבן. דערווײַל אָבער — וועגן דער קאָמיוגישער פארזאמלונג אפן אטאָממאש, — דאָס איז זי „שולדיק” אין מײַן „פאראט”. אלע האָבן געוווּסט וועגן דער פארזאמלונג און זיך פלײַסיק געגרייט צו איר. ווי דען אנדערש? פאר דער יוגנט טרעט הײַנט ארויס איסאַק מינקין.

ווער איז מינקין?

וועגן אים האָט מען ניט לאנג צוריק געשריבן אינעם אלמאנאך „פּראָמעטיי”: „פרעגט בא יעדן פון די ערשטבויער פון קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, ווער איז מינקין, וועט ער אײַך ענטפערן: דער סעקרעטאר פונעם שטאָטקאָמיטעט. קיינער פון זיי וועט ניט צוגעבן „געוועזענער”, ווײַל דאָס וואָרט „געוועזענער” פאסט ניט צו מינקינען”.

און ווירקלעך. אַף דער טריבונע האָט זיך פלינק אופגעהויבן א מיטלוווקסיקער, געזונטער, ברייטפלייציקער מענטש. זײַנע שווארצע האָר אפן קאָפּ זײַנען שוין געדיכט באזילבערט און דאָס גיט צו נאָך מער כיין זײַן קלוגן פּאָנעם. ער האָט גערעדט לײַכט, איבערצײַגנדיק, און ס׳האָט זיך געפילט, אז ער ווייסט, וואָס ער רעדט. ווען ער איז איבערגעגאנגען צו די שוועריקײַטן און אופגאבעס פון דער זאוואָדישער יוגנט, האָט מען געקאָנט מיינען, אז אָט דער מענטש ארבעט טאקע דאָ אין דעם קאָלעקטיוו, אז ער איז דער וואָזשאק פון אָט דעם יונגן ענערגישן אָטריאַד.

און ווי?אזוי האָט מען אים געהערט! די כעוורע האָבן מאמעש געשלונגען יעדעס וואָרט. מע האָט גוט פארשטאנען דעם רעדנער. דאָס האָט מען געקאָנט איבערלייענען אַף די פּענעמער פון די פארזאמלטע. אין זאל איז געווען שטיל.

נאָר ווען מינקין, שוין א וועטעראַן פון דער פּארטיי, האָט געמאָלדן: מיר, די אײַזנבאנער, וועלן טאָן אלץ, קעדיי אלע מאטעריאלן פארן אטאָממאש זאָלן גיין צו אײַך דורך א „גרינער גאס”, האָט די שטילקײַט אופגעריסן א דונער אפּלאָדיסמענטן.

די קאָמיוגיסטן איגאָר באלאשאָוו, יאשע לייטמאן, אשאָט ביזשעראדזע און אנדערע האָבן איבערגעכאזערט קימאט איינס און דאָס זעלבע:

— מיר וועלן די פּלענער אויספילן און איבערפילן!

אזוי נעמט מען אוף מינקינען אפן קאמאז, אין די ארמיי־טיילן, אין קאָלווירטן און סאָווירטן, אין די סטודענטישע אאודיטאָריעס. אָט אזוי שטעלט זיך אוף די פארבינדונג פון ווײַטע העראָ?שע טעג פונעם קאָמיוג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט...

נאָך דער פארזאמלונג האָב איך באזוכט מינקינען און באקומען אין מײַן רעשוס זעלטענע דאָקומענטן, ביכער, פארצייכענונגען, וואָס זײַנען געוואָרן היסטאָרישע. א גאנצער בארג מיט טעלעגראמעס זע איך אַף זײַן שרײַבטיש — באגריסונגען צו איינעם פון זײַנע יובילייען.

ביכלאל איז האיאָר בא איסאַק יאָסיפאָוויטשן א „גערעטעניש” אַף יובילייען. קוידעמקאָל ווערט ער א בען־שיווים. מיט 55 יאָר צוריק איז ער ארײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, האיאָר געוואָרן א וועטעראַן פון דער פּארטיי — פופציק יאָר אין קפּספּ, 55 — זײַן ארבעט־סטאזש, 40 — אַף דער אײַזנבאן, 30 פון זיי — אַף דער ראָסטאָווער פראכט־סטאנציע.

— ניט אנדערש, ווארף אוועק די אַרבעט און מערק אָפּ די יובילייען, — שפּאַסט ער און גיט דערבײַ צו: — וועגן דער אַרבעט, פאַרשטייט זיך, וועל איך א גוטן טראַכט טאָן.

אגעוו, צווישן די טעלעגראַמעס זײַנען פאַראַן הארציקע באַגריסונגען פון יורי זשוקאָוון, אלעקסיי מערעסיעוון, ווערא קעטלינסקאַיאַ, פון פיל אנדערע אָנגעזעענע שרײַבער, פּאַרטיי- און קאָמיוג־טוער.

— מיט מערעסיעוון האָט איר זיך באַפרײַנדעט אין דער מילכאָמע־צײַט? — פרעג איך אים.

— עטוואָס פריִער, — שמייכלט איסאַק יאָסיפאָוויטש. — ער האָט דאַן געאַרבעט בא אונדז אלס מאָטאָריסט אין קאָמסאָמאָלסקער אעראָקלוב. געווען א טײַערער יאַט, א הייסער קאָמיוגיסט און זייער געוואָלט ווערן א פּילאָט. נאָר די אעראָפּלאָטאָוועס האָבן אים אַלץ אָפּגעזאָגט און אָפּגעזאָגט. האָט ער זיך געווענדט צו אונדז, אין שטאָטקאָם פון קאָמיוג. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען א באַשלוס: אלעקסיי מערעסיעוו קאָן ווערן א מיטגליד פונעם אעראָקלוב. אזוי האָט דער שטאָלענער מערעסיעוו באַקומען זײַן דערציִונג נאָך אַף די ברעגן פונעם אמור.

איך לייען אַלץ נײַע און נײַע דאָקומענטן. פאַר מײַנע אויגן גייען דורך, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ, געשעענישן פון די העראָיִשע צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן, ווען א סאַך שטעטלשע כעוורע זײַנען געקומען אין קאָמיוג און געוואָרן העלדן פון בויונגען — אפן כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד, אַף די ברעגן פון דער וואָלגע, פון דאָן, פונעם אמור.

אזוי איז אויך מײַן העלד געקומען אין דער גרויסער וועלט ארײַן. ער איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף רוּוענסק, מאָלעווער געגנט, אין אַן אָרעמער פויערישער מישפּאָכע. ווען איציק איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, איז זײַן מישפּאָכע אריבערגעפאָרן קיין ראָסטאָוו. ער קומט אָן ארבעטן אַף א לעדער־זאַוואָד. דאָרט האָט מען גיך באַמערקט, אז דאָס באָכערל איז א פײַיִקער אָרגאַניזאַטאָר. ער איז שוין געווען א קאָמיוגיסט, און מע ווײלט אים אויס אלס סעקרעטאַר פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. דערנאָך איז ער סעקרעטאַר פונעם ראַיאָנישן קאָמיוגישן קאָמיטעט, אין א צײַט ארום — שוין דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם אָבלאַסטישן קאָמיוג־קאָמיטעט.

דערנאָך... דערנאָך איז געווען א באַגעגעניש אין מאָסקווע מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק פונעם קאָמיוג א. וו. קאָסאַריעוון, וועלכער האָט שוין געקענט מינקינען. דער שמועס איז געווען אַן ערנסטער, גענויער און קלאָרער. קאָסאַריעוו האָט אים געזאָגט:

— איסאַק, אפן ווײַטן מיזרעך וועט דיר גרינג ניט זײַן, נאָר מע דאַרף, מע מוז, ס'איז נייטיק. איך גלייב אין דיר.

די צוגרייטונגען זײַנען געווען קורצע, און דער קאָמיוגיסט מינקין האָט גענומען זײַן יונגע פרוי, די קאָמיוגיסטקע פּאָליושקאַ אלעקסאַנדראָוונא, — און אין ווײַטן וועג אַף לאַנגע יאָר.

ניט צו דערציילן, ניט איבערצודערציילן, וויפל שווועריקײַטן, צײַטנווײַז שרעקלעכע טעג זײַנען געווען אַף זייער ניט לײַכטן וועג. נאָר אַלץ האָט מען אויסגעהאַלטן, ווײַל איין ציל איז געווען: אויסבויען א שטאָט — דעם קאָמיוגישן פאָרפּאָסט אפן ווײַטן מיזרעך.

די יונגע יאַטן האָבן געקאָרטשעוועט די טײַגע, געבויט קאָרפּוסן פאַר זאַוואָדן, שולן, קלובן. און אין דער סאַמע געדיכטעניש פון אַלע אַרבעטן איז שטענדיק געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם ערשטן שטאָטקאָם פון קאָמיוג — דער שוואַרץ־אויגיקער איסאַק מינקין.

די אוטאָרן פון פּילצאָליקע ביכער וועגן דער שטאָט אפן אמור דערמאָנען אומבאַדינגט דעם קאָמיוגישן אָנפירער — מינקינען.

דער העלד פון סאָציִאַליסטישער מי יורי אלעקסאַנדראָוויטש זשוקאָוו, וועלכער איז אין 1935 געווען דער אָנפירער פון דער ארויספאָררעדאַקציע פון „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" אין קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, דער אוטאָר פון די ביכער „מענטשן פון די 30־ער יאָרן", „דער אָנהייב פון א שטאָט" (ביידע ביכער האָט דער אוטאָר מיט זייער וואַרעמע אויטאָגראַפן געשענקט א. י. מינקינען), שרײַבט:

„אונדז האָט זייער גאַסטפרײַנטלעך באַגעגנט דער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון קאָמיוג מינקין, א יונגער שוואַרץ־אויגיקער און שוואַרצהאָריקער באָכער אין א האַלבמיליטערישן אָנצוג. אַן אַקוראַטער אין אויספילן אַלץ — אין גרויסע זאַכן און אין קלייניקײַטן. דאָס איז געווען א טיפּישער פאָרשטייער פון דעם ערשטן דאָר, וועלכער איז אויסגעוואַקסן שוין בא דער ראַטנמאַכט, א פּיִאָנער פונעם 1922 יאָר, א קאָמיוגיסט פונעם 1924, א קאָמוניסט פונעם 1929 יאָר".

איסאַק מינקין איז געווען א דעלעגאַט פונעם נײַנטן, צענטן און עלפטן קאָמיוגישע צוזאַמענפאָרן, אין מעשעך פון 13 יאָר — א מיטגליד פון צק פונעם קאָמיוג.

פאַר זײַן אַקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור איז מינקין באַלוינט מיט א ספּעציִעלן ערן־צייכן, וועלכער געפינט זיך איצט אין דער עקספּאָזיציע פונעם ראָסטאָווער געגנטלעכן מוזיי.

קאָן מען עפּשער מיינען, אז איסאַק מינקין איז שוין אַף פּענסיע, איז אײַלט זיך ניט. אזעלכע וועטעראַנען, ווי מינקין, עלטערן זיך ניט.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג געקאָנט אַוועק אַף אָפּרו (אַגעוו, ער איז אַ פּערסאָנעלער פּענסיאָנער), זעצט ער פאָר זײַן באַליבטע אַרבעט.

ניט גרינג איז געווען דער וועג צו איר. צוערשט — דער ווײַטער מיזרעך, דערנאָך די מילכאָמע, און בלויז אַן ערעך צו פופציק יאָר האָט איסאַק מינקין פאַרענדיקט דעם אײַזנבאַן־טעכניקום, דערנאָך די הויכשול. די ראָמאַנטיק פון אַן אײַזנבאַנער האָט אים געצויגן.

— איר געדענקט באַ פּאַבלאָ נערודאַ? — פרעגט באַ מיר מינקין, און ער לייענט שוין:

...אַן אײַזנבאַנער איז אַ יאַם־מענטש פון
דער ערד
אין קליינע האַפנס, וווּ עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ,
עס טראָגט דער צוג זיך איבער וועלדער־שטעט,
אַ ברויזיקע נאַטור — פונקט ווי אַ יאַם,
און שווימען שווימט ער אין אַן ערדישער
נעסיִע...

— פאַרוואָס זשע זײַנט איר ניט געוואָרן קיין „יאַם־מענטש פון דער ערד"?

— אַזוי האָט זיך שוין באַקומען.

אַזאַ ענטפער איז, פאַרשטייט זיך, פון באַשיידנקײַט. אַף דער זעלבער פראַגע האָבן מיר אוטאָריטעטע אָנפירער פון דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג געענטפערט אַנדערש:

— צופיל אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט באַ מינקינען אַף איין צוג. ער דאַרף מאַסשטאַבן...

זײַן דעוויז — פּלאַנירן, אַרבעטן עפעקטיוו און הויכקוואַליטאַטיוו. ניט אומזיסט און ניט צופעליק איז ער פון די ערשטע אָנהייבער און אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנטיינער־טראַנספּאָרטירונגען. פאַר גרויסע דערפאָלגן אין דעם פראַט איז די ראָסטאָווער פראַכט־סטאַנציע פאַר דער לעצטער צײַט באַלוינט מיט צוויי דיפּלאָמען אַף דער אויסשטעלונג פון דערגרייכונגען אין דער פאָלקסווירטשאַפט, מיט צוויי מעדאַלן — אַ בראָנזענער און גרויסער גאָלדענער — איז באַלוינט איסאַק מינקין. ביכלאַל האָט ער 39 באַלוינונגען — אָרדענס, מעדאַלן און פיל אַנדערע צייכנס.

אויב איר וועט פרעגן מינקינען וועגן זײַנע פּלענער, וועט איר באַקומען אַ קלאָרן און קורצן ענטפער:

— אויסאַרבעטן אַ נײַע פּראָגרעסיווע טעכנאָלאָגיע אין געביט פון קאָנטיינער־אויסטויש, אײַנשטעלן אַזאַ רעזשים אַף דער אײַזנבאַן, אַז סײַ די קאָנטיינערס, סײַ די וואַגאָנען זאָלן ניט שטיין קיין איין מינוט ליידיק. קומט צוגאַסט אין אַ יאָר — אַנדערהאַלבן אַרום, — פאַרבעט ער מיך, — וועט איר זיך אַליין איבערצײַגן.

די לעצטע פראַזע ברענגט מינקין אַרויס אַף ייִדיש.

איסאַק מינקין

— איר קענט ייִדיש? — פרעג איך באַ אים.

— דאָס, וואָס מ'האָט מיך געלערנט, געדענק איך. ווי דען? מאַמע־לאָשן קאָן מען אינגאַנצן ניט פאַרגעסן, מע דאַרף ניט און, ווי איך פאַרשטיי, טאָר מען ניט.

מיר קערן זיך ווידער אום צו זײַן אַרבעט:

— מיט וואָס דערקלערט איר די דערפאָלגן פון אײַער קאָלעקטיוו?

— מיט דער גרויסער באַוווּסטזיניקײַט פון די אַרבעטער. 800 מענטשן אַרבעטן אין אונדזער קאָלעקטיוו, און אַלע קענען גוט איינער דעם אַנדערן. יעדערער ווייסט, אַף וואָס איז פייִק זײַן כאַווער, ווייסט, ווען און אין וועלכע אומשטענדן צו ווענדן זיך ווענדן נאָך הילף. דאָס איז אַ טאָגטעגלעכע אַרבעט. עלטערע גייען אַוועק — קינדער קומען צו אונדז אַף אַרבעט. אַז מע דאַרף, קומען צוהילף וועטעראַנען.

דאָ האָב איך באַמערקט, אַז מײַן מיטשפּרעכער וואָלט שוין גערן געוואָלט רעדן וועגן עפּעס אַנדערס, און איך טו אים אַ פרעג:

— כאַווער מינקין, דערציילט מיר עפּעס וועגן אײַערע קינדער.

אַף זײַן כיינעוודיק פּאָנעם האָט זיך צעלויכטן אַ ברייטער שמייכל.

— אָ, גערן. דאָ וועט איר מיך שוין ניט באַשולדיקן אין באַשיידנקײַט. און ביכלאַל וואָלטן מיר געדאַרפט רעדן נאָר וועגן די קינדער. וואָס בין איך? אַ דורכגעגאַנגענער עטאַפּ.

נאָר דאָ האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— ניין, פאַרשטייט זיך, אין אונדזער צײַט איז זיבעציק נאָך ניט קיין „דורכגעגאַנגענער" עטאַפּ. ס'רעדט זיך פּאָשעט אַזוי. ווי מײַן טאַטע פלעגט צו אונדז טײַנען: „דויר הוילעך וועדויר באָ". איז אָט, מײַן „דויר באָ", ווי באַ אַלע עלטערן, זײַנען מײַנע קינדער. די טאָכטער איז אַ פּעדאַגאָג, איר מאַן אַ פּאָדפּאָלקאָווניק, דער איינִיק אַ סטודענט, דער זון מיט דער שנור —

געלערנטע, זי — א קאַנדידאַט, ער — א דאָקטאָר און ביידע פון כימישע וויסנשאַפטן.

און ער דערלאַנגט מיר די געגנטלעכע צײַטונג „מאָלאָט".

אַף דער צווייטער זײַט — א גרויס קעפּל איבער דרײַ פּאָרטרעטן: „אַנטדעקונג פון ראָסטאָווער געלערנטע", און נידעריקער: „דער מעלוכע־קאָמיטעט באַם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר פאַר ראַציאָנאַליזאַציע און דערפינדונגען האָט פאַרעגיסטרירט די ערשטע אַף צאָפן־קאַווקאַז וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג אין געביט פון אָרגאַנישער כימיע. אירע אווטאָרן: מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר י. א. זשדאַנאָוו, דאָקטאָר פון כימישע וויסנשאַפטן פון ראָסטאָווער מעלוכע־אוניווערסיטעט וו. א. מינקין און קאַנדידאַט פון כימישע וויסנשאַפטן ל. פּ. אָליעכנאָוויטש. זיי האָבן אַנטדעקט די דערשײַנונג פון אַצילאָטראָפּנעווע איבערגרופּירונגען אין די מאָלעקולן פון אָרגאַנישע פאַרבינדונגען..."

— קלאָר? — פרעגט בא מיר מינקין. — דער זון איז מײַן טרייסט, מײַן אויצער, איך שטאָלציר מיט אים, און די דאָזיקע אַנטדעקונג איז די גרעסטע און בעסטע מאַטאָנע צו אַלע מײַנע יובילייען. און נאָך וועל איך אײַך זאָגן בעסאָד: צווישן מיר און מײַן זון גייט א פּרוכטבאַרע, אייפערזיכטיקע פאַרמעסטונג. מוז איך דאָך אַף זײַן אַנטדעקונג מיט עפּעס ענטפערן... אָט אַזוי לעבן מיר, די מינקינס!

— נו, א כאַראַקטער, — האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט.

— א קאָמיוגישער! — האָט אונטערגעכאַפּט גאַנץ ערנסט דער וועטעראַן פון דער פּאַרטיי.

כ'האָב געקוקט אַף א. י. מינקינען און געטראַכט:

ניט אַנדערש, אַז בא דעם דאָזיקן באַיאָרטן מענטשן איז נאָך פאַראַן א גאַנצע יוגנט אין רעזערוו.

יעפים דאָקטאָראָוויטש

דער אַדרעס: שאָסיי פון ענטוזיאַסטן

אינעם פאַרלאַג „מאָסקאָווסקי ראַבאָטשי" איז דאָ ניט לאַנג דערשינען א היפּשער, פײַן אַרויסגעגעבענער בוך. אַף זײַן הילע איז אָנגעצייכנט איין וואָרט: „קאָמפּרעסאָר". דאָס איז דער נאָמען פון איינעם פון די באַרימטסטע מאָסקווער זאַוואָדן, וועלכער ציילט הײַנטיקס יאָר שוין הונדערט צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ.

מיר, דעם אווטאָר פון די דאָזיקע שורעס, איז אויסגעקומען נאָענט צו קענען פיל אַרבעטער פונעם זאַוואָד. א ריי יאָרן האָב איך געאַרבעט אַלס לערער אין דער זאַוואָדישער אָוונטשול.

איך בלעטער דעם בוך, און פאַר מיר גייט דורך די גאַנצע געשיכטע פונעם זאַוואָד, וועלכע הייבט זיך אָן סאַף זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. צוערשט — ניט גרויסע וואַרשטאַטן פון די דײַטשישע אונטערנעמער דאַנגאַוער און וו. קייזער. הונגעריקע פּויערים, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, נעכטיקע לײַבייגענע, זײַנען געקומען אַהער זוכן א בידנעם פאַרדינסט. אין אויסגעמאַטערטער עקספּלואַטאַציע האָבן זיך אויסגעשמידט פון אָט די פּויערים די מאָרגנדיקע פּראָלעטאַריער, קעמפער אַף די באַריקאַדן פונעם 1905 יאָר, אָנטיילנעמער פון די אָקטיאַבער־שלאַכטן אין מאָסקווע.

אין די סאָוועטישע יאָרן איז דער זאַוואָד צוערשט אָנגערופן געוואָרן „קאַטלאַפּאַראַט", דערנאָך האָט ער באַקומען זײַן איצטיקן נאָמען, וועלכער איז באַרימט ניט נאָר בא אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. ער איז געוואָרן

באָריס סקליאַרסקי

דער ערשטלינג באַם אָרגאַניזירן די סאָוועטישע פּראָדוצירונג פון קעלטער־מאַשינעס און קעלטער־אַפּאַראַטור. זײַנע קאָמפּרעסאָרן זײַנען אויסגענוצט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, איבערהויפּט באַם בויען דעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען.

אין סאָף פון די פופציקער יאָרן איז דירעקטאָר פונעם זאַוואָד געוואָרן דער דערפאַרענער וויסנשאַפטלער און פײַיקער אָרגאַניזאַטאָר מיכאַיל קאַץ. ער האָט געהאַט הינטער די פּלייצעס א היפּשן סטאַזש פון אָנפירן מיט וויכטיקע פּראָדוציר־אָביעקטן.

צו פערצן יאָר האָט מיכאַיל קאַץ שוין געאַרבעט אלס שילער אין צעך. דאָ האָט ער באַהערשט די קוואַליפיקאַציע פון א טאָקער, דערנאָך זיך געלערנט אין אַרבפאַק, פאַרענדיקט א הויכשול. מע האָט אים באַשטימט אלס מײַסטער אָפן זאַוואָד פון ווערקשטעל־בויונג אָף ס. אָרדזשאָניקידזעס נאָמען. מיט דער צײַט ווערט ער דאָ שעף פון א צעך, פּראָדוציר־שעף, דערנאָך הויפּט־טעכנאָלאָג פון דער גרויסער אונטערנעמונג. אין די מילכאָמע־יאָרן איז מ. קאַץ הויפּט־טעכנאָלאָג פון א טאַנקען־זאַוואָד. זײַן ברוסט באַצירן צוויי לענין־אָרדענס, דרײַ אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן, אן אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אן אָרדען „רויטער שטערן" און פיל מעדאַלן. ער איז לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע, דעפּוטאַט פונעם מאָסקווער סאָוועט, מיטגליד פון דעם מאָסקווער שטאָטקאָם קפּסס. מיכאַיל עמאַנויִלאָוויטש איז געווען א דעלעגאַט פונעם XXIV און XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן.

פאַר די העכער צוואַנציק יאָר, וואָס מיכאַיל קאַץ פירט אָן מיטן זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר", האָט דער קאָלעקטיוו פון דער אונטערנעמונג דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן. און דאָס איז א רעזולטאַט פון דער מעסירעסנעפעשדיקער מי פון אַלע אירע אַרבעטער און אינזשעניר־טעכנישע טוער.

עטוואָס געניוער וויל איך דאָ דערציילן וועגן צוויי פון זיי — וועגן די מײַסטערס יורי פּעטראָוויטש פּאַנין און באָריס דאַווידאָוויטש סקליאַרסקי. ביידע אַרבעטן זיי אָף פאַרשיידענע באַצירקן: פּאַנין אין מעכאַנישן צעך, סקליאַרסקי אין מאָנטיר־צעך. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט זיי ביידע אַרויסצוטרעטן צוזאַמען מיט איינער א ביז גאָר וויכטיקער איניציִאַטיוו. אין וואָס איז זי באַשטאַנען? געווען איז עס אין די 60־ער יאָרן, ווען אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אײַנגלידערן די נײַע סיסטעם פון פּלאַנירונג און עקאָנאָמישער סטימולירונג. ס'איז דעמלט באַזונדערס וויכטיק געווען צו דערשלאָגן זיך א וווקס פון דער פּראָדוקציע ניט דורך פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטער, נאָר אָפן כעזשבן פון העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט. און אָט זײַנען פּאַנין און סקליאַרסקי — מענטשן, וועלכע זײַנען געוווינט צו טראַכטן אין מעלוכישן מאַסשטאַב, עכטע נאָוואַטאָרס, געקומען צו אַזא געדאַנק: פאַראַן דעטאַלן, וואָס זייער באַאַרבעטונג אָפן טאָקער־ווערקשטעל דויערט גאַנץ לאַנג, ניט זעלטן ביז 40—50 מינוט. ביז עס דויערט אָט די מעכאַנישע באַאַרבעטונג, האָט דער טאָקער, אייגנטלעך, ניט וואָס צו טאָן, און אָט די צײַט גייט פאַקטיש לעיִבעד. ווי וואָלט אָבער געווען, אויב פאַר דער צײַט זאָל דער טאָקער באַדינען נאָך א צווייטן ווערקשטעל און אויספילן אַנדערע אָפּעראַציעס? אָף וויפל וואָלט עס פאַרגרעסערט די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט? צוליב דעם איז עפשער נייטיק, אז דער טאָקער זאָל באַהערשן נאָך איינע־צוויי אָפּעראַציעס? דאַרף מען אַזוי טאָקע טאָן. אין דעם איז באַשטאַנען פּאַנינס און סקליאַרסקיס נאָוואַטאָרישער פאָרשלאָג, וועלכן מע האָט אונטערגעהאַלטן אָפן זאַוואָד. העכער א העלפט אַרבעטער האָבן אָף זייערע און אַנדערע באַצירקן אײַנגיכן באַהערשט צו עטלעכע קרוווישע פּראָפעסיעס — פון טאָקערס, מעטאַל־הובלער, פרעזער־אַרבעטער.

ביידע נאָוואַטאָרס פונעם זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר" — פּאַנין און סקליאַרסקי — זײַנען באַערט געוואָרן מיטן הויכן טיטל „ערן־בירגער פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט".

באָריס סקליאַרסקי האָט זיך אַמאָל געלערנט אין דער זאַוואָדישער אָוונטשול, ווו איך האָב געאַרבעט אַלס לערער. און אָט בין איך ווידער אַפֿן זאַוואָד און שמועס מיט מײַן געוועזענעם שילער. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, היפּש זיך געענדערט — פֿולער געוואָרן, די האָר גראָוולעך, נאָר פֿון די אויגן שטראַלן אַרויס די זעלבע ענערגיע און לעבנסלוסט, ווי אַמאָל.

— איר געדענקט כאָטש די צײַט, ווען איר האָט זיך געלערנט אין דער אָוונטשול? — פֿרעג איך.

— אַזוינס פֿאַרגעסט זיך? — ענטפֿערט סקליאַרסקי. — ס'איז דאַן אָנגעקומען ניט גאָר לײַכט. באַטאָג — אין צעך, אין אָוונט — בא דער פּאַרטע. ס'איז אָבער געווען נייטיק און אינטערעסאַנט.

— נו, און ווי גייט עס איצט? — פֿרעג איך.

— איצט? — פֿרעגט איבער באָריס דאַווידאָוויטש, — איצט בין איך שוין א זיידע, פֿיר אייניקלעך, קיין איינהאָרע...

— און איר ווינט נאָך אַלץ אין קוזמינקי?

— אָ, ניין, — ענטפֿערט ער, — שוין פֿינף יאָר ווי איך האָב באַקומען זייער א גוטע דירה ניט ווײַט פֿון דער אַבעלמאַן־זאַסטאַווע, אַף יעראָסאַלימסקי־גאַס. א מינוט פֿופֿצן פֿאָרן מיר מיטן טראַמווײַ צום זאַוואָד.

ער דערציילט מיר וועגן זײַן טאָכטער ליובע, וועגן דעם זון רודאָלף, וועגן זייערע קינדער — זײַנע אייניקלעך. און איך טראַכט בעשאָסמײַסע וועגן דעם לעבנסגאַנג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט — א טיפּישער לעבנסוועג פֿון א סאָוועטישן מענטשן, אונדזערן א מיטצײַטלער...

ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, פֿאַרענדיקט א זיבניאָריקע שול און אָנגעקומען אין אַרכיטעקטור־טעכניקום. דעם טעכניקום האָט ער אָבער ניט פֿאַרענדיקט: ס'איז געשטאָרבן דער פֿאָטער, די מוטער איז פֿאַרבליבן מיט דרײַ קינדער, האָט מען איר געדאַרפֿט העלפֿן דערציִען די ייִנגערע ברידער. דאַן, אין 1947 יאָר, איז דער זיבעצניאָריקער באָריס אָנגעקומען אַרבעטן אַפֿן זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר״, וועלכן ער פֿאַרלאָזט ניט ביז הײַנטיקן טאָג. ס'איז געווען, עמעס, א פֿיריאָריקער איבערײַס, ווען ער האָט געדינט אין אַרמיי. אין זעקסטן צעך פֿונעם זאַוואָד האָט ער דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון א לערן־ייִנגל ביז א טאָקער און עלטסטן מײַסטער.

מיט גרויס דאַנקבאַרקײַט רופֿט באָריס סקליאַרסקי זיך אָפּ וועגן זײַנע ערשטע לערער: דעם שעף פֿון צעך מיכאַיל לוואָוויטש דאָרכאָווסקי, דעם מײַסטער ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש ריבאַקאָוו, דעם טאָקער אַנאַטאָלי מיכײַלאָוויטש קירילין. איצט קאָן מען אָנרופֿן צענדליקער מענטשן, וואָס זײַנען דאַנקבאַר אים, סקליאַרסקין, פֿאַר דער געטרײַער דערציִונג און לער.

דער איצטיקער שעף פֿונעם זעקסטן צעך ניקאָלײַ סטעפּאַנאָוו זאָגט וועגן סקליאַרסקין:

— דאָס סאַמע ווערטפֿולע, וואָס אַלע שעצן אין אים, איז זײַן אויסשליסלעכע איבערגעגעבנקײַט דער אַרבעט און דאָס שטענדיקע זוכן מיטלען, וויאַזוי צו פֿאַרפֿולקומען זי.

און אָט וואָס עס זאָגט וועגן אים דער פּרעזעראַוואָטשיק איוואַן זשורנאַוו:

— באָריס דאַווידאָוויטש שעצן מיר פֿאַר זײַן זאַכלעכקײַט, צוגעלאָזטקײַט, שטענדיקער גרייטקײַט קומען צוהילף אין א נויט, סײַ בא דער אַרבעט, סײַ, אויב עס מאַכט זיך, אין א וויכטיקער לעבנס־פֿראַגע...

אַזאַ איז ער, דער האָרעפּאַשניק און נאָוואַטאָר, דער ערן־בירגער פֿון מאָסקווע באָריס סקליאַרסקי.

פֿאַר די דערפֿאָלגן פֿונעם זאַוואָד אינעם שאַפֿן און אויסאַרבעטן קעלטער־טעכניק און אין צוזאַמענהאַנג מיטן 100־טן יאָרטאָג זינט זײַן אַנטשטייונג איז „קאָמפּרעסאָר״ אין 1969 באַלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען. אַפֿן אָוונט, ווען מע האָט פֿײַערלעך אָפּגעמערקט די דאָזיקע געשעעניש, האָט דער דירעקטאָר פֿון זאַוואָד מיכאַיל קאַץ אין זײַן פּאַרטראָג אונטערגעשטראָכן דעם וויכטיקן פֿאַקט, אַז אַלע אַרבעטס־זיגן פֿון דער אונטערנעמונג זײַנען דערגרייכט אַדאַנק די געמיינזאַמע באַמיִונגען פֿון איר גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. צוזאַמען מיט רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן און פֿאַרשטייער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן אין פֿאַרלויף פֿון אַלע סאָוועטישע יאָרן א ווירדיקן צושטײַער אינעם וווּקס און אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אונטערנעמונג אַרײַנגעטראָגן אויך ייִדישע אַרבעטער.

אייניקע פון זיי האָבן מיר שוין אָנגערופן.

קורץ וועגן אַנדערע.

אין 1929 יאָר, באַם סאַמע אָנהייב פון דער שלאָגלערישער באַוועגונג, האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן זאַוואָד (דעמלט האָט ער נאָך געהייסן „קאָטלאָאַפּפּאַראַט") זײַנע ערשטע שלאָגלער וואַסילי יערמילאָוו און סאָלאָמאָן יאַרכאָ. יאַרכאָ האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמונע פון די בעסטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געטיילט גלײַך אויף גלײַך זייער פאַרדינסט. די קאָמונאַרן האָבן באַוויזן מוסטערן פון שלאָגלערישער און שעפערישער מי. שפּעטער, אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז יאַרכאָ העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט און זײַן נאָמען איז פאַרשריבן אויפן זאַוואָדישן מעמאָריאַל.

אַלע קענען גוט די פאַרוואַלטערן פון דער ביבליאָטעק אינעם זאַוואָדישן קולטור־הויז יעקאַטערינע בערדיטשעווסקאַיאַ. אין 1941 איז זי פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט, צוערשט באַשטימט געוואָרן אין באַטאַליאָן פון אַעראָדראָם־באַדינונג, און פון אָקטיאַבער 1943 איז זי געוואָרן אַ ראַדיסטקע אין דער באַרימטער עסקאַדריליע „נאָרמאַנדיע־נעמאַן", מיט וועלכער בערדיטשעווסקאַיאַ האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שלאַכט־וועג ביזן סאָף פון דער מילכאָמע.

אין האַרבסט פון 1941 האָט עספּיר לוסטינאַ איבערגעלאָזט אויף אירע קרובים דאָס קליינע טעכטערל און איז פרײַוויליק אַוועק אין אָפּאָלטשעניע צו די סאַנדרוזשיניצעס. נאָך אַ שווערער קאָנטוזיע האָט מען זי דעמאָביליזירט. עספּיר איז צוריק געקומען אויפן זאַוואָד. אַצינד איז זי עלטערער אינזשעניער אינעם אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל.

איינער פון די אָנפירער פון דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אויפן זאַוואָד איז שוין אין משך פון העכער פערציק יאָר דער אָנגעזעענער ספּעציאַליסט מאַרק שומעלסקי. מיט רעכט קאָן ער אָנגערופן ווערן פּיאָנער פון דער סאָוועטישער קעלטער־מאַשינבויונג.

פאַרן דערפאָלגרײַכן אויספילן די פאַרגעבונגען פונעם 9־טן פינפיאָר איז דער זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר" פאַרשריבן אויפן אַלפאַרבאַנדישן ערן־טאָוול באַ דער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאַפט. מוסטערן פון הויכער פּראָדוקטיווקײַט און הויכקוואַליטאַטיווער מי באַווײַזט דער פאָרגעשרײַטענער קאָלעקטיוו אינעם צענטן פינפיאָר.

אַמאָל, מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, זײַנען אין מאָסקווע אופגעקומען ניט קיין גרויסע ווערקשטעלן פונעם דײַטשישן אונטערנעמער דאַנגאַוער. מיט דער צײַט איז פון זיי אויסגעוואַקסן אַ זאַוואָד אויף יענער זײַט ראָגאָזשער זאַסטאַווע, וואָס אויפן וולאַדימיר־טראַקט, איבער וועלכן מע האָט געטריבן אויף קאַטאָרגע...

פון לאַנג זײַנען שוין ניטאָ באַ אונדז קיין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, ניטאָ גאָרניט פון דעם, וואָס זאָל דערמאָנען יענע צײַט. דאָרט, וווּ אַמאָל האָט זיך געצויגן דער וולאַדימיר־טראַקט, שפּרייט זיך אַצינד אַ ברייטע מאַגיסטראַל מיט ריזיקע ליכטיקע מויערן — דער שאָסיי פון ענטוזיאַסטן. אויף אָט דער גאַס געפינען זיך די קאָרפּוסן פונעם זאַוואָד „קאָמפּרעסאָר".

אַ טרעפלעכער אַדרעס באַ דער רומפולער אונטערנעמונג! אין אירע צעכן מיִען זיך העלדנמוטיק שלאָגלער פון די סאָוועטישע פינפיאָרן, בעמעס עכטע ענטוזיאַסטן.

קימא גריידינא

ס׳וועט אויסקומען קיין טיומען פאָרן נאָכאמאָל

אַלטע לײַט זאָגן: די פרעסט זײַנען איצט ניט אזוינע, ווי אמאָל. אָבער איך געדענק... אוי, געדענק איך גוט די ברענענדיקע טיומענער פרעסט אין די מילכאָמע־יאָרן. איך געדענק גוט, אַז בלויז די שטים פונעם בארימטן דיקטאָר לעוויטאַן האָט געקאָנט אָפּשטעלן די מענטשן בא דעם שווארצן רעפּראָדוקטאָר, וואָס איז געהאנגען אף דער גאס...

טיומען. א שטילע קליינע שטאָט איז דאָס דעמלט געווען. אף לאנגע כאָדאָשים האָט דער ווינטער אײַנגעקוטעט אין שניי די פארגליווערטע איינשטאָקיקע און צווייִשטאָקיקע שטיבער פון שווארצע בערווענעס. ארום האָט געהערשט אזא שטילקײַט, אז מע האָט געקאָנט הערן דעם קלענסטן שאָרך. דאָ און דאָרט פלעגט א סקריפּע טאָן דער פארהוילענער הילצערנער טראָטואַר אונטער די שטאַרע וואַליקעס פון די היגע אײַנוווינער בייס זיי פלעגן אײַלן אין די בלויע פרימאָרגנס אף דער ארבעט. צומאָל פלעגט דורכקלינגען א גלעקל אפן האלדז פונעם סיבירער קליינוווקסיקן פערדל, וואָס האָט קוים געשלעפּט צוויי בערעזעווע שטאמען. אף מערער האָט עס קיין קויעך ניט געהאט. אומדערטערגלעך איז געווען דער רייעך פונעם קאָ־רענעם ברויט, וואָס פלעגט רייצן די נאָזלעכער דורך דער אָפענער קלייט־טיר.

צו פארנאכט־צו, ווען פון די קוימענס האָבן זיך געקרײַזלט צו די שטערן בלוילעך־ווײַסע רויכן און אף די שטילע גאסן האָבן געקוקט די געלע בעלמעס פון די פענצטער, האָט אלץ גע־גליווערט אין קעלט — אפילע די הינט שווײַגן, זיי היטן זייערע קאַרגע קויכעס.

ביז דער מילכאָמע, דאָרט אף דאָרעם, אין דער אומפארוואָלקנטער זיכערער קינדהײַט, האָט זיך אונדז אפילע ניט געכאָלעמט, אז מיר וועלן אמאָל פארוואָרפן ווערן קיין טיומען. נאָר איצטער איז טיומען בא אלעמען אף די ליפּן, און ערגעץ־ווו אין טיפן הארצן וואַרעמט מיך א געוויסער שטאָלץ — מיר האָבן דאָך דאָס אנטדעקט! כאָטש, דעם עמעס געזאָגט, אין אונדזערע געדאנקען איז ניט געווען דאָס וואָרט נאַפט. דאָס האָבן אנדערע געטראָפן די רע־טעניש. אנדערע האָבן געפונען אין טיומען נאַפט.

די מילכאָמע איז געווען ווײַט פונדאַנען. דאָ איז געווען דאָס פיל לײַדנדיקע הינטערלאַנד. איצט איז די פאָדערשטע ליניע דאָ, אין טיומען.

— יאָ, — האָט באשטעטיקט דעם געדאנק מײַנעם דער הויפּט־געאָלאָג יורי באָריסאָוויטש פּײַן, — פאר אונדז ארבעט אצינד דאָס גאנצע לאנד. מע קומט אהער פונוואַנען איר ווילט, אפילע פון די סאָציאַליסטישע לענדער, — און ער ווײַזט מיר א פּאַטאָ פון א קאָמיוגישער בריגאדע, וועלכע איז געקומען פון בולגאַריע.

יורי באָריסאָוויטש פּײַן איז הארט פארקנאָטן. נאָר אויב דער נאָמען פון א מענטשן דארף אנטשפּרעכן זײַן אויסערלעכקײַט — איז יורי באָריסאָוויטש טאַקע אינדערעמעסן פּײַן: זיין פּאָנעם איז קימאַט יונג. א געדיכטע גראָווע שעוועליורע אין דורכויסיקע רינגען. דאָס פאר־ווינטיקטע שווארצכיינעוודיקע פּאָנעם פארמאָגט העל־גרויע אויגן, פון מאָל צו מאָל, אין א שמייכל, טוען א בלאנק זײַנע פעסטע ציין. וויפל זשע קאָן ער זײַן אלט? ער האָט מיר אליין געזאָגט, אז אין 1952 יאָר האָט ער אין פערם פארענדיקט דעם אינסטיטוט. א צען יאָר מיט א מיטוואָך האָט ער אף די באשקירער פליינען געזוכט נאַפט... הייסט עס, אז איצט איז אים גוטע פופציק. דאָס איז מײַן דאָר, מײַן מיטצײַטלער.

— וואָס האָט אײַך געבראַכט צו מיר? — פרעגט ער.

— איר זאָלט מיר דערציילן וועגן זיך. — איך ווייס קלוימערשט ניט, אז ער איז א לאָר־רעאַט פון דער לענין־פּרעמיע.

— וועגן זיך האָב איך ניט וואָס צו דערציילן, — בייזערט ער זיך אפּאָנעמעסן.

ער באטראַכט מיך, טוט פלוצעם א שמייכל, אפּאָנעם, צו זײַנע אייגענע געדאנקען, און אָן שום איבערגאנג:

— ס׳האָבן זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן פאָרגעלייגט בויען דאמבעס. אנדערע, ווידער, האָבן געצײַטעט, מע זאָל אָפּפירן דאָס וואסער. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אזוינע כאַכאָמים,



דער צווייִ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דער קאָסמאָנאַווט ג. מ. גרעטשקאָ (צווייטער פון רעכטס) און יורי פײַן (ערשטער פון רעכטס) אין טיומענער הויז פון טעכניקער

וועלכע האָבן געזאָגט, מע זאָל מאַכן א קינסטלעכע באַוואַסערונג, וועט מען דערנאָך פּאָמפּען דעם נאַפט, ווי פון דעם קאַספּישן יאַם־גרונט. — דערבײַ לאַכט ער שוין גאַנץ גוט און שטעלט אַרויס אַלע זײַנע ציין. איך הער און שווײַג.

— האָט מען געזוכט אַן אויסוועג, — זעצט ער פאָר. — ס׳איז געווען די באַשקירער פּראַקטיק, די באַהאַוונטקײַט פון די קאַספּישע נאַפט־דערפינדער, מע האָט געשמועסט, אַז אין קאַנאַדע איז אומגעפער אַזוינע באַדינגונגען ווי דאָ, אין טיומען. איר מיינט, מע איז ניט געפאָרן אַהין? געפאָרן. מע האָט אויסגעבראַכט אומזיסט געלט. נעכטיקע טעג! בא אונדז איז דער גאַנצער שטעך — פאַרפראָרענע בלאָטעס, וועלכע גרייכן אין דער טיף ביז 12—15 מעטער. אין קאַנאַדע איז די טיף אינגאַנצן צוויי מעטער. ס׳איז א נאָפּקעמינע? דער טיומעמענער רעגיאָן האָט ניט קיין גלײַכן אין דער וועלט. דאָס באַשטייט ניט נאָר אין דער אויספאָרשונג גופע. — און אָט האַלט ער שוין א בלײַער אין האַנט און דערווײַזט מיר, וואָס דאָ, אין טיומען, איז פּרינציפּיעל נײַ און אַנדערש.

— איך האָב געהערט, אַז די קוואַליטעט פון דער באַקומענער פּראָדוקציע איז נידעריק, — טו איך א זאָג, — איז וויאַזוי קאָן מען די פּראָדוקציע פאַרבעסערן?

דערקלערט מיר פײַן, אַז דאָ איז דער הונט באַגראָבן אינעם וואַסער, וואָס מישט זיך צו.

— און איך האָב שוין גאָר געמיינט, אַז דער נאַפט גופע איז ניט אַזאַ ווי עס דאַרף צו זיין...

— פאַרוואָס עפּעס? נאַפט איז ווי נאַפט! — פאַרזיכערט מיך פײַן.

דערנאָך ווײַזט ער מיר, וויאַזוי מע בויט דאָ וועגן. דער בלײַער אין זײַן האַנט לויפט איבערן פּאַפּיר, און ער דערקלערט מיר:

— איר זעט, אָט אַזוי: אויף א טיף פון צוויי מעטער זײַנען מיר געצוווּנגען אויסצוגראָבן דעם טאָרף, דערנאָך שיטן מיר אָן האַרטן גרונט, אויפן גרונט לייגן מיר בערווענעס און צווײַגן. אָבער ווען מיר האָבן באַקומען אײַזנבעטאָנענע פּליטעס, איז אונדז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן...

איך הער, און איך טראַכט מיר: וויפל מאָל האָט מען דאָס געדאַרפט פליִען אַהין און צוריק, ביז מע האָט געמאַכט בעטאָנענע וועגן? ס׳א ווערטל צו זאָגן. דאָ שמעקט שוין מיט בוי־קאָמבינאַטן, וועלכע זײַנען באַרופן צו אַרבעטן אויף אָרטיקע רעסורסן. אָט אַזוי איז אַלץ געקניפּט און געבונדן! בוי־קאָמבינאַטן זײַנען דאָ, וועלן זײַן הײַנטצײַטיקע שטיבער. ווו ס׳איז פאַראַן הײַנטצײַטיקע בויונג, דאָרט וועלן זײַן אויך פּלאַצן פאַר פּיִאָנערן, שולן און אַנשטאַלטן פון שטייגער־באַדינונג. אַלץ אינאיינעם איז געבונדן מיט אָנשוילעכע פּעדעס, וועלכע ציִען זיך צו פאַרהוילענע ווערטן, אָן וועלכע דער הײַנטצײַטיקער מענטש קען זיך ניט באַגיין.

איך שטעל אַרײַן א וואָרט:

— הייסט דאָס, אַז ווו צו ווינען איז שוין פאַראַן?

— פרייט זיך ניט, ס׳איז ניט אזוי פּראָסט! נאָר דאָס וועט אײַך שוין וואַרשאַווסקי איליאַ פּאַוולאָוויטש קלאָר מאכן, וואָרעם ער איז דער נאטשאלניק פון סיביר־בוי. אלע בוי־ארבעטן פון אלע געגנט־קאָמבינאטן זײַנען בא אים אין האנט.

אינדערעמעסן וואָלט איך זיך געדאַרפט פון אָנפאנג אָפּשטעלן אין יאַלוטאָראָווסק. אין 1941 יאָר האָבן מיר זיך אהער געשלעפּט קימאט א האלב יאָר. איך געדענק אונדזער צעפלאָכטענעם עשעלאָן מיט די עטלעכע צענדליק וואַגאָנען, אין וועלכע עס האָבן זיך געהייצט אײַזערנע אײַוועלעך. יונגע פרויען האָבן דעמלט אויסגעזען ווי זקיינעס. וויפל מאָל האָט מען באָמבאַרדירט אונדזער עשעלאָן! באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט די סטאנציע וואַלויקי אין דאָנבאַס. „מעסערס״, דאָס הייסט „מעסערשמיטן״, שוועבלען אין הימל, אלע אײַזנבאַנוועגן זײַנען פאַרשטאָפּט מיט עשעלאָנען, די אופרײַסן פאַרטויבן דעם ארום.

וויאזוי זײַנען מיר דאַן לעבן געבליבן, ווייס איך ניט. דאָס איז אומגלייבלעך! ווען אונדזער צעקאָדערטער עשעלאָן איז אין דעקאַבער 1941 געבליבן שטיין אַף דער סטאנציע יאַלוטאָראָווסק און מע האָט פּלוצעם געמאָלדן, אז דאָס איז דער סאָף פון אונדזער רײַזע, דאָ בלײַבן מיר, זײַנען מיר געוווען געפּלעפט. און ניט דערפאַר, וואָס מיר זײַנען געווינט געוואָרן צו לעבן אַף רעדער, נאָר ווײַל מיר האָבן אַף קיין געאָגראַפישער קאַרטע קיינמאָל ניט געפונען דאָס וואָרט יאַלוטאָראָווסק. מיר זײַנען ארויסגעקראָכן פון די וואַגאָנען, געפונען א דאַך איבערן קאָפּ, און מאָלט אײַך אויס, מיר האָבן אָנגעהויבן ארבעטן און לעבן.

דער שטאָט־טעאַטער האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער. דאָ איז אַלעמאָל געווען פול יוגנט. אלע טאָג איז געווען א נײַער ספּעקטאַקל. נאָכן ספּעקטאַקל פלעגן מיר פאַנאַנדערוקן די שטולן, אין סאַמע מיטן פון צושויער־זאַל אוועקשטעלן א טאַבורעטקע, אַף דער טאַבורעטקע פלעגט זיך אוועקזעצן דער בלינדער באַיאַניסט גאָשע, און גאָשעס פּרימיטיווע ריטמען האָבן געפירט אין טאַנץ די היגע און די געקומענע יוגנט. אהערצו פלעגן מיר גיין אָפּט, פאַרשטייט זיך, אָן בילעטן. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט ליבעס, דאָ האָט מען געטאַנצט, דאָ האָט מען צומאָל געליטן און אונטערגעײַלט די צײַט. יענע שווידערלעכע פאַרטריבענע צײַט ווײַזט זיך מיר איצט אויס פּרעכטיק, און דאָס איז קיין וווּנדער ניט, מיר זײַנען דאָך דאַן געווען יונגיטשקע, מיר האָבן געקאָנט כאָלעמען, האָפן אַף בעסערע צײַטן און זיך אויסלאַכן פון דעם הונגער. ווײַל וואָס איז, אייגנטלעך, אַלטקײַט? דאָס איז דאָך פּראָסט ניט קאָנען געבן קיין ווידערשטאַנד די צאָרעס און אָנשיקענישן, זיך לאָזן באַהערשן פון אַלערליי שוועריקײַטן, — אָט דאָס איז, אייגנטלעך, אַלטקײַט.

ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן יענע צײַט, אונדזער לעבן און אויסקומעניש. ס׳איז ניט געווען דער טאָג, אז עמעצער זאָל ניט קלאָגן און וויינען: „די גוטע קוויטלעך״ זײַנען דערגאַנגען צו אזעלכע ערטער און שטעט, וועלכע זײַנען ניט אָנגערופן אַף דער געאָגראַפישער קאַרטע. די צאָרעס האָבן געפּלייצט, ווי א מאַבל, און יוגנט איז אַלץ בײַגעקומען. די יוגנט איז בײַגעקומען אַלצדינג. שוין זשע וואָלט אָן אונדז געבליבן לעבן די קליינינקשקע, הינקענדיקע אַנע סאָלאָמאָנאָווּנע פון לענינגראַד, ווו עס זײַנען אומגעקומען אין דער בלאָקאַדע אלע אירע נאָענטע? יעדן פרײַען אָוונט האָט זי אוועקגעגעבן אונדז. דער גרויסער שלאָס איז מיט א טראַסק אראָפּגענומען געוואָרן פונעם שול־ראַיאַל, און אַנע סאָלאָמאָנאָווּנע, די קליינוווּקסיקע פרוי מיט איר איידעלן טרויעריקן פּאָנעם, פלעגט אָנהייבן שפּילן. איך מיט מײַן כאַווערטע זאָרקע שטיינבערג האָבן רעפּעטירט די סצענע מיטן בריוו פון „יעווגעני אָנעגין״. זאָרקע האָט געהאַט א מעצאָסאָפּראַנע, איך האָב געזונגען טאַטיאַנעס פּאַרטיע. דאָס איז דאָך געווען אזאַ גליק! הײַנט דאָס גליק, ווען מיר פלעגן גיין אין שפּיטאָל צו די פאַרווונדעטע. אלע פאַרווונדעטע, וואָס האָבן זיך געקאָנט באַוועגן, זײַנען געזעסן אין די קאָרידאָרן און ווו נאָר עס איז געווען א פרײַ אָרט. די, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט באַוועגן, האָט מען געבראַכט אַף די טראָגבעטלעך, איבערגעבונדענע, אין גיפּס, נאָר די אויגן... מע זעט לויט זייערע אויגן ווי אופמערקזאַם זיי הערן, און אונדז דוכט זיך, אז ס׳קומען זיי צו קרעפטן.

קיין טיומען זײַנען מיר געפאָרן אין ווינטער. לויט אונדזערע דאַרעמדיקע פאָרשטעלונגען אָבער איז שוין געווען פריִער פרילינג. מיר זײַנען געפאָרן דורך וואַלד, ס׳איז אונדז געווען גרינג, אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן ארויסגעפירט פונעם אָקופּירטן דניעפּראָפּעטראָווסק, איז באַשטאַנען פון גאָרנישט מיט נישט. אין איין קלומעק צווישן צוויי קישנס איז געלעגן דער אַלטער פּאַטעפאָן און א קליינער פּירקאַנטיקער אַלבאָם מיט פּלאַסטינקעס. אין נאָך א קלומעק זײַנען געווען סטאַם שמאַטעס.

אין טומל, אין דער פּאַקעניש האָט די מאַמע געשריִען:

— דו האָסט זיך פון זינען גערירט? איך דאַרף דאָס ניט האָבן. אַלץ, וואָס איז אָנגעהאָ־ רעוועט געוואָרן פאַרן לעבן, וואַרפן מיר אַוועק. דעם פּאַטעפאָן דאַרפסטו? ווער וועט עס הערן מוזיק?

איך האָב אַקשאָנעסדיק געקוקט אויף דער מאַמען.

— דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר? די מינוט זאָלסטו דאָס אַוועקוואַרפן. אויף וואָס פאַר אַ רוכעס דאַרף איך דאָס? פריַיע הענט דאַרף איך, אָט וואָס! — האָט די מאַמע געשריִען.

איך האָב ניט געענטפערט, אָבער דעם קלומעק האָב איך געהאַלטן אין האַנט, ווי איך וואָלט געוווסט, אַז דער אַלטער, אָפּגעריבענער פּאַטעפאָן וועט צוניץ קומען. און ניט נאָר מיר אַליין, אַנדערע וועלן זיך אויך פרייען מיט אים. מע וועט הערן מוזיק אָנשטאָט עסן, אָנשטאָט זיך וואָרעמען באַם אויסגעהייצטן אויוון.

און אָט פאָרן מיר אין אַ מאַשין. הויך אין הימל קוקן די קרוינען פון די צעדער־ביימער. דער מאָטאָר ראַשט מיט אַלע זיַינע קויכעס. איך האַלט דעם קלומעק מיטן פּאַטעפאָן, איך לאָז אים פון האַנט ניט אַרויס. די מאַמע שריַיט שוין ניט. זי טוט אַ קוק אויף מיר און אויפן קלומעק מיטן פּאַטעפאָן, איך דריק דעם קלומעק צום האַרצן. וואָס הער איך? אַוועקגעבן פאַר בולבעס דעם פּאַטעפאָן? פאַר קיין פאַל ניט! פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט!

ווען מיר זיַינען אַ ביסעלע צו־זיך געקומען אויפן ניַיעם אָרט, פלעגן אין אונדזער קליינעם צימערל, וווּ עס זיַינען געשטאַנען זיבן צופעליקע אײַזערנע בעטלעך, זיך צונויפקומען געסט. די געסט זיַינען געווען אָרטיקע און עוואַקוּירטע. די אָרטיקע האָט אויך קיין צאָרעס ניט גע־ פעלט. אויפן פראָנט האָבן זיי געהאַט טאַטעס און ברידער, דער אומגליק האָט אונדז אַלעמען צונויפגעשמאָלצן. טיי איז געווען אָן צוקער און אָן סענץ, אָבער דער פּאַטעפאָן האָט געשפּילט. כ׳האָב קיינעם ניט געלאָזט זיך צורירן צו אים, ווײַל די פּרוזשינקע איז אין אים געווען אַלט און אָפּגעשוואַכט. בלויז איך האָב געשפּילט, וויאַזוי איך דאַרף פירן מיט דער האַנט, קעדיי ער זאָל ניט שטום ווערן. מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט די מאַמע געקוקט אויף אונדז, אויף מיר און אויף מײַנע געסט. אין דער מאַמעס קוק האָב איך געפילט עפּעס ניַיס. איר פאַרוווּנדערטער בליק האָט באַטיַיט: „אונדזערע קינדער זיַינען קליגער פון אונדז״. און פונעם פּאַטעפאָן האָט זיך געגאָסן עפּעלבאַומס שטים מיט זיַין נעגרישן באַס און מיט די ווערטער, וואָס זיַינען אונדז געווען ניט פאַרשטענדלעך. אָבער אונדז איז אַלציינס געווען, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זינגט. צו אונדז איז דערגאַנגען זיַין ליד. דאָס איז געווען זייער אַ טרויעריקע ליד, און דער טרויער אונדזערער איז דעמלט געווען אינטערנאַציאָנאַל. דאָס געזאַנג האָט אונדז דערוואַרעמט, דער־ נעענטערט איינעם צום אַנדערן און געגעבן אונדז קויכעס בײַצושטיין די ניסיוינעס.

איצט איז דאָ אַלץ ניט צו דערקענען. די שטיבער, די מענטשן... די מענטשן לויפן פאַרבײַ אײַלנדיק, שטויסן איינער דעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין יאָגעניש. קאָן זיַין, אַז דערפאַר דוכט זיך מיר, אַז דאָ איז וואַרעמער געוואָרן, און די פרעסט זיַינען ניט אַזוי, ווי געווען.

מיט אַ לאַנגזאַמען טראָט שפּאַן איך מיר איבער דער אַלטער דורכזיכטיק־הילצערנער טיר־ מענער גאַס אויף טשעליוסקינס נאָמען. נאָך דעם אַרויסלאָז־אָוונט אין 1944 יאָר איז אונדזער גאַנצער קלאַס פונקט אַזוי לאַנגזאַם געגאַנגען דורך דער זעלבער גאַס ביזן סאַמע טײַך טורא. פאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ טונקל־בלויער פּאַס וואַלד אויפן פאַן פון דעם ראָזלעכן קאַיאָר. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז טאַקע דאָרט, ווײַטער פונעם פּאַס וואַלד, האָט זיך צוגעטוליעט דאָס אַלטע פאַרוואָרפענע שטעטל יאַלוטאָראָווסק. איך וואָלט זיך זייער געוואָלט אַ בוק טאָן פאַר דעם, נאָר גאַנץ אומדערוואַרט טרעפט מײַן אויג אַ ניַיעם פּאַלאַץ פון גלאָז און אײַזנבעטאָנענע קאָנסטרוקציעס. איך לייען איבער די שילד: „הויז פון טעכניק״. די געבײַדע איז שיין. די טיר עפנט זיך שטיל. איך זע אַ היַינטצײַטיקן, מיט געשמאַק אויסגעפורעמטן רײַכן אינטעריער. אויפן פאָן פון דורכויסיק גלאָז — אַ גאַנצע אָראַנזשעריי‌ע פון דעקאָראַטיווע געוויקסן. אַ סאַך פאַרביקע פּאָטאָס, אויף וועלכע מע קאָן זען, ווי ס׳טרעט אַרויס דער אַנסאַמבל, וועלכער רופט זיך מיטן נאָמען „מיטצײַטלער״.

און אָט בין איך אין קאַבינעט פונעם קינסטלערישן אָנפירער פון דעם אַנסאַמבל.

— ליבערמאַן, — שטעלט ער זיך פאָר, — לעוו איסאַקאָוויטש. אין אונדזער אַנסאַמבל זיַינען אָנגעשלאָסן פיר פאָלקס־קאָלעקטיוון! — ער ציילט באַלעבאַטיש אויף די פינגער פון זײַן לינקער האַנט: — אַ כאָר, אַ טאַנץ־ און עסטראַדע־קאָלעקטיוו, אַן עסטראַדנער אָרקעסטער און אַן אַנסאַמבל פון פידלער. אַרום־און־אַרום ביז פינף הונדערט אָנטיילנעמער, קיין אײַנהאָרע ניט.

איך לייג פאַנאַנדער די פאָטאָגראַפיעס פון די זעלבסטטעטיקע אַרטיסטן, וועלכע ליבערמאַן באַוויַיזט מיר. גרויסע, פאַרביקע, פּרעכטיקע פאָטאָגראַפיעס. טרעפלעכע סצענקעס זיַינען אויף די פאָטאָגראַפיעס פאַרפיקסירט.

— שטעלט זיך פאָר, אַז קיין איין אָוונט אָדער קאָנפערענץ אין דער געגנט באַגייט זיך ניט אָן אונדזער אַנסאַמבל. דער אַנסאַמבל איז אַ לאַורעאַט פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון אַרבעטער, אַ לאַורעאַט פון דער טיומענער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע, צוויי מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן אַף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג אין מאָסקווע. די קאָנצערטן פון אונדזער אַנסאַמבל האָבן זיך צוויי מאָל טראַנסלירט דורך דער צענטראַלער טעלעוויזיע. העכער טויזנט קאָנצערטן האָבן מיר געגעבן פאַר די נאַפט־אַרבעטער פון די צאָפנדיקע געגנטן און נאָך אַנדערהאַלבן טויזנט פאַר 138 שטעט פונעם לאַנד, איבערהויפּט פאַר נײַ־בויונגען.

— די קאָוואַלסקיס קענט איר? — טו איך אים אַ פרעג.

לעוו ליבערמאַן

— איר קענט די קאָוואַלסקיס? דאָדיק קאָוואַלסקי איז דאָך אַן עמעסער ווירטואָז, און זײַן פרוי פאַביע — זי איז אַ כאָרעאָגראַף, זי אַרבעט אין טיומענער פאַלאַץ פון קונסט.

— אַנטשולדיקט, לעוו איסאַקאָוויטש. עפשער קענט איר מיר בעקיצער דערציילן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין „פאַלאַץ פון קונסט״?

ער לאַכט:

— בעקיצער אין צוויי ווערטער, איז דאָרט כאָרעאָגראַפיע און מאָלערישע קונסט... ניין, אין צוויי ווערטער קאָן איך אײַך דאָס ניט דערציילן!

ווידער פיל איך זיך, ווי קיין טיומען וואָלט איך געקומען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. אַזאַ געפיל איז שוין אַנומלטן געווען בײַ מיר — אין פינף־און־זעכציקסטן יאָר, בײַס מיך האָט אַהער קאָמאַנדירט די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פראַוודאַ״. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו דערקענען די שטאָט, און טיומענער טוישווים האָבן אויסגעזען בײַ מיר ווי עפעס נײַע מענטשן. בײַס כ'האָב זיך דעמלט אַרײַנגעזעצט אין צוג מאָסקווע — טיומען, האָב איך זיך געפילט גאַנץ פעסט. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז די טיומענצעס קען איך ווי מײַנע פינף פינגער. אין קופּע איז מיט מיר געפאָרן אַ יונג פּאָרפאָלק.

— אַזוי־אַזוי, — האָט אַנטשלאָסן און פעסט אַ זאָג געטאָן די צוואַנציקיאָריקע פרוי, — איר פרעגט, וווהין פאָרן מיר? קיין טיומען פאָרן מיר. מיך רופט מען טאַניע און אים — ליאָשע.

איך האָב אָנגערופן מײַן נאָמען.

— אַצינד קאָן מען פאָרן! — האָט טאַניע באַשלאָסן.

אַזאַ לאַכלוטן אומבאַקאַנטע טאַניע, אָבער עפעס־וואָס אין איר געשטאַלט איז זייער באַקאַנט. אַזוי זעען זיי איצטער אויס, די יונגע. זיי זײַנען לאַכלוטן ניט ענלעך אַף דער טיומענער יוגנט פון דער מילכאָמע־צײַט. דערנאָך איז אין אונדזער וואַגאָן אַרײַנגעגאַנגען סאָניע. אירע אויגן זײַנען געווען שוואַרץ, די האָר געקרײַזלט, און זי איז אויך אַלט געווען ניט מער ווי צוואַנציק יאָר. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אין מײַן אָנוועזנהײַט. אַלע פאָרן זיי נאָר ביז טיומען. דערנאָך מיט אַן אַעראָפּלאַן אַפן ווײַטן צאָפן. טאַניע מיט ליאָשען אַף וואַלד־אַרבעט, סאָניע וועט זײַן אַ לערערן בײַ די קליינינקע נענצעס און סעלקופּעווס.

— ווי רופט איר זיי אָן? — פרעג איך נאָכאַמאָל.

— סעלקופּעווס. פאַראַן אַ קליינע פעלקערשאַפט אַזאַ אַף צאָפן פון דער טיומענער געגנט. דאָס זײַנען זייער גוטע מענטשן, לאַכלוטן אָן אַ גאַל.

ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז מײַנע מיטפאָרער האָבן ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו נאַפט, נאָר פון אַלץ איז געווען צו זען, אַז זיי רעכענען זיך אויך צו צו די, וואָס אײַסעקן זיך אַרום די נאַפט־גרובנס. ווי זשע אַנדערש? זיי זײַנען דאָרט געווען אײַנײַנעם מיט די געאָלאָגן, מיט די אויספאָרשער פון די טיפענישן. די פליגעלעך האָבן אויך זיי ווי ס'געהער צו זײַן געביסן! זיי האָבן געמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט די בלאָטעס אין פופציקגראַדוסדיקן פראָסט. טאַקע דערפאַר האָבן זיי אויך שטאָלצירט מיטן טיומענער נאַפט.

עס ווערט מיר אומעטיקלעך אַפן האַרצן, לעמײַ ביז גאָר אַ סאַך זאַכן זײַנען דאָ פאָרגעקומען אין מײַן אָפּוועזנהײַט, אָן מײַן אָנטייל אין דער פּראַצע. און קעדיי זיך אַליין צו באַרעכטיקן, שטעל איך אויס די פאַקטן פון יענער צײַט, ווען אין האַלבן דעמער פון דעם גאַז־לעמפּל

פלעגט אופשײַנען דאָס מאָגערע פאַרזאָרגטע געזיכט פונעם לערער, און אַלע ביז אײנעם האָבן פאַרשטאַנען אָן ווערטער, אַז אַנשטאָט טריגאָנאָמעטריע וועט מען דאַרפן אויסלאָדן אַף דער סטאַנציע טיומען די פּראַכט־וואַגאָנען, און מע האָט פון קײנעם קײן פּאַרע ניט געהערט, קײן נער האָט ניט אָפּגעזאָגט. ס'איז טאַקע זײער שווער, נאָר יענע, וועגן וועלכע דער דיקטאָר לעוויטאַן דערצײלט אַלע טאָג דורך ראַדיאָ, איז נאָך שווערער. און אַ צאַרט מײדעלע מיט איר קײנעוודיק פּענעמל טרעט דריבנעטשקע אײנײנעם מיט אַלעמען, און אַנשטאָט טריגאָנאָמעטריע וועט זי האָבן צו טאָן מיט די דאָזיקע קלעצער, וועלכע זײַנען ווי פון בלײַ. און אײנײנעם מיט אַלעמען וועט דאָס מײדעלע אַרויס מיט רום פון דעם געפעכט. ווער רעדט נאָך, אַז לעבן איר, האַנט בא האַנט, גײט דער סיבירער קראַסאַוועץ, דער, וועמען זי האָט ליב. און דערנאָך, ווען ס'איז שווער שוין אַ ריר צו טאָן מיט אַ האַנט און מיט אַ פוס, וועט מײַן פּאַטעפאָן שטאַרק צוניץ קומען. פון ערגעץ־ווו וועלן זיך נעמען נײַע קויכעס, און מיר וועלן ניט נאָר הערן ווי ער שפּילט — מיר וועלן גײן אַ טענצל.

בערטע קאָוואַלסקע איז אויך געווען באַקאַנט מיט מײַן פּאַטעפאָן. מיט דאָדיקן, מיט איר ברודער, האָב איך זיך געטראָפן שפּעטער, ערשט אין פופציקסטן יאָר, און גאַנץ ווײַט פון טיומען. ער האָט געדינט אין מיליטער אַפן ווײַטן מיזרעך. דאָרט האָט ער געענדיקט די מיליטער־שול... דערנאָך האָט ער געדינט אין בירעבידזשאַן. בא דער בירע האָט ער זיך באַקאַנט מיט כאַמע, דערנאָך האָט ער געדינט אין בירעבידזשאַן. בא דער בירע האָט ער זיך באַקאַנט מיט פאַניע גיטעלמאַן, זי איז דאַן געווען אין דער באַלעטן־גרופּע פונעם בירעבידזשאַנער זעלבט־טעטיקן טעאַטער. דערנאָך זײַנען זײ אַריבערגעפאָרן קײן כאַבאַראָווסק. דאָדיק איז אַ גוטער וויאָלאָנטשעליסט, פאַניע איז אַ באַלערינע, און איר מאַמע, סאָרע באָריסאָוונאַ, האָט געקאָכט אזוינע פיש, אַז מע האָט זיך געקאָנט צונױפלױפן קײן כאַבאַראָווסק אַזש פון טשאַרדימאָווקע. וויפל יאָר זײַנען שוין פון דעמלט אַוועק! אויב סאָרע באָריסאָוונא קאָכט נאָך פיש, איז זי שוין אַלט אַכציק מיט אַ מיטוואָך. ערשט אין 1965 יאָר האָבן זײ זיך באַזעצט אין טיומען.

— איר האָט געפרעגט וועגן קאָוואַלסקעס טעלעפאָן, אָט האָט איר אים. — מאַכט צו מיר ליבערמאַן.

איך קלינג.

— אַלאָ! — הער איך סאָרע באָריסאָוונעס שטימע.

— סאָרע באָריסאָוונא, דאָדיק מיט פאַניען זײַנען אין דער הײם?

— געוויס זײַנען זײ אין דער הײם. אומעטום איז זײער הײם. זײ זײַנען בא וואָדיקן אין וויבאָרג. ווער רעדט עס?

— איר געדענקט מיך ניט. אין כאַבאַראָווסק, נאָך בירעבידזשאַן...

— וואָס? בירעבידזשאַן? — סאָרע באָריסאָוונעס שטים טוט אַ שפּרונג אַף די העכסטע אויבערטענער.

איך הער דורכן טעלעפאָן, וואָס פאַר אַ טומל ס'איז געוואָרן דאָרט אין שטוב. דאָס טרײַבל נעמט אַ פּרוי. ווער איז דאָס? טאַניעטשקע? ס'קאָן ניט זײַן! דעם ייִנגערן טעכטערל, דאָדיקס טאַניעטשקען, איז אין כאַבאַראָווסק דעמלט געווען צוויי יאָר. געוויס איז דאָס זי. — יאָ, — לאַכט איך טרײַבל די געוועזענע צוויייאָריקע טאַניעטשקע, — מײַן בעלאָטשקען איז שוין פינף יאָר. קומט גלײַך צו גײן, מיר וואַרטן אַף אײַך!

— אײַער וואָדיק איז אויך אַ מוזיקאַנט?

— יאָ, יאָ, וואָדיק האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע.

איך באַטראַכט נאָכאַמאָל אַלץ פונדאַסנײַ: ווי האָט דען אַנדערש געקאָנט זײַן? ער איז נאָך געווען אַ קינד, בײַם מיר האָבן געהערט, ווי ער שפּילט שאָפּענען. ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז וואָדיק איז אַ באַגאַבטער מוזיקאַנט. סאָרע באָריסאָוונא האָט דאַן צוגעזאָגט מאַכן אַזוינע פיש, ווי איך כאַבאַראָווסק און אין בירעבידזשאַן. און שפּעטער, אַז מיר זײַנען געזעסן באַם טיש, האָט זי אַלץ געזיפצט, אַז ס'איז ניט יענע פיש און אַז דער יײדע גיטעלמאַן קען שוין ניט האָבן קײן נאַכעס פון זײַנע אײניקלעך. אַלץ אַנטרינט, אַלץ גײט אַוועק אין דער אײביקײַט... איך טראַכט ווײַטער: מיר זײַנען דאַן געווען זײער יונג. איצטער ווײַזט זיך מיר אויך אַמאָל אויס, אַז „ס'איז ניט יענע פיש". און די פאַרגאַנגענהײט, וואָס מע קען זי ניט אומקערן, דאַכט זיך מיר, איז געווען בעסער. קאָן זײַן, אַז איך בין אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פון נעם לעבן...

איך טו זיך אַ כאַפּ, אַז איך בין אַוועק ווײַט מיט מײַנע געדאַנקען. און איך פאַרגיב אַ פראַגע לעוו איסאַקאָוויטש ליבערמאַנען:

— איר האָט באַוויזן מילכאָמע צו האַלטן?

— זיכער, — ענטפערט ער. — די שול האָב איך געענדיקט דאָ, אין טיומען, נאָך פאַר דער מילכאָמע. דערנאָך האָב איך זיך געלערנט אין קורגאַנער אוראַקלוב. איך בין געפלויגן, ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אין גאָספּיטאַל בין איך אויך געלעגן, אָבער אַלע מאָל און אומעטום האָב איך אָן מוזיק ניט געקענט לעבן...

— און אַכוץ דעם אַנסאַמבל, טוט איר עפּעס?

— ווי זשע דען? איך אָרגאַניזיר אַן אַקאַדעמישן כאָר.

אָט האָסטו דיר. ווידער דערמאָן איך זיך אין מײַן פּאַטעפאָן.

— זאָגט, — וויל איך נאָך וועגן עפּעס פרעגן בא ליבערמאַנען, און איך האָב מוירע אַרײַנ־צופאַלן ווי א יאָוון אין סוקע. פונדעסטוועגן פּויעל איך בא זיך. — זאָגט מיר, לעוו איסאַקאָ־וויטש, אײַער אַרבעט רופט מען דאָ „ליבערמאַניִע״?

לעוו איסאַקאָוויטש פאַרגייט זיך אין א געלעכטער. ער לאַכט זיך אויס און באַרויִקט מיך.

— ניין, אַזוי רופט מען דעם קאָמבינאַט, ווו עס באַלעבאַטעוועט מײַן ברודער סעמיאָן. דאָרט איז טאַקע א באַלעבאַטישקײַט, א גאַנצע מעדינע. א זעג־זאַוואָד, א טישלערײַ, אַן אויס־געצייכנטער פּראָפילאַקטאָרי פאַר די אַרבעטער, א קינדער־גאָרטן, א פּינישער מערכעץ... בא אונדזער סעמיאָנען איז, קיין אײַנהאָרע, א קאָפּ — א טרעסט!

„ליבערמאַניִע״... וואָס מענטשן טראַכטן צו!

אין טיומען זײַנען שוין געבליבן זייער ווייניק מענטשן, וועלכע געדענקען מײַן פּאַטעפאָן. טאַניעטשקע האָט געזאָגט:

— ס'איז צו אונדז געקומען אַזא גאַסט, די מומע בערטע. איר זײַנט באַקאַנט מיט דער מומע בערטע?

אָט דאָס איז א סיורפּריז! אַזעלכע זאַכן טרעפן איין מאָל אין הונדערט יאָר. אַזא מין צו־זאַמענפאַל. נאָר דאָס מאָל איז מיר, אַפּאַנעם, באַשערט געווען צו האָבן א סאַך סיורפּריזן.

— קיין טיומען איז געקומען דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער 25־ער שול, נינע יע־פימאָוונא, — זאָגט מיר אָן מײַן ליבע בערטע. — זי איז געקומען מיטן מאַן. געדענקסט, בייס דער מילכאָמע איז ער געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, דמיטרי סעמיאָנאָוויטש קופּצאָוו.

איך לויף צו מײַן אַלטער לערערקע, צו נאַדיעזשדע געראַסימאָוונא מוסקאָ. אויב קיין טיומען זײַנען געקומען אַזעלכע געסט, וועלן זיי נאַדיעזשדע געראַסימאָוונעס שטוב ניט אויס־מײַדן. און איך האָב טאַקע געטראָפן. איך לויף אין גאָסטיניצע „טוריסט״. ניין, איך פאָר, וואָ־רעם די רעפּובליקאַנער גאַס איז אומעגלעך איבערצולויפן, מע דאַרף בײַקומען א קילאָמעטער צען. אַמאָל זײַנען דאָ דורכויס געווען בולבע־פעלדער. איצט איז דאָס אַן עמעסער „בראָדוויי״. איך קוק פונעם טראָלייבוס־פענצטער אף דער נײַער שטאָט. אין יענע יאָרן איז אף דער רע־פּובליקאַנער גאַס דאָס גרעסטע הויז געווען „רעקאָנסטרוקטאָר״. איצט האָב איך עס אפילע ניט באַמערקט. די נײַע הײַזער האָבן פאַרשטעלט, נעבעך, דעם טיומענער וואָלקנקראַצער „רע־קאָנסטרוקטאָר״. אין טראָלייבוס באַגעגן איך א היגן זשורנאַליסט, זאָגט ער מיר:

— אויב אײַך אינטערעסירט דאָס קולטורעלע לעבן אין דער געגנט, רעקאָמענדיר איך אײַך א שמועס טאָן מיט וואָלאָדיע וואָלטשעקן. און טוט עס אָפּ וואָס גיכער, אַניט קען ער נעלעם ווערן. ער איז דער פאַרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער פון דעם געגנטלעכן קולטור־אָפּטייל. איר קאָנט זיך ניט פאַרשטעלן, וויפל אים קומט אויס אַרומצופליִען.

איך פאָר מיר ווײַטער און טראַכט: נאַפט, א ווערטל צו זאָגן. מע רעדט וועגן נאַפט, עס איז בא אַלעמען אף די ציינגער. מע קען דאָס פאַרשטיין. ווײַל מע האָט אַזוי לאַנג געזוכט, און שווריקײַטן האָבן ניט אויסגעפעלט. אַרום־און־אַרום — פאַרפאַרענע אָפּגרונטן. זומער די פּיטשינקע פליגעלעך און עפּעס מאָדנע אינזעקטן, וועלכע מע רופט פּאָוטעס. ווינטער איז א פרעסטעלע העכער פופציק גראַדוס. גייסט, אָטעמסט, די לופט הודזשעט אַזש. שוין אָפּגע־רעדט פון ספּייקעס: ס'איז דאָ נאַפט, צי ניט... און מע האָט טאַקע גראַד יאָ געפונען. ניט ווײַט פון בעריאָזאָווע, פון יענעם אָרט, ווו אַפּן צווינטער איז געלעגן אין אייביקער פאַרפראָרנקײַט דער גוף פונעם פירשט אַלעקסאַנדער מענשיקאָוו. טאַקע דאָרט האָט מען צוערשט געפונען גאַז און דערנאָך נאַפט. די קרירע איז געווען מוירעדיק, די אַראָפּגעפאַלענע בערעזע־בלעטער זײַנען טיף באַהאַלטן אונטערן שניי. אָט דאָרטן, נאָענט פון די קומינער און טאַרמאַנער בלאָ־טעס, ווו פריִער האָבן בלויז די האָזן געשלײַפט זייערע פּרוזשיניקע לאַפּעס, האָט מען געפונען דאָס, וואָס מע האָט געזוכט. ס'איז א ווערטל צו זאָגן, די פרייד פון אַנטפּלעקן, די פרייד פון בײַקומען אַלע שוועריקײַטן, איין קלײניקײַט — געפינען נאַפט, און דערבײַ אין א קורצער צײַט...

איך גופע האָב נאָך א קירצערע צײַט. איך דאַרף זיך פּאַנאַנדערקלײַבן אין זייער קאָמפּלי־צירטע איניאַנים: ווי אַזוי לעבט מען דאָ, צו וואָס שטרעבט מען דאָ, וועגן וואָס קלערן די נײַ־אויפגעקומענע הײַנטיקע טיומענצעס? מיט די געדאַנקען גיי איך אַרויס פון טראַליײבוס אויף מעלניקײַטע־גאַס. א שפּאַגל־נײַע גאַס. „איבער דער רעפּובליקאַנער גאַס גייט ווײַטער ניט דער טראַליײבוס. דאָ פאַרקערעוועט ער אויף מעלניקײַטע, — מאַכט צו מיר דער היגער זשורנאַליסט. — צום האָטעל „טוריסט" וועט איר דאַרפן צוגיין א ביסעלע צופוס. נישקשה, איר וועט אָנקוקן די שטאָט, איר ווייסט דאָך, פריִער איז דאָ געווען א דאָרפישער פּייזאַזש..." איך קוק אויף דער ברייטער זייער מאָדערנער מעלניקײַטע־גאַס, זי האָט א דאָפּלטע מאַגיסטראַל, וועלכע עס צעטיילט א יונגיטשקער בולוואַר. איך פאַרשטיי, אַז מיט דער צײַט וועט דאָס זײַן אַן עמעסער בולוואַר, ער וועט, מירצעשעם, אויסוואַקסן און זיך אַנטוויקלען. אין דער ברייט און אין דער הייך וועלן זיך אויפהייבן די טאָפּאָלן און די ליפּעס. זיי וועלן זיך פאַנאַנדערבלײַען, ווי די, וועלכע מיר האָבן פאַרזעצט אין סאַמע עק פון דער רעפּובליקאַנער גאַס. דאָרט האָב איך שוין באַוויזן צו זײַן דעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען אַהער. די ליפּעס האָבן געבליט און אַזוי געשמעקט, אַז איך בין אומגעגאַנגען ווי א פאַרטשאַדעטע.

אין האָטעל האָט שוין אויף מיר געוואַרט נינע יעפּימאָוונאַ. מיר האָבן זיך גוט אַרומגענומען, און ס'איז אַוועק אַן אויספרעגעניש: „געדענקסט, האָסט ניט פאַרגעסן?", „און באָריס איליטש זבאַרסקין געדענקסטו?".

די פראַגע האָט מיך געפלעפט. ווי האָב איך אים געקאָנט פאַרגעסן. ווען איך בין דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל, האָב איך זיך אַלע ווײַלע דערמאָנט אין זבאַרסקין. דער דעמלטיקער אינסטרוקטאָר פון געגנט־קאָמיטעט פון קאָמיוג שימענצעוו האָט מיך באַגלייט אויף דער טראַסע פון דער נאַפט־רער טיומען — סורגוט. דאָס איז געווען א שטרענגער און אַנטשלאָסענער יונגערמאַן. און ווי נאָר איך פלעג אויף אים א קוק טאָן, איז מיר גלײַך געקומען אויפן זינען באָריס איליטש זבאַרסקי, דער מענטש, וועלכן ס'האָט געוווּסט די גאַנצע וועלט, ווײַל דאָס האָט ער טאַקע אָנגעפירט מיטן פאַרבאַלזאַמירן לענינס קערפּער צוליב אָפּהיטן אים אינעם מאָסקווער מאַוזאָליי.

— נו, פאַרן מיר! — האָט דאַן געזאָגט שימענצעוו קורץ און וואַגיק.

ס'איז צוגעשפּרונגען א מיידעלע פון א יאָר אכצן — ליליע טשעפּיגע.

— מיך נעמט איר מיט?

— אָט האָט איר אײַך נאָך איין העלדיש געשטאַלט! — זאָגט באַלערעוודיק שימענצעוו, — דאָס איז א קאַסיר, וואָס דערגרייכט אומעטום, ווי א טראַקטאָר, וועלכן מע רופט „וועזדיעכאָד". — און שימענצעוו גיט צו: — צו אונדז קומט מען מיט גרויס כיישעק, און קיינער האָט קיין כאַראַטע ניט, אַזוי פאַרשרײַבט טאַקע.

איך הער שימענצעוון זייער אופמערקזאַם און קוק דורכן פענצטער פון דער מאַשין. פאַרבײַ אונדז טראָגט זיך דורך א בוי־פּייזאַזש און א טראַנספּאָרט־שטראָם. שימענצעוו זעצט פאָר:

— איר מיינט געוויס, אַז זײַן בא אונדז א קאַסיר איז זייער איינפאַך, האָט איר א טאָעס. פאַנאַנדערפירן געלט אויף אַרויסצוגעבן געהאַלט איז גאָרניט גרינגג! אַמאָל קומט אויס דעם קאַסיר צו פליִען מיט אַן עראָפּלאַן. טאַפּטשען איבער אונדזערע בלאָטיקע וועגן און צומאָל אפילע שווימען אויף א שיפל.

איך קוק אויף ליליען און שטעל זיך פאָר אויף א מינוטקעלע, ווי אָט דאָס מיידעלע איינינקע אַליין זיצט אין א סקריפּענדיקן יאַליק און אַרבעט מיט די ווּעסלעס. אויפן רוקן באַמבלט זיך די טאָרבע מיט געלט. איין גאָט זאָל טאַקע ראַכמאָנעס האָבן!

— אײַער מאַמע ווייסט? — פרעג איך בא דעם מיידל.

— ווו איז דאָס געשריבן געוואָרן, אַז מאַמעס דאַרפן אַלץ וויסן, — שנײַדט אָפּ ליליע.

אָט אַזוי, ווי איר זעט. אַזוינע זײַנען זיי די הײַנטיקע... אָבער מיט עפּעס זײַנען זיי ענלעך אויף אונדז, און איך טו א מאַך צו ליליען:

— פאַרן מיר, הייסט עס, פאַרבײַ דעם טעכניקום?

— וואָס פעלט אײַך אײַן, וואָס פאַר א טעכניקום?

— דער לאַנדווירטשאַפטלעכער, אָט דער, וואָס אויף רעפּובליק־גאַס.

מיר איז אָנגעגעם אָנצורופן די גאַס אַזוי, ווי עס רופן זי די אַרטיקע. דאָס דערנעענטערט מיך צו זיי. און דאָס, וואָס איך ווייס, ווו דער טעכניקום געפינט זיך, דאָס גיט מיר אײַך געוויסע רעכט צו פאַרייניקן זיך מיט די טיומענצעס.

1943. דער ערשטער סעקרעטאר פון טיומענער שטאָטקאָם פון פארטיי ד. ס. קופּצאָוו (צווייטער פון רעכטס) און דער פּראָפעסאָר ב. אי. זבאַרסקי (אין צענטער) מיט טוער פון שטאָטקאָם.

— וואָס פעלט אייך איצט? — קוקט אָף מיר ליליע. — קיין שום לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום איז דאָ ניטאָ!

— וואָס הייסט ניטאָ? — און איך ווייַז אָן אָף אן אלטער, גאַנץ פעסטער געבייַדע אין הינ־טערגרונט פון פּארק.

— איך זע, אז איר זייַנט דאָ שוין זייער לאַנג ניט געווען. זאָלט איר טאַקע וויסן, אז אין אָט דער געבייַדע איז איצט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינסטיטוט.

אָט האָב איך געטראָפן, ווי געשאָסן! דערנאָך פעלט מיר איין, אז קיין זאַך אָף דער וועלט ווערט ניט פארפאַלן אָן א שפור. אזוי דאַרף טאַקע זייַן. אין די יאָרן פון דער מילכאָמע האָט זיך אין דער געבייַדע געפונען באָריס איליטש זבאַרסקי!

שטעלט אָפּ די מאַשין!

איך גיי ארויס, קוק זיך ארום. אָט דאָ, אהינטער דעם טשוהונענעם פּלויט, אין דער אַלייע, פלעגט זיך דורכשפּאצירן באָריס איליטש, און מיר, די שילער פון די עלטערע קלאַסן, פלעגן פארבייַלויפן און אים באַגריסן. באָריס איליטש איז געווען אונדזער לערער פון מאַטעמאַטיק. די דערהויבענע אויסערלעכקייַט זבאַרסקיס האָט אלע מאָל צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייַט פון די טיומענצעס. ווען ער פלעגט זיך פּאַוואָלינקע דורכגיין דורך דער גאַס, איז אים אויס־געקומען אָפּט אופּצוהייבן דעם הוט און באַגריסן די, וואָס קומען אים אנטקעגן. אין די דער־פּער און אין די קליינע שטעט איז דאָך אָנגענומען, מע זאָל זיך באַגריסן מיט נייַ־געקומענע מענטשן. צי מיט דעם דריקט זיך אויס די פּראָווינציעלע גאַסטפרייַנטלעכקייַט, צי דאָס איז די סימפּאַטיע צו אלעם נייַעם. מיט זבאַרסקין איז אזוי געוויס געווען דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זייַנע ליכטיקע אויגן אויפמערקזאַם אָנגעקוקט יעדן איינעם, וואָס איז אים אנטקעגנגעקו־מען, ווי ער וואָלט געפרעגט, צי דאַרף ניט יענער עפּעס־וואָס. זייַן לויטער שמייכלענדיק פּאָ־נעם איז אלעמען געווען באַקאַנט.

ער איז דאָך געווען ניט פּאָשעט א לערער, וואָס אונטעריכט מאַטעמאַטיק, נייַן, מע האָט אים גערופן „דאָקטאָר פון כימיע". נאָך אין די אלטע צייַטן האָט ער געענדיקט דרייַ אייַ־ראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן, ער איז געווען א פּאָרזינסטפּולער געלערנטער, פּראָפעסאָר און פארוואַלטער מיט דער כימישער קאַטעדרע פונעם מאָסקווער ערשטן מעדיצינישן אינסטי־טוט. דעריבער האָט באָריס איליטש זבאַרסקי ניט געקאָנט בלייַבן אומבאַמערקט אין טיומען, כאָטש ער האָט אונדז, שול־קינדער, פּראָסט געלערנט מאַטעמאַטיק. ווען אין שטאָט געפינט זיך אזא פּערזענלעכקייַט מיט אזא מעכטיקן קוואַל פון וויסן און קולטור, לאָזט עס איבער טיפע שפּורן. דאָס האָט זיך שוין אָנגעמערקט אין יענער ביטערער מילכאָמע־צייַט. איך מיין, אז ניט צופעליק איז דער קראַסנאָדאַרער מעדיצינישער אינסטיטוט ארייַנגעפאַלן קיין טיומען. די צוזעקמעסיקייַט פון דעם איז געווען גאַנץ באַרעכטיקט. טאַקע מיט דעם, וואָס זבאַרסקי האָט זיך דאָ געפונען. נאָר בין דער קראַסנאָדאַרער מעדיצינישער אינסטיטוט איז אהער אָנ־

געקומען, האָט זיך באַריס איליטש אַרײַנגעשטעלט אין דער 25־טער היגער שול, װוּ איך האָב זיך דאַן געלערנט אין נײַנטן קלאַס, און ער האָט זיך פאָרגעלייגט װי אַ לערער.

— אַף כימיע און פיזיק האָבן מיר שױן געגוג לערער, — האָט אים געזאָגט דער דירעקטאָר פון דער שול נינע יעפימאָװנאַ קופּצאָװאַ, — עפּשער מאַטעמאַטיק, אױב איר װילט. — דערבײַ האָט זי אַ קוק געטאָן אַפן געלערנטן מיט אַ געװיסער שרעק. ס׳האָט זיך איר אױסגעװיזן, אַז ער װעט זיך אָפּזאָגן.

— איר װעט מיר טאַקע אָנטרױען דעם מאַטעמאַטישן קורס? — האָט זבאַרסקי ניט דרײסט געפרעגט.

פון יענעם טאָג אָן האָט ער געפירט אין די עלטערע קלאַסן די מאַטעמאַטיק־לימודים. און דאָס זײַנען געװען לעקציעס פון אַלגעברע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, װעלכע האָבן אונדז געקלעקט אַפן גאַנצן לעבן. דאָס ברײטע װיסן פון אונדזער לערער האָט לאַכלוטן ניט דערלאָזט קײן סכאָלאַסטיק. אָן אַ שום דרוק, אָן אָנשטרענגונג פלעגט דער עמעס נאַטירלעך און אַף לאַנג אַרײַנדרינגען אין אונדזער באַװוּסטזײַן. און מיר האָבן פרײַ און טיף געאָטעמט מיט דער אַלמענטשלעכער קולטור פון אונדזער לערער. ער, פון זײַן זײַט, האָט מיט גרױס צוטרױ טאָמיד דערמעגלעכט, מיר זאָלן דענקען, און די דאָזיקע פײַיִקײַט אונדזערע זאָל זיך אַנטװיקלען. ס׳איז אומעגלעך איבערצושאַצן, װיפל דער פּראָפעסאָר מיטן װעלט־נאָמען האָט אַרײַנגעטראָגן מענטשלעכע װאַרעמקײַט אין דער ניט געהײצטער שול. אין זײַן אָנװעזנהײַט פלעגן מיר פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען פאַרפרױרן און הונגעריק. ער האָט אױך געהאַט די זעלבע אױסקומעניש, װאָס מיר. ער איז געװען ניט נאָר אונדזער לערער, נאָר אױך אונדזער װוילער, נאָענטער כאַװער. מיר האָבן דאָך ניט אָנגעהױבן צו װיסן װעגן זײַן הױפּט־פליכט, ער איז פאַר אונדז געװען דער מענטש פון װיסנשאַפט, פון אומבאַגרענעצטער קולטור, און דאָס האָט באַ אונדז אַרױסגערופן אַ ניט געצױמטע אַנציקונג. בײס ער פלעגט מיט אונדז אײנײנעם זעגן האָלץ פאַר די שול־אױװנס און מיט אונדז אײנײנעם פּרירן אין קלאַס, — אָט די אײַנדרוקן האָט אונדזער זיקאָרן פאַרהיט אַפן גאַנצן לעבן.

דאָס אַלץ פליט מיר דורך אין זינען, און איך קוק זיך גוט אײַן אין שימענצעװס פּאָנעם, מיר װילט זיך זײער, ער זאָל מיר זאָגן עפּעס װעגן זבאַרסקין.

נאָר מײַן מיטפאָרער איז פול מיט עקאָנאָמישע אַסאָציִאַציעס, און ער הערט ניט אױף צו דערצײלן װעגן נאַפט. די הױפּט־זאַך איז נאַפט, ס׳איז עפּעס אַ װערטל צו זאָגן.

װאָרט אַ קאַפּעלע, שימענצעװ, טראַכט איך מיר, נאַפט איז גרױסאַרטיק אין אַלע הינזיכטן. מענטשן אַנטפּלעקן זיך און דערציִען זיך אָפּטער פון אַלץ אין שװערע באַדינגונגען. איך פאַרשטײ אײַער פרײד. נאָר לאָמיר איצט רײדן װעגן אַזױנע מענטשן װי זבאַרסקי, אױב ניט פּינקטלעך װעגן אַזױנע, איז כאָטש װעגן ענלעכע צו אים.

ס׳איז מיר ניט אױסגעקומען צו דערצײלן װעגן זבאַרסקין מײַן מיטפאָרער, װעגן דעם, װי אונדזער לערער האָט נאָך דער צעשײדונג קײנעם פון אונדז ניט פאַרגעסן. אין טיומען איז דאָס געװען אַ באַװוּסטע זאַך. אַקוראַט װי אין דעם אומענדלעך ברײטן טײַך פון זבאַרסקיס לעבן װאָלטן זיך אַרײַנגעגאָסן די פּיטשינקע גוירל־ריטשקעס אונדזערע, איז זײַן טײַך נאָך ברײטער געװאָרן. בײס מיר פלעגן קומען קײן מאָסקװע, האָט ניט זעלטן געטראָפן, אַז מיר פלעגן זיך אַרײַנשטעלן אין אופנאַם־קאַבינעט פון דער בי׳אָכימיע־קאַטעדרע אין ערשטן מעדיצינישן אינסטיטוט צום פאַרדינסטפולן אַקאַדעמיקער זבאַרסקין, און אַלע מאָל האָט ער זיך זײער געפרײט מיט אונדז.

— זײ װילן זיך לערנען, — פלעגט ער פרײדיק זאָגן, אױב עמעצער איז בײַגעװען. — דאָס איז גלענצנדיק.

דער אַלטער הילצערנער בריק, — װאָס מע פלעגט אים אַלע מאָל דאַרפן פאַריכטן אין יענע ביטערע צײַטן, — איז איצט אױך געװען אַרומגעצאַמט. מיר האָבן זיך אַ ביסעלע צוריקגעקערט צום נײַעם הײַנטצײַטיקן בריק איבערן טײַך טוראַ. ס׳איז אונדז אױסגעקומען צו פאָרן פאַרבײַ אונדזער שול, און אין זינען האָט דורכגעשװעבט אײנער פון אונדזערע שולאָװנטן. אַף דער אַלטער סקריפּעװדיקער סצענע האָט דאַן יוראָטשקע גוליאַיעװ, װעלכער איז געװען אין פינפטן קלאַס, און איצט איז ער אַ פאָלקס־אַרטיסט פון סאָװעטנפאַרבאַנד, אַ סאָליסט פונעם מאָסקװער גרױסן אַקאַדעמישן טעאַטער פון אָפּערע און באַלעט, אַ לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע, — ער האָט דאַן מיט אַ דינער, קימאַט מײדלשער שטים, אין דער באַגלײטונג פון אַ באַיאַן, געזונגען יאָסיף אוטקינס טרױעריקע קאָמיזישע ליד „מע האָט אַ באָכערל דערשאָסן אין אירקוטסק, זיבעצן יאָר איז אים געװען. װי פּערל אַף אַ רײנער שאָל, געבלײשטשעט האָבן זײַנע צײנער”... און פון הינטער דעם באַיאַן האָט מען קימאַט ניט געזען דעם אַקאָמפּאַני׳אַטאָר גענױע קאָלמאַקאָװ, אַ שילער פון פינפטן קלאַס. צװישן די לערער אין „פאַר־

טער" אַף די לאַנגע ניט געהובלטע בענק זיצט באָריס איליטש זבאַרסקי און מאַכט אַוועק אַ לויפּנדיקע טרער, דערבײַ אַפּלאָדירט ער יוראַטשקען ניט ווינציקער, ווי מע אַפּלאָדירט יורי גוליאַיעוון איצט, ווען ער זינגט אויס קאָמפּליצירטע אַריעס.

ס'איז געגאַנגען אַזאַ אומבעראַכמאָנעסדיקע מילכאָמע, און דאָ, אין דעם פּאַרפּרוירענעם, הונגעריקן און אַזוי ווײַטן קאַנט איז אונטער דער זיכערער אַפּעטראָפּעס פון די עמעסע הי־טער פון מענטשלעכע ווערטן געוואַקסן און זיך געמוטיקט אַ נײַער דאָר פון יאָרשים.

ערשט באַנאַכט פּויזע איך קוים אַרײַן אין מײַן האָטעל. איך בין געווען בא וואַרשאַוסקין אין „סיבזשילסטראָי". בייס ער האָט מיר דערציילט וועגן די פיר בויונג־קאָמבינאַטן פון טיור־מען, האָט ער ניט געקאָנט אײַנזיצן אַף אָן אָרט, אַלע ווײַלע האָט ער באַוויזן אָן אַ שיר דאָקו־מענטן וועגן רײַכן דערפאָלג פון דער סיבירער הויז־בויונג. איך האָב נאָכגעפּאָלגט זײַנע ענער־גישע באַוועגונגען און געטראַכט: „ווי וויל עס איז, וואָס ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אים צו באַגעגענען. וויפל מאָל האָב איך געקלונגען, און ס'איז געווען אַרויסגוואָרפן די מי. הײַנט איז ער אווועקגעפלויגן קיין סורגוט, מאָרגן — קיין ניזשניעוואַרטאָווסק. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אים אין די אויגן שוין ניט זען.

— ווי מיינט איר, ס'איז פון די גרינגע זאַכן? פּאַראַיאָרן האָבן מיר אָפּגעגעבן דרײַ און דרײַסיק טויזנט נײַן הונדערט אַכציק קוואַדראַטע מעטער וווינונג־פּלאַץ, און איצט מערקן מיר אָן פינף און פופציק טויזנט קוואַדראַטע מעטער. דאַרפט איר זיך ניט ווונדערן, וואָס איך זיץ ניט אַף אָן אָרט!

אין האָטעל איז מיר הייס. איך שפּרינג אַראָפּ פון געלעגער, איך מוז פּאַרשרײַבן, אַז וואַרשאַווסקי איז אַלט בלויז דרײַ און פערציק יאָר, ער האָט פּאַרענדיקט דעם בוי־פּאַקולטעט, איז אַ טאַטע פון דרײַ קינדער און איז פּאַרוואַלטער פון אַ גרויסן בוי־קאָמבינאַט אין לאַנד. כ'האָב נאָך ניט באַוויזן אַלץ צו פּאַרשרײַבן, דער טעלעפאָן קלינגט:

— גוטן אָוונט!

— נישקאָשע פון אַ גוטן אָוונט, ס'איז שוין האַלבע נאַכט.

— צי דען שלאָפט איר? איך בין געווען זיכער, אַז איר זײַט געקומען אַהער ניט קעדיי צו שלאָפן.

איך פּאַרשטיי, אַז דאָס איז דער היגער זשורנאַליסט.

— איר זײַנט געווען אַפן לינקן ברעג טוראַ? האָט איר געוויס געזען, וואָס פּאַר אַ דאַמבע מע האָט אָנגעוואַלגערט, קעדיי עס זאָל ניט זײַן קיין פּאַרפּלייצעניש. די דאַמבע איז הויך צוויי מעטער, און אין דער לענג האָט זי פינף און פערציק קילאָמעטער. דאָס וואַסער אין טוראַ האָט זיך הײַנטיקן פרילינג ביז גאָר געפערלעך אופגעהויבן. ווען ניט די דאַמבע, וואָלט עס אַלץ אַראָפּגעשווענקט. אויב איר ווילט וויסן אײינצלהײַטן, שמועסט זיך דורך מיט שאַפּוואַלאָוון, ער איז דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פונעם שטאָט־קאָמיטעט. ער וועט אײַך פּינקטלעך דערציילן וועגן דער עפּאָפּייע. פּרוווט זיך באַגעגענען מיט קאַגאַנען. יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש איז אַ גרוי־סער באָקי אין טיומענער נאַפט.

— וועגן קאַגאַנען ווייס איך. ער איז אווועקגעפלויגן קיין יאַפּאַן.

— אַ גרויסער שאָד. און אין שטאָט וואָס האָט איר געזען?

— ווונדער איבער ווונדער, אַ שפּאָגל־נײַע שטאָט, אַזאַ ליאַלקע־טעאַטער האָט איר אויס־געבויט, ניט ערגער פון אונדזער מאָסקווער. און דאָ גאַסטראָלירט טאַקע פּונקט דער מאָסקווער צענטראַלער מעלוכישער ליאַלקע־טעאַטער.

— נו איז וואָס? — לאַכט שערמאַן, — דערפּאַר איז אונדזער געגנטלעכער טיומענער ליאַל־קע־טעאַטער איצט אַף גאַסטראָלן אין מאָסקווע. איר האָט כאָטש עפּעס געזען אין טיומענער דראַמאַטישן? — ענדיקט דער זשורנאַליסט מיט אַ פּראַגע, און איך לייג אווועק דאָס טרײַבל. איך כאַפּ זיך אַזש פּאַרן קאָפּ: וואָס הייב איך אָן צו טאָן מיט די טיומענער לעבנס־טעמפּן?

אַלטע לײַט זאָגן — די פּרעסט זײַנען איצט אין סיביר ניט די. איצטער ווייס איך שוין, פּאַרוואָס זיי זײַנען געוואָרן „ניט די". פּרוווו אָקאָרשט אַזוי זיך אַ דריי טאָן! קיין שום פּראָסט וועט דיך ניט דורכנעמען. וועגן מיר איז אָפּגערעדט, מיך האָט אַהער פּאַרטראָגן זומער־צײַט. טאָגטעגלעך איז דרײַסיק גראַדוס היץ. פּונקט ווי אין סאָטשי! כ'האָב גאָרנישט ניט באַוויזן אָפּטאָן. צודערצו איז די קאָמאַנדירונג אַ קורצטערמיניקע. אָפּן גערעדט, איז די קאָמאַנדירונג „ניט די". צי שוין זשע קען מען זיך פּאַר אַזאַ קורצער צײַט עפּעס דערוויסן? ס'וועט אויסקו־מען פּאַרן קיין טיומען נאָכאַמאָל...

אין טיף=פּאָלעסיע

1. וויגדער

מיט וויגדערן האָב איך זיך באַקאַנט אין מינסק. געקומען איז ער אין קאָמאַנדירונג פֿון כוואָיסקער וואַלדווירטשאַפֿט, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס וואַלדהעקער. ער איז פֿאַרפֿאָרן צו זײַנעם א בען־איר, וואָס לעבט איצט בישכיינעס מיט אונדז.

וויגדער האָט זיך אויסגעטיילט פֿון די אַרומיקע גרויסשטאָטישע לײַט. אָף די פֿיס — גומענע שטיוואַלעס מיט הויכע כאַליעוועס, אָנשטאָט א רעקל האָט ער געטראָגן אַן אַלטמאָדישן קיטעל, אַפֿן קאָפּ — א שטרויענעם הוט, אַזאַ, וואָס איצטער זעלטן־ווער עס טראָגט שוין.

ער האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דורכגייער און געפֿילט זיך ניט באַקוועם, וואָס מע קוקט אָף אים.

איצט, אין אָנהייב פֿרילינג, ווען איך בין געווען אין כוואָיסק, האָב איך זיך ווידער מיט וויגדערן געטראָפֿן אין גאַס. אָף וויפֿל ער האָט דאָ אָפּגעלעבט א לעבן און ווייסט גוט די נאַטור, האָט זיך מיר זייער געוואָלט מאַכן מיט אים א שפּאַציר איבערן אויפֿוואַכנדיקן פּאָלעסיער וואַלד. איך האָב שוין א צײַט מיט יאָרן ניט פֿאַרזוכט קיין פֿרישן בערעזע־זאַפּט.

— איז אין וואָס די מעניַע? — זאָגט ער צו מיר. — מאָרגן איז גראַדע אַן אָפּרו־טאָג, וועלן מיר גיין אין וואַלד.

דער פֿרימאָרגן איז געווען א זוניקער, א וואַרעמער. ס׳זײַנען שוין אין ערגעץ ניט געבליבן קיין סימאָנים פֿון שניי, איבערן טײַך פֿטיטש האָבן געקרײַזט מעוועס.

דעם באַלעבאָס האָב איך געטראָפֿן אָף דער וועראַנדע, ער האָט זיך געגייסעקט מיט א פּעסל — א רייף אַרופֿגעשלאָגן.

דערזען מיך, האָט ער אויסגעשריַען:

— בלומעע, גיב זיך דאָרטן א קער!

ווען איך וואָלט פֿריִער ניט געוווּסט, אַז זײַן ווײַב איז פֿיל ייִנגער פֿון אים, וואָלט איך געמיינט, אַז זי איז זײַנע א טאָכטער.

ער — א הויכער, א פֿעסטער, שוין אַרום זעכציק. די געלע באָרד איז ערטערווײַז גראָו. זי — א קליינינקע, א דאַרע, פֿאַרהעלטניסמעסיק נאָך יונג, די אויגן — צאַרטע און פֿאַרומערטע. באַמערקנדיק, אַז איך באַטראַכט זײַן פֿרוי, וואַרפֿט ער אָף מיר א שטרענגן בליק:

— איר האָט אין וואָס צו נעמען?

— וואָס נעמען? — פֿרעג איך בא אים.

— איר זײַנט דאָך געקומען נאָך בערעזעווון זאַפּט.

— נו, יאָ.

— האָט איר עפּשער א קאָפּראָנעוון זעקל פֿאַרכאַפּט מיט זיך?

איך נעם אַרויס פֿון קעשענע א צונויפֿגעלייגטן צעלולאָיד־בעכערל:

— אָט דאָס האָב איך.

ער קוקט זיך איבער מיטן ווײַב. אירע אומעטיקע אויגן ווערן באַשײַנט מיט א שמייכל.

— נעם א דרײַליטעראָווע באַנקע און גיס אים אָן זאַפּט. — זאָגט וויגדער צום ווײַב.

— איך האָב דאָך געמיינט, אַז מיר וועלן גיין אין וואַלד נאָך זאַפּט, — זיפֿץ איך. — נאָך פֿרישן, נאָרוואָס פֿון דער בערעזע.

— קיין שום אונטערשייד, — ענטפֿערט וויגדער.

פֿון פּאָדערצימער גייט אַרויס א יאַט מיט א לײַכטן טשעמאָדאַנטשיק. ווי איך פֿאַרשטיי, איז עס דער איידעם. איין־איינציקע טאָכטער פֿאַרמאָגט וויגדער, א פּרי כאַסענע־געהאַטע. דערווײַל אַרבעט זי ניט, האָדוועט דאָס קינד, און דער איידעם איז א קאָלטמאַסאָוויק אַפֿן געהילך־זאַוואָד.

— נו, אַדיע! — געזעגנט זיך דער איידעם, — אין זעקס טעג אַרום בין איך ווידער דאָ. איר זאָלט שטאַרק נאָך מיר ניט בענקען.

— נעם מיט זיך די ניילאָנעווע קורטקע, — דערמאָנט אים ווידגדער.

— כע, אַן אַנעקדאָט! די ביימער האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאָזן. אין דרויסן איז אַפֿריקע. דער פּידזשאַק איז איבעריק, און איר הייסט נאָך נעמען די וואַרעמע קורטקע.

— די ביימער האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאָזן! — צעלאַכט זיך ווידגדער. — ניט שוין זשע באַמערקסטו ניט, אַז נאָר די יונגינקע ביימעלעך האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאָזן? זיי איַילן זיך, ווי אַלע יונגע. דו קוק בעסער אויף די אַלטע ביימער. שוין עטלעכע טעג, אַז ס'איז גוט וואַרעם, דאָך קלײַבן זיי זיך ניט אַרויסלאָזן די בלעטער... זיי איַילן ניט, איז אַ סימען, אַז ס'וועט נאָך זײַן קאַלט. זיי פֿילן דעם וועטער בעסער, איידער די מאַכשירים אין דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע. פֿאָלג מיך און נעם די קורטקע. וועסט ניט האָבן כאַראָטע.

— נו, מײַלע, — באַשטימט דער איידעם, — זאָל זײַן, ווי איר אײַצעט. אָבער מיר וועלן זען, צי וועט מעקוייעם ווערן אײַער פּראָגנאָז.

— פֿאַר דער צײַט, וואָס דו ביסט דאָ, האָסטו זיך שוין ניט איין מאָל איבערצײַגט, אַז מײַנע רייד ווערן מעקוייעם.

דער איידעם לאָזט איבער דעם טשעמאָדאַנטשיק אויף דער וועראַנדע און גייט אַרײַן אין פֿאָדערצימער. אײַנגיכן קערט ער זיך אום מיט דער קורטקע אויפֿן אַקסל.

— נו, איצטער אײַנדערעמעסן אַדיע! — דערבײַ גיט ער אויף מיר אַ קוק, ווי ער וואָלט מיך ערשט איצט דערזען. אַ רעגע באַטראַכט ער מיך, טוט אַ זאָג: — „טשאַאָ!“ — און אָט פֿאַרמאַכט ער שוין נאָך זיך דאָס טויערל פֿון הויף.

ווידגדער צעלאַכט זיך:

— אָט אַן אַבאַרמאָט!

— אַז אַך און ווי צום געלעכטער! — זיפֿצט אויף די פֿרוי.

— ער איז ניט קיין שלעכטער יונג, — טײַנעט צו איר ווידגדער, — נאָר ער האַלט צו הויך דעם קאָפּ, ווי אַ סאַך הײַנטצײַטיקע יונגעלײַט.

— איך זע, אַז דו האָסט שוין פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט אונדזער ראַכילקען.

— אַבי ס'האָט זיך גוט געענדיקט, — זאָגט ווידגדער. — און ס'איז שוין צײַט צו פֿאַרגעסן. נו, מײַלע, דערלאַנג מיר דעם עמער. מע דאַרף אָנגיסן וואַסער אין פֿעסל, זאָל עס זיך ווייקן.

ווי איך פֿאַרשטיי, וויל ער שוין פֿון מיר פּאָטער ווערן.

איך נעם זיך אָן מיט האָזע און דערקלער אים, אַז דער בערעזע־זאַפּט איז פֿאַר מיר ניט אַזוי וויכטיק, ווי דער שפּאַציר איבערן פֿרילינגדיקן וואַלד.

— איצט איז דאָרטן ניטאָ וואָס צו טאָן. קומט מיט אַ פּאָר כאַדאָשים שפּעטער, וועט מען דאָרטן קאָנען אָנקלײַבן פּאָזיעמקעס, שוואַרצע יאַגעדעס, מאַלינעס.

— כ'וויל זען די נאַטור אין אָט דער צײַט, — דערווידער איך. — עפּשער וועט זיך אײַנגעבן זען אַן איילנהירש, אַ פֿוקס, אַ האָז. ס'איז דאָך אינטערעסאַנט.

— ניט אַנדערש, ווי איר זײַנט פֿון דער אַקאַדעמיע, — רופֿט ער זיך אָפּ. — פֿון דאָרטן קומט מען אויך אַהער פֿון צײַט צו צײַט. איז וועגדט זיך אין דער וואַלדווירטשאַפֿט, וועט מען אײַך געבן אַ באַגלייטער.

— וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט מיט זיי אַ שפּאַציר טאָן איבערן וואַלד? — מישט זיך אַרײַן די באַלעבאָסטע, — אַוואַזשע אַ מענטשן, האָסט דאָך מיר דערציילט, אַז אין מינסק האָבן זיי דיר אָפּגעגעבן פֿיל אַכט.

— איך וויל דען ניט קומען זיי צוהילף? נאָר איך מיין, אַז דאָס וועט קיין נוץ ניט געבן, — פֿאַרענטפֿערט ער זיך, און צו מיר זאָגט ער. — ווו וועט איר אינמיטן העלן טאָג זען אין וואַלד אַ כײַע, דאָס דאַרף מען גיין אַהין איידער די זון גייט אויף, דעמלט קאָן מען עפּעס באַמערקן.

— נו, איז מײַלע, — זאָגט צו אים דאָס ווײַב, — זעקס אַזייגער ביסטו שוין סײַווי אויף די פֿיס, וועסטו אופּשטיין מיט אַ שאָ פֿריִער.

איז טאַקע אַזוי געבליבן, אַז אויב מאָרגן וועט זײַן אַ גינסטיקער וועטער, קום איך צו ווידגדערן פֿאַרטאָג און ער מאַכט מיט מיר אַ שפּאַציר איבערן וואַלד.

צום גליק, איז דער פֿרימאָרגן געווען אַ לויטערער.

ווידגדערן האָב איך ווידער געטראָפֿן אויף דער וועראַנדע. דער זייגער האָט געהאַלטן אַרום זעקס.

— שפּעטלעך זײַנט איר געקומען, — האָט ער אַ ברומקע געטאָן, — נו, מײַלע.
ער וואַרפט אַ בליק אױף מײַנע פיס און דערלאַנגט מיר אַ פּאָר שטיוואַלעס מיט הױכע כאָליעוועס, פּונקט אָזױנע, װי ער טראָגט אַלײן.
— דרײַ־און־פּערציקסטער נומער. ס׳וועט זײַן אַ ביסל פרײַ אױף אײַך, נאָר ס׳מאַכט ניט אױס.
און אָט שפּאַנען מיר לענגױס דעם ברײטן טײַך צום וואַלד. וויגדער טראָגט מיט זיך אַ פּלאַסטמאַסעווע קאַניסטרע.
אַ גרױסע רױטע זון באַהעלט דעם טײַך. די פּאַנאַנדערגעלאָזענע קוסטעס אױף די פּאַרטרונקענע לאַנקעס זײַנען פּאַרצױגן מיט אַ װײַסן נעפּל. אױף די בײמער צװיטשערן פײגעלעך, און מער פון אַלע האָווען די שפּערלעך, איבערהױפּט באַם עלעוואַטאָר.
אין וואַלד איז די ערד באַדעקט מיט פּאַראַיאָריקע צעפּריִעטע בלעטער, און עס פּיקן זיך אױס פון איר נײַע העל־גרינע שפּראָצונגען. די בײמער אױף דער זוניקער זײַט צעעפענען שױן די קנאָספּן, נאָר אױף דער שאָטנדיקער זײַט לאָזן זיך ניט פּאַנאַנדער אַפילו די יונגינקע בײמעלעך.
— טאַ, טאַ, טאַ, — דריקט פּלוצעם וויגדער אױס עפּעס אַן אומרו.
עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ גאַנצע מישפּאָכע אַלטע, נאָר נאָך גאַנץ שלאַנקע בערעזעס. קימאַט צו יעדערער איז צוגעשטעלט אַ קאַפּראָנעווע זעקל, אין וועלכן טראָפּנווײַז טריפט די זאַפט פון אַ מונדשטוק, וואָס איז אײַנגעקרעמפּעוועט אין דער קאָרע פון בױם. פון פיל זעקלעך רינט דער זאַפט שױן אַריבער, נאָר עטלעכע זײַנען אָנגעפּילט ביז האַלב.
— שאַ, נאָך מיט כעסעד, — וואָרטשעט ער. — אײנגאַנצן דרײַ זעקלעך... מיך וווּנדערן די געלערנטע לײַט, — זאָגט וויגדער מיט פּאַרדראָס. — אין די הױכע דראָכים דערגײען זײ צו אָזױנע זאַכן, װי, לעמאָשל, אַ קאָסמאָס־שיף, און דאָס, וואָס עס קומט פאַר אין טאָגטעגלעכן לעבן, פּאַרשטײט מען ניט פונדאַנען אַהין.
שטױס איך זיך שױן אָן, אַז די רעפּליק געהערט צו מיר, כאָטש איך בין װײַט פון די געלערנטע, וואָס קריכן אין די הױכע דראָכים. דאָך פרעג איך אים:
— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר עס?
— ניט שױן פּאַרשטײט איר ניט, אַז די זאַפט האָט מען אָפּגעגאָסן ניט הײַנט, נאָר נעכטן, און אַז אױסגעלײדיקט האָט מען די זעקלעך ביזן דעק. פאַר דער נאַכט האָט באַוויזן ווידער אָנרינען ביז האַלב. און, צווײטנס, אַז דאָס האָט אָפּגעטאָן ניט קײן דערוואַקסענער מענטש, נאָר אַ קינד.
אױף די צעפּריִעטע בלעטער באַמערק איך נאָך די שפּורן פון וויגדערס שטיוואַלעס און דאָך עפּעס זעט מען ניט קײן אָפּשטעמפּלונג פון קינדערשן שוכוואַרג.
— ניט אַהער קוקט איר, — טײַנעט צו מיר וויגדער מיט אַזאַ טאָן, װי אַ לערער רעדט מיט אַ שילער, וועלכן ס׳גיט זיך אײַן שווער לײזן אַן אױפגאַבע. — דאָ וועט איר גאָרניט זען...
ער פאַרזוכט די זאַפט, טראַכט אַ רעגע און באַשטימט:
— ס׳וועט אױסקומען ליקווידירן די אונטערנעמונג. שױן ניט די זאַפט און זי טריפט שוואַך. אױף אַלץ איז זײַן צײַט.
פון די זעק גיסט ער די זאַפט אין קאַניסטרע, נאָכדעם ציט ער אַרױס די מונדשטוקן, באַשמירט די אָנגעשניטענע ערטער אױף די שטאַמען מיט פּלאַסטילין, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט מיט זיך. די קאַניסטרע מיט די זעקלעך לאָזט ער איבער דאָ, קעדײַ פאַרכאַפּן זײ מיט זיך, ווען מיר וועלן גײן צוריק.
און אָט שפּאַנען מיר אין די פּאַרפּלאָנטערטע וואַלד־געדיכטעניש.
אַלײן, אָדער אַפילו מיט עמעצן אַן אַנדערן, וואָלט איך זיך ניט געלאָזט בראָדזען אָן שטעגן, אָן וועגן און אָן אַ קאָמפּאַס, נאָר מיט וויגדערן בין איך זיכער, אַז מיר וועלן ניט פּאַרבלאָנדזשען.
דער באָדן איז ערטערווײַז זומפּיק. וויגדער געפינט צווײ גרױסע צווײַגן, נעמט אַרױס פון קעשענע אַ צוזאַמפגעלײגטן מעסער, צענעמט אים און שניצט אױס צווײ גרױסע שטעקנס. אײנעם גיט ער מיר, דעם צווײטן לאָזט ער פאַר זיך. אַ הױכער, אַ געזונטער, מיט אַ צעראַסטעטער באָרד און מיטן גרױסן שטעקן אין האַנט גײט ער פאָרױס.
די זון זעט מען ניט, ערגעץ פונדערווײַטנס דערטראָגט זיך אַ הודזשערײַ פון טראַקטאָרס. עס טוט אָן עפּן זיך פאַר די אױגן ניט קײן גרױסע אָזערע. דאָ איז זוניק, ליכטיק, וואָרעם, פּילסט זיך, װי דו וואָלסט פון אַ טיפן קעלער אַרױס אױף דער װײַסער וועלט.
איבער דער אָזערע, דאָ און דאָרט, פליִען, טאַנצן אַרום די זשוראַווליקעס. באַ אונדז הײסן זײ בושלען, נאָר דאָס דאָזיקע וואָרט קאָן איך ניט געברױכן, ווײַל בושלען הײסן אױך בוטשאַ־

נעס. און בוטשאַנעס און זשוראַוולִיקלעך זײַנען ניט אײנס און דאָס זעלבע. זשוראַוולִיקלעך בויען זייערע נעסטן באַם וואַסער, אין די קוסטעס אָדער אין די גראָזן. און בוטשאַנעס — אַף די ביימער, און אין פּאָלעסיע — אויך אַף די דעכער. קאָנטיק, אַז באַ די זשוראַוולִיקעס איז איצט די ליבע־צײַט. סײַ אַפן ברעג, סײַ אינדערלופטן האַלטן זיי אין איין טאַנצן איינער קעגן צווייטן. עס אייסעקן זיך די ווילדע ענטלעך. זיי גראַגערן, פּילדערן. איך קאָן זיך ניט אָפּווענדן פון די זשוראַוולִיקעס.

מיר גייען ווײַטער. דער וואַלד ווערט שיטערער. מע זעט אַרומגעהריזעטע דינע שטענגלעך. דאָ פּאַשען זיך ווינטער און אויך נאָך איצטער די אייַלנהירשן.

וויגדער זאָגט מיר, אַז דאָ דאַרף מען זיך האַלטן פאָרזיכטיק, און אַליין גייט ער אָנגעבויגן און קוקט זיך אײַן אין די ביימער. איך הייב ניט אָן פאַרשטיין, וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס מיט די אייַלנהירשן. ניט אַנדערש, אַז ער האָט פּאָשעט מוירע פאַר א לוקס, אָדער, ווי דאָס הייסט אַנדערש, ווילדע קאַץ, וואָס גיט זיך א וואָרף אַף איר קאָרבן פון א צווײַג, כאַפּט אַרום פאַרן האַלדז און דערשטיקט.

מיטאַמאָל האָט וויגדער גענומען מאַכן צו מיר סימאָנים, אַז איך זאָל זיך פאַרבאַהאַלטן צווישן די קוסטעס. און גלײַך דערהערט זיך א הילכיקע און שנעלע טופּערײַ. איך בייג זיך אײַן און בלײַב פאַרגליווערט. אָבער וויגדער גיט א מאַך מיט דער האַנט און שטעלט זיך אין פולן וווּקס.

— נו, לאַנג וועט איר אַזוי שטיין, ווי אַן אָנגעמאָלטער? — זאָגט ער צו מיר מיט האַרץ. — איר קאָנט שוין איצטער טופּען און שפּרינגען, ווי די הײַנטצײַטיקע יונגעלײַט אין רעסטאָראַן. איר האָט שוין אײַערס אָפּגעטאָן. די אייַלנהירשן זײַנען שוין ווער ווייסט ווו. ווען איר פאָרעט זיך ניט אין די קוסטעס, וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג.

וויגדער האָט ניט געקאָנט מיר מויכל זײַן, פאַרוואָס איך האָב איבערגעשראָקן די אייַלנהירשן.

— אַזויפיל צײַט געפּאַטערט, — טײַנעט ער, — און אומזיסט. ווײַטער איז ניטאָ וואָס צו גיין. ווער ווייסט, ווו זיי זײַנען איצט.

אין א פּאָר טעג אַרום, ווען איך בין שוין געווען אין יעלסק, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דאַנען, האָט דער פרילינג אַרויסבאַוויזן א נײַעם סיורפּריז. ס'איז אויסגעפאַלן א שניי. עמעס, די קעלט האָט זיך געהאַלטן אינגאַנצן צוויי מעסלעס. אָבער טאַקע ניט אומזיסט האָט וויגדער געייצעט דעם איידעם זײַנעם פאַרכאַפּן מיט זיך די ניילאָנאָווע קורטקע. זי איז אים, קאָנטיק, שטאַרק צוניץ געקומען...

2. די מישפּאָכע שוואָרין

א דאַרער, א נידעריקער, זיצט ער אַפן דיוואַן, פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען. שווערע דערמאָנונגען מאַטערן אים. מילכאָמע־צײַט איז אים אויסגעקומען דורכגיין שיווע מעדורע געהענעם. ווען ער וואָלט אויסדערציילט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעטראָגן, וואָלט מען געקאָנט גאַנצע בענדער אָנשרײַבן. נאָר ניט דערציילן און ניט שרײַבן קאָן ער ניט. ער איז א טויב־שטומער און ניט קיין גראַמאָטנער.

ער זיצט אַפן דיוואַן און נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון זײַן אייניקל — א דרײַיאָריק מיידעלע, א העלינקע, מיט א קירפּאַטן נעזל. זי האָט אויסגעשטעלט דרײַ שטולן אין איין רייַ, זיך אוועקגעזעצט אַפן ערשטן, און שטעלט זיך פאָר, אַז זי פירט א גאַנצן צוג מיט וואַגאָנען. איר טאַטע אַרבעט אַלס געהילפס־מאַשיניסט אַפן אײַזנבאַן־וועג לונינעץ—מינסק. דאָס מיידעלע איז פאַרנומען מיט אירע אייסאָקים און לייגט קיין שום אַכט ניט אַף מיר, ניט אַפן זיידן, וועלכער שפּירט אופמערקזאַם, אַז באַם שפּילן זאָל זי, כאָלילע, ניט אָנטאָן זיך קיין שאָדן.

מע רופט אים הירש. באַ די אַרומיקע הייסט ער — גרישע. זײַן פאָטערס נאָמען איז נאַכמען, און די פאַמיליע — שוואָרין.

אין לונינעץ ווינען צוויי אָנטיילנעמער פון ווידערשטאַנד אין דער געוועזענער לאַכוווער געטאָ: שעפּסל קירזנער און הירש שוואָרין, און אַזוי־ווי איך זאַמל מאַטעריאַלן וועגן די געשעענישן אין לאַכווע אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, האָב איך באַשטימט אומבאַדינגט טרעפן זיך מיט זיי ביידן.

באַ קירזנערן בין איך שוין געווען, און כ'האָב זיך דערוווסט פיל פּראָטים וועגן יענע געשעענישן און אויך וועגן שוואָרינען און זײַן מישפּאָכע.

איצט געפֿין איך זיך בײַ שוואַרינען, נאָר אויסער אים מיטן אייניקל, האָב איך קיינעם אין שטוב ניט געטראָפֿן.

שטומלאָשן קאָן איך ניט, און ווי מיר איז שוין באַוווּסט, איז זײַן ווײַב אויך אַ טויב־שטומע. נאָר די זין זײַנען בײַ אים הערנדיקע און ריידנדיקע.

צוויי זין פֿאַרמאָגן זיי. דער עלטערער איז אַ מוזיקאַנט און פֿירט אָן מיטן היגן דזשאַז־אָרקעסטער. דער ייִנגערער — אַ געהילפֿס־מאַשיניסט אויף דער אײַזנבאַן. ביידע זין זײַנען פֿאַרהייראַטע. דער ייִנגערער מיט דער מישפּאָכע לעבט צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן.

— ווו איז דער טאַטע? — פֿרעג איך בײַ דעם מיידעלע.

— אַוועק מיט דער באָבען אין מאַרק. זיי וועלן באַלד קומען און ברענגען מיר מאַראָזשענע.

האָב איך באַשטימט צוּוואַרטן. דער זון וועט מיר העלפֿן דורכשמועסן זיך מיטן טאַטן. איך ווייס פֿאָרויס, אַז דער יונגער שוואַרין וועט ווייניק־וואָס צוגעבן צו דעם, וואָס עס איז מיר שוין באַוווּסט וועגן די געשעענישן אין לאַכווע. נאָר אייגנטלעך, בין איך ניט צוליב דעם געקומען. שוואַרין האָט מיך פֿאַרינטערעסירט אַליין פֿאַר זיך, וואָרעם קירזנער האָט מיר פֿיל דערציילט וועגן זײַן שטומען כאַווער. און אַזוי ווי איך קאָן דערווײַל ניט פֿאַרבינדן אַ שמועס מיט שוואַרינען, וועל איך אײַנקורצן דערציילן, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אים פֿון זײַן נאָענטן כאַווער.

דעם טויב־שטומען שוואַרינען האָט מען אין געטאָ געטריבן צו דער אַרבעט באַגלײַך מיט אַלעמען. הירש איז אַ סטאָליער. דעם 23 סענטיאַבער 1942 יאָר, ווען די פּאָליצײַ האָט אַרומגערינגלט די געטאָ און מע האָט אין אָט דעם טאָג קיינעם ניט געיאָגט צו דער אַרבעט, האָט מען פֿאַרשטאַנען, ווו מע האַלט. מע האָט שוין פֿריִער געריכט זיך אויף דעם, נאָר אַנטלויפֿן באַצײַטנס איז געווען אוממעגלעך. די מערדער האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אויב איין מענטש וועט אַנטלויפֿן פֿון געטאָ, צעשיסט מען אַלעמען ביז איינעם. האָט מען באַשטימט, אַז ווען ס׳וועט קומען די לעצטע שאָ, וועט מען זיך באַוואָפֿענען מיט העק, מיט מעסערס און מיט לאָמען און מע וועט זיך פּרוּוון אַרויסראַטעווען. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳וועלן זײַן פֿיל קאָרבאָנעס, נאָר אַ טייל וועט זיך אײַנגעבן אַנטלויפֿן. פֿריִער פֿון אַלץ וועט מען זיך סטאַרען אַרויסראַטעווען די קינדער. די איניציאַטאָרן פֿון ווידערשטאַנד זײַנען געווען יונגע מענטשן.

אויף וויפֿל לאַכווע געהערט צו די מײַרעוודיקע קאַנטן פֿון ווײַסרוסלאַנד, ווו ביז 1939 יאָר האָבן געהערשט די פּוילישע פּריצים און אַ גרויסער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג איז געווען זייער רעליגיִעז, האָבן די אַלטע פֿרומע לײַט געטײַנעט, אַז דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר, איז אַ גזירע פֿון גאָט. און דעריבער טאָר מען זיך ניט ווידערשטעלן. נאָר די מערהײַט איז געווען פֿאַר דעם, אַז מע זאָל, ווי די שעפּסן, ניט גיין צו דער שכיטע. די יונגעלײַט האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנשמוגלען אין געטאָ אַ קוילנוואָרפֿער, אַ פּיסטאָלעט און אַ ביקס. כּוץ דעם האָט מען אָנגעגרייט העק, לאָפּעטעס, לאָמען און ברענשטאָף.

די פּאָליצײַ האָט באַמערקט, אַז אין געטאָ קומט עפּעס פֿאָר, האָט זי וועגן דעם געגעבן צו וויסן אין לונינעצער געסטאַפּאָ. פֿונדאָרטן זײַנען אָנגעפֿאָרן עטלעכע מאַשינעס מיט דײַטשן. זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין געטאָ און אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. גלײַך האָבן די אופֿשטענדלער אָנגעצונדן די הײַזער פֿון געטאָ. דער אוילעם האָט זיך פֿון אַלע זײַטן אַ וואָרף געטאָן אויף די מערדער. אַנדערע האָבן מיט העק גענומען ברעכן די צוים פֿון געטאָ. קירזנער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אַ יונג פֿון געטאָ האָט מיט אַ האַק צעשפּאָלטן דעם שאַרבן פֿון אַ פֿאַשיסט, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צו נעמען בײַ יענעם דעם אויטאָמאַט, האָט אַ צווייטער היטלעריסט דעם העלדישן יונג דערשאָסן. נאָך איינער אַ יונג האָט זיך געוואָרפֿן אויף אַ פֿאַשיסטישן מערדער, נאָר ווען ער האָט אופֿגעהויבן די האַק, האָט דער דײַטש אַ קערעווע זיך געטאָן, און די האַק האָט אים געטראָפֿן אין אויער. שוואַרין האָט מיט אַ לאָם זיך אַ וואָרף געטאָן דערענדיקן דעם פֿאַשיסט, נאָר דאָס ווײַב מיט די צוויי קינדער אויף די הענט האָט שוואַרינען אַ ציִ געטאָן צו זיך, און זיי זײַנען אַנטלאָפֿן הינטער דער ברענענדיקער שטוב. צוזאַמען מיט נאָך אַ מענטשן זײַנען זיי דורך אַ שפּאַרונע אין פּאַרקן אַרויסגעלאָפֿן פֿון געטאָ. דאָ האָבן שוין אַרומגעוועט די פּאָליציי־לײַט. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך די אַנטלאָפֿענע און באַשאָסן זיי. שוואַרין מיט די קינדער און די פֿרוי זײַנען געפֿאַלן פֿאַרבלוטיקטע.

ווען שוואַרין איז צו־זיך געקומען, האָט ער דערפֿילט, אַז די פּלייצע ברענט ווי פֿײַער. ער האָט געעפֿנט די אויגן און דערזען, אַז אַלץ אַרום איז פֿײַער, אָט־אָט וועט שוין דאָס פֿײַער דערגיין צו אים. קיין וואַך בײַ דער גרוב איז ניט געווען. די מערדער, קאַנטיק, זײַנען געווען זיכער, אַז זיי האָבן אָפּגעטאָן די אַרבעט ראַיעל, און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן: דאָס ווײַב, די קינדער זײַנען אין אַרום ניט געווען. עס האָט זיך אים אײַנ־

געגעבן ארויסקריכן פון גרוב, ער האָט זיך באהאלטן אין די קוסטעס און געוואַרט, ביז ס'וועט גוט פינצטער ווערן. באנאכט האָט ער דערפּויזעט צום זומפּיקן וואלד. א פּאָר טעג איז ער דאָרטן אַפּגעלעגן, ביז ער האָט זיך געקאָנט שטעלן אַף די פיס. געשפּײַזט האָט ער זיך מיט זשוראווינעס און מיט רויע שוואָמען. א צײַט איז ער געגאַנגען איבער זומפּיקן וואלד, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַף נאָך געניצלטע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פון די ארום דרײַ טויזנט מאַן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאכוער געטאָ, האָבן זיך איבער פיר הונדערט מענטשן ארויסגעראַטעוועט אין טאָג פון אופשטאַנד. די איבעריקע זײַנען אומגעקומען. די מערדער האָבן אָבער טײַער באצאָלט: זיבעצן דערהארגעטע און פיל פאַרווונדעטע.

אין פאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָט שוואַרין געדינט אין ווירטשאַפטלעכן אָפּטייל. דאָרטן איז זײַן פאַך שטאַרק צוניץ געקומען. ער האָט געבויט זעמליאַנקעס, געמאַכט בעטן פאַר פאַר־וווּנדעטע, טישן, טאַבורעטקעס, בענק. די ארבעט האָט בא אים געברענט אונטער די הענט. בייס מע פלעגט באַמבירן דעם לאַגער, פלעגט ער פאַרזעצן די מעלאָכע. אין באהעלטעניש פלעגט מען ׳ניט קאָנען אים פאַרשלעפּן. ער האָט זיך געבעטן, מע זאָל אים נעמען אַף א שלאַכט־אופגאַבע, נאָר מע האָט ניט געוואָגט עס טאָן. ער הערט דאָך גאָרניט, וואָלט ער גלײַך אומגעקומען...

ווען די פאַשיסטישע מערדער האָט מען ארויסגעשמעטערט פון ווײַסרוסלאַנד און דעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָט מען רעאָרגאַניזירט, האָט שוואַרין מוירע געהאַט ארויסגיין פון וואלד. מע האָט אים קוים אײַנגערעדט, אז ער מעג שוין גיין, וווהין ער וויל. מע האָט אים ארויסגעגעבן דאָקומענטן.

די מערהײַט פאַרטיזאַנער זײַנען אוועק אין ארמיי דערשלאָגן דעם סוינע. שוואַרינען האָט מען, פאַרשטייט זיך, אין ארמיי ניט גענומען. אים איז זייער שווער געווען אומקערן זיך אין לאַכווע, ווו ער האָט פאַרלאָרן דאָס ווײַב, די קינדער, די עלטערן. איז ער אוועקגעפאָרן קיין האָמעל. ער איז אומגעגאַנגען איבער די האָמלער גאַסן און זיך אײַנגעקוקט אין אלעמענס פּנעמער — עפּשער וועט ער טרעפן א באַקאַנטן.

אפן מאַרק האָט ער באַמערקט, ווי א יונג בלאָנד מיידל ווענדט זיך אַף שטומלאָשן צו א פאַרקויפערן. האָט ער פאַרשטאַנען, אז זי איז אויך א שטומע. דאָס מיידל איז געווען ייִנגער פון אים אַף א יאָר צוועלף. א שלאַנקע, א הויכע און ניט שלעכט אָנגעטאָן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און פאַרפירט מיט איר א שמועס. זי האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס זי האָט געקראָגן אזא, מיט וועמען מע קאָן זיך דורכריידן.

ער האָט זיך דערוווּסט, אז זי שטאַמט פון א שטעטל, ניט ווײַט פון האָמעל. זי איז געווען אין עוואַקואַציע און האָט געאַרבעט אלס שנײַדערן. ווען די ווײַסרוסישע ערד האָט זיך באַ־פרײַט פון די פאַשיסטישע מענוואָלים, האָט איר א צי געטאָן אהיים. נאָר איר איז שוין גע־ווען באוווּסט, אז אין שטעטל וועט זי פון אירע קרובֿים קיינעם ניט טרעפן. אלע זײַנען אומ־געקומען. זי איז אַן איוורעדיקע. זיבן קלאַסן פאַרענדיקט. האָט זי באשטימט זיך אײַנאָרדענען דאָ, אין האָמעל. מיט ארבעט וועט זי זײַן באַזאָרגט, נאָר מיט א דירע איז שלעכט. נעכטיקט זי דערווײַל אפן וואָקזאַל. ער האָט איר ארויסדערציילט וועגן זײַן לאַגע. האָבן זיי שוין ביידע געהאַלטן זיך צוזאַמען, ווײַל פאַר וועמען נאָך קאָנען זיי דאָס האַרץ אויסריידן? נאָר וואָס איז פאַר א טאַכלעס נעכטיקן אפן וואָקזאַל? האָט ער זי אײַנגערעדט, זי זאָל מיט אים צופאָרן קיין לאַכווע.

ווען אין לאַכווע האָט מען דערזען גרישקע דעם שטומען, האָבן אלע דאָרטן שטאַרק זיך פאַרוווּנדערט. מע האָט דאָך געוווּסט, אז ער מיט זײַן געזינד איז דערשאָסן געוואָרן, און אָט איז ער גאָר דאָ און נאָך עפּעס א פרוי האָט ער געבראַכט מיט זיך. א קראַסאַוויצע, אַף א קאָפּ העכער פון אים, ניט אַנדערש, ווי א גאָטס ווונדער איז דאָ פאָרגעקומען.

שוואַרינען האָט מען גענומען אײַנריידן, ער זאָל פאַרבלײַבן אין שטעטל. ארבעט וועט דאָ פאַר אים זײַן איבערגענוג. דעם טאַטנס שטוב איז פאַרברענט געוואָרן. וועט מען אים דאָ געבן א דירע. די באַגלייטערן זײַנע, גאַלינע, איז אויך מאַסקים געווען פאַרבלײַבן מיט אים דאָ, וואָרעם ס'איז א באַשערטע זאַך, אז זיי זאָלן זײַן צוזאַמען. קיין כאַסענע האָבן זיי ניט געפּראַ־וועט, נאָר פאַרעגיסטרירט זיך אין דאַרפסאָוועט. מע האָט זיי געגעבן א דירע. ער האָט זיך גענומען פאַר סטאָליערײַ. זי — פאַר שנײַדערײַ. אינגיכן איז בא זיי געבוירן געוואָרן א קינד. נאָר פאַרפלאַנצן א נײַעם דאָר אין לאַכווע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. עפּעס אזוינע א גזיירע איז אָנגעפאַלן. דאָס קינד איז אוועק פון דער וועלט. אינגיכן איז געבאָרן געוואָרן נאָך א קינד — און אויך דאָס זעלבע. אזויפיל צאָרעס איבערגעטראָגן אין דער מילכאָמע, איז נאַ דיר נאָך! דאָס פאַרפאַלק האָט פאַרלאָזט לאַכווע, ווו יעדעס ווינקל האָט דערמאָנט אין די אנגסטן

און צאַרעס, און מע איז איבערגעפאָרן אין לונינעץ. אָט אַזוי האָט לאַכווע פאַרלאָזט די אייגענע ייִדישע מישפּאָכע. וואָס האָט דאָרטן געלעבט נאָך דער מילכאָמע.

אין לונינעץ האָבן זיי ניט שלעכט זיך איינגעאָרדנט. מיט דער צײַט האָט מען זיי געגעבן אַ הויז מיט אַ גאָרטן און מיט אַ סאָד. צוויי זין האָבן זיי אויסגעהאָדעוועט, זייער ווילע סײַ צו די עלטערן, סײַ פּאַר לײַטן. ס'זײַנען שוין פאַראַן אייניקלעך, אויך גראַטענע. דאָס קינד שוואַרין האָט אַ ווונק געטאָן צום אייניקל, אַנגעוויזן אויף דער ביכער־שאַפע. דאָס קינד האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר ביכער און מיר דערלאַנגט. עס איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק פּרוּוון מיטן אייניקלס הילף אַ שמועס טאָן מיט שוואַרינען. זאָג איך צום מיידעלע:

— פרעג באַם זיידן, צי קלײַבט ער זיך ערגעץ ניט אוועקגיין?

— פרעג אַליין, — האָט דאָס קינד זיך אָפּגערופן צו מיר.

דער זיידע ווייסט ניט, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד. נאָר, קאָנטיק, ער האָט דערפילט, אַז דאָס אייניקל איז זיך שלעכט מיט מיר באַגאַנגען, מאַכט ער צו מיר מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „לייגט ניט קיין אַכט, ס'איז אַן אייפעלע, וואָס פאַרשטייט זי?” און טאַקע באַלד האָט זיך באַוויזן אַ אין פּירהויז דערהערט זיך אַ סקריפּ פון דער טיר. די ברעמען עטוואָס אונטערגע־ היוכע, שיינע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. די האָר — בלאָנדע. פּירט מיט שוואַרצן טוש.

באַמערקט מיך, בלײַבט זי אַ ווײַלע שטיין פאַרוואונדערט. זי גריסט זיך מיט מיר און קוקט מיט נײַגער אויפן מאַן. ער טוט אַ הייב אָן אַקסל: דאָס באַטײַט, אַז ער ווייסט אַליין ניט, ווער איך בין און וואָס איך באַדאַרף.

דאָס אייניקל שפּרינגט אַראָפּ פון זיידנס שויס און לויפט צו דער באָבען מיט צעשפּרייטע הענט. די באָבע נעמט אַרויס פון קאַשעק אַ פאַרציע מאַראַזשענע און גיט דעם קינד. דערנאָך טוט זי אַ שמייכל צו מיר און וויזט אויפן פענצטער: דאָס הייסט, באַלד וועט אַרײַנקומען דער זון. זי איז אָבער ניט זיכער, אַז איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, רײַסט זי אַרויס אַ זײַטעלע פון אַ בלאָקנאָט און שרײַבט אָן מיט גרויסע אויסיעס: „איר דאַרפט, מיסטאַמע, צום זון, וועט ער באַלד אַרײַנגיין”. אָנגעשריבן גראַמאַטנע, אָן איין גרײַז.

אינגיכן איז אַרײַנגעקומען אַ שוואַרצכיינעוודיקער מיטלוווקסיקער באָכער מיט לאַנגע האָר אויפן קאָפּ. ער דערלאַנגט מיר די האַנט:

— נאַכמען, — רעקאָמענדירט ער זיך אָפּ.

פאַרשטיי איך שוין, אַז ער טראָגט אַ נאָמען נאָכן זיידן.

דאָס מיידעלע לויפט צום טאַטן. ער כאַפּט זי אויף די הענט.

— ווען ניט די מאַמע, — זאָגט נאַכמען, — וואָלט דער טאַטע שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען. זי פּילנעוועט אים, ווי אַ קליין קינד.

באַלד קומט אָן נאַכמענס ווײַב — אַ העל־בלאָנדע פרוי. דאָס קינד וואַרפט זיך צו דער מוטער.

מיר זיצן אַלע באַם טיש. דער אַלטער שוואַרין איז פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען. אויפן פּאָנעם — אַ טרויעריקער שמייכל.

דאָס ווײַב קוקט אויף אים מיט אומרו. זי נעמט פון אים די אויגן ניט אַראָפּ. נאַכמען קוקט אויף זײַנע עלטערן, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט צו מיר:

— אָט אַ ליבע! אָט אַ ליבע! אויף יונגע אַזאַ ליבע געזאָגט געוואָרן...

3. די גאָלדענע כאַסענע

— וואָס אײַלט איר? וואָס זיצט זיך אײַך ניט? אין סקווער איז דאָך אַ גאַניידן: קילבלעך, לופטיק, אַ מעכײַע. צו וועמען, זאָגט איר, דאַרפט איר? צום געוועזענעם פּאַרטיזאַן ווײַנבלאַט? כאַ, געפונען אַ צײַט, ווען צו גיין אהין! נאָר איר פעלט דאָרט צום סמיטשיק. יענע זײַנען אַזוי פאַרהאָוועט, פאַרקאָכט און פאַרטאַראַראַמט, אַז זיי האָבן קיין פרײַע מינוט ניט. צוויי טעג איז געבליבן צו דער כאַסענע. אָט־אָט וועלן שוין אָנפאָרן די געסט. וועמען גיבן זיי אויס? קיינעם ניט. די זין און די טעכטער זײַנען שוין לאַנג פאַרהייראַטע. האָבן שוין גרויסע קינדער, וואָס לערנען זיך אין די עלטערע קלאַסן. אַזוי, אַז קיינעם גיט מען ניט אויס. וואָס האָט איר אויף מיר אויסגעשטעלט אַזוינע אויגן? וואָס פאַרשטייט איר ניט: די כאַסענע וועט זײַן באַ יאַנקעוו ווײַנבלאַט מיט זײַן ווײַב פרידע, מיט וועלכער ער לעבט גליקלעך אין פריידן און לײַדן. יאָ, טאַקע אַ גאָלדענע כאַסענע. ס'איז געוואָרן אַ מאָדע אַזאַ באַ אונדז אין שטעטל: פּראַווען גאָלד־ דענע כאַסענעס. אײַנגעפירט האָבן עס די עפּשטיינס. זייערע קינדער האָט זיך פאַרוואָלט צו־

נויפֿקלײַבן זיך צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס, ווײַזן ווי מע האָט זיך, קיין אײַנהאָרע, פֿאַר־מערט און צעוואַקסן. נאָכדעם האָבן אַנדערע אָנגעהויבן נאָכטאָן זייער בײַשפּיל. אַזאַ כאַלאַס האָבן אונדזערע יעלסקער. מע קאָפּירט איינער דעם צווייטן.

א יעלסקער, ווו ער זאָל ניט לעבן מיט זײַן מישפּאָכע, איז ער אין קורס פֿון אַלע געשעענישן, וואָס דאָרט קומען פֿאָר. און זאָל איינער מיט עפּעס דערפֿרייען זײַנע עלטערן, וועלן די איבעריקע אים נאָכטאָן. האָט מען שוין טאַקע פֿאַר דער לעצטער צײַט געפּראַוועט ניט איין גאָלדענע כאַסענע. מיר האָבן שוין, גאָט צו דאַנקען, אויך אָפּגעפּראַוועט דעם אייסעק. ווי פֿאַר וועמען, נאָר פֿאַר אונדז איז עס געווען אַ גוטע אָפּקומעניש. ניט מאַכמעס דאָס צוז־גרייטן די סודע נעמט אָפּ פֿיל מי, צײַט און איז פֿאַרבונדן ניט מיט קליינע הויצאָעס. וואָס שײַעך הויצאָעס — איז דאָ דער אָפּהאַלט ניט אַזוי גרויס. ס'איז ניט אַמאָליקע צײַטן. די קינדער האָבן גוט צוגעהאָלפֿן. און דאָס, וואָס עס נעמט אָפּ פֿיל מי און האָרעוואַניע — טוט זיך עס פֿאַר ליבע און פֿרײַנט. איז אין וואָס די מענײַע, פֿרעגט איר? זײַנען מיר טאַקע צוגעקומען צום סאַמע איקער.

איך האַלט, אַז אַ גאָלדענע כאַסענע דאַרפֿן פּראַווען אַזוינע לײַט, וואָס האָבן ניט נאָר צווישן זיך אָפּגעלעבט אַ פֿרידלעך לעבן און מע איז איינער דעם צווייטן געטרײַ און איבער־געגעבן. דאָס איז נאָך ווייניק, כאָטש דאָס האָט פֿיל וועגן וואָס צו זאָגן. דעריקער איז, ווי:אַזוי איז דאָס לעבן דורך. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר פֿופֿציק יאָר טרעפֿט זיך פֿאַרשיידנס: אי נאַכעס מיט פֿריידן, אי צאָרעס מיט ליידן, ווי אין לידל זינגט זיך. אַז אַ האַרץ פֿילט אַ האַרץ, איז גרינ־גער איבערצוטראָגן צאָרעס און ליידן אויך. ניט אומזיסט איז דאָ אַזאַ ווײַסרוסיש גלײַכווערטל: „כאָטש אַך, אַבי אודוואַך". אויף יידיש דאַרף עס הייסן: „כאָטש ווינד און בראַנד, אַבי באַנאַנד". דאַכט זיך אַזוי, וואָרעם לויט דעם, ווי איר רעדט ריין אויף יידיש, דאַרפֿט איר וויסן בעסער פֿון מיר, כאָטש איך האָב אַמאָל זיך געלערנט אין אַ יידישער סעמילעטקע און אַפֿילע געשריבן לידער אויף יידיש, וועלכע פֿלעגן זיך דרוקן אין וואַנטצײַטונג, און דער לערער פֿון ליטעראַטור עפֿראַים־הירש קאַפּלאַן האָט געהאַלטן, אַז מיט דער צײַט וועט פֿון מיר אַרויס אַ פּאָעטעסע. נאָר ניט אין דעם גייט עס. עס רעדט זיך וועגן דעם, פֿאַרוואָס איז פֿאַר מיר געווען אַן אָפּ־קומעניש די גאָלדענע כאַסענע?

די פֿאַשיסטישע ראָצכים האָבן אויסגעראָטן קימאַט אַלע אונדזערע לײַבלעכע און נאָענטע, וואָס זײַנען געזעסן אויף אונדזער עמעסער כאַסענע און האָבן געקוויקט זיך מיט אונדזער גליק. פֿון זיי זײַנען געבליבן איינציקע, וואָס זײַנען דורך ניסים ניצל געוואָרן. און אויף דער גאָלדע־נער כאַסענע וועלן די אומגעקומענע אופֿשטיין פֿאַר די אויגן אַזעלכע, ווי איך האָב זיי פֿאַר־געדענקט. איז ווי, טראַכט איר, קאָן אָנגיין די סימכע? אַזוי האָב איך געטראַכט, און אַזוי איז טאַקע געווען.

איך ווייס, אַז די עלטערן אונדזערע וואָלטן שוין, מיסטאָמע, סײַווי ביז איצט ניט דער־לעבט, וואָרעם מע לעבט דאָך ניט אייביק. נאָר אויף וויפֿל זיי זײַנען אוועק פֿון דער וועלט פֿאַר דער צײַט און מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט, איז דעם פֿאַרלוסט אַדהײַנט זייער שווער איבערצו־טראָגן. און וויפֿל זײַנען אומגעקומען מײַנע און דעם טאַטנס שוועסטער, ברידער, פּלעמעניקעס, פֿרײַנט — סײַ אין אָקופּאַציע, סײַ אויפֿן פֿראָנט! אַזויפֿיל יאָרן דורך, און די וווּנדן פֿאַרהיילן זיך ניט. און איצט, ווען מע הייבט אָן טראַכטן וועגן דעם, ווערט דער ווייטיק נאָך שטאַרקער. וואָס דער מענטש ווערט עלטער, אַלץ שאַרפֿער געדענקט זיך אים דאָס, וואָס ס'איז פֿאַרגעקו־מען מיט פֿיל יאָרן צוריק. נאָר דאָ קאָנט איר מיר זאָגן, אַז צו צאָרעס ווערט מען געוווינט. נאָר דאָס איז דאָך אָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ צאָרעס. צו די צאָרעס, וועגן וועלכע עס גייט אַ רייד, איז אומעגלעך זיך צוגעוווינען. צײַטנווײַז קאָן מען פֿאַרגעסן אָן זיי. נאָר ווען מע דערמאָנט זיך, שנײַדט דאָס האַרץ מיט קראַפּעט, ווי נעכטן וואָלט עס געשען.

האַקיצער, איך האָב זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז איך דאַרף ניט קיין גאָלדענע כאַסענע. און זאָל מען אונדז לאָזן צורו. נאָר די קינדער זײַנען אײַנגעשטאַנען אויף זייערס. דערהויפּט דער על־טערער, דער כירורג, וואָס לעבט מיט זײַן מישפּאָכע אין אוליאַנאָווסק. די עלטערע טאָכטער זײַנע איז שוין אַ סטודענטקע. איר וואָלט זען אַ קראַסאַוויצע. מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן! זי איז געראָטן אין דער מומע איידליע, וועמעס יונגע ביינער ליגן אין אַלגעמיינעם קייווער. טראָגט זי טאַקע דעם נאָמען נאָך איר מומען. אַדאַ הייסט זי.

האָט זיך דער עלטערער זון צונויפֿגערעדט דורכן טעלעפֿאָן מיטן מיטלען, וואָס לעבט מיט זײַן מישפּאָכע אין לענינגראַד. ער איז אַ פּסיכאָלאָג.

וואָס דאָס הייסט, דאַרף איך אײַך ניט דערקלערן. מיסטאָמע ווייסט איר בעסער פֿון מיר, וואָס אַ פּסיכאָלאָג באַטײַט.

דערנאָך האָבן שוין ביידע זין זיך צונויפגערעדט מיטן דריטן זון, דעם ייַנגערן, וואָס לעבט מיט זײַן מישפּאָכע אין נאָוואָסיבירסק. ער ארבעט דאָרטן אין דער אקאדעמיע. זיי האָבן באַשלאָסן נעמען אורלויב אין אווגוסט כוידעש און קומען צו פאָרן אהער פראווען אונדזער גאָלדענע כאסענע.

האָב איך געטײַנעט צום אלטן:

— יאשע, שרײַב זיי אָן, אז קומען זאָלן זיי, נאָר אָן נארישקײַטן, קיין שום כאסענע ניט.

— כײַעלע, — זאָגט ער, — די זאך איז דאָך ניט אין דער כאסענע. נאָר ס'איז א געלעגנהײַט, אז אלע פון אונדזער מישפּאָכע זאָלן כאָטשבי איין מאָל צונויפקלײַבן זיך צוזאמען. שטענדיק קומען זיי אין פארשיידענע צײַטן.

— אָבער, אז איך וועל זיך דערמאָנען, אז פון אונדזער גרויסער מישפּאָכע, וואָס איז געזעסן באם טיש אף אונדזער עמעסער כאסענע, זײַנען געבליבן געציילטע לײַט, וועט די סימכע זיך פארוואנדלען אין א גרויסן טרויער. מײַנע נערוון וועלן עס ניט אויסהאלטן, — טײַנע איך.

— ביסטו דאָך אויך ניט גערעכט, — זאָגט צו מיר יאשע, — אף וויפל מיר געדענקט זיך, זײַנען פון אונדזערע ביידנס מישפּאָכעס בײַגעווען דעמלט בא דרײַסיק מאן, אויסער פרײַנט און באקאנטע. איצט, פון די געניצלטע, פון אונדזער מישפּאָכע־ביימעלע זײַנען ארויס נײַע שפּראָצונגען און, קיין אײַנהאָרע ניט, זיך צעוואקסן. ס'וועלן זיך צונויפקלײַבן אלע אונדזערע זין מיט זייערע ווײַבער מיט די קינדערלעך; דײַן ברודערס מישפּאָכע און מײַן שוועסטערס מישפּאָכע — וועט עס באטרעפן איבער דרײַסיק מאן. איז דאָס א דערווײַז, אז אונדזער מישפּאָכע איז זיך צעוואקסן און ס'איז א מיצווע דאָס אָפּצומערקן.

בייסמײַסע, ווען ער האָט אזוי גערעדט, איז בא מיר אויסגעקומען, אז ער איז טאקע גערעכט. אגעוו, טרעפט אָפּט, ווען ער דערקלערט מיר עפּעס, איבערצײַגט ער מיך. אָבער דערנאָך ווײַזט זיך ארויס, אז ער איז ניט אינגאנצן גערעכט. אזוי האָט פּאסירט אויך איצט.

פארשטייט זיך, אז ניט ווייניק פארגעניגן האָבן מיר געהאט, ווען מיר אלע זײַנען געזעסן באם לאנגן טיש, אויסגעשטעלט מיט קאָלטווו. אזוינע סודעס זײַנען ניט אימשטאנד געווען די גווירים צו פּראווען. און מאטאָנעס האָט מען אונדז אָנגעפירט — אָן אייגנס: א קאָליר־טעלעוויזאָר, א מאגניטאָפאָן און נאָך און נאָך טײַערע זאכן.

צוזאמען מיט אונדז זײַנען געזעסן די זין מיט די שניר, מיט די אייניקלעך און קרויווים. די זין זײַנען, קיין אײַנהאָרע, מיט הויכער בילדונג. די שניר — אויך ניט אבי־ווער. אלע — אין הויזן, לויט דער לעצטער מאָדע, הײַנט די אייניקלעך — ברילײאנטן. און די נעמען פון אונדזער מישפּאָכע האָבן זיך פארהיט. אלע אייניקלעך טראָגן נעמען פון די אומגעקומענע. דעם יינגערנס זונס טאָכטער הייסט בעלאָטשקע — א נאָמען נאָך מײַן שוועסטער ביילע, וואָס האָט זיך געלערנט שנײַדערײַ און איר איז, נעבעך, ניט באשערט געווען אויסנוצן איר פאך, ניט באוויזן אָפּגעבן אף א ראַזריאַד, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. און בעלאָטשקע איז שוין ארײַבער אין צענטן קלאס. ביילע איז געזעסן אף דער כאסענע אין א ציצענעם קלייד, און בעלאָטשקע — יעדן טאָג בײַט זי די קליידלעך. כאָטש בעלאָטשקע איז מיר ליב און טײַער, ווי דאָס לעבן, נאָר ביילען וועט זי ניט פארבײַטן, און אזוי אויך די איבעריקע. און דאָ האָב איך דערזען, אז מײַן מאנס פּאָנעם איז אויך גוט טונקל, כאָטש ער סטארעט זיך מיט אלע קויכעס ניט ארויסווײַזן עס. ער מאכט פריילעכע אָנשטעלן, כאָכמעט זיך קלוימערשט, סטארעט זיך אזוי, אז ער טרײַבט איבער. וועמען־וועמען, נאָר מיך וועט ער ניט נארן. איך ווייס גוט, וואָס הייסט זײַן צופיל פריילעך...

איך בין ארויס קלוימערשט א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין קיך. כ'בין ארײַן אין ספּאלניע און הויך זיך צעוויינט.

קיינער איז צו מיר ניט צוגעגאנגען. קאָנטיק, אז באם טיש האָט מען פארשטאנען מײַן געמיט. און מע האָט געלאָזט מיך גוט אויסוויינען זיך, עס זאָל ווערן גרינגער אפן הארצן. מײַנע קינדער פארשטייען גוט א מענטשנס צושטאנד און ווייסן, ווי־אזוי מע דארף זיך האלטן אין פארשיידענע אומשטאנדן. דערהויפּט דער פּסיכאָלאָג. יענער האָט נאָך פון קינדווײַז מיך פארשטאנען אָן רייד. און איצטער, דוכט מיר, אז ער ווייסט אלע מײַנע געדאנקען. כ'האָב מאַמעש מוירע פאר אים. א קלייניקײַט — א פּסיכאָלאָג! מיך וווּנדערט, אין וועמען האָט ער זיך אײַנגעגעבן. סײַ אין מײַן מישפּאָכע, סײַ אין מײַן מאנס מישפּאָכע זײַנען קיין פּסיכאָלאָגן ניט געווען. נאָר אליין דער זון טײַנעט, אז ער איז געראָטן אין מיר.

בייס איך בין ארײַן צוריק אין צימער, זײַנען אלע געזעסן ערנסטע, מע האָט געפירט זאכלעכע שמועסן, פּונקט ווי ס'וואָלט קיין שום סימכע ניט געווען. נעם איך זיך אָן מיט הארץ און כ'זאָג צו זיי:

— איך זע ניט, אז דער אוילעם זאָל זײַן לוסטיק. ניט אנדערש, אז מע האָט ווייניק אויסגעטרונקען.

און איך גיס אָן א פולן בעכער קאָניאַק זיך און מײַן אלטן, און כ׳הייס אלעמען נאָכטאָן אונדזער בײַשפּיל.

— לעכאַיִם, — זאָג איך, — לאָמיר דערלעבן און זיך פרייען אף די כאסענעס פון אונדזערע אייניקלעך!

דעם ערשטן מאָל אין לעבן איז מיר אויסגעקומען זײַן שיקער. און ווען? אף דער עלטער. איז וואָס מיינט איר? בייסמײַסע איז טאקע פריילעך געוואָרן, אלע שווערע געדאנקען זײַנען אוועק, ווי היטנער א פלויט. עמעס, דערנאָך האָב איך גוט באצאָלט פאר דעם. ס׳האָט געדויערט א טעג צוויי, ביז איך בין געקומען צו־זיך. מיך וווּנדערט, ווי האלטן עס אויס שיקורים, וועלכע טרינקען יעדן טאָג, ניט אומזיסט האָבן זיי טאקע אזא אויסזען, א נעס, וואָס איך האָב ניט קיין געהעכערטן בלוט־דרוק. טאָמער, כאָלילע, יאָ, וואָלט אָך און ווי צו מיר געווען. מײַן אלטער האָט עס גרינגער איבערגעטראָגן. אים האָט נאָר אף מאָרגן דער קאָפּ א ביסל ווײַ געטאָן. ער איז אויך ניט פון די טרינקערס, נאָר פאָרט א מאנספארשוין.

אזוי, מײַן פרײַנט, זײַנען מיר אָפּגעקומען די גאָלדענע כאסענע.

נײַע ביכער פֿון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער

אף רוסיש

שמועל גאָרדאָן. דערציילונגען (פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא״, מאָסקווע, *1979*).

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן די דערציילונגען „באם ווײַנגאָרטן״, „צאלעל שליפער״, „די איינציקע״, „דעם באלשעמס געסל״, „אהיים״ און „דער סאניטאר״ אין דער איבערזעצונג פון אי. גורעוויטש, א. פרײַמאן, מ. דובינסקי, ט. לוריע.

דער בוך איז באגלייט מיט אן ארײַנפירוואָרט פון בוזי מילער „איבער די זײַטלעך פון שמועל גאָרדאָנס פראָזע״. אין דער אנאָטאציע ווערט געזאָגט:

„דער בוך פונעם באוווּסטן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער שמועל גאָרדאָן שליסט אײַן די ווערק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן. די העלדן פון זײַנע דערציילונגען זײַנען אונדזערע מיטצײַטלער, מענטשן פון פארשיידענע פראָפעסיעס און פארשיידענע דורות. דער לייענער וועט זיך מיט זיי באגעגענען אף די ברייטע ראכוועסן פון אונדזער לאנד: אפן ווײַטן מיזרעך, אין סיביר, אף דער וואָלגע, אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, אין די קאָלווירטן פון זוניקן קרים״.

דער בוך אנטהאלט 318 זײַטן, דער טיראזש — 50 טויזנט עקזעמפּליארן.

שירע גאָרשמאן. לעבן און ליכט (פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, מאָסקווע, 1979).

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן 38 דערציילונגען אין דער איבערזעצונג פון ד. גראָזאָווסקע, ל. פרוכטמאן.

אין דער אנאָטאציע ווערט געזאָגט:

„אין אָט דעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן די נאָוועלן און דערציילונגען פון דער באוווּסטער ייִדישער שרײַבערן שירע גאָרשמאן, וועלכע זי האָט געשאַפן אין פארשיידענע יאָרן. אין זיי איז אָפּגעשפּיגלט די געשיכטע פונעם פאָלק און פון אונדזער לאנד, באזונדערס די לעצטע מילכאָמע, וועלכע האָט איבערגעלאָזט א טיפן שפור אין די מענטשלעכע נעשאָמעס.

שירע גאָרשמאן פארמאָגט א שארף קינסטלעריש אויג, זי קען וואָרהאפטיק שילדערן כאראקטערן, געשעענישן, פּאָשעטע לעבנס־געשיכטעס. באזונדערס קאָלאָריטפול זײַנען אירע פרויִשע געשטאלטן. די אינטאָנאציע פון דער שרײַבערן איז א הארציקע, אן איבערצײַגעוודיקע, דורכגעדרונגען מיט לירישקײַט און פּסיכאָלאָגישקײַט״.

דער בוך אנטהאלט 352 זײַטן, דער טיראזש — 30 טויזנט עקזעמפּליארן.

אף אוקראַיִניש

מישע מאָגילעוויטש. מיר בויען א בריק (פארלאג „וועסעלקא״, קיִעוו, 1979).

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן 17 לידער פונעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער אין דער איבערזעצונג פון די אוקראַיִנישע שרײַבער מ. פּריהארא, ס. טעלניוק, ל. האָרלאטש, א. קאצנעלסאָן, ט. קאָלאָמיִעץ.

אין דער אנאָטאציע ווערט געזאָגט:

„דאָס זײַנען לידער וועגן דער שיינקײַט פונעם לעבן אף דער וועלט, וועגן די פּראָפעסיעס, צו וועלכע די קינדער ווערן צוגעוווינט נאָך פון קליינערהייט, וועגן דער ראָמאנטיק פון די בויער פון דער בײַקאַל־אמורער מאגיסטראל״.

דער בוך אנטהאלט 32 זײַטן, דער טיראזש — 28 טויזנט עקזעמפּליארן.

יוסעף בורג

באם פענצטער

פאר מײַן פענצטער אַף מיזרעך־זײַט הענגט א שטיק פארכמארעטער הימל. אין זײַן טיפקײַט נישטערן בליצן, און נעענטער צו מײַרעוו פלאמט א רויטע איבערגעגליטע זון.

קעגניבער, אַף די ווענט פון די שכײנישע הײַזער, קומט פּאָר א זעלטענע שפּיל פון ליכט און שאָטן. בלײכע פארנאכטיקע זון־שטראלן שמײכלען אַף די פאסאדן און צינדן אָן פײַערלעך אין די שויבן פון הונדערטער פענצטער.

רויטע,

געלע,

בלויע.

פײַערלעך, פארשײדענע, ווי מענטשלעכע גויראָלעס.

און אַף די גאסן ווימלען מענגעס מענטשן אין בונטע קלײדער.

א נײַע שטאָט!

הויכע, פילשטאָקיקע הײַזער הייבן זיך ארויס פון צווישן אלטע, גרויע קווארטאלן, וואָס טוליען זיך אין ענגשאפט. די הײַזער זײַנען לײַכטע, זיי בלאנקען מיט רײנקײַט און שײַן.

איך זע דורך מײַן פענצטער, ווי גאנצע גאסן ווערן אראָפּגעטראָגן. ווי עס קרישלען זיך און פאלן אלטע ווענט, אָנגעשפּיקעוועטע מיט סוידעס פון ווײַטע פרעמדע לעבנס. איך לעב איבער די לעצטע טעג פון זײער קיִעם. און כאָטש איך פארנעם די פרייד פון נײַער בויונג — די לוסטיקע מעלאָדיע פון ארבעט — ווערט מיר אומעטיק פון דער ניט־אײביקײַט פון מענטשלעכן שאפן.

איך שטיי באם אָפענעם פענצטער, און פאר מיר שפּרייטן זיך סילועטן פון דער אלטער שטאָט, מיט אירע שטילע זײַטיקע געסלעך און צעוואקסענע אלטע לינדן־ביימער, פון וועלכע ס׳יאָגט א רייעך פון פאלנדיקע בלעטער — דער רייעך פון הארבסט.

פונווײַטן שפּראָצט א שטיק גרין־געפארבטער דאך.

אלע גאסן האָבן געקענט די פירשטאָקיקע געבײַדע, וואָס האָט אמאָל געטראָגן דעם ראָמאנטיש־קלינגענדיקן נאָמען „מאָרגנרויט".

זי איז געווען ווי א לויכט־שטערן פאר ייִדישער יוגנט, א שטערן, וואָס האָט אין ווילדע צײַטן באשײַנט דעם וועג צו א נײַער וועלט.

און איך האָב אויך אַף אירע אויסגעטראָטענע שוועלן איבערגעלאָזט סימאָנים פון אייגענע טריט.

אפן ערשטן שטאָק איז געווען די גרויסע ביבליאָטעק מיטן העל־באלויכטענעם לייען־זאל. און א מיידל, באהויכט פון עפּעס א זײַדענער איידלקײַט, האָט, ווי א שוואלב, ארומגעפלאָנטערט צווישן די סטאָסן ביכער אין איר שווארץ כאלאטל, א זייער כײנעוודיקע מיט א פּאָר טונקעלע שײַנענדיקע אויגן.

ש־ש־ש־ש!

ארום די טישן האָבן געבליצט יונגע בליקן, פארזונקענע אין לייענען, און דער שטילער רויש פון די זײַטלעך האָט געצייכנט זעלטענע בילדער. געמאָלט דעם טריִומף פון פארשטאנד איבער פינצטערער אָפּגעשטאנענקײַט, דערציילט א קישעף־מײַסעלע פון א גרויסן און ליכטיקן מאָרגן... א מאָרגן, וואָס דארף אָפּווארפן אין א זײַט דאָס ענגע פארקריפּלטע לעבן.

ש־ש־ש־ש...

אן אָפּגעהיטע שטילקײַט האָט געענטפערט פון אלע פיר ווינקלען.

אין די אָוונטן האָט פארנומען זײַן באשטענדיק אָרט א יונגערמאן אין א שווארץ העמד, געפּלאצטע שיך און פײַעריק־בלאָנדזענדיקע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט געשלאָגן מיט א ווייכן ווארעמען אומרו. זײַן פארגעלט פּאָנעם איז געווען באוואקסן, און עס האָט געיאָגט פון אים מיט ציגײַנערישער העפקערדיקײַט.

ער האָט אין דער שטיל געשריבן זײַנע א דערציילונג, פול מיט רירנדיקער צארטקײַט און ברויזנדיקן פּאטאָס. געשריבן מיט די סאמע פּאָשעטסטע ווערטער פון אונדזער ייִדיש און באשיינט מיט זאפטיקער, פאָלקסטימלעכער טמימעס, א געבראכטער פון זײַן בעסאראבער שטעטעלע.

און אלעמאָל, ווי נאָר ער האָט זיך באוויזן, פלעגט דאָס מיידל אין שווארצן כאלאטל אים צוטראָגן א פרישן נומער פון א צײַטונג, א נײַ־דערשינענעם בוך.

און עפּעס א באהאלטן פײַערל האָט א בלײשטשע געטאָן אין אירע ווארעמע אויגן.

איין טאָג אין דער וואָך האָט די ביבליאָטעק ניט געביטן קיין ביכער, ניט ארויסגעגעבן זשורנאלן און צײַטונגען. איין טאָג אין דער וואָך איז זי געוואָרן א זאל, ווו ס׳זײַנען פאָרגעקומען באגעגענישן מיט שרײַבער און יונגע פּאָעטן, וואָס פלעגן לייענען זייערע ערשטע לידער.

— ש־ש־ש־ש!

סיגוראנצע־אַגענטן האָבן באַלאַגערט די גאַס. די פּאָליציי שטייט גרייט אַף דורכפירן אָבלאַוועס, ארעסטן...

א געוויינלעכער טאָג, וואָס איז ניט אויסגעטיילט אין קאַלענדאַר מיטן פּעטן, שווארצן שריפט. ווען אָבער די ייִנגלעך און מיידלעך פון די ייִדישע גאַסן וואָלטן געשריבן דעם קאַלענדאַר, וואָלטן זיי דעם טאָג מיט אַן אַנדער פאַרב באַצייכנט.

אויך יעכיִעל פּריזמאַן פלעגט אָפט פּאָרלייענען זײַנע קורצע דערציילונגען. און געלייענט האָט ער מיט אַזאַ פאַרטראַכטער שטילקייט, גלײַך ער וואָלט געדאַוונט. זײַן וואַרעמער אָטעם האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן אָטעם פון זײַנע צוהערער. א טיף מענטשלעכע ליבשאַפט האָט געשטראָמט פון די שורעס. זיך מאַמעש געלאָזט אָנטאַפּן מיט די הענט. און אין זײַנע אויגן האָט געפינקלט דער פיבער פון הונגער.

אין א פרײַטיקצונאַכט האָט פּריזמאַן מיך באַגעגנט אין גאַס. א הויכוואוקסיקער, מיט א פאַריסענעם קאָפּ צום הימל, גלײַך ער וואָלט געציילט די שטערן.

— וווּהין איז דאָס אײַלעניש?

איך האָב געשעמט זיך אים זאָגן, אַז דאָס גיי איך אין דער דרוקערײַ, ווו ס׳דרוקן זיך די „טשערנאָוויצער בלעטער״ מיט מײַן ערשטער דערציילונג „אפן ספּלאַוו״.

— כ׳דאַרף אָט דאָ אַרײַנגייין!

ער האָט, ווײַזט אויס, גוט פאַרשטאַנען, וואָס מײַן „אָט דאָ״ באַטײַט. און קוקנדיק אַף מיר, ווי דורך א נעפּל, האָט ער ווי צו זיך אַליין אויסגעזונגען:

— די צײַטונג וועט די וואָך ניט דערשײַנען... דער זאַץ איז אַראָפּגעפאַלן און זיך איבגאַנצן צעשאָטן.

מיר האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעוויזן, אַז דעם הימל האָבן פאַרצויגן געדיכטע שווארצע וואָלקנס. די הײַזער האָבן זיך גענומען וואַקלען.

— וואָס הייסט צעשאָטן?

איך בין אַוועק, ווי געטריבן פון א העפטיקן ווינט. און מיר האָט נאָכגעיאָגט זײַן אָפּגעהאַקט קאָל, פול מיט בעטנדיקער כאַראָטע:

— שויטע... פאַרשטייסט ניט א שפּאַס... זײַ מויכל!

פרײַנט מײַנער פון די סאַמע יוגנט־יאָרן, איינער פון די „יונגע״, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך צו עלטערן! איך האָב שוין לאַנג דיר מויכל געווען אָט די בייזע שפּיל, און איך דערמאָן מיט ליבשאַפט דײַן נאָמען...

גאַסן ווערן אַראָפּגעטראָגן, נײַע קומען אויף. אין הונדערטער פענצטער בליצן אויף פײַערלעך, פאַרשיידענע, ווי מענטשלעכע גויראָלעס.

אָט ווערט נאָך א הויז אַראָפּגעטראָגן, אַן אַלט אָפּגעלעבט הויז.

א טייל דערפון שטייט נאָך. געפאַרבטע ווענט פון געוועזענע צימערן שטאַרצן ארויס. א טיר הענגט פאַרטשעפּעט אַף א האָקן.

אין אָט דער טיר האָב איך אָפטמאָל אָנגעקלאַפּט.

מיך האָט שטענדיק באַגעגנט א ליכטיק־פאַרליבטער שמייכל, און מיידלשע הענט האָבן מיט וואַרעמקײַט זיך געוויקלט ארום מײַן האַלדז.

אינמיטן שטוב איז געשטאַנען א קלאַוויר, און די זעלבע הענט זײַנען פלינק געלאָפן איבער די קלאַווישן, און ס׳האָבן געשוועבט טרויעריק־פאַרטראַכטע אַקאָרדן, וואָס האָבן געזונגען און געוויינט.

איך קוק אַף דעם אײַנגעפאַלענעם הויז, און מיט זיסן ווייטעק זוך איך די שוועל, וועלכע איך בין ניט איין מאָל אריבערגעטראָטן. נאָר קיין שוועל איז מער ניטאָ. די אָפּגעריסענע טיר פירט מער אין ערגעץ ניט. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי פון דער סאַמע, סאַמע טיף דערגייט צו מיר אַזאַ גוט באַקאַנטע שטים:

— איך בין א טייל פון דיר... לעב אין דײַן הארצן... כאָטש האָסט ניט איין מאָל געפּרוּווט מיך פאַרגעסן... פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון מײַן ליבע? איך בין דאָך גרייט געווען גיין מיט דיר... טיילן דעם גאַנצן טרויער פון דײַנע וואָגלענישן.

אין א לעוואָנע־נאַכט, אין סאַמע בלי פון פײַערדיקער לײַדנשאַפט האָב איך זיך געזעגנט מיט דעם הויז.

— דו פאָרסט אַף לאַנג?

זי האָט געפרעגט קימאַט קלאַנגלאָז און אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן די לאַנגע וויִעס. די לעוואָנע־בליקן האָבן געבלאָנדזעט איבער איר בלייך געוואָרן פּאָנעם, און קיינמאָל איז זי ניט געווען אַזוי שיין, ווי אין יענער לעוואָנעדיקער זומער־נאַכט.

קוק איך לאַנג אין די אויסגעהאַקטע פענצטער, עס טוט א זעץ עפּעס א וואַרעמער שטראָם פון דערמאָנונגען, און שאָטנס וויגן זיך אַף די קרישלענדיקע ווענט און דערמאָנען דעם לעצטן „זײַ־געזונט״.

פון צענדליקער פענצטער קוקט מען גלײַכגילטיק ארויס צו דעם אײַנגעפאַלענעם הויז. פון מײַן פענצטער אָבער זעט עס אויס, ווי אַן איבערגעריסענע, ניט אויסגעזונגענע ליד.

גאָט מײַנער! וואָס קומט א מענטשן ניט אפן זיקאָרן, ווען ער שטייט איינער אַליין באַם אָפענעם פענצטער, מיטן פּאָנעם צו דער אַלטער שטאָט.

בוזי מילער

יונגע קאַרטאָפל

מאָנאָלאָג

מאָטל פּייסי דעם כאַזנס באַ שאָלעם־אַלייכע־מען געדענקט איר? איר געדענקט, ווי ער האָט ליב געהאַט אַלצדינג, וואָס איז קליין: קליינע הינטעלעך, קליינע קעצעלעך, אַפילע אוגערקעלעך קליינינקע, קאַרטאָפל יונגיטשקע... אַט־אַט... באַ שאָלעם־אַלייכעמען ווערן אויסגערעכנט נאָך אַ סאַך זאַכן, וואָס מאָטל האָט ליב קליינערהייט, נאָר אַט דאָ, באַ די יונגיטשקע קאַרטאָפל, וועל איך זיך אָפּשטעלן. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווײַל כ׳האָב אויך ליב אַט דעם מין.

איז אַט — יונגע קאַרטאָפל. איך ווייס ניט, ווי איר, איך האָב זיי ליב — דאָס כּעס... איך קאָן זיך פּאַשעט ניט דערוואַרטן, ביז זיי באַ־ווײַזן זיך... די יונגע קאַרטאָפל האָב איך ליב ניט נאָר עסן, כ׳האָב זיי ליב אויך שאָבן, קאָכן, איבערוואַרפן מיט פּוטער, מיט אַ קנאָבעלע, אויך אַ יונגס, מיט איין וואָרט, די גאַנצע אַר־בעט אַרום זיי.

קאָנט איר דאָך אַ קלאָר טאָן, אַז עפּשער איז עפּעס כאַלילע געשען מיט מײַן אַלטיטשקער, וואָס איך מוז זיך פאַרנעמען אַליין מיט אַזעל־כע זאַכן, איז ניין, די אַלטיטשקע מײַנע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז געזונט און איז נאָך אַלץ אַ גרויסע בעריע אַף גרייטן פאַרשיידענע פּאַטראַוועס. נאָר דאַפקע באַ די יונגע קאַרטאָפל האָב איך ליב זיך צו אייסעקן אַליין. ס׳איז ניט אַזוי פּראָסט. זי, די אַלטיטש־קע מײַנע, שטייט אַלע מאָל אוף די ערשטע. אין די פענצטער איז נאָך טונקל, און זי איז שוין אוף. ווען עס באַווײַזן זיך אָבער די יונגע קאַרטאָפל, כיטרעווע איך זי אַמאָל איבער. איך הייב זיך אוף נאָך פריִער פון איר, אַף די שפּיץ פינגער, זי זאָל ניט דערהערן. איך שלײַך זיך ארויס פון אַלקער און מאַך שטיל צו די טיר. אין קיך פאַרמאַך איך אויך די טיר און נעם זיך צו דער אַווידע.

שיילן קאַרטאָפל, דעם עמעס געזאָגט, האָב איך פײַנט. ביפראַט פּרילינג — די פאַרלעגער־טע קאַרטאָפל, זיי זײַנען ווייך, ווי טייג, צע־קנייטשט, צעקאַרבט און אָנגעשטאָפּט מיט הערנערלעך, — ס׳איז ניט פאַר מיר קיין אַר־בעט. דערפאַר, זעט איר, די יונגע קאַרטאָפל — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. זיי פאַרשפּאָרט מען צו שיילן, גענוג אָרומצושאָבן. פון דער שיסל מיט וואַסער נעמט איר אַרויס אַ קײַלעכ־דיק קאַרטאָפלעכל, איז עס גלאַט און האַרט און כיינדלט זיך מיטן דינעם גאָלדיקן הײַטל. ריירסט זיך נאָר צו מיטן מעסער, קריכט דאָס הײַטל אַראָפּ און אַנטבלויזט אַזאַ מעכײַעדיקע פײַכטע זויבערקייט, כאַטש וואַרף עס גלײַך אין מויל אַרײַן... זיץ איך אין קיך, שאָב די קאַרטאָפל און האָב האַנאָע.

מיינט איר אָבער, אַז מײַן אַלטיטשקע האָט מיך איינמאָל ניט געכאַפּט אין מיטן דער אַר־בעט? איך האָב גאַרניט געהערט, ווי זי איז אַרײַן אין קיך.

— כ׳האָב גוט געזען, — זאָגט זי, — ווי דו האָסט זיך אַרויסגעגאַנוועט פונעם אַלקער...

— ביסט דאָך געשלאָפן!

— זאָרג זיך ניט...

— וואָס זשע האָסטו געשוויגן?

— וואָס האָב איך געדאַרפט שרײַען?

— אָבער פאַרט?

— פאַרט האָב איך געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ בעריע דו ביסט. אַנו, באַווײַז אָקאָרשט דײַן אַרבעט! — זי איז צוגעגאַנגען צו דער שיסל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איי־נער רעדט: „נו, יאָ, אַזוי טאַקע האָב איך זיך פאַרגעשטעלט"...

איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז מײַן אַלטיטשקע האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אַף אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק, צוערשט געווען אַ סטאַנאָטשניצע, דערנאָך אַ בריגאַדיר, און אַ היפשע צײַט ביז דער פענסיע — אין „אָטעקאַ", אין אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל, הייסט עס, און באַ איר האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ שאַרף אויג אַף בראַק.

— ווער זשע שאָבט אַזוי קאַרטאָפל? — האָט זי זיך אָנגערופן.

— וואָס זשע, שלעכט? — האָב איך געפרעגט.

— אווודע!

האָט עס מיך פאַרדראָסן. איך האָב מיט אַזאַ האַסמאָדע געהאָרעוועט, און נאַ דיר...

— מיט וואָס זשע איז שלעכט? — האָב איך געוואָלט וויסן.

נעמט זי אַרויס איין קאַרטאָפל, אַ צווייטע

און וויַיזט מיר — דאָ אין א פּארטיפונג איז פארבליבן א שטיקל שאָלעכץ, דאָ האָב איך ניט אויסגעדלובעט א שווארץ פינטל...

— איז וואָס, — פרעג איך, — דער „אָטעקא" נעמט די ארבעט ניט אָן?

— אוואדע ניט, — ענטפערט זי, — מע דארף איבערמאכן.

איך האָב זיך גענומען פאריכטן דעם בראַק.

וואָס מיינט איר, איז זי דערמיט אויסן געוועזן? דערוויַיזן, אז איך קען ניט און איך זאָל זיך ניט שטופּן גאנצפרי אין קיך. ניט צונעמען איר ארבעט... אָן אנדערע, פארקערט, וואָלט געוועזן צופרידן, וואָס מע פארשפּאָרט איר א טירכע, זי — ניט. אזא כאראקטער! און איך האָב דאפקע געוואָלט דערוויַיזן, אז איך קען די מעלאָכע. און פארוואָס זאָל איך זי טאקע אמאָל ניט פארבײַטן אויך, ביפראט, אז אפן קאָמבײַן־זאוואָד, ווּ כ'האָב אָפּגעארבעט א האלב לעבן, אײַל איך שוין ניט...

האָבן מיר אָפּגערעדט: א טאָג זי, א טאָג איך. איין טאָג גרייט זי דעם איבערבײַסן, דעם אנדערן — איך.

זיץ איך מיר אזוי, שוין ניט ביגנייווע, אף א געזעצלעכן אויפן, גאנצפרי אין קיך. די טיר איז צוגעמאכט. ס'זאָל זײַן פריילעכער, שליס איך אײַן די ראדיאָ, שליס אײַן שטיל, אין אלקער זאָל ניט דערגיין, און טו, הייסט עס, דרײַ ארבעטן מיטאמאָל. איך רייניק די קארטאָפל, גרייט א סאלאט פון רעטעכלעך, אוגערקעלעך, ציבלקעס — אלץ יונגע, הער די ראדיאָ, און אין קאָפּ... אין קאָפּ דרייען זיך בעשאסמײַסע פארשיידענע געדאנקען. וואָס פאר געדאנקען? זאָג איך דאָך — פארשיידענע. און גאָר פארשיידענע. אָט הער איך, אשטייגער, אז ס'איז שוין אוועק דער פינפטער כוידעש — א ווערטעלע אויסצוריידן! — ווי צוויי אונדזערע קאָסמאָנאווטן פליִען ארום אף דער אָרביטע און פילן זיך גוט, וואָס בעסער דארף מען ניט. נעכטן אין אָוונט האָב איך זיי ביידן געזען אין טעלעוויזאָר. איינער פון זיי האָט באוויזן א קיילע, אין וועלכער עס וואקסט יונגע ארבעס... איר שטעלט זיך פאָר — ווּ זײַנען מיר, און ווּ — זיי? און איך זע און הער זיי ריידן, פונקט ווי זיי זאָלן זיצן דאָ בא מיר אין שטוב...

און עס וויַיזט זיך שוין אויס, אז אזוי, און ניט אנדערש, דארף טאקע זײַן. נו, און לאָמיר זאָגן, דער זיידע מײַנער... וואָס — דער זיידע? דער טאטע מײַנער וואָלט זיך דען געקענט אפילע פאָרשטעלן, אז אזוינס וועט מעגלעך זײַן? אז מענטשן וועלן פליִען וויַיס איך ווּ און אז מע וועט צוטראכטן אזא קאסטן, וואָס וועט הייסן טעלעוויזאָר, און דורך אים וועסטו האָבן בא זיך אין הויז די גאנצע וועלט, מיטן קאָסמאָס, מיט וואָס דו ווילסט.

וואָס זשע שטייט שוין פאָר צו זען מײַנע קינדער? און די אייניקלעך...

שאָב איך אזוי די יונגע קארטאָפל, בראָק די יונגע ציבעלעס און קלער וועגן דעם ארבעס, וואָס וואקסט שוין צוביסלעך דאָרט, אין קאָסמאָס...

אוי, עס זאָל נאָר ניט זײַן קיין מילכאָמע! די קליינע מילכאָמעס ברעכן אלע מאָל אויס דאָ און דאָרט. זיי הערן גאָרניט אוף, זינט איך געדענק זיך. א גרויסע מילכאָמע זאָל, כאָלילע, ניט ארומכאפן, ווי א סרייפע, די גאנצע וועלט... וואָס, ניט מעגלעך? נאָך א מין מעגלעך! אויב דאָרט, אף מײַרעוו, האלט מען אין איין אויסארבעטן באָמבעס אף באָמבעס, ניט געדאכט זאָלן זיי ווערן, וואָס יעדע איינע קאָן כאָרעוו מאכן א שטאָט... מיר שווײַגן אויך ניט, מיר פארמאָגן אויך עפּעס־וואָס אף קעגנשטעלן זיך. נאָר אויב עס וועט אזוי גיין ווײַטער, צו וואָס זשע קאָן עס ברענגען? הא? אזוי קאָן מען דאָך אין איין וויסטן טאָג אומברענגען די גאנצע וועלט מיט האקל־באקל...

שאָב איך פּאוואָלינקע מײַנע קארטאָפל, און אין קאָפּ דרייען זיך קאָלערליי געדאנקען...

איר קאָנט זאָגן: א שיינע מײַסע — אָנגעהויבן פון קארטאָפל און פארפאָרן — א שרעק אויסצוריידן — צו אטאָם־באָמבעס... וואָס זשע מיינט איר? ניטאָ זיך וואָס צו כידעשן. אין לעבן איז אלץ געקניפּט און געבונדן. אפילע אזעלכע זאכן, ווי קארטאָפל און... אטאָם־באָמבעס, כ'וועל אײַך זאָגן מערער, לאכט ניט — טאקע צווישן זיי, מעגלעך, גייט עס איצט אָן דער גרויסער קאמף — צווישן די קארטאָפל, וואָס וואקסן דאָ אף דער ערד, דעם ארבעס, וואָס וואקסט דאָרט, אין קאָסמאָס, מיט זיי, מיט די אטאָם־באָמבעס... און די גאנצע זאך באשטייט אין דעם — ווער וועמען... ווער וועמען וועט גויווער זײַן — די קארטאָפל, צי די באָמבעס... איך מיין, הערט איר, אז בײַקומען וועלן די קארטאָפל. פונוואַנען נעם איך עס? פּאָשעט: קארטאָפל — איז לעבן, באָמבעס — טויט. דאָס לעבן איז אלעמאָל שטארקער...

שאט, אָט גייט, דאכט זיך, מײַן אלטיטשקע... זי איז שוין אוף... זי קען נאָך געפינען א פּגימע אין מײַן ארבעט... אזויפיל יאָרן אין „אָטעקא", אָן אויג האָט זיך בא איר אויסגעארבעט, איר זאָלט גאָר ניט פרעגן...

מוישע אלטמאַן

א בריוו

רעב מוישע!

איך שטעל מיר פאָר, ווי שוין בא דער ערשטער שורע, בא דער ווענדונג צו איַיך, קנייטשט איר איַיער שטערן. מאכמעס וואָס? וויַיל צום ערשטן מאָל שטעל איך די ווענדונג מיט אן אויסרוף־צייכן. וויל איך איַיך דערקלערן: דאָס מאָל וויל איך, אז איר זאָלט דערהערן דאָס, וואָס איך שריַיב צו איַיך. איר לאכט? — לאכט געזונטערהייט.

מעגלעך, איר האָט איַיך אָפגעגעבן כעזשבן, אז אין מיַינע בריוו צו איַיך נוץ איך זעלטן אן אויסרוף־צייכן. דאָס האָב איך באשלאָסן באלד, ווי כ׳האָב געלייענט בא איַיער עלטערן כאווער דעם געניאלן עליעזער שטיינבארג אזא מעמרע:

„אויסרוף־צייכן צו א סאך —
איז דער עמעס דאָרטן שוואך”.

און אז איך האלט שוין בא ציטירן עליעזער שטיינבארגן, מוז איך טאָן דאָס, וואָס איך האָב שוין לאנג באשלאָסן צו טאָן: איַיך גוט אויסזידלען. פארוואָס? פאר איַיער נאכלעסיקיַיט. ווו זיַינען אהינגעקומען שטיינבארגס בריוו צו איַיך? פארוואָס ניט געזאָרגט, זיי זאָלן זיך פארהיטן? דארף מען איַיך דערציילן, ווער און וואָס עס איז עליעזער שטיינבארג? איך דערמאָן זיך א מאָמענט. איך בין געוועזן צוגאסט אין איַיער שטאָט ליפקאן, וואָס איז אויך געוועזן מיַין מאמעס געבורטשטאָט, און דאָס האָבן אירע געשיכטעס וועגן ליפקאן מיך געבראכט צו מאכן עטלעכע באזוכן אין דעם בעסאראבישן שטעטל, וואָס האָט געגעבן אונדזער יידישער און העברעישער ליטעראטור באוווסטע נעמען. איין מאָל האָט איר מיך באקענט מיט איַיער ארכיוו, צווישן איבעריקן — מיט בריוו, אויך שטיינבארגס בריוו פון בראזיליע. יעדער בריוו האָט זיך אָנגעהויבן מיט:

„מוישע ברודער!”

האָבן אזעלכע בריוו פון עליעזער שטיינבארג פארלאנגט באציונג! און איר האָט עס ניט געטאָן.

אָבער ניט נאָר שטיינבארגס בריוו, איך געדענק א בריוו פון יויסעף אָפּאטאָשו און נאָך איינעם — פון אווראָם לעסין.

און צי דען נאָר דאָס? און איַיערע אייגענע שריפטן? פארוואָס ניט אינזינען געהאט זיי צו באוואָרענען? האָט איר ניט געוווּסט, אין וואָס פאר א ציַיט מיר לעבן, אז עס זיַינען מעגלעך זייער טרויעריקע סיורפריזן.

דעריבער דערמאָן איך זיך, ווי כ׳האָב וויניקע מאָל געהערט איַיך זאָגן וועגן זיך, אז איר זענט א נאר. איך פלעג מיינען, אז איר שפּאסט. בין איך אָבער געקומען צו אן אנדער מיינונג, אז איר האָט זיך ריכטיק אָפּגעשאצט, אָביעקטיוו.

* * *

איצט לאכט איר ניט. איר זיַינט מיסטאמע בארויגעז. מוז איך איַיך דערקלערן, וואָס איך האָב בעעמעס געמיינט. זאָגן זיך אליין, אז מע איז א נאר, שאדט ניט. פארקערט, א נאר בעעמעס איז יענער, וועלכער האלט פון זיך, אז ער באגייט קיינמאָל ניט קיין נארישקיַיט. ניט דער נאר קען זיַין שעדלעך. שעדלעך איז דער גענארניק. (פארגעדענקט דאָס וואָרט! עס קאָן צוניץ קומען). איך ווייס ניט, צי איַיך איז באקאנט דאָס לידעלע, וואָס אונדזערע אמאָליקע דארדעקע־מעלאמדים פלעגן צוזינגען באָם לערנען קליינע קינדער לייענען. עס איז געוועזן אזא מין רעפרען:

„זיַי ניט קיין גענארניק, יינגעלע!”

רעב מוישע, איר וועט מיסטאמע ווידער לאכן. דער רויפע איז געוואָרן א שפּראך־פאָרשער, א לינגוויסט, לאכט וויפל איר ווילט, אָבער איך וועל זיך האלטן בא מיַינעם: שפּראך (אָף פּראָסט יידיש, אונדזערע טאטעס און מאמעס יידיש, האָט מען געזאָגט: לאָשן), שפּראך איז גאָר א וויכטיקע נאציאָנאלע און קולטורעלע ווערט. און איצט, אָף דער עלטער, טוט מיר באנק, וואָס כ׳האָב ניט גענוג געטראכט דערפון פריער.

אָט האָב איך איַיך דערמאָנט א וואָרט „גענארניק”. איר געדענקט עס אויך מיסטאם. גענארניק הייסט ניט קיין נאר. עס הייסט איינער, וואָס האָפּט אָפּצונארן, און ער נארט גאָר זיך...

אנטשולדיקט, רעב מוישע, וואָס איך, א רויפע, נעם זיך אונטער צו לערנען איַיך, וואָס שפּראך איז. ניט יענעם לערנען, נאָר אליין האנאָען האָבן, דאָס באגער איך. רעב מוישע, מיר גיבן זיך אָפּ ווינציק רעכענונג וועגן דעם, וויפל עס

איז ווערט דאָס אויסכאָוועט א שפּראַך, ווי אונדזער ייִדיש.

הערט זשע ווײַטער. טראַכטנדיק וועגן אײַער שווײַגעניש, האָב איך זיך געזאָגט: ער איז געוואָרן א גאַדלען... אָבער ווי האַלט ער זײַן גאַדלעס? איר פאַרשטייט מיך ניט. וועל איך אײַך דערמאָנען. מיר זײַנען איינמאָל געשטאַנען אין א זײַט פונעם גרויסן שפּאַציר. איר האָט מיט האַנאָע געטײַטשט, וויאַזוי מענטשן גייען, וויאַזוי אָנגעטאָן, און פּלוצעם גייט פאַרבײַ א פרוי מיט זייער א גרויסן בוזעם, און איר טוט א זאָג:

— א בוזעם! פול מיט גאַדלעס!..

עס איז מיר געפעלן דער זאָג. פרעג איך אַצינד: ווו שטעקט בא אײַך דער גאַדלעס? איר זענט צו נעבעכדיק מאָגער. אײַער גאַדלעס שטעקט אין קאָפּ. און עס איז, לויט מײַן קוק, ניט גוט.

איך בין פאַרקראָכן אין א זײַט. מיך פּלאָגט די פראַגע וועגן אונדזער ייִדיש לאָשן, אונדזער פאָלקס־שפּראַך. גיט איר אײַך אָפּ כעזשבן, ווי אונדזער געגנוואַרט, אונדזער צוקונפט איז שוין ווײַט פון דעם לאָשן? איך ווייס ניט, ווי אײַך, נאָר מיר טוט עס וויי. און עס טוט מיר אויך וויי, ווי ווינציק וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן עס זײַנען בא אונדז פאַראַן וועגן ייִדיש. ס'איז ווערט מער. א שפּראַך, געשאַפן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. איך בין ניט קיין לינגוויסט, נאָר בין פאַרכאַפּט פון דער נאַטירלעכער מײַסטערשאַפט פונעם פאָלק באַם אויסבילדן זיך א שפּראַך — אָט קומט מיר אין קאָפּ א וואָרט: „שלימאַזאָלניק".

הערט אײַך צו צו דעם וואָרט. עס האָט זיך בא מיר באַזעצט אין קאָפּ אין שײַכעס מיט אײַך... איר לאַכט? געזונטערהייט!

כ'האָב אַמאָל געהאַט א שמועס וועגן אײַך מיט אײַערן א גוטן באַקאַנטן, גאָר אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, ניט קיין ייִד. ער האָט אַגעוו זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אַף אײַערע דערפאָלגן און געזאָגט, אַז ער טראַכט וועגן אײַך, קענענדיק אײַערע פעיִקייטן און אַרבעטזאַמקײַט. שטייט ער פאַר א רעטעניש: א מענטש מיט אַזעלכע פעיִקײַטן און אַזוי אַרבעטזאַם, און עס גייט אײַך ניִשט. אַלעמאָל פאַלט אײַך צו עפּעס א צאָרע, און עס קערט זיך איבער אַלצדינג.

ער איז געקומען דערצו, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי מאַזל, און פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין מאַזל, עס גייט זיי ניט. ניעודאַטשניקעס... איר זענט פון יענע, די ניעודאַטשניקעס... ער האָט מיך געפרעגט, צי אַף ייִדיש איז פאַראַן אַזאַ באַגריף. איך האָב אים געזאָגט, יאָ. פאַראַן. עס הייסט: שלימאַזל. און די מענטשן, וואָס לײַדן דערפון, רופט מען אַף ייִדיש: שלימאַזאָלניקעס.

ער האָט געבעטן, איך זאָל אים דאָס וואָרט ברייטער פאַרטײַטשן. עס אינטערעסירט אים. האָב איך צוליב געטאָן. אים געזאָגט, אַז דער באַגריף איז צוזאַמענגעזעצט פון צוויי ווערטער. שלים, וואָס איז טײַטש שלעכט, פּלאָכאָ. און מאַזל. דאָס וואָרט מאַזל קומט פון העברעיִש, און אין העברעיִש איז עס ווי אין רוסיש סודבאַ—судьба. אָבער אַף ייִדיש האָט דאָס וואָרט געקראָגן א צווייענדיקן טײַטש: איינס ווי אין רוסישן סודבאַ און אויך פּאָשעט: גליק. האָבן מאַזל, הייסט האָבן גליק. האָט אָבער דאָס פאָלק אויך אַהער אַרײַנגעבראַכט הומאָר. באַשאַפן א וואָרט שלימאַזאָלניק. שלימאַזאָלניק איז שוין א כאַראַקטעריסטיק. און א כאַראַקטעריסטיק, וואָס דריקט אויך אויס באַציִונג. אויסלאַכערישע באַציִונג צום סוביעקט — דער שלימאַזאָלניק אין מויל פונעם פאָלק איז דער פאָלקסטימלעכער מענאַכעם־מענדל.

דאָס פאָלק האָט פריִער, פאַר זײַן גרויסן שרײַבער, שוין אָפּגעצייכנט דעם העלד, אים פאַרפיקסירט און כאַראַקטעריזירט: דער שלימאַזאָלניק.

אַזוי, רעב מוישע. און האָט ניט קיין פאַריבל, וואָס איך, א רויפע, נעם זיך די פרײַהײַט צו האַלטן אײַך קימאַט א ליטעראַרישע לעקציע. איז עס דען פאַרוועָרט, אַז דער לייענער זאָל אויך זיך דערלויבן צו פילאָזאָפירן ליטעראַריש?

* * *

רעב מוישע!

עס האָט זיך בא מיר אָנגעזאַמלט א מענגע שטאָף, וואָס איך האַלט אים נאָך אין זיקאָרן, האָפנדיק, אַז סע וועט קומען א מאָמענט, ווען כ'וועל קענען זיך טיילן דירעקט מיט אײַך. עס איז מיר א שאָד, דער שטאָף זאָל גיין לעיִבעד. איך ווייס ניט, צי ער וועט אײַך פאַראינטערעסירן, איך גלייב, אַז יאָ. כאָטש אײַער שווײַגן, וואָס איר שווײַגט די לעצטע צײַט, באַאומרויִקט מיך. ניט קיין ענטפער אַף מײַנע בריוו און — (לאַכט ניט, איך בעט אײַך!) דער פאַקט, וואָס איך באַקום אונדזער מאָנאַט־שריפט „סאָוועטיש היימלאַנד", איך זוך אין יעדן נומער און געפין ניט אײַער נאָמען. וואָס הייסט עס? צי הייסט עס: איר זענט קראַנק און שאַפט ניט מער?

מײַן ייִדענע רעדט מיר אויס, זי זאָגט, אַז זי קען אײַך. אַף אײַך פאַלן אָן אַזעלכע איבערגאַנג־שטימונגען, און איר הערט אויף צו שרײַבן. עס באַרויִקט מיך ניט. אַזעלכע שטימונגען קומען ניט סטאַם אַזוי זיך.

און איצט לאַכט פון מיר... אוי, איצט האָט זיך בא מיר אין קאָפּ א העברעיִזם צעלאַכט פון מיר: „כאות נפשך", דאָס איז טײַטש אַף ייִדיש: לאַכט געזונטערהייט, אָבער איך בעט אים, דעם

העברעיזם, ער זאָל זיך פאַרנעמען, מיך לאָזן צורו. איך בין שוין צו אַלט.

אָט אַזוי, רעב מוישע. אונדזער דאָר איז אין קלעמעניש פון דער דערציִונג און ירושע, וואָס ער האָט געקראָגן. מיר ווילן עס פאַרבאַרגן, נאָר אינעווייניק, אין זיך, בלײַבט עס לעבן. העברעיִש... לאַשנקוידעשׁ, מע דאַרף זיך אָפּגעבן כּעזשבון: מיר זײַנען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגצײַטיקער געשיכטע. און דאָס אויך מיט שפּראַך. מיר זײַנען אַ צווייִשפּראַכיק פאָלק. דעם פאַקט קאָן מען ניט און מע טאָר ניט פאַרגעסן. אָבער ניט דאָס איז מיר איצט דער איקער, וואָס איך האָב בעדייע אײַך צו שרײַבן.

ווי העכער צוויי מאָל איבערגעכאַזערט: לאַכט פון מיר, איז לאַכט ווײַטער.

וואָס איז דער צוועק פון מײַן באַמבאַרדירן אײַך מיט בריוו? אָט וואָס. איך פאָלג נאָך, וואָס איז עס מיט אײַך, וואָס איר זענט געוואָרן אַזוי קאַרג אין שאַפן? איז עס צוליב אײַער שלעכטן געזונט? אָדער צוליב דעם פעלן פון געזעלשאַפט אַרום אײַך?

איז אָט, איך און מײַן יידענע האָבן באַשלאָסן אײַך אָנרעגן צו אַרבעט, אָנרייצן אײַערע נערוון. דאָס בין איך אויסן מיט מײַנע בריוו. און איצט טוט ווי איר פאַרשטייט, איר קענט לאַכן, אויב עס גלוסט זיך אײַך. און איך וועל ווײַטער טאָן, אײַך באַמבאַרדירן. איך מוז מײַן אָנגעזאַמלטן שטאָף אַרויסבערענגען.

רעב מוישע!

איך מוז זיך צעקריגן מיט אײַך. ניט איבער מיר, נאָר... עס איז אַן אַלטע טײַנע, וואָס איך האָב צו אײַך, אָבער ניט געהאַט קיין מוט אָנצוטאָן אײַך יעסורים.

רעב מוישע! איך בין דאָך אויך אַ שטיקל בעסאַראַבער און אויך אַ ליפקאַנער. מײַן מאַמע איז געבליבן אַ בעסאַראַבער, און דעריקערשט אַ ליפּקאַנער פּאַטריאָטקע. האָב איך זיך פון איר אָנגעהערט וועגן אײַער געבורטשטאָט, אַז כ'בין ווי אַ געבוירענער דאָרטן. דאָס האָב איך פון איר זיך דערוווסט וועגן עליִעזער שטיינבאַרגן. איך האָב זיך מיט אים פּערזענלעך באַקאַנט אין קאַמענעץ אין יענע יאָרן, ווען ער האָט דאָרט געלעבט פון געבן פּריוואַטע העברעיִשע אורעקן.

ער איז צו יענער צײַט נאָך ניט געווען דער עליִעזער שטיינבאַרג, וועלכער האָט זיך אָנטפּלעקט מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער, אָבער מע האָט אים געשעצט.

פון אים זיך דערוווסט וועגן אַ ייִנגערן אוילעם, וואָס וואַקסט אונטער, און צווישן זיי זײַנען געווען די נעמען שטערנבערג און אַלטמאַן. איז אָט דאָ קום איך צו מײַן טײַנע, און אַ טײַנע גאָר אַן ערנסטע.

איר זײַנט געווען, פונקט ווי שטערנבערג, ניט געקוקט אַף דער דיפערענץ אין עלטער, שטיינבארגס גאָר אַ נאָענטער כאַווער. איך דערמאָן זיך אײַערס אַן אַרטיקל וועגן שטיינבאַרגן אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע שריפטן", געדרוקט צו זײַן ערשטן יאָרצײַט. אַ פּרעכטיקער אַרטיקל. איז דאָך גוט, איר ווייסט, וואָס שטיינבארג איז און זײַן ווערט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. פרעג איך: איר זײַנט שוין פערציק יאָר אַן אונדזעריקער, אַ סאָוועטישער, פאַרוואָס האָט איר די גאַנצע צײַט געשוויגן וועגן שטיינבאַרגן? פאַרוואָס גאָרניט געטאָן, עס זאָל אויך בא אונדז דערשײַנען אַ בוך מעשאָלים פונעם ייִדישן קרילאָוו (איר רופט אים ערגעץ: דער ייִדישער לאַפאָנטען, מיר געפעלט מערער דער ייִדישער קרילאָוו!).

פאַרוואָס זאָלן אויך אונדזערע סאָוועטישע ייִדיש־לייענער ניט קענען אַזאַ געניאַלן באַסנע־פיסעץ?

רעב מוישע! עס ווערט איבעראיאָר הונדערט יאָר פון שטיינבארגס געבורט. איך האַלט פאַר אײַער מאָראַלישן כויוו סײַ צו שטיינבאַרגס אָנדענק, סײַ צו אונדזער ייִדישער ליטעראַטור זיך נעמען ענערגיש צוגרייטן דעם יוביליי, און טאָקע מיטן אַרויסגעבן בא אונדז אַ באַנד געקליבענע מעשאָלים.

* * *

רעב מוישע! עס איז מיר נאָך אַ סאַך פאַרבליבן וועגן וואָס איך וויל זיך מיט אײַך דורכריידן, אָבער אויך מײַן געזונט־צושטאַנד איז ניט בעסער ווי אײַערער. מע מוז זיך אָפּרוען.

סענטיאַבער, 1979.

ארן ווערגעליס

וועדהאָרייע...

קינאָ־פארצייכענונג

א פּאָר ווערטער, אדרעסירטע צום רעזשיסער.

ארום די פראגן, וועלכע מיר קלײַבן זיך דאָ באהאנדלען, איז ניטאָ צווישן דעם אוילעם קיין אײַנ־פארשטענדעניש. זיי רופן ארויס פארשיידענע מיינונגען, און אָפט טראָגן זיך ארום מיט זיי געשטרויכל־טע מענטשן. די קינאָ־פובליציסטיק איז בארופן ארײַנברענגען קלאָרקײַט, דערציילן דעם עמעס. דאָס קאָן זי טאָן, אָנקומענדיק צום דאָקומענטאלן מעטאָד.

אונדזער פילם דארף זײַן א קינאָ־פארצייכענונג. לאָמיר זיך אופריידן, אז אדרעסירן וועלן מיר אים אזא צושויער, וועלכער ווייסט נאָך ניט די געבראכטע פאקטן אין זייער גאנצן סכום און באדײַט; וועל־כער צווייפלט, מעגלעך, זוכט אן ענטפער אף דער „ייִדישער פראגע”, וואָס אונדזער אידייִשער קעגנער רוקט אים אונטער. נאָך מער, פראָפעסיאָנעלע דעזינפאָרמאטאָרן האָבן שוין פון פריִער באוויזן פאר־טונקלען די נעשאָמעס בא אייניקע אונדזערע קומענדיקע צושויער מיט אומצוטרוי צו די ארגומענטן, וועלכע מיר וועלן ברענגען.

דער פילם וועט זײַן נוצלעך, אויב אַן אומרו וועט ארומכאפּן זײַנע שעפער. פארשטייט זיך, אז די זאָרג איז בא אונדז אַן אנדערע, איידער בא יענע, ווען עס לאָזט ניט צורו, אָן שום סיבעס, דער מאצעוו פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. עס ארט אונדז, וואָס מענטשן פאלן ארײַן אין א טאָעס, אָבער אינקאעס אף זיי זײַנען מיר פאר דעם ניט. אונדזער קאוואָנע איז — ערנסט זיך דורכשמועסן מיטן קינאָ־צושויער, קעדיי ווי ווײַט מעגלעך צעוויִען בא אים דעם צווייפל. דאָס סאמע וועזנטלעכע איז סײַ פאר אים, סײַ פאר אונדז אָט וואָס: די סאָוועטישע ייִדן זײַנען, אָן שום סאָפעק, געווען און געבליבן טרײַ די דעראָבערונגען פונעם אָקטיאבער, דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער, זייער פאטריאָטישן כויוו. און אויב עמעצער איז זיך טויע, וועט אונדזער פילם אים געבן ארגומענטן, ער זאָל ווידער אָנהייבן גלייבן אינעם עמעס.

מיר דארפן האָבן פאר זיך א קלאָרע אופגאבע, און דאָס באטײַט — א קלאַפּ טאָן איבער די רעכי־לעסן, אז, קלוימערשט, די ייִדן זײַנען פרעמדע אין סאָוועטנפארבאנד.

איך ווינטש די שעפער פונעם פילם, זיי זאָלן דרייסט ארײַנדרינגען אין דער טעמע, ניט אויס־מײַדן קיין „שארפע ווינקלען”; זיך דערשלאָגן, אז דער געדאנקלעכער אקצענט זאָל אומעטום אוועקגע־שטעלט ווערן דאָרט, ווו ער דארף שטיין; זאָרגפעליק אָפּהיטן אין אונדזער געמיינזאם ווערק די נאטיר־לעכע אטמאָספער פון אָפּשײַ צו דער נאציאָנאלער סוויווע, אין וועלכער עס שטייט פאָר צו שעפן לעבנס־מאטעריאל.

האקלאל, מיר קלײַבן אויס פארן פילם דעם פארצייכענונג־זשאנער. דאָס וועט זײַן א דאָקומענטאלע קינאָ־פארצייכענונג. לאָמיר זי אָנרופן „דער עמעס נייטיקט זיך אויך אין באווײַזן (ארגומענטן)”, אָדער — קורץ אף ייִדיש „וועהאָרײַע”...

גלײַך נאָך דעם נאָמען פונעם פילם לויפן דורך איבערן עקראַן צוויי אופשריפטן:

דער עמעס נייטיקט זיך ניט אין ארגומענטן.

וויבאלד אָבער עס זײַנען פאראַן מענטשן, וואָס צווייפלען, איז ניט איבעריק צו ברענגען ארגו־מענטן.

איבער דער קיראָוו־גאס אין מאָסקווע פאָרט אן אווטאָבוס פון דער קינאָ־סטודיע. באם הויז נומ. 17 שטעלט ער זיך אָפּ, און עס גייט ארויס פון אים א מיידל, וואָס איז אָפּעראטאָר־קאָרעספּאָנדענט בא דער ארבעט איבערן פילם. איידער זי קומט ארײַן אין הויז, שטעלט זי אָן איר קאמערע אף דער שילד בא דער טיר, און דער צושויער דערוויסט זיך, אז דאָ געפינט זיך די רעדאקציע פונעם ייִדישן כוידעש־זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”, וועלכן ס'לאָזט ארויס דער שרײַבער־פארבאנד פון פססר.

אפן עקראַן בײַטן זיך אין א שנעלן טעמפּ די קאדרען. מיר זעען די הילע פון „סאָוועטיש היימ־לאנד”, א וויטרינע פון א צײַטונגס־קיאָסק, אין וועלכער ס'איז ארויסגעשטעלט א פרישער נומער פונעם זשורנאל. אין וועסטיביול פון א האָטעל קויפן אים אויסלענדישע טוריסטן. אָט איז ער אף א סטענד

אין דער מאָסקווער צענטראַלער עפנטלעכער ביבליאָטעק אָף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען; אין לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק קומט פאָר א קאָנפערענץ פון דער לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר זעען א פאָטאָגראַפיע: אין א טראַנסליאַציע פון דער צענטראַלער טעלעוויזיע אין מאָסקווע באַווײַזט דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ“ יורי זשוקאָוו א צעעפנטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“. נאָך איין פאָטאָגראַפיע: רעקלאַמע־מעלדונגען, וועלכע די אַמעריקאַנער פירמע “Inported publications”, וואָס האַנדלט מיט ביכער, האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ענגלישער און ייִדישער פרעסע. דער דיקטאָר זעצט איבער אָף רוסיש: „סאָוועטיש היימלאַנד“ — א ייִדישער כוידעשלעכער זשורנאַל, וואָס דערשײַנט זינט 1961 יאָר. געטרײַ דער טראַדיציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, קונסט, דראַמע און מוזיק, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ זיך פאַרדינט א כאָשעווון נאָמען אין מעשעך פון די באַלד שוין צוויי צענדליק יאָר פון זײַן דערשײַנען. די ווערק אינעם זשורנאַל זײַנען געשריבן אין דעם שענסטן ייִדישן ליטעראַרישן סטיל. „סאָוועטיש היימלאַנד“ גיט א סיסטעמאַטישן איבערבליק פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער האָט דעם גרעסטן טיראַזש צווישן אַלע ייִדישע אויסגאַבעס אין דער וועלט. יעדן מאָנאַט קאָנט איר לייענען ווערק פון די וויכטיקסטע הײַנטצײַטיקע שרײַפטשטעלער און פון די ייִדישע קלאַסיקער. „סאָוועטיש היימלאַנד“ דרוקט אייניקע איבערזעצונגען אָף ענגליש און אָף רוסיש“.

דאָס מיידל, וואָס איז אַפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, גייט אַרײַן אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע. זי ווערט דאָ „דרייען“ איר קאַמערע, און אין דער זעלבער צײַט וועט אַן אַנדער קאַמערע אַראָפּכאַפּן זי.

אָט גייט זי זיך דורך איבער די אַרבעט־צימערן פון דער רעדאַקציע. איינער איז פול געפאַקט מיט מענטשן, אין א צווייטן געפינט קוים די קאַמערע צווישן די אָנגעוואַלגערטע ביכער און מאַנוסקריפּטן דעם רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. אין ראַכוועסדיקן „הויפּט־צימער“, וועלכער איז אַרומגעשטעלט מיט מאָדערן מעבל, קומען מיר אַרײַן בעשאַס אַן איבעררײַס אין דער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. די קאַמערע פּאַנאָראַמירט איבער די פּענעמער פון די שרײַבער, וואָס שמועסן בײַ די טישן, בײַ די ביכער־שראַנק, נעמען זיך צונויף אין רעדלעך, גייען פון צימער אַרויס און גייען אַרײַן. איינע רייכערן, אַנדערע טרינקען טיי. מע רעדט אין אַלע טעלעפאָנען, שטערנדיק איינער דעם אַנדערן. ס'איז, ווי מע זאָגט, „א קינסטלערישע אומאָרדענונג“.

ד ע ר ד י ק ט אָ ר ק ל ע ר ט א ו ף: די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פון אָט דער סאָלידער ליטעראַרישער אויסגאַבע זײַנען באַדײַטנדיקע ייִדישע שרײַפטשטעלער, וואָס לעבן אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד (אָפן עקראַן ווערט באַוויזן יעדערער באַזונדער, אַזוי ווי ער פירט זיך דאָ אין צימער, און עס איז געגעבן אַן אונטערשריפט: זײַן נאָמען און פאַמיליע און דאָס אָרט, ווו ער וווינט). אָף דער הײַנטיקער זיצונג, פאַרן איבעררײַס, האָט די רעדקאָלעגיע באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אָפּטער צו דרוקן דאָקומענטאַלע שילדערונגען פונעם לעבנס־שטייגער, וועלכן עס האַלטן אויף די סאָוועטישע ייִדן.

די קאַמערע זוכט אָף דעם וואָרטזאָגער — מיר וועלן אַזוי אָנרופן יענעם פאָרשטייער פון דער רעדאַקציע, וועמען די שעפער פונעם פילם וועלן אַרויספירן אין פאָדערפּלאַן, ער זאָל קאָמענטירן די ערטער אין דער קינאָ־פאַרצייכענונג, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם.

ד ע ר וו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: מיר האָבן באַשטימט, אַז איינער פון די נאָענטסטע נומערן פון אונדזער זשורנאַל זאָל אָוועקגעגעבן ווערן אינגאַנצן — פון טעוועלע ביז טעוועלע — דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג, דאָס הייסט דעם דאָקומענטאַלן זשאַנער, און מיר וועלן אָנרופן דעם נומער באַדינגלעך „אַזוי לעבן מיר“. די סאָוועטישע ייִדן לעבן שוין פון לאַנג ניט אין די אָרעמע, באַדנלאָזע שטעטלעך (אָפן עקראַן — קאַדרען פון פילמען אָף שאָלעם־אַלייכעמס סוזשעטן). הײַנט זעט דאָס אַלץ אויס ווי א בייזער כאָלעם. ס'איז קעדײַ צו וויסן, אַז דאַפקע צו אָט דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהײַט ווילן אומקערן די סאָוועטישע ייִדן יענע ניט היימישע שטאַדלאָנים, וואָס פאַרנעמען זיך אין אַנדערע לענדער מיט זייער לעבן. בײַ די ציוניסטן רופט אַרויס א קאַשמאַר די פרײַנטשאַפט פון פעלקער אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי באַמיִען זיך צו צעקריגן די ייִדן מיט די רוסן, אוקראַינער, ליטווינער, מאָלדאַוואַנער, אַרײַנטרײַבן די ייִדן צוריק אין א טכום. דאָס שטימט אָבער ניט מיטן גלײַכן סייכל. צוליב וואָס אָפּטיילן די ייִדן פון דער גאַנצער סאָוויועץ אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, אינזשעניערן, מיליטערלײַט, שאַכטיאָרן, אויב זיי זײַנען אַליין פונקט אַזעלכע שאַכטיאָרן, מיליטערלײַט, אינזשעניערן, קאָלווירטניקעס, אַרבעטער? צוליב וואָס זיי אַראָפּנעמען פון דער צעלינאַ, אַרויספירן פון די אוראַלער זאַוואָדן, פון די גיגאַנטישע עלעקטראָסטאַנציעס, פון די מאָסקווער, לענינגראַדער, קיִעווער נײַ־בויונגען, אויב זיי זײַנען דאָרט אופגענומען מיט קאָוועד צווישן די מענטשן פון אַנדערע פעלקער? אין אונדזערע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען וועלן זיי אַליין דערציילן וועגן זיך...

פונעם עקראַן דערטראָגט זיך דער גערויש פון א זאַוואָדישן צעך. דאָס מיידל, וואָס איז אַפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, גייט צו צו איינעם פון די ווערקשטעלן און דערנעענטערט דעם מיקראָפאָן צום אַרבעטער:

— אײַער פאַמיליע איז ווײַנשטיין[1]. וווּנדערבאַר! ענטפערט אונדז אָף איין־איינציקער פראַגע. וויאַזוי לעבט איר? וואָס שטערט אײַך? ווער לאָזט אײַך ניט טאָן דאָס, וואָס איר ווילט? צי האָט איר אַגמעס־

---

[1] די פאַמיליעס דאָ און ווײַטער, וועלכע זײַנען צוגעטראַכטע, דאַרפן אינעם פילם פאַרביטן ווערן אָף די עמעסע (אווטאָר).

נעפּעש? פון וואָס זײַנט איר ניט צופרידן? לעמאָשל, צי איז עמעס, אַז בא אונדז אין לאַנד זײַנען פאַראַן ווייניק ייִדן מיניסטאָרן, ייִדן גענעראַלן און אַדמיראַלן? איבער וואָס קריגט איר זיך מיט אײַערע רוסישע שכיינים? ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל זיך צונויפגעשטויסן מיט אַנטיסעמיטיזם? וואָס שטערט אײַך צו לויבן גאָטס נאָמען אין אַ סינאַגאָגע?

דער אַרבעטער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום צושויער. דאָס איז, ווײַזט זיך אַרויס, אַ יונגער קרעפּטיקער באָכער. ער זאָגט מיט אַ שמייכל:

— טוט נאָר אַ קוק אָף אָט דעם מיידל. זי האָט מיר פאַרגעבן, ווי איר קענט זיך איבערצײַגן, בלויז איין־איינציקע פראַגע...

דאָס מיידל: אויב ס'איז אײַך שווער צו שענקען דעם פילמיליאָניקן קינאָ־צושויער אַ פּאָר איבעריקע מינוט, קענט איר אויסקלײַבן פון אַלע פראַגעס איינע און ענטפערן.

ווײַנשטיין (אונטערגעשטראָכן לאַנגזאַם): איך וועל אײַך זאָגן, וואָס עס שטערט מיר צו לויבן גאָטס נאָמען אין סינאַגאָגע...

דאָס מיידל: זאָגט, זאָגט!

ווײַנשטיין: עס שטערט מיר דאָס, וואָס קיין גאָט איז ניטאָ און אָף צו לויבן קיינעם ניט דאַרף מען ניט גיין אין סינאַגאָגע.

דאָס מיידל: מיינט ניט, כאַווער, אַז די פראַגע האָט ניט קיין זין. אָט איז אַן אויסשניט פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס". כ'וועל פאַר אײַך איבערזעצן דאָס, וואָס אין אָט דער צײַטונג שרײַבט זייער אַ קלאָל־טוער.

ווײַנשטיין: איר דאַרפט זיך ניט מאַטרײַען זײַן, כ'לייען אויך אָף ענגליש (קוקט אַרײַן אין צײַטונגס־אויסשניט. די קאַמערע באַווײַזט די דעם צושויער. עס ווערן אונטערגעשטראָכן צווי שורעס: „אין רוסלאַנד פאַרמאַכט מען אומעטום די סינאַגאָגעס, אין גאַנצן לאַנד זײַנען פאַרבליבן ניט מער ווי הונדערט געבעט־הײַזער פאַר ייִדן"...). אַלץ איז דאָ ריכטיק, אויסער דעם, וואָס אָנשטאָט „מע פאַרמאַכט", דאַרף מען שרײַבן „פאַרמאַכן זיך". דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געעפנט דעם קאָסמאָס. מיר זײַנען אַטעיִסטן. איך, אַ סאָוועטישער אַרבעטער, בין פּונקט איצט פאַרנומען מיט שלײַפן דעטאַלן פאַר אַ נײַער קאָסמישער שיף. און דאָ קומט צו גיין אַ כויך־לעאָרעך־כאָכעם און שלעפּט מיך צוריק פון אָט דעם צעך אין סינאַגאָגע אַרײַן, וועלכע עס האָט, אַגעוו, אופגעהערט צו באַזוכן נאָך מײַן זיידע — ער איז געווען אַ פּאָלעמיאַטשיק בא בודיאָנין.

דאָס מיידל: צי קען זיך ניט מאַכן, אַז אַזוי ווי איר טראַכטן בלויז די אָפּשטאַמיקע פון בודיאָנאָווצעס? ס'זײַנען דאָך אָבער פאַראַן אויך אָפּשטאַמיקע, לעמאָשל, פון נעפּמאַנעס...

ווײַנשטיין: פאַראַן. פאַרשטייט זיך, פאַראַן. און ניט ווייניק. פאַרגעס נאָר ניט, ליב מיידל, אַז די סאָוועטנמאַכט איז שוין אַלט, קיין אײַנהאָרע, אַריבער זעכציק יערעלעך. נעם, אָף טשיקאַוועס, שלוימע פּינקעלן, ער איז אַ מײַסטער אָף אונדזער אויטשאַסטאָק, אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט ער שוין זײַן, ווי די אַלטע ייִדן זאָגן, אַ בען־שיווים, אָבער אָף פּענסיע אײַלט ער זיך ניט (ווענדעט זיך צום שאַכן). סערגיי וואַסיליעוויטש, דו זעסט ניט פּינקעלן?

סערגיי וואַסיליעוויטש: אָט שטייט ער דאָרט, אַבראַמיטש. קוק בעסער... ער דרייט אַרײַן אַ שרײַפעלע אין קאָפּ בא די, ווען דאָס שרײַפעלע פעלט אויס... (צוזאַמען מיט דרײַ־פיר אַרבעטער זעט מען די פיגור פון אַ טיפּישן מײַסטער פון דער „טראַדיציאָנעלער שול". ער איז אָנגעטאָן אין אַ ספּעצאָווקע־פּידזשאַקל, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אייל, אָפן קאָפּ — אַ קאַשקעטל, איבערגעדרייט דעם דאַשעק צום קאַרק, איבער די אויגן — גלעזלעך־ברילן, וואָס פעסטיקן זיך צו מיט שטאָלענע דרעטלעך).

ווײַנשטיין: זאָגט, אַדעראַבע, צי ער האָט אין זיך עפּעס נעפּמאַניש. אָבער וויסן דאַרפט איר, אַז דער טאַטע, דער זיידע און דער עלטערזיידע זײַנען בא אים געווען, ווי ער דערציילט, קרעמער. זיי האָבן געהאַלטן אַ שניט־קראָם...

סערגיי וואַסיליעוויטש: זײַ מויכל, ווענימין, וואָס איך קריך אַרײַן אין די רייד. האָסט דאָך אַליין מיך אַ רוף געטאָן. אָט ביסטו, און אָט איז אַבראַמיטש. דאָ איז מיר אַלץ קלאָר. אָבער בא אונדז איז געווען אויך זלאַטקין...

ווײַנשטיין: זלאַטקין האָט אויך אין צעך געהאַט אַ שעם פון אַן עגאָיִסט און פון אַ באַלעבעסל. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס אַזעלכע פאָרן אַוועק קיין ייִסראָעל. יעדערער געפינט זײַן אָרט. די מענטשן זײַנען בא אונדז, סערגיי, ניט פון איין שטאַמפּ געמאַכט. פאַראַן פאַרשיידענע...

סערגיי וואַסיליעוויטש: דאָס איז קלאָר. ס'זײַנען געווען באַסמאַטשן, געווען באַלעגורפּים. אויב אַ מענטש איז אַ שלעכטער, הייסט עס ניט, אַז שלעכט איז זײַן נאַציע. העלף זשע מיר ער אונדז אַלעמען בריוו: איך שטיי אָף די קני, איר זאָלט בעטן פאַר מיר דעם ווערכאָוני סאָוועט. פאַרשטייסט? דער מענטש האָט געמאַכט אַ טאָעס. איך זאָג: ס'אַ ראַכמאָנעס אָף אים, לאָמיר אָנשרײַבן אַ שטאַדלאָנעס־פּאַפּיר. אָבער פּאַוועל אַסטאַכאָוו איז קעגן. און ער טײַנעט אַפילע, אַז עס קומען פאַר מאָדנע זאַכן. אָט איז איין ייִד אַוועקגעפאָרן, אָט אַ צווייטער. געאַרבעט, זיך געלערנט, געוואַקסן מיט אַלעמען אײנײנעם. און אָט פאָרן זיי אַוועק. וווהין? אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד פאָרן זיי. אַ שאָד...

ווײַנשטיין: ביסט גערעכט, סעריאָזשע. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד איז עס. כ'וואָלט געזאָגט, אַ ביטערער פאַרדראָס. און אין דער זעלבער צײַט אין זייער גוט, וואָס בא אונדז פעלט קיינעם ניט

איַין צו פאַרשטיין די זאַך אַזוי ווי אין יענעם אַנעקדאָט... שטיי אַ ווײַלע. ווער, אויב ניט דו, האָט מיר אים דערציילט?

סערגײַ וואָסקלײַעוויטש: ווענן דעם, אַז אויב איוואַן האָט געגאַנוועט, זאָגט מען, אַז גע־גאַנוועט האָט איוואַן, אָבער אויב עס האָט געגאַנוועט אַבראַם, זאָגט מען, אַז עס האָט געגאַנוועט אַ ייִד... (ביידע לאַכן פריילעך. זיי נעמען זיך אַרום און גייען אַוועק אין דער טיף פונעם צעך).

דער וויטעבדיקער עפּיזאָד רופט זיך אָן „אַ מעמאָריאַל איינעם דאָרף, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן דראַגונסקי".

די פּאַנאָראַמע פונעם דאָרף פאַרנעמט דעם גאַנצן עקראַן — אַ ראַכוועסדיקע און בונט־קאָלירקע, אַ טיפּישע פאַר דער מיטל־רוסישער לאַנדשאַפט. אין צענטער שטייט אַ דרײַקאַנטיקער אַבעליסק פון גראַניט. צו אים דערנענטערט זיך אַן אוילעמס מענטשן. ווען צווישן זיי קאַדרירן זיך אויס צוויי — אַ מיליטערמאַן און אַ ציווילער, דערהערט זיך דעם דיקטאָרס קאָל: — דער וואָרטזאָגער אין אונדזער פילם האָט אַן אַלטן פרײַנט, דעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק דאָוויד דראַגונסקי, וועלכער איז קאָמאַנדיר פון די העכסטע אָפיצערישע קורסן פון דער סאָוועטישער אַרמיי (אין קאַדער — דער גענעראַל ד. אַ. דראַגונסקי אָפן קאָמאַנדנע פונקט ביים מיליטערישע איבונגען).

דער וואָרטזאָגער: דאָוויד דראַגונסקי טראָגט אויף זײַן ברוסט צוויי גאָלדענע שטערן. אַזאַ הויכע אויסצייכענונג האָבן אין אונדזער לאַנד זייער ווייניק מענטשן. צוויי מאָל העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דראַגונסקי געוואָרן אויף דער מילכאָמע, ווו ער האָט געפירט הונדערטער טאַנקען קעגן די פאַשיסטן. געבוירן געוואָרן איז דאָוויד דראַגונסקי אויף דער אוקראַינע, לעבן טשערניגאָוו, אין אַ שנײַ־דער־מישפּאָכע. די דראַגונסקיס האָבן אין דער מילכאָמע פאַרלאָרן מער פון דרײַסיק לעבנס. איינע זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, אַנדערע ליגן אין די גריבער און יאַרן, פאַרמוטשעטע און דערשאָסענע פון די היטלעראָווצעס.

דאָוויד דראַגונסקי: איינמאָל, ווען איך בין געקומען קיין פּאַריז אויף דער עפענונג פונעם מעמאָריאַל לעקאָוועד דעם ייִדישן מאַרטירער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפגעבויט דעם מע־מאָריאַל האָט אַ רײַכער געשעפטסמאַן — דער אַכציקיאָריקער ייִצחאַק שנייערסאָן, וועלכער איז ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע געווען קאַזיאָנע ראַבינער אין טשערניגאָוו. ביים אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט מײַן לאַנדסמאַן, האַראַוו שנייערסאָן, אויסגעשריגן:

— זײַנט איר, הייסט עס, פון די דראַגונסקיס! יאָ, יאָ, איך געדענק אײַער מישפּאָכע, וואָס האָט געוווינט אין אַ פאַרוואָרפן הינטערגעסל. דאָס שטעטל אײַערס האָט געהערט צו מײַן „יעפּאַרכיע". און איך האָב געוווינט... וואָס, איר ווייסט ניט, ווו איך האָב געוווינט?

איך דאַרף זיך מודע זײַן — כ'האָב ניט געוווּסט. שנייערסאָן האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז זײַן הויז אין געשטאַנען וויזאַווי דער רעזידענציע פונעם טשערניגאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. און איך, פון מײַן זײַט, איך — דער זון פון אַ ייִדישן שנײַדער, האָב אויך געגעבן אַ טשיקאַווע אינפאָרמאַציע מײַן אַלטן בען־איר:

— אַוודע איז עס אַ צופעליקייט, נאָר ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו קאָמאַנדעווען מיטן טשערניגאָווער גאַרניזאָן, און געוווינט האָב איך... איר ווייסט, ווו איך האָב געוווינט? שנייערסאָן האָט ניט געוווּסט.

— מײַן רעזידענציע איז געווען אין דער געוועזענער רעזידענציע פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

דעם גאַנצן עקראַן פאַרנעמט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרויסער ייִדישער מישפּאָכע.

דער דיקטאָר באַווײַזט מיטן פינגער, אַז אָט דאָס דאָזיקע דאָרע ייִנגעלע — ער איינער איז געבליבן לעבן, און די איבעריקע, און נאָך פיל אַנדערע פון די דראַגונסקיס, וועלכע זײַנען ניטאָ אויף דער פאָטאָגראַפיע, זײַנען געוואָרן אַ טייל פון די זעקס מיליאָן ייִדן, וועמען ס'האָבן פאַרניכטעט די פאַשיסטן.

און אָט דאָס דאָרע ייִנגעלע איז אויסגעוואַקסן און איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פּיאָנערישן אָט־ריאַד, אין קאָמסאָמאָל, און שפּעטער איז עס אין דער רויטער אַרמיי דורכגעגאַנגען דעם גרויסן וועג, אָנהייבנדיק פון אַ סאָלדאַט און ביז אַ „פּולן גענעראַל". אויף דער מילכאָמע איז דאָוויד דראַגונסקי געווען צווישן די, וועמען דאָס סאָוועטישע היימלאַנד האָט געשיקט נעקאָמע צו נעמען אין די פאַ־שיסטן. איינער פון די נאָבלסטע אויפטוען זײַערע איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געראַטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון אינגאַנצן פאַרניכטעט צו ווערן.

דראַגונסקי און דער וואָרטזאָגער פונעם פילם לייגן אַוועק בלומען אויף דעם דענקמאָל. מע זעט אויסגעקריצט אויף דער סטעלע דאָס בילד פון אַן עלטערער פרוי.

דיקטאָר: דאָס איז דעם גענעראַלס מאַמע, מע האָט זי דערשאָסן אויף דער שוועל פון איר שטוב (אויפן עקראַן — די שטוב. באַם אַרײַנגאַנג איז צוגעפעסטיקט אַ מעמאָריעלע ברעט).

דער דיקטאָר: די גוטהאַרציקע אײַנוווינער פונעם רוסישן דאָרף סוויאַטסק, אויף דער בריאַנ־סקער שטיינע, האָבן ניט פאַרגעסן, אַז דאָ, אין אָט דער כאַטע, האָט געלעבט אין דער קינדהײַט דער צוויי מאָל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד דאָוויד דראַגונסקי. די רעגירונג פון דער סאָוועטישער מעדינע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן דאָרפס־פּלאַץ זײַן ביוסט.

שפּאַצירנדיק איבער דער גאַס, שמועסן דראַגונסקי און דער וואָרטזאָגער פונעם פילם וועגן די געפילן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם אָרט, ווו דער מענטש איז אויסגעוואַקסן.

דער וואָרטזאָגער: אָט טײַנען די ציוניסטן, אַז מע דאַרף פאַר אַ היימלאַנד רעכענען דאָס לאַנד, אין וועלכן עס האָבן געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק די אָוועס. נאָר דאָס איז אַן אײַנרע־

דעניש. ערשטנס, ווײַנען אין יענעם לאנד אין מעשעך פון אלע צוואנציק יאָרהונדערטער גאָר אנדערע מענטשן, און, צווייטנס, שטעלט זיך די פראגע: נו, און וואָס איז, אויב אזוי, בײַ א בען־אָדאָם די אייגענע נעסט — ניט קיין היימלאנד?

ד ר א ג ו נ ס ק י: אפן פראַנט האָב איך פארטיידיקט די אייגענע נעסט, דאָס הייסט — מײַן היימלאנד. אָט וועגן דער דאָזיקער כאטע און וועגן דעם דאָרף סוויאטסק האָב איך ניט אופגעהערט צו טראכטן, און אהער קום איך צו גיין, און דאָ האלט זיך אוף, ווי מע זאָגט, מײַן נעשאָמע. עפשער זעט עס אויס ווי מעליצע, נאָר א ייִד אין סאָוועטנפארבאנד, אן עכטער סאָוועטישער ייִד, קאָן ריידן וועגן זײַן היים בלויז מיט דערהויבענע ווערטער. ער האָט דאָך פארגאָסן בלוט פאר איר...

ד ע ר ו ו אַ ר ט ז אָ ג ע ר: אין בירגערקריג האָבן די ווײַסגווארדייער ניט אומזיסט געטומלט ארום „ייִדן און קאָמיסארן"...

ד ר א ג ו נ ס ק י: פון די יונגע יאָרן געדענק איך א ליד פונעם ערשטן סאָוועטישן ייִדישן פּאָעט אָשער שווארצמאַן, וועלכער איז געווען א רויטארמייער בײַ שטשאָרסן און האָט גערופן אלעמען צו פארטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאנד:

אפגיך צום פערד,
די האנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפיז — א פאָן.
דער סוינע בײַ די טויערן!

די קאמערע קערט זיך אום אין רעדאקציע־צימער פון „סאָוועטיש היימלאנד", ווו עס האָט זיך נאָך ניט פארענדיקט דער איבערײַס צווישן די זיצונגען פון דער רעדקאָלעגיע. דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, באמיט זיך צו נעמען אן אינטערוויו דאָס בײַ איינעם, דאָס בײַ א צווייטן מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע, נאָר יענע האָבן קיין כיישעק ניט. זי זוכט אָפּ באַם טיש דעם וואָרטזאָגער, וועלכן עס פארשטעלן פון די צושויער עטלעכע מיטארבעטער פון רעדאקציע (זיי האָבן געבראכט דעם וואָרטזאָגער א פּאַק מיט טיפּאָגראַפיע־אָפּצוגן און די פרישע פּאָטשט. צווישן די ארײַנגעבראכטע צײַטונגען קלײַבט אויס די קאמערע דעם „ביראָבידזשאנער שטערן", און קאָלזמאַן זי „מישט" אים, הייבט זיך אָן דער דיִאלאָג צווישן דעם מיידל מיטן וואָרטזאָגער).

ד אָ ס מ י י ד ל (מיט קאָעס): דער רועך ווייסט וואָס! קיין איינער פון זיי קאָנטאַקטשעט ניט. א באשלוס האָבן זיי דאפקע אָנגענומען א גוטן, אָבער זאָגן וועגן דעם א פּאָר ווערטער — דאָס ניט... איך בעט ניט פארגעסן, אז איך בין אף דער ארבעט!

ד ע ר ו ו אַ ר ט ז אָ ג ע ר (מיט פארדראָס): עס שלאָגט שוין צו דער גאל. איר פארשטייט? ס'איז דערעסן...

— וואָס איז דערעסן?

— ס'איז, וויל איך זאָגן, נימעס צו ענטפערן אף איינע און די זעלבע פראגעס (קוקט אפן זייגער). מיט אָנדערהאלבן שאָ צוריק זײַנען ארײַנגעקומען אין רעדאקציע טוריסטן פון סאלוואדאָר. מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן די זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. ריבוינעשעלוילעם, אין יענעם סאלוואדאָר זײַנען ייִדן פאראן אף א רעפוע, און פונדעסטוועגן נעמט מען זיך צו געבן אונדז אייצעס, ווי‌אזוי מיר, ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד, זאָלן לעבן. און איך, לעמאָשל, האָב א ווילן צו פארגעבן אויך זיי א פראגע — פארוואָס האלטן זיך ניט אוף אין סאלוואדאָר קיין ייִדן...

— און זיי?

— זיי האָבן איבערגעריסן די ארבעט פון דער רעדקאָלעגיע: זײַט זיך מאטריִעך און דערציילט אונדז, ווי‌אזוי מע פארפאָלגט די ייִדישע ליטעראטור אין סאָוועטנפארבאנד... זאָגן מיר: ס'איז ניטאָ קיין צײַט און קיין ווילן זיך פארענטפערן פאר אײַך. מיר זײַנען שטארק פארנומען מיט שאַפן די ייִדישע ליטעראטור בײַ אונדז אין סאָוועטנפארבאנד. פארשטייט זיך, פאראן פריידן, פאראן זאָרגן. אָט איז געשען אן אומגליק — די רעדאקציע האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם קסאוויאַד פון א נײַעם ראָמאַן פונעם קיִעווער שרײַבער מאָטל טאלאלאיעווסקי, און דאָ באקומען מיר א יעדיִע, אז טאלאלאיעווסקי איז געשטאָרבן. איר ווייסט ניט, וואָס עס באטײַט פאר דער ייִדישער ליטעראטור, ווען עס שטארבט א שרײַבער! נאָר מיר האָבן אויך פריידן. כאָטש זעלטן, אָבער ס'מאכט זיך א צוּווּקס... אפן אוראל, אין דער אלטער רוסישער שטאָט פערם האָבן זיך באוויזן צוויי יונגע ייִדישע פראָזע־שרײַבער. צוויי אינזשעניערן. דאָס פּאָרפאָלק ארן און בראָכע בורשטיין. וויל איך אײַך פרעגן, צי האָט איר געקענט טאלאלאיעווסקין? און זײַנע ווערק האָט איר געלייענט? און דאָס ייִדיש־שרײַבן פון די בורשטיינס זײַנט איר בעקויעך אָפּצושאצן?

— איר פרעגט דאָס מיך?

— ניין, די סאלוואדאָרער טוריסטן. ווען מיר האָבן געשמועסט מיט זיי, האָט זיך געפילט, ווי גלײַך זיי וואָלטן זאָגן: „דולט אונדז ניט א קאָפּ מיט אײַערע יונגע אוראלער אינזשעניערן, וואָס דרוקן ווערק אף ייִדיש. דערציילט אונדז בעסער וועגן דעם, ווי מע פארפאָלגט בײַ אײַך ייִדישע שרײַבער. וועגן דעם דערציילט!" מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. בײַ אונדז איז א זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, און מיט געסט דאַרף מען זיך באגיין העפלעך... האָבן מיר זיך אָנגעפרעגט בײַ זיי: „פונוואנען נעמט איר, אז מע פארפאָלגט אונדז?". „וועגן דעם שרײַבט די סאלוואדאָרער פרעסע". „און זי פונוואנען

ווייסט?". „ס'באַזאָרגט זי מיט מאַטעריאַלן דער ייִדישער צענטער אין סאַלוואַדאָר". „נאָר אין סאַלוואַדאָר זײַנען ניטאָ קיין ייִדן אַף צו שאַפן אַ צענטער". איינער אַ טוריסט מאַכט אונדז קלאָר די זאַך (עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ ייִסראַעלדיקער בירגער, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין סאַלוואַדאָר): „מיר האָבן צענטרען אין פיל לענדער פון דער וועלט"... און ער הייבט אָן צו פאַרוואַרפן אונדז מיט נאַרישע פראַגן...

— אַנטשולדיקט, איך וויל אײַך פאַרגעבן איין־איינציקע פראַגע. וואָס וועט זײַן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, ווען עס וועט שטאַרבן דער לעצטער לייענער? וויפל אוטאָרן פאַרמאָגט אײַער זשורנאַל? מיט וואָס שיידט זיך אונטער איוורית פון העברעיִש? וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָשן — ייִדיש?..

— איר זײַנט אַ ייִדישקע?

— יאָ, נאָר בײַ אונדז אין דער פאַמיליע רעדט מען אַף רוסיש.

— ייִדן פאַרמאָגן צוויי שפּראַכן, ייִדיש און איוורית. דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. אַלע שפּראַכן זײַנען גוט, ווען ס'זײַנען גוט די געדאַנקען. נו, כאַפּט אַראָפּ מיט אײַער קאַמערע אַ פּאָר אונדזערע ליטעראַטור־מײַסטערס, און איך וועל זיך פּרווון אַרויסבאַקומען פון זיי עפּעס־וואָס מיקויעך די פאַרפאַלגונגען. מיר וועלן ריידן, נאַטירלעך, אַף ייִדיש, און עמעצער וועט פאַר די קינאָ־צושויער איבערזעצן די רייד אַף רוסיש...

דאָס מיידל, וואָס איז אַפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט, שטעלט אָן דעם אָביעקטיוו פון דער קאַמערע אַף איינעם פון די בײַוועזנדע, און דער וואָרטזאָגער זעצט זיך צו אים צו.

ד י ק ט אָ ר: דאָס איז דער אָנגעזעענער ייִדישער בעלעטריסט נאָטע לוריע. זײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" האָט אין דער פאַרמילכאָמעדיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע געמאַכט אַ רוישעם, און די קריטיק האָט אָנגערופן נאָטע לוריען „דער ייִדישער שאָלאָכאָוו". אין אַ בוך־פאָרם האָט דער ראָמאַן זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין 1932 יאָר.

דעם שמועס, וועלכן דער וואָרטזאָגער פונעם פילם וועט האָבן מיט נאָטע לוריען, איז איינעם סצענאַרי ניט ווינטשנסווערט צו געבן „פאַרפּראָגראַמירט" פון פריִער מיט אַלע רייד־ניואַנסן. ווען ס'וועט אָבער פאַרשריבן ווערן דער שמועס אין זײַן פריִען, נאַטירלעכן גאַנג, וועט דער צושויער זיך דערוויסן, אַז דאָס ווערק, וואָס דער ייִדישער שרײַבער האָט אָנגעשריבן מיט קימאַט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווערט אויך איצט אָפּגעהיט און אַרויסגעגעבן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן מיצאַד די מעלוכישע פאַרלאַגן. נאָטע לוריע וועט דערציילן וועגן די לעצטע אויסגאַבעס פון זײַנע ביכער. אין 1976 יאָר האָט דער קיִעווער פאַרלאַג „דניפּראָ" אַרויסגעלאָזט אַ נײַע אויפלאַגע פון „דער סטעפּ רופט" אַף אוקראַיִניש, אין אַ יאָר אַרום איז אַף רוסיש דערשינען דער זעלבער ראָמאַן אין מאָסקווע, אין סאַמע כאַשעוועסטן סאָוועטישן ליטעראַרישן פאַרלאַג „גאָסליטיזדאַט". אַגעוו, דער טיראַזש פון דער רוסישער אויסגאַבע איז 50.000 עקזעמפּליאַרן. ס'איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ יאָר, און אַ צווייטער קיִעווער פאַרלאַג — „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון נאָטע לוריעס איבערגעזעצטע אַף אוקראַיִניש ווערק אונטערן נאָמען „וו דאָראָזי" — „אין וועג", און אין זעלבן 1978 יאָר איז אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אַף ייִדיש לוריעס בוך „יאַם און הימל", אין וועלכן ס'איז אײַנגעשלאָסן זײַן נײַער ראָמאַן „די געשיכטע פון אַ ליבע", ווי אויך דערציילונגען און קינסטלערישע פאַרצייכענונגען.

דער דיקטאָר וועט אופרופן אויך אַנדערע בײַוועזנדע ייִדישע שרײַבער, און דער צושויער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, ווי אָפט זײַנען פובליקירט געוואָרן זייערע ווערק אין די לעצטע פאַר יאָר.

צוויי מאָסקווער פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעלאָזט אין 1979 יאָר שמועל גאָרדאָנס ביכער. אין „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז אַף ייִדיש אַרויס זײַן זאַמלונג אונטערן נאָמען „די אײַביקע מאָס" און אין „גאָסליטיזדאַט" — אַ בוך אַף רוסיש „אויסגעוויילטע דערציילונגען".

און אָט איז נאָך איין ייִדישער אוטאָר — אוורהאָם גאָנטאַר. אין משך פון איין יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן דרײַ ביכער: אין „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", אַף ייִדיש, די לידער־זאַמלונג „נעגינע", אין „גאָסליטיזדאַט" אַן אײַנבענדיקע זאַמלונג פון אויסגעוויילטער ליריק אין דער רוסישער איבערזעצונג און אין „דיעטגיז" אַ בוך פאַר קינדער (דער טיראַזש פון אָט דעם בוך איז 100.000 עקזעמפּליאַרן!).

בײַסן שמועס וועלן נאָטע לוריע און די אַנדערע שרײַבער באַווײַזן די צושויער אַלע נײַע אויסגאַבעס פון זייערע ווערק — סײַ אַף ייִדיש, סײַ אין דער איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן.

אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז בוזי מילער. ווען די קאַמערע באַווײַזט אים, טיילט דער דיקטאָר מיט, אַז די ראָמאַנען, דערציילונגען, פּיעסן, וועלכע בוזי מילער שאַפט, זײַנען מערסטנטייל געווידמעט דעם קאַנט, וווּ ער וווינט — ביראָבידזשאַן. מיט 45 יאָר צוריק איז ב. מילער געקומען, צוזאַמען מיט די ערשטע ייִדן־איבערוואַנדערער, אַף אָט דער טײַגע־ערד.

ב ו ז י מ י ל ע ר ד ע ר צ י י ל ט: די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז רײַך און פּרעכטיק, מע רופט זי — דער דימענט פונעם ווײַטן מיזרעך (קאַדרען פון דער קינאָ־כראָניק). זי איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען און מיט אַן אָרדען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. ס'ווילט זיך, אַז אין ביראָבידזשאַן זאָלן זײַן מערער ייִדן, נאָר קיין רעטעניש זײַנען אויך אין אָט דער פראַגע ניט פאַראַן. פּאַשעט, דאָס לאַנד אונדזערס איז גוואַלדיק גרויס, און יעדערער וווינט דאָרט, וווּ ער וויל, וווּ ס'איז אים באַקוועם צו וווינען, וווּ עס געפעלט אים דער קלימאַט, וווּ עס וווינען זײַנע קרויווים. ביכלאַל, איז דער איקער ניט אין דעם, וויפל ייִדן עס פאַרמאָגט איצט ביראָבידזשאַן. וויכטיק איז דאָס, וואָס די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע פונעם לאַנד אַלס נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריִעלע אויסבילדונג.

עס עקזיסטירט א סאָציאַליסטישע סאָוועטישע ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. דאָס געפעלט ניט די ציִוניסטן, ווײַל אָט די דעמאָקראַטישע, סאָוועטישע לייזונג פון דער אייביקער פּראַגע באַווײַזט, ווי שאָוויניסטיש, אַנטידעמאָקראַטיש די פּראַגע ווערט געלייזט בא זיי.

דער וואָרטזאָגער פונעם פילם זאָגט בודי מילערן, אַז אָפט פרעגט מען זיך אָן, וואָס עס ווערט געטאָן אין דער געגנט, קעדיי צוציִען נײַע ייִדן־איבערוואַנדערער. מילער באַרירט אויך די דאַזיקע פּראָבלעם:

— אין ביראָבידזשאַן מערקט זיך אָן א טענדענץ צו אינטענסיוו אַנטוויקלען די מאָדערנע אינדוסטריע. אַזעלכע זאַוואָדן, ווי דאַלסעלמאַש, וועלכער פּראָדוצירט קאָמבײַנען, דער טראַנספּאָרמאַטאָר־זאַוואָד און אַנדערע, ציִען שוין הײַנט צו די יוגנט פון אַנדערע קאַנטן. אָף דער הויך־אינדוסטריִעלער באַזע וועלן אויפקומען טעכנישע הויכשולן. די געגנט פאַרמאָגט היפּשע נאַטור־רײַכטימער. דאָס כינגאַנער אײַזנאַרץ, די בורייער שטיינקוילן, דאָס סוטאַרער גאָלד, די אומויסשעפּלעכע רעזערוון פון געהילץ — דאָס אַלץ וועט רופן צו זיך מענטשן. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל גייט דורך דעם האַרט לעם דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, פּונקט בא אירע סאַמע רײַכע ערטער...

דער וואָרטזאָגער: דאָס איז זייער ווויל, אָבער שוין צײַט פאָרזעצן די אַרבעט פון דער רעדקאָלעגיע. (ווענדעט זיך צום מיידל, וואָס איז אַפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט). איך גלייב, אַז איר זײַנט צופרידן מיט אָט דעם איבעררײַס אין דער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. אָף ווידערזען, ליב מיידל. (גיט איר איבער א נומער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“). אין אונדזער זשורנאַל דרוקן זיך פון כוידעש צו כוידעש הילפס־מאַטעריאַלן אָף צו דערלערנען ייִדיש. זיי קאָנען אײַך צוניץ קומען.

דאָס מיידל: זײַט געזונט! (בא דער טיר שטויסט זי זיך אָן מיט עטלעכע אויסלענדער, וועלכע זײַנען געקומען באַזוכן די רעדאַקציע. אומקערנדיק זיך צוריק צו דעם טיש, שטעלט זי אָן אָף די געסט איר קאַמערע).

דער דיקטאָר: דאָס איז א גרופּע פּראָגרעסיווע מענטשן פון ייִסראָעל, און ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס דער שמועס מיט זיי האָט זיך, ווי אַליין פון זיך, אַרײַנגעשריבן אין טאָג־סיידער פון דער רעדקאָלעגיע־זיצונג. (אָפן עקראַן — א קאַדער אָן קלאַנג: אַרום דעם טיש זיצן אין אַן ענגן קרײַז די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע און די געסט. עס פילט זיך, אַז די פראַגן, וואָס זיי באַהאַנדלען, זײַנען ערנסטע און גאָר ניט קיין לײַכטע). די געסט פון ייִסראָעל זײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט דאָס ערשטע מאָל, און מיט די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זײַנען זיי פּערזענלעך באַקאַנט שוין פון פריִער. מיר וואָלטן אין קיין פאַל ניט אונטערגעהערט, וועגן וואָס זיי שמועסן דאָ באַם רעדאַקציאָנעלן טיש, נאָר דער וואָרטזאָגער פון אונדזער פילם האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך איין פּראַגע איז פאַרשריבן אין דער פּראָגראַם פונעם פילם, וועלכע מיר האָבן אים צוגעשיקט איידער די מיטאַרבעטער פון דער קינאָ־סטודיע זײַנען געקומען אין רעדאַקציע, נעמלעך — אָט די דאָזיקע פּראַגע: (אָפן עקראַן — א בויגן פּאַפּיר, אָף וועלכן ס׳איז אָנגעדרוקט די פּראָגראַם פונעם פילם — עפּיזאָדן, וואָס דאַרפן אין אים אַרײַן. עמעצנס א האַנט שטרײַכט אונטער מיט א בלײַער פאָלגנדע שורעס: „ווען קיין מאָסקווע וועט קומען אַוועלכע־ניט־איז גרופּע ייִסראָעלים, אויסנוצן די געלעגנהײַט, און, אויב די געסט וועלן ניט דערווידערן, פאַרשרײַבן א שמועס מיט זיי וועגן דעם, וויאַזוי עס לעבן אין ייִסראָעל די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן עמיגרירט). אָט וואָס עס האָבן דערציילט די געסט.

ערשטער גאַסט פון ייִסראָעל: דאָסראָוו געוועזענע סאָוועטישע ייִדן קאָנען זיך ניט צופּאַסן צום לעבן אין ייִסראָעל.

דער וואָרטזאָגער: פאַרוואָס?

ערשטער גאַסט: דער קאַפּיטאַליזם טראָגט גלײַך אונטער זײַן גאַנצע פּראַכט — די אָפּגעפרעמדטקײַט, וואָס מענטשן פילן איינער צום אַנדערן, די האַרצלאָזיקײַט פון די באַלעבאַטים אָף דער אַרבעט, די ניט באַשיצטקײַט פון אַלטע מענטשן און פון קראַנקע, די סיסטעם פון קרעדיטן, וואָס מאַכט דעם באַלכוירעוו פאַר א קנעכט...

צווייטער גאַסט: איר דאַרפט וויסן, אַז די אינפלאַציע ברענגט ניט ווייניקער אָנגעשטרענגטקײַט פאַר ייִסראָעל, איידער די אַרומרינגלונג מיטן אָקעאַן לענדער, וואָס די מעדינע האָט אָקופּירט. קימאַט א העלפט פונעם מעלוכע־ביודזשעט גייט אַוועק אָף האַרמאַטן, באָמבעס, באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען, ביקס־אויטאָמאַטן.

ערשטער גאַסט: ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס עמיגראַנטן פון אײַערע ערטער ווילן זיך אומקערן צוריק אַהיים. אין ייִסראָעל טוט מען אַלץ, קעדיי שטערן זיי דאָס צו טאָן. מע צווינגט אומצוקערן דאָס הילפס־געלט — „עזרא קאַספּיט לעאָלע“ — וואָס איז באַקומען געוואָרן לויט די קלאָלים פון דער אַליִא. אָבער דאָס הייסט — אָפּאַרבעטן דעם כויוו. און מע געפינט דערווײַל צענדליקער אַדמיניסטראַטיווע שטערונגען אָף צו מאַכן אומעגלעך דאָס אַרויספאָרן...

דער וואָרטזאָגער: קומט אויס, אַז די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן קאָנען קימאַט ניט פאַרלאָזן לעגאַל ייִסראָעל. פונוואַנען זשע נעמען זיך די הונדערטער און טויזנטער יוירדים אין ווין, זשענעווע, רוים, בריסעל, ניו־יאָרק?

דריטער גאַסט: מע פאָרט קלוימערשט אַרויס קיין עסטרײַך, צי אין אַן אַנדער לאַנד, זיך היילן, אָדער „זיך זען מיט קרויווים“, און צוריק קיין ייִסראָעל קערט מען זיך ניט אום. דערקלײַבן זיך ביז עסטרײַך איז ניט פון די גרינגע זאַכן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין ווין איז פיל שווערער

באקומען בא דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט א דערלויבעניש אַרײַנצופאָרן, אײדער אין מאָסקווע — א דערלויבעניש ארויסצופאָרן...

דער וואָרטזאָגער: וואָס איז דער אויסוועג?

צווייטער גאַסט: קעדיי ניט הונגערן, דינגט מען זיך דערווײַל אָן פאר קעלנערס, וועשערנס, דינסטן, שווארצארבעטער. דער אומגליק איז, וואָס די אָרטיקע ציגײַנסטן, אשטייגער אין עסטרײַך אָדער אין בעלגיע, הייבן גלײַך אָן צו שאנטאזשירן און פארפאָלגן דעם יורעד. אויב ער איז יונג און געזונט, איז פאר אים פארגרייט נאָך איין אויסוועג: אוועקלאָזן זיך אין אן אנדער לאנד און דאָרט גיין דינען אין אן אנטיסאָוועטישן צענטער...

ערשטער גאַסט: א סאך פאָרן אוועק אין די יידישע געטאָס פון ניו־יאָרק, קיין מײַרעוו־דײַטשלאנד, אין די נויט־קווארטאלן פון רוים, און פון אָט די אומגליק־ערטער, קערן זיי זיך שוין קיינמאָל ניט אום...

דער וואָרטזאָגער: ס'איז אומדערטרעגלעך שווער וועגן דעם צו ריידן. ערשט נעכטן האָבן אָט די מענטשן נאָך געלעבט נאָרמאַל, געהאט אן אָנשטענדיקן אויסזען. טוט א קוק אף די פאָטאָגראַפיעס (די קאמערע באווײַזט זיי). אין ניו־יאָרק באזעצן זיך די אימיגראנטן אינעם קווארטאל ברײַטאָן ביטש, וועלכן מע רופט — די ניו־יאָרקער באראכאָלקע. געוועזענע סאָוועטישע יידן דרייען זיך דאָרט ארום אָן ארבעט, אָן א סטאבילן לעבנס־ניוואָ, דערצו נאָך מוטשעט זיי די בענקשאפט נאָך די היימישע ערטער. און אָט איז טאקע אן עמעסע באראכאָלקע, דער מארק אין רוים, ווו מע קאָן זען די אימיגראנטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד איז אזוינס געווען אין די צײַטן פונעם נעפּ...

פון דער הייך פונעם דריטן אָדער פערטן שטאָק פון א דערנעבנדיק הויז באווײַזט די קאמערע, וויאזוי עס זעט אויס דער ניט פונקציאָנירנדיקער אָפּגעלאָזענער האפן, באַם אַרײַנגאנג אין וועלכן עס הענגט א שילדל «Ostia».

דער דיקטאָר: לעם אָט דעם אלטן האפן אינעם שטעטעלע אָסטיִא, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער איטאַליענישער הויפּטשטאָט, קלײַבט זיך צונויף יעדן זונטיק א מארק פון אלטווארג. די אימיגראנטן האנדלען דאָ מיט זאכן, וועלכע זיי האָבן געבראכט פונעם סאָוועטנפארבאנד. די לירעס, וואָס זיי לייזן אויס פארן אלטווארג, אָפּט פאר אזא סכוירע, ווי קנעפּלעך, גאָל־מעסערס, שקארפּעטקעס, רעגנצ־לעך, — זײַנען זייער איינציקע האכנאָסע אף דערהאלטן די נעשאָמע. אלע זײַנען זיי ניט לאנג צוריק געווען בירגער פונעם סאָוועטנפארבאנד. נאָכן עמיגרירן פון דאָרט האָבן זיי ניט געוואָלט לעבן אין יִסראָעל, און איצט פּרוּוון זיי בלײַבן אין די אייראָפּעיִשע לענדער אָדער ארויספאָרן קיין אמעריקע, קאנאדע, אווסטראַליע.

די באראכאָלקע ווערט באוויזן סײַ אין אלגעמיינעם פּלאן, סײַ מיט פּראָטים. מע זעט א ביזאָיִענ־דיקן אָנפלאָנטער פון נעבעכדיקע מענטשן, וואָס פּילדערן, דראָען, בעטן זיך, שעלטן איינער דעם אנדערן. עס הערן זיך — אף רוסיש און יידיש — מארק־לאָשן, זידלערײַ. די איטאַליענער, באזונדערס קינדער, קומען אהער א קוק טאָן, ווי אף אן אטראקציאָן.

דער דיקטאָר: אָט דער דאָזיקער אומגליקלעכער מענטש האָט ניט לאנג צוריק געארבעט אף א סאָוועטישן זאוואָד, און דער־אָ איז געווען א סטודענט. איצט פארקויפן זיי דאָ מאָסקווער פּלאסטינקעס, פּידזשאקן פון דער פירמע „שוויפּראָם” און מעשענע קנעפּ מיט א סערפּ־און־האמער אף זיי... און אָט די דאָזיקע יונגע פרוי — זי איז שוין באַם אָפּגרונט...

דריטער גאַסט: זאָגט, פארוואָס קאָנען זיי זיך ניט אומקערן אין סאָוועטנפארבאנד?

אפן עקראַן באווײַזט זיך אן אומבאקאנטער מענטש. דער אונטערשריפט: „שעף פונעם אָפּטייל פון וויזעס און דערלויבענישן — אָוויר — זאַטאָוו קאָנסטאנטין איוואנאָוויטש”. ער זאָגט:

— מע וואָרנט זיי וועגן דעם, ווען זיי פאָדערן עמיגראנטישע וויזעס. אין אונדזער קאָנסטיטוציע איז פארשריבן, אז מענטשן, וואָס פארלאָזן דאָס לאנד און באזעצן זיך אין אנדערע ערטער, פארלירן די סאָוועטישע בירגערשאפט.

אפן עקראַן — א צימער אין סאָוועטישן קאָנסולאט בא דער געזאַנדשאפט פון פסשר אין רוים. אף אן אופנאָם באַם קאָנסול געפינט זיך א גרופּע עמיגראנטן, וועלכע ווילן זיך אומקערן אין סאָוועטנפארבאנד. דער דאָזיקער עפּיזאָד וועט זיך מיט נאטירלעכער עמעסדיקײַט אָנשרײַבן, ווען א קאמערע וועט אפן אָרט דאָקומענטירן דעם טעקסט. דער אינהאלט פונעם עפּיזאָד וועט זײַן אזא: די עמיגראנטן בעטן, מע זאָל זיי ארויסגעבן אומקער־וויזעס. דער קאָנסול זאָגט זיי אָפּ אין דער באקאָשע, פארופנדיק זיך אף די געזעצן פון אונדזער לאנד. ווײַטער קערט אונדז אום די קאמערע אין רעדאקציע־לאָקאל פון „סאָוועטיש היימלאנד”.

צווייטער גאַסט: קומט אויס, אז די אָפּגענארטע מענטשן זײַנען פארורטיילט אף א קאַטאסטראָפע... און אין דער זעלבער צײַט האָבן די ווערביר־צענטערן בא אונדז אין יִסראָעל געשאפן א ספּעציִעלן „רוסישן קאָמיטעט”, וועלכער קריגט ארויס בא די נײַע עמיגראנטן אדרעסן פון זייערע קרויווים און באקאנטע, קעדיי אָפּשיקן אהין בריוו און פּעקלעך אין נאָמען פון צוגעטראכטע „שוועסטער”, „ברידער”, „מומעס”, „פעטערס”, און אזויארום נאָכאמאָל אָפּנארן, ווידעראמאָל פארנארן סאָוועטישע יידן קיין יִסראָעל...

דער וואָרטזאָגער: א סאך ווארפן אָפּ מיט עקל די פאלשע פּאפּירן.

די קאַמערע כאַפּט אַרויס פון פאַרשיידענע סוויוועס דאָס איין מענטשן, דאָס אַ צווייטן, דאָס אַ דריטן. די אונטערשריפטן דערקלערן, ווער די מענטשן זײַנען.

אַ באַיאַרטער מאַנצבל: אַכוץ אין לענינגראַד, האָב איך אין ערגעץ ניט קיין קרוווים. און מיטאַמאָל האָבן זיי זיך פּאַיאַוועט אַזש אין טעל־אַוויוו... נו, די געפעלשטע אײַנלאַדונג האָב איך אַרײַנגעוואָרפן אין קאָרזינע...

אַ יונג ווײַבל: אוי, עלקע מיט אירע גענג... אַליין האָט זי מיט דרײַ יאָר צוריק זיך פיקטיוו צעשריבן מיט אַ פּאַניעוועזשער אַלטיטשקן, וואָס האָט אין ייִסראָעל עטלעכע שוועסטערקינדער, און זי איז גוט אַרײַנגעפאַלן, פאַרנעמט זיך דאָרט מיט דער רועך ווייסט וואָס. איז דען אַ כידעש, וואָס זי האָט אויך פאַר די כאַוועַרטעס געפונען קרוווימלעך? מיסטאָמע צאָלט מען איר פאַר אונדז מעזומען. אָך, עלקע...

אַ טעכנישער ספּעציאַליסט: מע דאַרף פאַרשטיין, אַז זיי נייטיקן זיך אין מײַן פּראָפעסיע. און וואָס איז שײַעך דעם אויסרייד, אַז מע פאַררייניקט מישפּאָכעס, זײַנען דאָך, ווי די ציוניסטן זאָגן, אַלע ייִדן ברידער... און ס'איז לאַכלוטן ניט שווער מיר אונטערוקן אַ קלוימערשט פאַרגעסענע באָבע אָדער אַ גלידשוועסטערקינד (לאַכט). פאַרשטייט זיך, איך האָב הערצלעך אָפּגעדאַנקט און אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט אין דער צײַטונג.

אַ ביראָבידזשאַנער: בײַ אונדז אין ביראָבידזשאַן זײַנען ניטאָ קיין נאַראָנים. עפּעס איינמאָל האָט מײַן פּלוינעסטע באַקומען „אַ גרוס פון אַ קאָרעוו", איז דאָס געוואָרן אין אונדזער מישפּאָכע אַ גלײַכווערטל אַף זיך כאָכמענען. האַקיצער, אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָט זיך פאַר אָט די אַלע יאָרן ניט געפונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל זיך אַרײַנעמען אַ מאַנקאָליע — עמיגרירן קיין ייִסראָעל. מיט אַ צײַט צוריק האָט אונדזערע אַ ביראָבידזשאַנקע — פייגע פײַנמאַן — זייער טרעפלעך געענטפערט די „קרוווים" אַף די שפּאַלטן פון דעם מאָסקווער זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ זשענשטשינאַ". אָט הערט אַף טשיקאַוועס...

פייגע פײַנמאַן (דער אונטערשריפט: „אַ קאַלווירטניצע, ווינט אינעם דאָרף וואַלדהיים, באַלוינט מיטן לענין־אָרדען און מיט דעם אָרדען „ערן־צייכן"): **יאָ, איך האָב געגעבן אַן ענטפער די נײַ־געבאַקענע קרוווים...** (נעמט אין האַנט אַ זשורנאַל־נומער, לייענט). **„וואָס פאַראַ מעכוטאָנים זײַנען מיר מיט אײַך? וואָס פאַראַ קרוווים? אַפילע ריידנדיק אַף איין לאָשן, קאָנען מיר איינע די אַנדערע ניט פאַרשטיין, ווײַל מיר געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן און געפינען זיך אַף פאַרשיידענע זײַטן פון דער באַריקאַדע. די סאָוועטישע ייִדן זײַנען אַרבעטס־מענטשן, וואָס לעבן מיט די אידייען פון שאָלעם און אינטערנאַציאָנאַליזם. און איר, וואָס איר שרײַט, אַז איר זײַט אונדזערע קרוווים, איר דריקט אויס די אינטערעסן פונעם ציוניזם. אַזוי, אַז צונויפריידן זיך וועלן מיר ניט קענען".**

די קאַמערע טראָגט אונדז ווידער אַריבער אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וווּ עס קומט פאָר די זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע.

דער וואָרטזאָגער: פאַר אונדזער הײַנטיקער זיצונג איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קורצע אינפאָרמאַציע. איך בעט אײַך, כאַווײרים, זיך מיט איר באַקאַנען.

אַפן עקראַן — אַ דײַטלעכער אויפשריפט: „ציפערן און פאַקטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָרט עס פאַרנעמען די ייִדן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט". איבערן עקראַן לויפט דורך אַ שורע נאָך אַ שורע:

לויט דער לעצטער פאָלקס־ציילונג זײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַראַן העכער 2 מיליאָן ייִדן[1].

צווישן די דעפּוטאַטן פונעם איבער־סאָוועט פון פססר, **פון די איבער־סאָוועטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן און פון די אָרטיקע סאָוועטן איז די צאָל ייִדן — 7647.**

אינטערוויו מיט אַ דעפּוטאַט.

פראַגע: **ווער זײַנט איר?**

ענטפער: **איך בין אַן אינזשעניער. מײַן נאָמען איז לייזער סטריער.**

פראַגע: **לייזער יאַקאָוולעוויטש, איר זײַנט אַ דעפּוטאַט פונעם שטאָטישן סאָוועט פון קאַמענסקאַיאַ־בוגסקאַיאַ?**

ענטפער: **יאָ. אונדזער ייִשעוו איז ניט קיין גרויסער, נאָר זייער אַ געמיטלעכער און אַ שיינער. פונדאַנען איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ביז לוואָוו.**

פראַגע: **אײַער נאַציאָנאַליטעט?**

ענטפער: **איך בין אַ ייִד.**

פראַגע: **צו וועלכע נאַציאָנאַליטעטן געהערן אײַערע וויילער?**

ענטפער: **אינעם וואַל־קרײַז, וווּ איך בין אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט, ווױנען 4285 רוסן, 1532 אוקראַינער, 388 ווײַסרוסן און 30 ייִדן.**

פראַגע: **די ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פאַר אײַך זייערע שטימען, האָבן אַרויסגערוקט אַ באַזונדערע וואַל־פּראָגראַם?**

ענטפער: **די ייִדישע בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד לעבן אין אַ פרײַנטלעכער פילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע. בײַ אונדז איז איין פּראָגראַם — אַן אַלגעמיינע פאַר אַלע פעלקער.**

פראַגע: **פון דער צווייטער זײַט, צי איז אין גאַנג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע געווען כאָטש איין פאַל, ווען אַ וויילער פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט — אַ רוס, אוקראַינער אָדער ווײַסרוס — זאָל געווען**

---

[1] **די ציפערן זײַנען דאָ און ווײַטער גענומען פון דער סטאַטיסטיק פאַרן 1975 יאָר. אין איינקלאַנג מיט דער** איצטיקער **סטאַטיסטיק דאַרפן אַרײַנגעטראָגן ווערן די געהעריקע קאָרעקטיוון.**

ארויסזאָגן אַ פּרעטענזיע, אַז אַ ייִד איז ניט מעסוגל צו פֿאַרשטעלן אין סאָוועט פֿון דעפּוטאַטן אַלע אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן?

ע נ ט פ ע ר: בײַ אונדז אין לאַנד איז אַזאַ אַבסורד אויסגעשלאָסן.

איבערן עקראַן לויפֿן נײַע שורעס:

די צאָל געלערנטע, ייִדן לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. צווישן די 68.000 וויסנשאַפֿטלעכע טוער־ייִדן זײַנען פֿאַראַן 4200 מיטן טיטל דאָקטאָר פֿון וויסנשאַפֿטן, 23800 קאַנדידאַטן פֿון וויסנשאַפֿטן. דאָס הייסט, אַז 41,8 פּראָצענט זײַנען גראַדויִרט מיט טיטלען. די אַלפֿאַרבאַנדישע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע ציילט אָן 57 ייִדן —ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן. די אַקאַדעמיע פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן — 20 ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן.

צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג זײַנען אין 1973 יאָר געווען 375000 מענטשן מיט העכער בילדונג. דאָס באַטײַט, אַז 17,4 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן פֿאַרענדיקטע אינסטיטוט־בילדונג, אין דער צײַט, ווען דורכשניטלעך אין גאַנצן לאַנד איז דער פּראָצענט — 5,3.

אינטערוויו מיט אַ פּעדאַגאָג פֿונעם מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט.

ד ע ר פ ע ד א ג אָ ג: איר פֿרעגט, צי אין די הויכשולן פֿונעם לאַנד זײַנען פֿאַראַן ווייניק אָדער אַ סאַך ייִדן־סטודענטן. אַזוי אָבער שטעלן די פֿראַגע האָט קיין זין ניט. אין די סאָוועטישע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן זײַנען פֿאַראַן אַזויפֿיל סטודענטן־ייִדן, וויפֿל עס האָבן אויסגעהאַלטן די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס. אָט אַזאַ ענטפֿער וואָלט איך געגעבן אַף אײַער פֿראַגע.

פ ר א ג ע: פֿונדעסטוועגן, באַם איצטיקן מאַצעוו — צי קען מען ריידן וועגן דיסקרימינאַציע?

ע נ ט פ ע ר: מע קען, אויב שטעלן פֿאַר זיך אַ באַוווסטזיניקן ציל — טרײַבן רעכילעס אַפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

איבערן עקראַן לויפֿן נײַע שורעס:

העכער 500.000 ייִדן האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן זיך געפֿונען אין די רייען פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. 160.722 פֿון זיי זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן. 137 האָבן באַקומען דעם העכסטן טיטל העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. צוויי פֿון זיי — צוויי מאָל.

אינטערוויו מיט אַ העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

פ ר א ג ע: דערציילט אײַנקורצן וועגן זיך.

ע נ ט פ ע ר: העניך האָפֿמאַן. מיליטערישער פֿליִער אין דער שטורעם־אַוויִאַציע. גוואַרדיע פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע. לויט דער נאַציִאָנאַליטעט אַ ייִד. אינעם אַוויִאַ־פּאָלק, וועמענס קאָמאַנדיר איך בין געווען, האָבן געקעמפֿט רוסן, גרוזינער, אוקראַיִנער, קאַזאַכן, לעטן.

פ ר א ג ע: מיר בעטן אײַך ריידן נאָר וועגן זיך.

ע נ ט פ ע ר. דאָס סאָוועטישע היימלאַנד האָבן מיט זייער לעבן פֿאַרטיידיקט די זין און טעכטער פֿון אַלע פֿעלקער אין אונדזער לאַנד. פֿאַרשטייט זיך, עס איז פֿאַראַן אַ סטאַטיסטיק, וויפֿל רוסן זײַנען באַלוינט מיט אָרדענס, וויפֿל אוקראַיִנער, ייִדן, ווײַסרוסן און אַזוי ווײַטער. מיר ריידן אָבער וועגן דעם אין באַזונדערע פֿאַלן, נעמלעך — ווען עמעצער צווייפֿלט, לעמאָשל, צי ס'איז געווען גענוג מאַמאָשעסדיק דער בײַטראָג אינעם זיג מיצאַד דעם אָדער יענעם פֿאָלק און צי די סאָוועטישע רעגירונג האָט ווי ס'געהער צו זײַן אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן בײַטראָג.

איבערן עקראַן לויפֿן נײַע שורעס:

ייִדן — העלדן פֿון סאָציִאַליסטישער מי — 82, לאַורעאַטן פֿון דער לענין־פּרעמיע — 123 (11 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל), לאַורעאַטן פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע — 1478 (12 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל).

אַפֿן עקראַן זעט מען די קיראָוו־גאַס אין מאָסקווע, דאָס הויז, אין וועלכן ס'געפֿינט זיך די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס מיידל, וואָס איז אַפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פֿונעם פֿילם, זעצט זיך אַרײַן אינעם אויטאָבוס פֿון דער קינאָ־סטודיע. דער אויטאָבוס פֿאָרט אָפּ.

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1979

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, עסייען, רייזע־נאָטיצן

ל. אי. ברעזשנעוו. צעלינאַ. נום. 3, ז. 3.
י. בורג. א וואַלד־בלום און אַנד. דערציילונגען. נום. 4, ז. 141; פאַרשיידענע דערציילונגען. נום. 8, ז. 86; אָפּקלאַנגען (נאָוועלן). נום. 9, ז. 115.
ב. און א. בורשטיין. א נייער לאַנגער וועג. — א פאַרביסענער אַלטער (דערציילונגען). נום. 1, ז. 110; שוואַמען. — דאָס ערשטע פעלד. נום. 8, ז. 51.
ש. גאָרדאָן. די פּיל און דער בויגן (דערציילונג). נום. 11, ז. 72.
ש. גאַרשמאַן. אַלערליי דערציילונגען. נום. 4, ז. 157.
ט. געו. וויאַזוי הייסט די גאַס און אַנד. דערציילונגען. נום. 3, ז. 63.
מ. גרוביאַן. ניט פּובליקירטע עסייען (צום 70־טן געבורטסטאָג). נום. 6, ז. 151.
ק. גריידינאַ. זומערדיקע קאַניקולן (דערציילונג). פון רוסיש — ש. גאַרשמאַן. נום. 7, ז. 38.
ב. האַלפּערן. די פאָטאָגראַפיע. — דער קאַראַפּוז (דערציילונגען). נום. 6, ז. 135; מייער זאַרכין (דערציילונג). נום. 7, ז. 135.
א. ווערגעלים. איין פופצן יאָר אַרום (רייזע־נאָטיצן). נום. 6, ז. 159; נום. 7, ז. 118; נום. 8, ז. 117; נום. 9, ז. 145; נום. 10, ז. 135; נום. 11 ז. 150.
מ. טאַלאַליאַעווסקי. יאַרשים (ראָמאַן). נום. 8, ז. 3; נום. 9, ז. 28; נום. 10, ז. 68.
ג. יעליסאַוועטסקי. פון די פראָנט־פאַרצייכענונגען. נום. 5, ז. 98.
ד. כאַראַל. לירישע העפטן. נום. 5, ז. 87.
נאָטע לוריע. דריי דערציילונגען. נום. 8, ז. 69.
ב. מאַגילנער. פאַר שקיע (דערציילונג). נום. 9, ז. 80; נום. 10, ז. 26.
ב. מילער. דריי דערציילונגען. נום. 10, ז. 15.
כ. מעלאַמוד. דאָס גאַנצע לעבן (ראָמאַן). נום. 1, ז. 46; נום. 2, ז. 10.
ה. פאַליאַנקער. מיין פריינט איציק פעפער. — א רייזע קיין אומאַן (פונעם בוך „דערציילונגען וועגן שרייבער"). נום. 11, ז. 125.
אי. קיפּניס. פון דער ליטעראַרישער ירושע. נום. 2, ז. 76.
י. רוביאַן. הומאָריסטישע נאָוועלן. נום. 5, ז. 156.
י. שרייבמאַן. נאָוועלן און מיניאַטורן. נום. 5, ז. 79.

איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור

וו. אַגניעוו. דער טאָגבוך פון מיין אומגעקומענעם כאַווער. יידיש — ש. גאָרדאָן. נום. 1, ז. 23.
וו. לידין. מענטשן, וואָס האָבן ליב ביכער. יידיש — ש. גאַרשמאַן. נום. 1, ז. 38.
א. פלאַטאָנאָוו. אַלטערקע. יידיש — ש. גאַרשמאַן. נום. 1, ז. 12.
יע. פּערמיאַק. קאָליר און שיין. יידיש — א. זיבגער. נום. 1, ז. 34.
א. פאַדיעוו. יונגע גוואַרדיע (פראַגמענט). יידיש — ד. בערגעלסאָן. נום. 1, ז. 4.
א. ריבאַקאָוו. שווערער זאַמד (ראָמאַן). יידיש — א. גאָנטאַר. נום. 4, ז. 69; נום. 5, ז. 9; נום. 6, ז. 58.

לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס

צום 180־טן געבורטסטאָג פון א. ס. פּושקין. פּושקינס לידער אין א יידישער איבערזעצונג פון מ. דובינסקי, ד. האָפשטיין, מ. כאַשטשעוואַצקי, ב. מילער, ע. פינינבערג, ה. קאַמענעצקי, י. קאַטליאַר, י. רימיניק, ל. רעזניק. נום. 6, ז. 3.
י. בוכבינדער (צום 70־טן געבורטסטאָג). איך טראָג די העלקייט פונעם אופגאַנג. נום. 1, ז. 106.
כ. ביידער. נייע לידער. נום. 6, ז. 119.
א. בעלאָוסאָוו. כ'זע א וועלט. נום. 8, ז. 84.
מ. גאַלבשטיין. דער פויגלפאַנגער (באַלאַדע). נום. 7, ז. 116.
א. גאָנטאַר. לידער: פונעם בוך „דער מאָרגנשטערן" (נום. 1, ז. 42; נום. 3, ז. 106); פונעם בוך „אין לאַנד פון זיקאָרן" (נום. 11, ז. 67).
כ. גורעוויטש. ביז דער מאָרגנשיין. נום. 7, ז. 94.
מ. גרוביאַן. פון דער שעפערישער ירושע. נום. 1, ז. 129.
מ. גרוומאַן. זאָל די ערד נאָך שענער זיין. נום. 2, ז. 5; זאָל אייביק זיין דער גרויסער טאָג. נום. 9, ז. 133.
א. הובערמאַן. פון דער דיכטערישער ירושע (אריינפיר פון ה. רעמעניק: „אייזיק הובערמאַנס דיכטונג"). נום. 8, ז. 105.
ל. העלער. אין אייגן געזאַנג. נום. 3, ז. 60.
א. ווערגעלים. פונעם ציקל „זיכרוינעס פון דער וועלט". נום. 4, ז. 136; רינג נאָך רינג. נום. 5, ז. 74.
וו. ווערניק. ווי די זון אין העלן טאָג. נום. 3, ז. 58.
מ. טאַלאַליאַעווסקי. אף אונדזער פרילינגדיקער ערד. נום. 1, ז. 105.
ד. כייקינע. ווי ס'פּאַסט דעם פרימאָרגן די ליכטיקע שיין. נום. 4, ז. 22; דאָס איינציקע, דאָס וווּנדערלעכע לעבן. נום. 10, ז. 63.
מ. ליפשיץ. פאַרבליבן אף אייביק. נום. 5, ז. 96; צוויי לידער. נום. 8, ז. 82.
ב. מאַגילנער. מיין הינטערמאָסקווע. נום. 5, ז. 120.
פּ. פלאַטקין. פינף סאָנעטן. נום. 5, ז. 163.
א. קאַצעוו. ס'איז גליק באַשערט. נום. 6, ז. 149.
מ. ריאַנט. אין וווּנדער און אין שווונג. נום. 2, ז. 72.
ה. רעלעס. אין שיין פון צייטן. נום. 9, ז. 77.
כאָשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אייך דאָ איין ליד מיינע, בלויז איינע... (לידער פון מ. גאָלבשטיין, כ. גורעוויטש, ב. מאָגילנער, ב. סינעלניקאָווע, אי. קאַצעוו, מ. ריאַנט). נום. 4, ז. 165.

צום 120־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלייכעמען (נום. 3)

ה. רעמעניק. שאָלעם־אַלייכעם און די רעוואָליוציע (ז. 110).
שאָלעם־אַלייכעמס ווערטלעך און הומאָריסטישע אַפאָריזמען (ז. 123).
שאָלעם־אַלייכעמס פינף ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו (ז. 136).
כ. ביידער. אייניקע באַמערקונגען (ז. 140).

פופציק יאָר ערשטער פינפיאָר (נום. 4, ז. 27—68)

ווערק פון יידישע סאָוועטישע שרייבער אינעם זשורנאַל „פּראָליט", געווידמעט דעם ערשטן פינפיאָר.
דערציילונגען און פאַרצייכענונגען פון מ. אַראָנסקי („אופבוי"), מ. גרינזייד („שטענדיק יונג"), נויעך לוריע („צו נייע געביידן"), כ. שאַיעוויטש („בערשט"); לידער פון ש. גאָלדענבערג, מ. הארצמאַן, ד. האָפשטיין, א. הורבערמאַן, ס. טוטשינסקע, י. יאַנקעלעוויטש; ליטע־

ראַריש־קריטיש אַרטיקל פון מ. דאַניִעל („טײַנעס צו זיך אַליין און צו כאַווײרים").

פראַגמענטן פון ביכער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער (נומ. 6, ז. 7—57): מ. אַלבערטאָן („שאָכטעס"), ה. אָרלאַנד („הרעבליעס"), ד. בערגעלסאָן („ביראָבידזשאַנער"), ש. גאָדינער („דער יאָמטעוו פון פרײַנטשאַפט"), מ. דאַניעל („שטײנערנער באָדן"), צ. דאָלגאָפּאָלסקי („געפּראָרענע עפּל"), פּ. מאַרקיש („בויונג"), מ. קולבאַק („ראַדיאָ"), ל. קוויטקאָ („אין קרײַז פון הייסע זונען").

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

גאָטהאָלד עפֿראַים לעסינג (1729—1781); ה. לייוויק (1888—1962). ז. ליבינזאָן. **דער קעמפער פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט** (וועגן ג. לעסינגן); ה. רעמעניק. **ה. לייוויק.** נומ. 1, ז. 127.

ב. גוטיאַנסקי (1903—1956); מ. שאַפּיראָ (1899—1973); וו. רעדקאָ (1918—1941).

ב. גוטיאַנסקיס **קינדער־לידער און מעשאָלים.** מ. איטקאָוויטש. **אַן אומדערמידלעכער פאָרשער פונעם ייִדיש־לאָשן** (צום 80־טן געבורטסטאָג פון מוישע שאַפּיראָ). **לידער** פון וו. רעדקאָ. נומ. 2, ז. 113.

עליע קאַהאַן (1909—1944).

אַרטיקל פון א. פּלאַטנערן וועגן ע. קאַהאַנען: „ער האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן". נומ. 3, ז. 152.

ש. פּערסאָוו (1889—1949); מ. פּינטשעווסקי (1894—1938).

דערציילונג פון ש. פּערסאָוו **„שטאָל און אײַזן"; פּאָעמע** פון מ. פּינטשעווסקי **„דער רויטער לאַנדיש",** נומ. 5, ז. 123.

ד. האָפשטיין (1889—1952). **יאָרן.** נומ. 7, ז. 99.

צאַדעק דאָלגאָפּאָלסקי (1879—1959).

אַ פּאָשעט מיידל (פּיעסע פון צ. דאָלגאָפּאָלסקי). נומ. 8, ז. 95.

זעליק אַקסעלראָד (1904—1941); מוישע טייף (1904—1966).

ר. רובין. **אין וואַרעמקייט פון שנייען** (וועגן זעליק אַקסעלראָדן); ה. רעמעניק. **מוישע טייף דער ראָמאַנטיקער.** נומ. 9, ז. 135.

מוישע מענדעלסאָן (1729—1786).

ז. ליבינזאָן. **אַ גרויסער דענקער, אַ זון פון זײַן עפּאָכע.** נומ. 10, ז. 124.

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פראַגן פון קונסט

וו. אָגניעוו. **דער איבערזעצער פון דער ייִדישער דיכטונג וואַלערי בריוסאָוו;** פון רוסיש — ש. דאָנגאַר. נומ. 2, ז. 136.

או. גוראַלניק. **לייענענדיק די מאָסקווער רוסישע ליטעראַרישע זשורנאַלן.** נומ. 1, ז. 144; **אויף יענער זײַט פון סאָציִאַלן יוישער** (די אויסלענדישע ווירקלעכקײַט אין דער אָפּשפּיגלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור). נומ. 4, ז. 168; **די ליטעראַטור פון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע.** נומ. 5, ז. 169; **די וויכטיקסטע פון אַלע מינים קונסט** (צום 60־טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטישער קינעמאַטאָגראַפיע). נומ. 10, ז. 143.

ה. לוואָוויטש. **אַ זינגער פון פעלקער־פרײַנטשאַפט** (צו איזי כאַריקס 80־טן געבורטסטאָג). נומ. 1, ז. 179.

הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. **א. י. דרוקער. מוישע דער זאָקן.** נומ. 8, ז. 153. **מ. מאַרגאָלין. רעוואָליוציאָנערע ראָמאַנטיק און וואָכעדיקע פּראָזע.** נומ. 7, ז. 144.

אונדזערע אינטערוויוען. **די וואָכנשריפט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ" איז אַלט געוואָרן 20 יאָר. אינטערוויו פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר יורי גריבאָוו.** נומ. 1, ז. 148.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. וו. סאַפּאָזשקאָוו. **אַן עכטער טאַלאַנט** (וועגן דעם קינסטלער לייזער ראַן). נומ. 1, ז. 150. מ. יאַבלאָנסקאַיאַ. **דער מאָלער וויקטאָר מידלער.** נומ. 2, ז. 147.

מ. איילענקריג, מ. יערמאָלײַעוו. **אַ שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי אין דער געבורטסשטאָט פונעם שרײַבער.** נומ. 2, ז. 164.

צווישנפעלקערלעך יאָר פונעם קינד. ש. דריז. **דעם פידעלעס נעשאָמע. — ניי מיר אויף אַ גרינע עלטער** און אַנד. לידער. נומ. 10, ז. 117; מאַני לייב. **ווונדער איבער ווונדער** (לידער). י. י. סיגאַל. **שפּילן זיי זיך, מײַנע קינדער** (לידער). נומ. 7, ז. 33; ב. סינעלניקאָווע. **ניצאָכן. — פרילינג** און אַנד. לידער; י.־ל. פּערעץ. **פאַר די קינדערסוועגן** (לידער). נומ. 5, ז. 4; ל. קוויטקאָ. **פאַר די קינדערסוועגן** (לידער). נומ. 9, ז. 29.

דערינערונגען. מ. לאַנדמאַן. **זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע.** נומ. 2, ז. 125.

קורצע רעצענזיעס. נומ. 2. ל. אַזאַראָוו. **שיקע דריז און זײַן דיכטונג;** ל. פּרוכטמאַן. **אַ העלדיש געשטאַלט** (וועגן ה. האָפמאַנס בוך „דער איבערזעצער פון געסטאַפּאָ"); ל. ווילסקער. **וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס „פּליטפּאָזוואָנאָטשניק" אין העברעיִש.**

נומ. 7. ה. פּאָליאַנקער. **אין לעבן פאַרליבט** (וועגן מ. טאַלאַליעווסקיס לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין 1978); יאַ. גאָרעליק. **וועגן דעם בוך „יאַן גאַמאַרניק"** (דערינערונגען פון ק. וואָראָשילאָוו, א. מיקאָיאַן און אַנד.), אַרויסגעגעבן דורך „וואָיעניזדאַט" אין 1978; וו. לעבעדיעוו. **וועגן ל. ווילסקערס בוך „די שפּראַך פון די שומרוינים",** אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „נאַוקאַ", מאָסקווע, 1979.

נומ. 9. כ. מעלאַמוד. **די מאָס פון עכטער מענטשלעכקײַט** (וועגן דעם בוך פון שמועל גאָרדאָן „די אייביקע מאָס", אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין 1979); ב. רודיאַק. **וועגן דעם בוך פון א. וואָראָביאָווא און אי. סינעלניקאָווע „מאַרקס' טעכטער",** 5־טע אויפלאַגע, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „מיסל" אין 1978; ל. פּרוכטמאַן. **פּאָרטרעטן פון פרײַנט** (וועגן דעם בוך פון ס. באַרוזדין „מענטשן און ביכער", אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"); ז. ליבינזאָן. **נאָך אַ בלאַט פון אַנטיפאַשיסטישן ווידערשטאַנד** (וועגן דעם בוך פון מאַרגאָט פּיקאַרסקי „יוגנט אין בערלינער ווידערשטאַנד", דערשינען אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק; בערלין, 1978).

ווערק פון אונדזערע לייענער. נומ. 11, ז. 6—47: ל. בערנשטיין, וו. קאָנדראַטענקאָ. **דער שוואַרצער זומפּ** (דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג); י. קראַוויץ. **בעניטאָ** (דערציילונג); ק. פּעסטשאַנסקע. **דער פרילינג־טאָג** (לידער); ז. מינקין. **פאַר מײַנע אויגן** (ליד); ד. פײַנשטיין. **אַ נאָכוואָרט צו העלדישער גוווּרע** (פאַרצייכענונג); י. בורדמאַן. **אויף דער צעלינאַ** (פאַרצייכענונג); יאַ. פײַנשמידט. **דער זאָאָטעכניקער** (פאַרצייכענונג); ה. באַראַז. **פאַר די קינדערסוועגן** (לידער); ש. גערזאָן. **טעג, וואָס פאַרגעסן זיך ניט** (זיכרוינעס).

מיטיילונגען פון די לייענער. נומ. 11, ז. 61—66. א. רובינשטיין. **עטלעכע ווערטער וועגן פעליקס שאַפּיראָ;** ג. קיזעל. **פינכאָס שאַבסײַ — אַ באַדײַטנדיקער סקולפּטאָר;** ל. קאַיאַ. **צו דער געשיכטע פון טשופּוט־קאַלע.**

וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס. א. אוסטיוגאָוו. **אין געפאַנגענשאַפט בא זיך אַליין;** ב. שנײַדער. **דער קראַך פון אַ לעגענדע;** אי. אַבלאַמאָוו. **לעבעדיקע פאַקטן.**

נום. 2, ז. 139. א. קאהאן („ייִסראָעל־שטימע”). דאָס געשטאַלט פונעם פּאַלעסטינער אראבישן פאָלק. נום, 9, ז. 180.

געפונענע מאנוסקריפּטן

מ. סמאָלקין. טאָגבוך פון א סאָלדאט פון דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע (ארייַנפיר פון כ. בייַדער). נום. 2, ז. 92; מוישע טייַטשס א העפט מיט ניט־פארעפנטלעכטע לידער. נום. 3, ז. 142; שאָלעם־אליכעמס אן אומבאוווסטע פּיעסע (ארייַנפיר־ארטיקל פון כ. בייַדער). נום. 5, ז. 142; ר. זאלצמאן. פון מייַן לעבן. נום. 8, ז. 125.

מענטשן — זייער צייַט און זייער גורל

פ. קאגאן, א. ראבינאָוויטש. בויען הייסט לעבן (וועגן דעם 84־יאָריקן בויער יויסעף קאטעל). נום. 7, ז. 131.

פּובליציסטיק

געזעץ פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן וועגן בירגערשאפט פון פססר. נום. 4, ז. 3.

ד. בערגעלסאָן. דער שעקער אין שלייער. נום. 2, ז. 3.

מ. ווילנער. די פּאָליטישע קויכעס־פארהעלטענישן אין ייִסראָעל. נום. 2, ז. 153.

ל. דאדיִאני. די פּעקין־פּאָליטיק אפן נאָענטן מיזרעך. נום. 9, ז. 163.

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאנד”. נום. 7, ז. 3—34: ס. ראָגאָוו. דער אמעריקאנער ייִדישער יִשעוו און מעדינאס ייִסראָעל; וו. וולאדימירסקי. די רעאקציאָנערע טעטיקייַט פון די ציִעניסטן אין די לענדער פון מייַרעוו־אייראָפּע; נ. סעווער. אייניקע פּראָבלעמען פונעם אָנהייב־פּעריאָד פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע.

נום. 9, ז. 3—19: וו. זאגלאדין, אי. פּראָלאָוו. גלאָבאלע פּראָבלעמען פון דער הייַנטיקער צייַט; נ. ביקענין. אידייִש־מאָראלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציִאליסטישן לעבנס־אויפן; א. מינץ. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע און מענטשנרעכט.

מיר ענטפערן אף פראגן פון אונדזערע לייענער. ל. דאדיאני. וו. אי. לענין וועגן דער ייִדן־פראגע, וועגן אנטיסעמיטיזם און ציִעניזם. נום. 1, ז. 163; אי. נאָוויקאָוו (פּאָרזיצער פונעם אָרגקאָמיטעט „אָלימפּיאדע־80”). די צוגרייטונג צו דער אָלימפּיאדע. נום. 2, ז. 174; ל. יאקאָוולעוו. אונטער דער מאסקע פון דעמאָקראטיע. נום. 3, ז. 155; דער בלאָפער פּ. נאָוויק. נום. 9, ז. 171; ס. טאָנקין. די טראגעדיע און דער קאמף פון די פּאלעסטינער. נום. 4, ז. 179; מיט איר שטאָלצירט דער זאוואָד (וועגן דעם דעפּוטאט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אין נאציִאָנאליטעטןראט פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר ר. געלער). נום. 7, ז. 167; א. כארקאָווסקי. א שפּראך פון האָפענונג (וועגן עספּעראנטאָ). נום. 9. ז. 177; די אמעריקאנער פּרעסע וועגן דעם אזויגערופענעם „פרידנס־אָפּמאך” צווישן עגיפּטן און ייִסראָעל. נום. 8, ז. 169; ל. מעדוועדקאָ. וועגן דער ראָליע פון דער מיליטערישער קליקע אין ייִסראָעל. נום. 10, ז. 147.

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד” האָט אָנגעהויבן. „ארום איינעם א בריוו פון וואשינגטאָן”. נום. 1, ז. 176.

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. דערשיטערנדיקע גוויִעס־איידעס פון געפּייַניקטע קינדער; אינטערוויו פונעם גענעראל גור וועגן די שטראָף־אָפּעראציעס פון ייִסראָעל קעגן ליבאן; מיינונג פון ברונאָ קרייַסקי; דיִאלאָג צווישן ציִעניסטישע צייַטונגען אין פראנקרייַך. נום. 1, ז. 70; וועגן דעם ווייַטערדיקן גורל פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון סאָוועטישער בירגערשאפט. נום. 4, ז. 9; א פּראָוואָקאציע, וואָס איז באוווסט געוואָרן אין 25 יאָר ארום. נום. 5, ז. 176; די ייִסראָעל־ייִשווים אף די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס. נום. 6, ז. 177.

די היטלעריסטישע פארברעכנס קעגן דער מענטשהייַט טאָרן קיינמאָל ניט „פארעלטערט ווערן”. נום. 10, ז. 3.

אף די שפּורן פון געשעענעם. נום. 6, ז. 138—148: ל. סאָלאָווייטשיק. מיר פארגעסן אים ניט (וועגן דעם אָנטיילנעמער אין דער שלאכט פאר דער לעגענדארער פּאוולאָוו־שטוב אין סטאלינגראד אי. כאיִט); מ. ראזומני, יע. ריטש. טרוים אוןווירקלעכקייַט אין כאיִם פּערמאנס שטורמיש לעבן; מ. טראָיִצקי. די דאָמנע נום. 3 האָט מען אויסגעגלייַכט (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש).

נום. 8, ז. 110. גאלינע כאָמענקאָ־יאמפּאָלסקאיא. אין יענע יאָרן (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש).

די צעלינא איז אלט געוואָרן 25 יאָר. נום. 10, ז. 150.

מענטשן — זייער צייַט און זייער גורל. ר. ליורביטש „שווער צו זייַן א קאָמוניסט — ווי גוט איז אָבער צו זייַן א קאָמוניסט...” נום. 5, ז. 165.

מאטעריאלן פון דער צייַטונג „דער וועג”. נום. 6, ז. 172.

טעאטער און קונסט

געלייענט אין זשורנאל „סאָוועטסקאיא מוזיקא”. וועגן דעם קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאנייעץ (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש). נום. 1, ז. 155; מ. מארגאָלין. „הערשעלע אָסטראָפּאָליער” אף דער בינע פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל. נום. 1, ז. 151.

ייִדישע שוישפּילער. מ. קאָטליאראָווא. ריווע רופּינעס שעפערישער וועג. נום. 1, ז. 158; ל. כייַפּעץ, כ. אָסטראָווסקי. א וועטעראן פון דער ייִדישער בינע (וועגן דעם פארדינסטפולן ארטיסט פון דער אוקראיִנישער ססר י. זשאבאָטינסקי). נום. 2, ז. 167; ש. ראָזענטאל. דער לערער פון טענץ (צום 70־טן געבורטסטאָג פון ב. מארגאָלין). נום. 7, ז. 142.

אונדזערע מיטיילונגען

ל. ווילסקער (צו זייַן 60־טן געבורטסטאָג). אומבאוווּסטע העברעיִשע קסאוויאדן און פּארמעט־פּאָסטינקונאבעלן. נום. 3, ז. 147; צוויי בענדער פון אונגארן. נום. 5, ז. 173; וועגן ביכער און ביבליִאָגראפן. נום. 7, ז. 160; ייִדישע און העברעיִשע פאָנדן אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק. נום. 8, ז. 165.

י. קאָוועלמאן (צו זייַן 75־טן געבורטסטאָג). איליוסטראציעס צו די ווערק פון די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור. נום. 6, ז. 166.

פונעם פאָלקס־אויצער (א זעמערל). נום. 1; א קינדער־ליד, נום. 2; אלעפבייס, נום. 3; כאצקעלע, כאצקעלע. נום. 6; ציפּ־צאפּ, עמערל. נום. 7.

לאָמיר זינגען נייַע לידער. א ראכוועס. ווערטער פון מוישע קולבאק, מוזיק פון לייב בירנאָוו (צו זייַן 70־טן געבורטסטאָג). נום. 5; זאָרג ניט, פרייַנט. ווערטער און מוזיק פון מאקס עפּשטיין. נום. 8.

בלעטערנדיק זשורנאלן און צייַטונגען. נום. 3, 4, 7, 8, 9, 10.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. נום. 1—10.

דאָס איז טשיקאווע. נום. 1, 6, 8, 9.

אין דער וועלט־ליטעראטור. נום. 5, 7, 8, 9.

קאָמענטארן פון רעדאקציע. נום. 2, 7, 8.

אונדזערע רעפּליקעס. נום. 1, 2.

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד”. נום. 2, 5, 7, 9, 10.

פריילעכע שורעס. **נום. 1, 2, 3, 5, 7, 8, 9, 10.**
די פּאַטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. **נום. 3, 4.**
אונדזער פּאָטאָ־אַרכיוו. **נום. 2, 3, 5, 7, 11.**
כראָניק — **אין אַלע נומערן.**
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש. **נום. 3—10.**
רעזומע (אין רוסיש און ענגליש). **לויט די מאַטעריאַלן פון יעדן נומער. נום. 1—12.**
דער נום. 12 איז, ווי אין די פאַריקע יאָרן, געווידמעט אינגאַנצן דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג. אין אים באַטייליקן זיך 25 אויטאָרן:
מ. אַלטמאַן, ה. באַראַז, י. בורג, כ. ביידער, מ. ברייִמאַן, ש. גאָרשמאַן, כ. גורעוויטש, ק. גריידינגע, י. דאָקטאָראָוויטש, ב. האַלפּערן, א. ווערגעליס, א. ליזען, נאָטע לוריע, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ר. פּוסטילניקאָוו, פּ. פּלאָטקין, ג. קאָסאָי, ה. ראַבינקאָוו, י. רוביאַן, ה. רעלעס, מ. ריאַנט, י. שוסטער, ב. שיינגאַוטער, י. שרײַבמאַן.

קינסטלערישע בײַלאַגעס

ווערק פונעם מינסקער קינסטלער לייזער ראַן. **צום 100־טן געבורטסטאָג פון יאַנוש קאָרטשאַק; פון דער סעריע „ייִדישע שרײַבער״: מענדעלע מויכער־ספאָרים, ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם; פונעם אַלבאָם „מינסקער געטאָ״. נום. 1.**
קינסטלער וויקטאָר מידלער (**צום 90־טן געבורטסטאָג**): **פּאָרטרעט פון יוליאַן טווים; באַם לייענען; א פאַרקויפער פון בייגל; די פּערעץ־גאַס אין מעדזשיבאָזש; ערעוואַן; א מיטינג אַפן מאַרק; מאָנמאַרטר; א טיי־פאַבריק אין די דרײַסיקער יאָרן; א כוטאָר בא דער וואָלגע. נום. 2.**
קינסטלער בערנאַרדאָ סמענער (ארגענטינע): **שאָלעם־אַלייכעם באַם שרײַבטיש; מענאַכעם־מענדל און שיינע־שיינדל; טעוויע דער מילכיקער; האָדל; פרויען־געשטאַלטן; טעוויע און גאָלדע; איליוסטראַציעס צו מאָטל פּייסי דעם כאַזנס; ערעוו שאַבעס. נום. 3.**
קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו. **פּראָיעקט פון א סקולפּטור־גרופּע, 1935; אין לויף־געוועט, 1957; א שווימערן, 1959; א נאַטורשטשיצע (אָן א דאַטע); די מאַמע מיטן קינד, 1964; האַנעס פּאָרטרעט, באַרעליעף, דרײַ מיידלעך, 1947. נום. 4.**
קינסטלער שמועל קאַפּלאַן. **פּאַגאַניני; קיִעוו אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע; דער טאָג פון ניצאָכן; מענטשן פון שטעטל; די רעוואָליוציע איז געקומען אין שטעטל; איליוסטראַציע צו א ליד פון ע. באַגריצקי; אויטאָפּאָרטרעט; „א מײַסעלע וועגן א שטאָט״. נום. 5.**
צום אַרטיקל פון י. קאָוועלמאַן „**איליוסטראַציעס צו די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור״. מ. אַקסעלראָד. צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „מעסושעלעך״; מ. גאָרשמאַן. צוויי איליוסטראַציעס צו מענדעלע מויכער־ספאָרימס „פישקע דער קרומער״; מאַרק שאַגאַל. צו י.־ל. פּערעצעס „דער קונצנמאַכער״; א. טישלער. צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „דער גליקלעכסטער אין קאָדני״; ה. אינגער. פּראָנטיספּיס צו י.־ל. פּערעצעס דערציילונג „דער מעשוגענער באַטלען״. נום. 6.**
קינסטלער באָריס טוטעלמאַן (טשערנאָוויץ). **פון דער סעריע „אין די צײַטן, ווען איך בין געווען א קינד״; א פאַמיליען־פּאָרטרעט; דער פאַרקויפער פון אײַזקרעם; צוויי פּייזאַזשן; מײַן פעטערס בילד. נום. 7.**
קינסטלער הערש אינגער. פון די אויסשטעלונג־זאַלן אין מאָסקווע. **נום. 8 און 12. פּאָרטרעט פון א פרוי; איליוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס ווערק „דער זייגער״, „פאַן טולטשינסקי״, „אַפן פידל״, „צאַר־באַלעכאַיִם״; פּאָרטרעט פון א מיידל. נום. 9.**
קינסטלער וו. לאַקשין. **איליוסטראַציעס צו ניסטערס בוך „די מישפּאָכע מאַשבער״. נום. 10.**
צווישנפעלקערלעך יאָר פון קינד. עס מאָלן קינדער. נום. 11.

"Do you know how many people we have in the literary association?" asks Shkolnik. "Over fifty. We need a staff manager... But they won't authorise one for the time being."

And then suddenly, interrupting himself:

"Wait, you haven't seen the Lenin memorial yet, have you? Come and have a look!"

Bronze, on a granite base, the happy youthful-looking and inspired Lenin gazes out towards the wide open spaces tamed by the toil of the Soviet Far-Easterners.

L. B. Shapiro. That's the work of Lev Kerbel. Whenever I come to Moscow, I always try to visit his studio and have a chat with him... A lot of true things are being said these days about the competence of the party worker in giving guidance to art. I think that purely human contacts can do a lot here. It's not always easy to understand the inner world of the artist. But it's worth the effort, because as a result you become richer, you see things more deeply and more broadly. But surely all your meetings in Birobijan were pleasant. Were there no problems at all?

Roman Vaiman's Grief

The last time I was here, I heard his name mentioned: a very active worker's correspondent. I didn't get the chance to meet him then.

"There's nothing to write about me now," said Roman Pavlovich, "except my grief. But it's no use, because I can't be helped."

It took a lot of effort to find out what the cause of his grief actually was.

It transpired that at the sewing factory where he worked, there had been the spinning industry until recently. And he, Roman Vaiman, a war veteran, had been the best spinning machine adjuster. Every year he won the socialist emulation competition. Now the spinning workshop had been closed down. No one, of course, had been fired. Vaiman himself had become a sewing-machine adjuster. It's not easy to learn a new trade at fifty-four. And he wasn't a front-liner any more, just average. Could an average worker speak over the air? Write in the papers? Could his word have its former weight? So there he was, Roman, not writing any more...

"There's nothing to write about me, my grief can't be helped."

L. B. Shapiro (making a note). Of course, we'll try to help somehow in this kind of misfortune. To attract the man to social activities again. Do you know what I'm thinking about now? About people's worries, about the fact that the social essence is revealed in them. This girl, who went to study so as not to let her team down... Roman Litvak, who wants to make real people out of his kids... And Vaiman with his yearning for the social path. These are features of the social activity of Soviet man.

Of course, we have our share of worries. Birobijan is building at a spectacular rate, for instance. Housing, firms. Fairly soon, they are going to lay the foundations for the biggest car repair factory for vehicles working on the Baikal Amur Railway. Or, here's something else. Birobijan today is the centre of light industry for the whole of the Far East. The products of the footwear, the stocking and knitwear, and the garment factories are in greater demand from the population. But the idea has taken root in the regional Patry committee that the Ministry of Light Industry of the USSR is planning insufficient capital investment, especially for the garment factory.

A resolution has been passed to build a concert hall for Jewish Chamber Music Theatre and philharmonia. An interesting, I would even say unique, project has already been drawn up. But in the course of discussion, certain propositions and wishes arose. In Moscow, I shall be meeting the project's designer Alexei Alexeyevich Agofonov. I must find out how things are progressing.

As you see, an ordinary life and ordinary business worries such as our whole country and our whole Soviet people are living by today.

Translated by Alex Miller

ple. "No, our people from the transformer factory were on stage yesterday. But I've got to take a test in political economy," she explained. She had missed many of the programmes because of this. But today she'd come to a concert again, because she loved violin ensembles. She would listen, then hurry off to study some more.

In their team of electrical fitters, headed by Volodya Wolfson, who happens to be the Lenin Komsomol prizewinner for last year, everyone has an intermediate technical education. But she herself, Galya Shevchenko, hasn't got yet and so she's studying at evening school. The other young people studied there too. Well, education is education, one must sacrifice everything for it. Thus, she couldn't miss the violin concert. She loves serious music, although, to be honest, the young people nowadays are more interested in pop. "But classical music is beautiful, don't you agree?" says Galya.

L. B. Shapiro. Yes, the spiritual interests of the worker today are rich and varied. It's not at all easy to satisfy his requests. At the power transformer factory, for instance, where Galina Shevchenko works, they cope. They've made a successful job of the social programme. They've built a holiday centre. They've basically solved the problem of living accomodation. Last year, every fifth worker went to a health resort, a rest centre or on a tourist trip. The factory people have laid out seventeen thousand rubles on tools and costumes for amateur activities. Given that kind of care, there is also the chance for study and self-improvement. So there's the combination of violins and production work. This factory is overfulfilling the state targets, and first of all by growth in labour productivity. The people had interesting lives, have interesting jobs and take interesting courses of study; and there's nothing unusual about this in our society.

A Solid Seam

Talking about his trade, Roman Mikhailovich Litvak, forty-two-year-old electrowelder at the Birobijan Thermoelectric Central, remarked almost casually:

"The seam has got to be solid."

Solid is when no inspector can find even a hairline crack at the join.

Litvak loves metal. Not only at work, but on the weight-lifting platform. It's not so long ago that Litvak was champion of the Khabarovsk Region. But the years have taken their toll.

"Make a note of it," says Roman Mikhailovich. "The youngest Master of Sport we have in weight-lifting is Volodya Kuznetsov."

"Vladimir Kuznetsov," I say, correcting him.

"How come Vladimir? Vovka, you mean, or even Vovik. He's only fifteen!"

A Master of Sport of the USSR, a pupil Kuznetsov is one of twenty boys aged between twelve and seventeen who are being trained on a social basis by electrowelder Litvak. A "boys' commissar", he spots the future champions in the schools, in the yards, in the street. He prefers the ones they call "difficult"; he finds that they have "higher reactions". He met some of his pupils when breaking up fights in the capacity of people's patrolman.

"Never mind," says Litvak confidently. "We'll weld them to real life, those lads."

L. B. Shapiro. Weight-lifting is a traditional sport in our region. Our lads make up half the Khabarovsk team. Gymnastics, ski-racing, grass-hockey and table tennis are also popular here. We have several Masters of Sport in the last of these. What was that he said: 'Weld them to real life'? After all, that's basically what we Party workers are busy doing: 'welding' each one to real life with a solid seam, giving him a start in life.

"Our Memorial"

"Haven't you seen our memorial yet?"

I'm sitting in the editorial office of the "Birobijaner stern", a newspaper published in Yiddish, and Leonid Shkolnik, the thirty-three year old general editor, who is taking a correspondence course at the Higher Party School, is a poet and is also a translator from the Yiddish, briefs me on the latest news.

Item number one is within the newspaper staff. New type has arrived from Leningrad. The newspaper is beginning to look more elegant. Next, the recently opened regional philharmonia has already sent its lecture group out to the country. Item number three: Roman Shoikhet has been accepted by the Writers' Union.

The grandson and great grandson of a peasant, the son of a collective farm worker, a tractor driver and a village mechanic, Shoikhet runs the newspaper's agricultural section. He recently published his first story, "Native Country", dedicated to people in a Far-Eastern village.

Minsk; "The Visitor from the Other World" by Chaim Melamud of Chernovtsy; "At the Metro Station" by Boris Sheingauter of Moscow; "The Trains Arrive on Time" by Max Riant of Samarkand; "Poetic Reportage" by Chaim Beider of Moscow; "The Mariner" by Geshel Rabinkov of Birobijan; "The Honoured Collective Farm-Worker" and "The Senior Animal Technician" by Pinya Plotkin of Bobruisk; "Age 101" by Gidali Kosoi of Vinnitsa; "Encounter" by Yasha Rubian of Moscow; "Two Champions" by Chaim Gurevich of Novosibirsk; "At the Window" by Iosif Burg of Chernovtsy; "New Potatoes" by Buzi Miller of Birobijan; "The Letter" by Moishe Altman of Chernovtsy; and "The Truth Also Needs Proof" by Aron Vergelis of Moscow.

Here is an article about Birobijan.

Mikhail Briman

Such an Ordinary Life

"What have you seen in our region and who did you meet?" began Lev Borisovich Shapiro, first secretary of the Regional Committee.

Ten years ago in Komsomolsk-on-the-Amur, where he was then working as secretary of the Party Committee of "Amurstal", the biggest factory in the Far East (before that, he had been assistant at a blast furnace, an engineer and head of a workshop), Shapiro used to greet journalists with the same question. Like many Party workers, he was interested in getting facts from the "outsider", a fresh view on the surroundings. He did not abandon his preference this time either. Listening carefully to the journalist's account of Birobijan, Lev Borisovich gave his own evaluation of the facts, adding much to the new details. And when I was writing up this report, I put in the Regional Committee secretary's ideas as well. Here, for the reader, is this report, with a Party worker's own commentary.

"The Wheel of Revolution"

The girl and the broad-shouldered, curly-haired giant broke away from the group of tourists and went up to a wooden cartwheel with an iron rim. This museum exhibit was the first product of an artel named "The Wheel of the Revolution", founded in 1928 by Jewish settlers. This artel became the forerunner of the wagon Works built at the end of the first five-year plan, and this, in its turn, gave birth to the contemporary "Dalselmash" (Far Eastern Agricultural Machinery Works).

Near the wheel stands a model of a caterpillar-tracked rice-harvesting combine. The explanatory text states that this machine is bought by 14 countries all over the world, including India, Somali, Guinea, Iran and Irak.

I was interested in the young couple. What attracted them to museum? The young man, Sasha Skirba, was a turner in Workshop No. 5 in "Dalselmash". Two years ago, he graduated from the Khabarovsk Vocational Training School and is now a mechanical engineer. He had come to visit the regional studies museum with his sister.

L. B. Shapiro. "The Wheel of the Revolution"... Don't you find they were romantics, those craftsmen settlers? But look how it's turned out. Three thousand eight hundred combines from "Dalselmash" every year! And how much other heavy equipment has our country received! We've almost got rid of manual labour on the fields. And it's not so long ago that the peasants were dreaming of a wheeled tractor. It carried out a revolution in the countryside. Miracles are being worked now by mechanics who are well-educated and armed with all kinds of knowledge and new equipment.

The Violins and the Plan

...As she applauded, she looked at me jealously: wasn't that stranger clapping his hands? I had hardly had time to make a note of the interesting acts and the teams represented at the Birobijan City Review of Amateur Art.

In the interval, I hazarded a guess that the girl had come to support her own peo-

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland ("The Soviet Homeland")
No. 12, December 1979

Exactly a year ago, "Sovietish Heimland" published a special "documentary number" of the magazine for the first time. The reading public and the press responded favourably. For example, "Literaturnaya gazeta" wrote on 7 March 1979: "The recent (December 1978) issue of "Sovietish Heimland" is devoted to the present times from the first line to the last. It is convincing testimony of the great possibilities for Yiddish literature, which our opponents try to bury from time to time. Typical, we think, is the success of the creative documentary, represented here in all its variety. Nearly thirty writers responded to the editorial appeal and toured many districts and republics to find material in the works and factories, on the state farms and in the scientific and cultural establishments. The travel notes, vignettes, reports, and portraits of our contemporaries have been used as a documentary basis for an issue of the magazine which is rightly being welcomed as a creative summing-up of Soviet Jewish literature at the end of the third year of the tenth five-year plan."

Our writers have been engaged on another creative project, making it possible to dedicate a whole issue of "Sovietish Heimland" to the documentary article.

The editorial in the December issue for 1979 contains the following statement:

"Our magazine has frequently discussed the organic connection between Soviet Jewish literature and the times in which we live. It is particularly important to develop the documentary genre. A direct creative response to the actual problems of the time is a source of strength for any literature, Jewish included.

After the publication of our "documentary number" last December, the magazine continued, for the next months right up to the present December, to print documentary prose, and now the Soviet Jewish contributors to the magazine have again given us enough real-life material to justify the publication of another "documentary number".

The contents are as follows: "Two Hours with an Honoured Citizen" by Note Lury'e of Odessa; "Old Villager" by Iekhiel Shraibman of Kishinev; "Such an Ordinary Life" by Mikhail Briman of Moscow; "On a Mission" and "Moscow Studies" by Shira Gorshman of Moscow; "At the Old Well" by Iosif Shuster of Moscow; "The Bridge Between the Centuries" by Ber Galperin of Vilnius; "Luscious Grass" by Ruvn Pustylnikov of Moscow; "Tyumen Must Be Revisited" by Kima Greidina of Moscow; "The Second Sun" by Alexander Lizen of Lvov; "In the Depths of the Polesye" by Grigory Reles of

«Наш памятник»

— Вы еще не видели наш памятник?

Сижу в редакции «Биробиджанер штерн», газеты, издающейся на еврейском языке, и Леонид Школьник, тридцатитрехлетний ответственный секретарь, заочник Высшей партийной школы, поэт и переводчик с еврейского, вводит меня в курс последних новостей.

Новость номер один — внутриредакционная. Из Ленинграда получен новый шрифт. Газета стала выглядеть наряднее. Далее. Недавно открытая областная филармония уже отправила свою лекторскую группу на село. Новость номер три: Роман Шойхет принят в Союз писателей.

Правнук и внук крестьянина, сын колхозника, тракторист и сельский механик Шойхет заведует сельхозотделом газеты. Недавно опубликовал свою первую повесть «Родная земля», посвященную людям дальневосточного села.

— Знаете, сколько человек у нас в литературном объединении? — спрашивает Школьник. — Свыше пятидесяти. Нужен штатный руководитель... Но пока его не дают.

И вдруг, перебивая самого себя:

— Постойте, а вы памятник Ленину уже видели? Так идите и смотрите!

Бронзовый, на гранитном постаменте. Ленин на берегу Биры радостно, молодо, вдохновенно вглядывается в даль, в просторы, освоенные трудом советского дальневосточника.

Л. Б. Шапиро. Автор этой работы — Лев Кербель. И знаете, теперь, когда я приезжаю в Москву, всегда стараюсь побывать в его мастерской, поговорить... Нынче много и верно говорят о компетентности партийного работника в руководстве искусством. Думается, очень важную роль здесь могут сыграть чисто человеческие контакты. Понять внутренний мир художника не всегда просто. Но ради этого стоит потрудиться, потому что в результате становишься богаче, видишь вещи глубже и шире. Но, похоже, у вас в Биробиджане были одни только приятные встречи. Неужели никаких проблем!

Горе Романа Ваймана

В прошлый приезд я услышал его фамилию — очень активный рабкор. Тогда встретиться с ним не удалось.

— Теперь писать обо мне нечего, — сказал Роман Павлович. — Разве что о горе моем. Только и о нем не надо, потому что помочь мне нельзя.

Оказалось, на швейной фабрике, где он работает, еще недавно существовало прядильное производство. И был он, Роман Вайман, ветеран войны, лучшим наладчиком прядильных машин. Каждый год выходил победителем социалистического соревнования. Теперь прядильный цех закрыли. Нет, никого, конечно, не уволили. Сам Вайман стал наладчиком швейных машин. В пятьдесят четыре года освоить новую профессию трудно. И теперь он уже не передовик, а середняк. А разве может середняк выступать на радио? Писать в газетах? Разве его слово имеет прежний вес? Вот он, Роман, и не пишет...

— Так что писать обо мне нечего, горю моему не поможешь.

Л. Б. Шапиро (сделал пометку в блокноте). Конечно, попытаемся этой беде както помочь. Привлечь человека снова к общественным делам. Но, знаете, о чем я сейчас думаю? О заботах людей, о том, что в них раскрывается общественная суть. Эта девушка, которая пошла учиться, чтобы не подводить бригаду... Роман Литвак, который хочет сделать из своих ребят настоящих людей... И Вайман с его тоской по общественной стезе. Это и есть черты социальной активности советского человека.

Конечно, забот у всех хватает. Биробиджан, к примеру, бурно строится. Жилье, предприятия. В ближайшее время будет заложен крупнейший на Дальнем Востоке завод для ремонта автомобилей, работающих на БАМе. Или вот еще. Биробиджан сегодня — центр легкой промышленности всего Дальнего Востока. Продукция обувной фабрики, чулочно-трикотажной, швейной пользуется повышенным спросом.

Принято решение о строительстве для нашего Камерного музыкального еврейского театра и филармонии концертного зала. Уже создан интересный, можно сказать, уникальный проект. Но в процессе обсуждения у нас возникли некоторые предложения и пожелания. В Москве мне предстоит встреча с автором проекта — Алексеем Алексеевичем Агофоновым. Надо узнать, как продвигаются дела.

Как видите, обычная жизнь, обычные деловые заботы, какими живет вся наша страна, весь советский народ.

Скрипка и план

...Аплодируя, она ревниво поглядывала на меня: хлопает ли человек, очевидно, приезжий? А я едва успевал записывать интересные номера и коллективы, представленные на биробиджанском городском смотре художественной самодеятельности.

В перерыве я высказал догадку, что девушка, очевидно, пришла поболеть за своих? «Нет, наши с трансформаторного выступали вчера. А мне контрольную по политэкономии надо сдавать», — объяснила она. Из-за контрольной пропустила много программ. Но сегодня опять прибежала на концерт. Потому что любит ансамбль скрипачей. Послушает и убежит снова заниматься.

В их бригаде электромонтажников, которую возглавляет Володя Вульфсон, между прочим лауреат премии Ленинского комсомола за прошлый год, все имеют среднее техническое образование. А у неё, Гали Шевченко, его еще нет, поэтому учится в вечернем техникуме. Другие ребята тоже там учились. Ну, а учеба есть учеба, ради неё приходится жертвовать всем. Правда, скрипичный концерт пропустить не могла. Любит серьезную музыку, хотя, честно сказать, молодежь ныне больше увлекается легкой эстрадной. «А классика прекрасна, правда?» — спросила меня Галя.

Л. Б. Шапиро. Да, духовные интересы современного рабочего сегодня богаты и многообразны. Как непросто удовлетворить его запросы. На заводе силовых трансформаторов, например, где работает Галина Шевченко, это умеют. Прежде всего там успешно реализуют социальную программу. Построили базу отдыха. Решили в основном вопрос с жильем. В прошлом году каждый пятый работник побывал на курорте, в доме отдыха или в туристской поездке. Семнадцать тысяч рублей заводчане истратили на инструменты и костюмы для самодеятельности. При такой заботе есть возможность и потребовать: учись, расти! И вот вам сочетание скрипки и производства. Этот завод перевыполняет государственные задания, и прежде всего за счет роста производительности труда. Людям интересно жить, работать, учиться, и в этом нет тоже ничего удивительного для нашего общества.

Плотный шов

Рассказывая о своей профессии, Роман Михайлович Литвак, сорокадвухлетний электросварщик Биробиджанской ТЭЦ, обмолвился:

— Шов должен быть плотным.

Плотный — это такой, что ни один контролер не сможет найти на месте стыка даже самой ничтожной трещинки.

Литвак любит металл. Не только в работе, но и на тяжелоатлетическом помосте. Еще недавно Литвак был чемпионом Хабаровского края. Но годы взяли свое

— Запишите, — говорит Роман Михайлович, — самый молодой мастер спорта у нас по тяжелой атлетике — Володя Кузнецов.

— Владимир Кузнецов, — поправляю его.

— Какой же он Владимир? Вовка, даже Вовик. Ему пятнадцать лет.

Мастер спорта СССР, ученик Кузнецов — один из двадцати парнишек в возрасте от двенадцати до семнадцати лет, которых на общественных началах тренирует электросварщик Литвак. «Ребячий комиссар», он выискивает будущих чемпионов в школах, во дворах, на улице. Предпочитает тех, кого называют «неблагополучными», находит, что у них «повышенная реактивность». Кое с кем из своих питомцев он познакомился, разнимая драки в качестве дружинника.

Он считает, что главная цель его секции — стать школой нравственности, и уверен: только сильный может быть по-настоящему добрым. Каждое занятие для него не только спорт, но и поиск тропинки к сердцу «трудного» подростка.

— Но ничего, — убежден Литвак. — Мы их все-таки приварим к настоящей жизни, этих ребят.

Л. Б. Шапиро. Тяжелая атлетика — традиционный вид спорта в нашей области. Половина сборной команды Хабаровского края укомплектована нашими ребятами. А еще у нас увлекаются гимнастикой, лыжными гонками, хоккеем с мячом, настольным теннисом. В этом виде есть несколько мастеров спорта. «Приварить к настоящей жизни»... Так он сказал? А ведь, в сущности, это то, чем занимаемся и мы, партийные работники: «приварить» каждого человека к настоящей жизни плотным швом, дать ему путевку в жизнь.

Бер Гальперин «Мост между поколениями»; Рувн Пустыльников (Москва) «Сочные травы»; Кима Грейдина (Москва) «Придется снова посетить Тюмень»; Александр Лизен (Львов) «Второе солнце»; Григорий Релес (Минск) «Глубинное Полесье»; Хаим Меламуд (Черновцы) «Гость с того света»; Борис Шейнгаутер (Москва) «У станции метро»; Макс Риант (Самарканд) «Поезда приходят вовремя»; Хаим Бейдер (Москва) «Поэтический репортаж»; Гешель Рабинков (Биробиджан) «Моряк»; Пиня Плоткин (Бобруйск) «Почетный колхозник» и «Старший зоотехник»; Гидали Косой (Винница) «Возраст: 101 год»; Яша Рубиян (Москва) «Встреча»; Хаим Гуревич (Новосибирск) «Два чемпиона»; Иосиф Бург (Черновцы) «У окна»; Бузи Миллер (Биробиджан) «Молодая картошка»; Мойше Альтман (Черновцы) «Письмо»; Арон Вергелис «Истина также требует доказательств».

Приводим очерк, посвященный Биробиджану.

М. Бриман

Такая обычная жизнь

— Что вы видели в нашей области, с кем встречались? — так начал наш разговор первый секретарь обкома Лев Борисович Шапиро.

Десять лет назад в Комсомольске-на-Амуре, где он работал тогда секретарем парткома крупнейшего на Дальнем Востоке завода «Амурсталь» (а до этого был подручным на мартеновской печи, инженером, начальником цеха), Шапиро встречал журналистов тем же вопросом. Как и многих партийных работников, его интересовала информация «человека со стороны», свежий взгляд на окружающее. Не изменил он своему пристрастию и на этот раз. Внимательно слушая рассказ журналиста о Биробиджане, Лев Борисович давал свою оценку фактов, многое дополнял новыми подробностями. И когда я писал этот репортаж, то вложил в него и мысли секретаря обкома. Эту журналистскую работу со своеобразным комментарием партийного работника я и предлагаю вниманию читателя.

«Колесо революции»

Девушка и широкоплечий кудрявый крепыш отделились от группы экскурсантов, подошли к деревянному тележному колесу с железным ободом. Этот музейный экспонат был первой продукцией образованной в 1928 году евреями-переселенцами артели «Колесо революции» — так возвышенно назвали они свою артель. Она стала прародительницей построенного в конце первой пятилетки Обоззавода, а тот в свою очередь породил современный «Дальсельмаш».

Рядом с колесом стояла модель гусеничного рисозерноуборочного комбайна. Пояснительный текст гласил, что эту машину покупают 14 стран мира, в том числе Индия, Сомали, Гвинея, Иран, Ирак.

Меня заинтересовала эта молодая пара. Что их привлекло в музей? Парень, Саша Скирба, оказался токарем пятого цеха «Дальсельмаша». Два года назад он закончил в Хабаровске профтехучилище, ныне машиностроитель. В краеведческий музей зашел с сестрой.

Л. Б. Шапиро: «Колесо революции»... Вы не находите, что они были романтиками, эти кустари-переселенцы? А ведь как оно раскрутилось? Три тысячи восемьсот комбайнов дает «Дальсельмаш» в год! Сколько еще другой техники получила наша земля! Мы почти избавились от ручного труда на полях. А не такой уж далекой порой крестьяне мечтали о колесном тракторе. Он делал революцию на селе. Ныне образованные, вооруженные разносторонними знаниями и новой техникой механизаторы села творят чудеса.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 12, декабрь, 1979

Ровно год тому назад редакция «Советиш геймланд» впервые выпустила специальный «очерковый номер» журнала. Читательская общественность и пресса дали этому начинанию положительную оценку. Вот что писала «Литературная газета» от 7 марта 1979 г.: «Недавний (декабрь, 1978 года) выпуск «Советиш геймланд», от первой до последней строчки посвященный современности, — убедительное свидетельство широких возможностей литературы на идиш, которую наши недруги то и дело хоронят. Симптоматичен, думается, успех именно документально-художественного очерка, представленного здесь во всем своем жанровом многообразии. Почти три десятка авторов откликнулись на призыв редакции, отправились за материалом на заводы и фабрики, в совхозы, научные и культурные учреждения, объехали многие края и республики. Из созданных на документальной основе путевых картин, зарисовок, репортажей, портретов наших современников составлен журнальный номер, который по праву воспринимается как творческий отчет еврейской советской литературы на исходе третьего года десятой пятилетки».

И вот — новый творческий поиск наших документалистов, давший возможность и теперь посвятить целый номер «Советиш геймланд» художественному очерку.

В своем вступлении к этому, декабрьскому 1979 года, номеру «Советиш геймланд» редакция пишет:

«Наш журнал уже неоднократно заявлял об органической связи советской еврейской литературы с современностью. Особенно важно активизировать документальный жанр. Непосредственный творческий отзыв на актуальные проблемы времени — источник сил любой литературы, в том числе и еврейской.

Для нас особое значение имеет то обстоятельство, что после выпуска в прошлый декабрь «очеркового номера» журнал продолжал в последующие месяцы, вплоть до нынешнего декабря, печатать документальную прозу, а теперь авторы журнала, советские еврейские писатели, снова дали нам достаточно жизненного материала для выпуска нового «очеркового номера».

Номер включает следующие документальные очерки: Ноте Лурье (Одесса) «Два часа с почетным гражданином города»; Иехиель Шрайбман (Кишинев) «Деревенский старожил»; Михаил Бриман (Москва) «Такая обычная жизнь»; Шира Горшман (Москва) «В командировке» и «Московские этюды»; Иосиф Шустер (Москва) «У старого колодца»;

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, **С. Фрай**
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.IX.1979. Подписано к печати 19.XI.1979 г. Формат 70×108$^{1}/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,4). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1617.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Документальные очерки:
Нотэ Лурье. Два часа с почетным гражданином города; Иехиль Шрайбман. Деревенский старожил; Михаил Бриман. Такая обычная жизнь; Шира Горшман. В командировке. Московские этюды; Иосиф Шустер. У старого колодца; Бер Гальперин. Мост между поколениями; Рувн Пустыльников. Сочные травы; Кима Грейдина. Придется снова посетить Тюмень; Григорий Релес. Глубинное Полесье; Хаим Меламуд. Гость с того света; Борис Шейнгаутер. У станции метро; Макс Риант. Поезда приходят вовремя; Хаим Бейдер. Поэтический репортаж; Гешель Рабинков. Моряк; Пиня Плоткин. Почетный колхозник. Старший зоотехник; Гидали Косой. Возраст: 101 год; Яша Рубиян. Встреча; Хаим Гуревич. Два чемпиона; Иосиф Бург. У окна; Бузи Миллер. Молодая картошка; Мойше Альтман. Письмо; Арон Вергелис. Истина также требует доказательств; Г. Бараз. Комсомольский характер; Е. Докторович. Адрес: Шоссе энтузиастов.

1979

№ 12